STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00891

# IN SHTUREM

David Flinker

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Rabbi Louis Stein*
*in memory of*
*his sister, Ruth Stein*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פלינקער

# אין שטורעם

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 61

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבּרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף בוך

דוד פלינקער

# אין שטורעם

ראָמאַן

באַנד איינס

★

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN
בוענאָס-איירעס, 1950

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
**Copyright by
David Flinker, New York**

**DAVID FLINKER**

# IN SHTUREM

(TORMENTA)

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
**Buenos Aires**

Este libro fué terminado el 15 de Marzo de 1950, Año del Libertador General San Martín, en los Talleres Gráficos Ziotopioro Hnos. — Gascón 1231 — Bs. As.

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
**INDUSTRIA ARGENTINA**

# אינהאַלט

קאפּ. זייט


| קאפּ. | | זייט |
|---|---|---|
| | פאָרוואָרט | 7 |
| 1 | צוריק א היים | 15 |
| 2 | עפּשטיינס חשבון מיט זיך אַליין | 28 |
| 3 | דניאל עפּשטיין דערזעט בערטען | 50 |
| 4 | שוער, איידעם און דער „יידישער באראָן" | 65 |
| 5 | ר' לוים פערד גייען אין דער מלחמה... | 78 |
| 6 | די יידישע קאַלייקע | 88 |
| 7 | דעם רבינס הויף | 107 |
| 8 | יאנקל שמייסער ווערט א העלד | 144 |
| 9 | די גרעפין בראניצקא | 167 |
| 10 | הויכגעשטעלטע געסט | 187 |
| 11 | די שלאָפלאָזע נאכט פון פאָטער אנטאָניוס | 204 |
| 12 | אין בערטעס שטוב | 217 |
| 13 | אין דער הויפּט־קווארטיר פון גרויספירשט | 244 |
| 14 | יאנקל שמייסער דערפילט די לאסט צו זיין א ייד | 266 |

אויפגעריסענע אויגן און געדריקט צו זייערע הערצער זייערע קינדער.

דעמאָלט זענען געשטאַנען מיט פאַרביסענע ליפּן חסידישע בחורים פון רבינס בית-המדרש אויף דער אייזן גאַס און צוזאַמען מיט פּוילישע סטודענטן געגראָבן שוץ-גראָבנס. דעמאָלט האָבן יידישע אַרבעטער צוזאַמען מיט זייערע פּוילישע חברים געשטעלט אין די גאַסן באַריקאַדעס. דעמאָלט זענען יידישע יונגעלייט פון רייכן גזשיבאָוו און פון אָרעמען סטאַווקע-געסל געשטאַנען אין איין ריי מיט דער פּוילישער יוגנט און מיט בשותפותדיקע כוחות גע־פּרוווט מיט זייערע שוואַכע אָרעמס פאַרהאַלטן דעם מאַרש פון היטלערס טמאדיקע מחנות.

דעמאָלט האָבן יידישע טעכטער פון דער פראַנציסקאַנער גאַס באַנדאַזשירט די וווּנדן פון די פּוילישע זעלנער און אַזוי האָבן אויך געטון פּוילישע פרויען צו די יידן פון דער טוואַרדע גאַס וואָס זענען געשטאַנען מיט דער ביקס אין האַנט.

דעמאָלט האָט וואַרשע געהאַט א יי ן האַרץ און א יי ן תפילה און א יי ן קללה.

יידישער גורל איז אָבער אַ צו שווערער נסיון פאַר די גויים. פאַרלאָשן זענען געוואָרן די שריפות. אין ברידער-קברים האָט מען באַגראָבן די געפאַלענע. און אויף די לעבנגעבליבענע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די פויסט פון זיגרייכן שונא.

אָבער אַנדערש איז די פויסט געפאַלן אויף די יידישע קעפּ און אַנדערש אויף די קעפּ פון די גויים. היטלערס טמאים האָבן אַלע יידן און קריסטן געצוווּנגען צו זיין זייערע קנעכט. איינגעטיילט האָבן זיי אָבער זייערע שקלאַפן אין צוויי מחנות. דאָס גויאישע וואַרשע האָט מען נאָך געלאָזט אָטעמען. ביי דער יידישער וואַרשע האָט מען אויך דעם לעצטן אָטעם דערשטיקט.

דאָס יידישע וואַרשע האָט אַפילו וויינען און באַקלאָגן זיך נישט געקענט. נאָר פון ציים צו צייט רייסט זיך אַרויס פון די גע־טאָ-מויערן אַ פאַרשטיקט געשריי פון דער יידישער עדה און דאָס געשריי טראָגט זיך איבער דער וועלט, קלאַפּט אין פאַרשלאָסענע טירן און פענצטער און בעט רחמים: — ראַטעוועט!...

נאָר די גרויסע „רחמנותדיקע" וועלט וויל נישט הערן דאָס יידישע וואַרשע. און אין דער דאָזיקער שטילקייט ווערט אָפּגעטון

אַ פֿאַרברעכן, וואָס זינט וועלט איז וועלט, איז אַזאַ פֿאַרברעכן נאָך נישט באַגאַנגען געוואָרן. טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך גייט דאָס יידישע וואַרשע אָפּ מיט בלוט.

און ביי דער זייט שטייען זיי די גוים פֿון דער צווייטער וואַרשע. זיי זעען אַלץ, זיי וויסן אַלץ, אָבער וואָס גייט זיי אָן: היטלער ליקווידירט נאָר די יידן, מיט וועלכע זיי האָבן ערשט ניט לאַנג צוריק צוזאַמען געקעמפֿט, צוזאַמען געליטן און צוזאַמען געבלוטיקט און געהאָפֿט.

זיי שטייען, די גוים, און קוקן זיך גוט צו ווי עס ווערט אַרויסגעריסן פֿון דער שטאָט מיט צוויי הערצער — דאָס יידישע האַרץ, וואָס איז געווען ווי אַ קרבן־מנחה סידור דורכגעווייקט מיט טרערן. די גאַסן זענען געבליבן די זעלבע. און די זון שיינט ווי שטענדיק אויפֿן גזשיבאָוו און אויף גענשע גאַס און אויף פֿראַנציסקאַנער און אויף טוואַרדע. נאָר די יידן זענען מער נישטאָ. די מענטשן זענען פֿאַרשוווּנדן פֿון די גאַסן און פֿון די הייזער, אין וועלכע יידן האָבן אין משך פֿון לאַנגע דורות געדאַוונט און געלערנט תורה.

נאָר אַ הייפֿל יידן זענען געבליבן. אַ קליין הייפֿל פֿון אויסגעהונגערטע און פֿאַרפּייניקטע יידן האַלטן זיך נאָך מיט די לעצטע כוחות צווישן די שטומע מויערן פֿון דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט. זיי, די איבערגעבליבענע, האָבן שוין אַלץ געזען, האָבן שוין אַלץ דורכגעמאַכט. זיי דערוואַרטן שוין נישט קיין הילף פֿון קיינעם. איין זאַך איז זיי נאָך געבליבן. תמות נפשי עם פּלישתים. צום לעצטן מאָל צאַפּלט אויף דאָס צעבלוטיקט יידיש האַרץ. עס הייבט זיך אָן דער לעצטער העראָאישער קאַמף פֿון די שיריים פֿון דער אַמאָל גרויסער יידישער עדה. ווידער ווערט רויט דער הימל איבער וואַרשע. ווידער הערט זיך דאָס זשומען פֿון באָמבעס און גראַנאַטן. וואַרשעווער יידן פֿירן זייער לעצטן קאַמף. זיי פֿאַלן אין קאַמף און צוזאַמען מיט זיי פֿאַלן די הייזער און ווערן חרוב די גאַסן. עס בלייבן נאָר שטומע חורבות וואָס זאָגן עדות פֿון אַ לעבן וואָס האָט אַמאָל געברויזט.

איצט זענען שוין אויך די חורבות מער נישטאָ. גראָז וואַקסט אויף דעם אָרט, וווּ עס האָט געלעבט און געטרוימט, האָט געאַרבעט און תורה געלערנט, האָט געפּראַוועט שמחות און אויך געטרויערט און געווייטיקט די גרויסע עדה פֿון וואַרשעווער יידן.

# פאָרוואָרט

וואַרשע, אונדזער גרויסע און טייערע וואַרשע, מיט אירע שבת-יום-טוב יידן איז מער נישטאָ.

נישט געבליבן זענען איצט שוין אַפילו די חורבות פון דער יידישער וואַרשע. אויך זיי, די חורבות פון דעם ערשט נישט לאַנג שטורמישן לעבן, די חורבות פון האָפענונגען גרויסע פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיך געריסן צום לעבן, און פון אומאויפהערלעכן געראַנגל — זענען אָפּגעמעקט געוואָרן.

גראָז וואַקסט איצט אויף די יידישע גאַסן און געסלעך פון וואַר-שע און ביימער וערן דאָרט געפלאַנצט.

וואָס ווייסן זיי די פריש געפלאַנצטע ביימער וועגן דעם אַלטן דעמב, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל!... וואָס ווייסן זיי וועגן דער דאָזיקער מערקווירדיקער שטאָט וואָס געהאַט האָט זי צ ו יי הערצער און וואָס א יי ן האַרץ — דאָס יידישע האַרץ — איז פון איר אויסגעשניטן געוואָרן.

יאָ, אַ שטאָט מיט צוויי הערצער איז זי אַמאָל געווען וואַרשע. אַ שטאָט, וואָס איז געווען דאָס האַרץ פון פוילישקייט. אַ שטאָט וואָס איז גלייכצייטיק געווען דאָס האַרץ פון טיף אין דער ערד פאַרוואָרצלטער יידישקייט. אַ שטאָט, וואָס איז נישט בלויז געווען אַ פּאָליטישע רעזידענץ, נאָר אויך די גייסטיקע מעטראָפּאָליע פון פוילישן פאָלק. אַ שטאָט, וואָס איז אין דער זעלבער צייט געווען דער רוחניותדיקער צענטער פון יידישן פאָלק, די גרויסע עיר ואם בישראל. אַ שטאָט, וואָס יעדע גאַס און יעדעס הויז האָט עדות גע-זאָגט וועגן פוילנס אַמאָליקער גרויסקייט, וועגן דעם גלאַנץ פון אירע קעניגן און סיימען, פון אירע העטמאַנעס און פירשטן. אַ שטאָט גלייכצייטיק, וווּ יעדער שטיין איז געווען אויסגעוויקט מיט יידישער נשמה און האָט דערציילט וועגן תורה און חסידות. אַ

שטאָט, וואָס איז געווען באַרימט מיט איר סובטילער עלעגאַנץ און מיט חנעוודיק לייכטזיניקן פוילישן „שיק". אַ שטאָט, וואָס האָט נישט ווייניקער געשמט מיט דער לאַנגער יידישער קאַפּאָטע, מיט די שטריימלעך פון אירע רביים און חסידים און די ברוינע קאַפּאָ־קעס פון אירע רבנים. אַ שטאָט, ווו די גויאישע מאַרשאַלקאָווסקע און נייע וועלט האָבן איר צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקן חן און די יידישע נאַלעווקעס און גזשיבאָוו האָבן איר געגעבן טעמפּאָ און דינאַמיק. אַ שטאָט, ווו אירע גרויסע פוילישע שרייבער פּרוס, שענקעוויטש, ריימאָנט און זשעראָמסקי האָבן געשליפן און גע־צערטלט דאָס פּויליש לשון. אַ שטאָט, ווו י. ל. פּרץ, דוד פּריש־מאַן, נחום סאָקאָלאָוו און שלום אַש האָבן געשאַפן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. אַ שטאָט, ווו ראָמאַן דמאָווסקי האָט געפּרע־דיקט שאָוויניזם און יידן־שנאה. אַ שטאָט, ווו די יונגע יידישע רע־נעסאַנס־באַוועגונג האָט אָפּגעהאַלטן אירע ערשטע זיגן איבער דער אַסימילאַציע.

אַ שטאָט מיט טראַדיציעס פון פּאָווסטאַניעס און אויפשטאַנדן און גלייכצייטיק אַ שטאָט פון רו און געמיטלעכקייט, פון פרייד און חן, אַ שטאָט, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו ווילן און טאַנצן.

אַ שטאָט מיט צוויי הערצער — וואַרשע.

געווען איז אַ צייט, — אַ קורצע צייט, — ווען עס האָט זיך געדאַכט אַז ביידע הערצער וועלן זיך צוזאַמענבאַהעפטן און ווערן ווי איין הארץ מיט איין ווייטיק, מיט איין פיין, מיט איין האָפענונג און מיט איין דערוואַרטונג. די הימלען פון וואַרשע זענען דעמאָלט געשטאַנען אין פלאַמען. דאָס פייער האָט אַרומגענומען גאַנץ וואַרשע. די דייטשע באָמבעס זענען דעמאָלט נעפאַלן אין שלאָס פון די פוילישע מלכים און אין סאַרדינערס שול, אין די פוילישע אַרבעטער־הייזער אויף וואָליע און אין די וווינונגען פון דער יידישער אָרעמקייט אויף קראָכמאַלנע גאַס.

איינגעפאַלן זענען די מויערן פון אַלטע יידישע שולן און צע־שמעטערט זענען אויך להבדיל געוואָרן די גרויע ווענט פון די קיר־כעס. דאָס פייער האָט געפרעסן די גויאישע מאַרשאַלקאָווסקע און עס האָט אויך פאַרלענדט די יידישע נאַלעווקעס.

יידישע און פוילישע מאַמעס זענען דעמאָלט צוזאַמען געלאָפן איבער די ברענענדיקע גאַסן מיט צעפלאָשעטע האָר און מיט שרעק

נאָר אין די הערצער פון די יידן איבער דער וועלט לעבט ווייטער דאָס יידישע וואַרשע. און פאַר די אויגן פון יידישן שרייבער וואָס האָט אַ לעבן פאַרבראַכט אין דער יידישער וואַרשע שווימען אויף בילדער פון די יידן פון גזשיבאָוו און טוואַרדע, פון געגנשע און נאַלעווקעס, פון סטאַווקע און קראַכמאַלנע מיט זייערע לײדן און פריידן, מיט זייערע שמחות און טרויערן, מיט זייערע דערגרייכונגען און דורכפאַלן, מיט זייערע עליות און ירידות, מיט זייערע קאַמפן און ראַנגלענישן, מיט זייערע גוטע מידות און מיט זייערע שוואַכקייטן, וואָס זענען אונדז איצט נישט וויניקער טייער און ליב, מיט זייער שווערן אינדערוואַכן און מיט זייערע הייליקע שבתים און ימים טובים, מיט זייערע רבנים און חסידים און מיט זייערע פּראָסטע ערלעכע פאָלקס-מענטשן, מיט זייערע משכילים און חכמים און מיט זייערע בעלי-מלאכה און אַרבעטער.

די אַלע געשטאַלטן רינגלען אַרום דעם שרייבער וואָס זיין היים איז געווען דאָס יידישע וואַרשע און בדחילו ורחימו פּרוּווט ער צייכענען דאָס בילד פון דעם לעבן, ווען דאָס יידישע האַרץ פון וואַרשע האָט נאָך האַסטיק געקלאַפּט און געהאָפט, נאָר האָט שוין אָנגעהויבן אַנען וואָס עס רוקט אָן און פון צייט צו צייט אויפגעציטערט פון שרעק.

אַ „הויז אויף גזשיבאָוו" איז געווען דאָס ערשטע בוך פון דעם מחבר וועגן די יידן אין וואַרשע.

„וואַרשה", אַ מאָנאָגראַפיע פון דער יידישער וואַרשע אין העברעאיש, איז געווען דאָס צווייטע בוך, וואָס איז היי-יאָר דערשינען אין ירושלים אין פאַרלאַג פון מוסד הרב קוק.

„אין שטורעם", שילדערט די תקופה אין יידישן לעבן, ביי וועלכער דער מחבר איז געבליבן שטיין אין אַ הויז אויף גזשיבאָוו.

און צום סוף זאָל דעם מחבר זיין דערלויבט אויסצודריקן זיין צופרידנקייט וואָס אויך דאָס בוך דערשיינט אין דעם פאַרלאַג פון די פּוילישע יידן, וואָס האָט במשך פון אַזאַ קורצער צייט אַזוי פיל געטון פאַר דעם הייליקן אָנדענק פון פּוילישן יידנטום.

**דער מחבר.**

דעצעמבער 1948.

# ערשטער באַנד

## קאפּיטל 1

# צוריק אַ היים

דניאל עפּשטיין און לאַניאַ שטייען אָנגעשפּאַרט איינער אָן דעם אַנדערן ביי דעם אָפּענעם וואַגאָן־פּענצטער.

אַ מילד ווינטל פון גאָלדענעם פּוילישן האַרבסט רייסט זיך אַריין אין קופּע, צעשפּילט זיך שטיפעריש מיט לאַניאַס גאָלדענע האָר, וואָס האָבן צוריק באַקומען זייער אַמאָליקן מיידלשן גלאַנץ, און פאַרוואָרפט איינעם פון אירע לאָקן אויף דניאל עפּשטיינס שטערן.

עפּשטיין פאַרמאַכט די אויגן. ער וויל מער נישט זען. ער וויל נאָר פילן דעם זיידענעם גלעט פון לאַניאַס האָר. נאָר זיין האַנט שטרעקט זיך אויס. ער נעמט זי אַרום, לאַניאַן, און דריקט זי צו זיך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז באַלד וועט ער עפענען די אויגן און זי מער נעבן זיך נישט זען. מיט דער צווייטער האַנט זיינער גלעט ער לאַניאַס קאָפּ און רוימט איר איין אין אויער עפּעס אַ זייער גרויסן און זייער וויכטיקן סוד:

— ווייב מיינס...

לאַניאַ צעשמייכלט זיך. אירע גרויסע בלויע אויגן באַקומען אַ פאַר־נעפּלטן גלאַנץ. זי שפּאַרט אָן איר קאָפּ אויף דניאלס אָרעם און אירע פולע ליפּן שעפּטשען אויס צו אים אַ ניי וואָרט, וואָס נאָר זי אַליין ווייסט:

— מאַן מיינער...

יעדן טאָג און יעדע נאַכט דערציילן זיי זיך איינער דער אַנדערער

דעם דאָזיקן סוד, גיבן זיי זיך איבער די גרויסע און וויכטיקע נייעס, אַז זיי זענען מאַן־און־ווייב.

און יעדעס מאָל, ווען עפּשטיין האָט דערהערט לאַניאַס שטים „מאַן מיינער”, ווערט עפּעס זיין פּנים יונג־שיינענדיק און ער דערמאָנט זיך אָן די אַמאָליקע בחורישע צייטן זיינע, ווען ער און לאַניאַ זענען שנעל געלאָפן איבער די האַלב־פינצטערע טרעפּ פון דעם הויז אויף דער „גרינער גאַס”, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז עמיצער וועט זיי נאָכיאָגן און צעשיידן דעם אָרימען משרת פון דעם חסידישן גזשיבאָווער גבירס שיינער טאָכטער.

און יעדעס מאָל, ווען ער, דניאל, רוימט איר איין אין אויער דעם סוד זיינעם „ווייב מיינס”, בליצט אויף אַ פּייערל, אין וועלכן עס איז דאָ שטיפערישקייט פון אַ רייפער פרוי און שעמעוודיקע צניעות פון אַ חסידיש כלה־מיידל פון מיוחסדיקן גזשיבאָוו.

און יעדעס מאָל, ווען זיי הערן די זעלבע ווערטער אין זייערע אייגענע מיילער, צעשמייכלען זיך ביידע פריידיק דערשטוינטע, הגם מער ווי דריי חדשים זענען שוין פאַריבער זינט דעם טאָג ווען דניאל עפּשטיין האָט געפירט צו דער חופּה די טאָכטער פון גרויסן גזשיבאָווער יחסן און גביר ר׳ לוי און דאָס געוועזענע ווייב פון משהלע ברוידע, אַ זון פון די מיוחסדיקע קראָקאָווער ברוידעס, וועלכע ציען זייער יחוס פון ש״ך.

אין זייער שמייכל איז דאָ פרייד און וויטיק, און שרעק און שטוינונג, ווי זיי אַליין וואָלטן נישט געגלויבט אין דער חופּה, וואָס איז נישט אויפן יידישן גזשיבאָוו אין וואַרשע געשטעלט געוואָרן. די פרעמדע חופּה און פרעמדע מענטשן זענען עדות געווען. ר׳ לוי איז, אָנגעטון אין אַ זיידענע זשיפּיצע און מיטן גרויסן שטריימל אויפן קאָפּ, נישט געשטאַנען נעבן זיין איינציקער טאָכטער און די שטילע דבורהלע האָט זיך אונטער דער חופּה פון איר קינד נישט געווישט מיט אַ ווייס זיידן טיכל אירע פאַרווייִנטע אויגן.

אין דער פרעמד זענען זיי געבליבן, די אַלטע טאַטע מאַמע, און נאָר פון דערווייטן צוגעשיקט זייער טאָכטער ברכה און דערביי האָבן ביידע אַלטע לייט זיך אָנגעקוקט און זיך נישט געשעמט איינער פאַרן אַנדערן זיך אויסצווויינען.

## אין שטורעם

לאניא קוקט ארויס פון וואגאָן־פענצטער. אין שאָטנדיקן פאַרנאַכט שטייען שטילע בעריאָזע־ביימער און שאָקלען טרויעריק מיט זייערע אראָפּגעלאָזענע צו דער ערד פאַרגעלטע קעפּ, אָנזאָגנדיק דעם אָנקום פון הארבסט. זיי לויפן דורך, די ביימער, פאַר לאניאס אויגן, אָבער זי זעט זיי נישט. פאַר אירע אויגן שטייען זיי, די אַלטע טאַטע מאַמע. זיי שטייען אין האַלב טונקעלן עס־צימער מיטן „ווענעציקע" פענצטער און לאניאן קומט פאָר, אז זי זעט זייערע פארוויינטע אויגן וואָס פרעגן שטום:

— קומסט צוריק, קינד?

און לאניאן דאכט זיך, אז די רעדער פון שנעל־צוג קלאַפּן איצט פאַר אירטוועגן אויס דעם פריידיקן ענטפער:

— יאָ, איך קום צוריק, צוריק...

לאניא בייגט ארויס דעם קאָפּ פון וואגאָן־פענצטער. די נאכט איז שנעל צוגעפאלן און אין דער פינצטערניש פון ארום דערזעט לאניא די ערשטע ליכט פון דער נאָענטער וויסל־שטאָט.

— ביסט מידע, מיין טייערע — נעמט זי דניאל ארום.

— אָ, ניין! זעסט — ווייזט לאניא אים אָן אויף די טויזנטער ליכט, וואָס ווערן גרעסער פון מינוט צו מינוט — מיר וועלן באלד זיין אין דער היים...

אין וואגאָן ערשטער קלאַס ווערט א נערוועזער טומל ווי שטענדיק פארן אָפּשטעלן זיך פון צוג.

לאניא און דניאל זענען אליין אין קופּע. פאַר א פינפאונצוואנציקער אין דער האַנט האָט דער קאָנדוקטאָר דעם גאנצן וועג פון פעטערבורג אָן געהיטן, אז עס זאָל קיינער נישט שטערן דעם פּאָר פאָלק. נאָר פון די שכנותדיקע קופּעען דערטראָגן זיך די אָפּקלאנגען פון אָפיצירסקע שפּאָרן און פון פעטע וויצן, באַגלייט מיט הויכן געלעכטער פון די יונגע אָפיצירן, וואָס האָבן פאַרפולט דעם צוג אויף זייער וועג צום פראָנט.

זאָרגלאָז זענען זיי די אָפיצירן. זיי לאַכן און שטיפן, דעם צאַרס געטרייע דינער. און זיי דערציילן איינער דעם אנדערן פריילעכע אַנעקדאָטן וועגן די „גערמאַנצעס" (דייטשן) און וועגן זייער נארישן קייזער „ווילי", וואָס האָט געוואגט צו דערקלערן קריג דער הייליקער מוטער רוסלאַנד, וואָס אין איר שפּיץ שטייט דער „באַטיושקאַ צאַר".

עס וועלן קומען חדשים און יאָרן לאַנגע, ווען דאָס געלעכטער וועט פאַרשווינדן פון זייערע מײַלער, ווען פּײַן און לײַדן וועלן אויסקרימען די פּנימער פון די עלעגאַנטע אָפיצירן פון צאַרס שטאָלצע גוואַרדיע פּאָלקן. דערווייל אָבער ווייסן זיי נאָך נישט, די מיוחסדיקע זינדלעך פון צאַרס אַדל־לײַט, וואָס דער גורל האָט פאַר זיי צוגעגרייט. איצט זעען זיי נאָך אין קריג אַ לאַנג דערוואַרטע און אויסגעבענקטע געליבטע וואָס וועט זיי ברענגען גליק און רום. איצט לעבן זיי נאָך איבער דעם האָניק חודש פון קריג און זיי חלומען וועגן גלענצנדע זיגן און וועגן מעדאַלן און אויס־צייכענונגען. איצט זעען זיי אין זיך העלדן, פאַר וועלכע עס ווערן אין דער שיינער נעווא־שטאָט אויפגעשטעלט טריאומף־טויערן און די שיינ־הייטן פון די פעטערבורגער סאַלאָנען וואַרטן אויף זיי מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס. איצט טרוימען זיי וועגן דעם זיגרייכן מאַרש קיין בערלין און לכבוד דעם זיג, אין וועלכן זיי צווייפלען נישט, טרינקען זיי אין שכנות־דיקן קופּע שטאַרקע רוסישע „וואָדקא“ און שליידערן די אויסגעליידיקטע פלעשער אין וואַנט פון וואַגאָן.

דניאל עפּשטיין איז באַזאָרגט. ער הערט די בראַזגעריי פון די צעהאַקטע פלעשער און פאַרשטייט וואָס דאָס מיינט. ער, עפּשטיין, קען די צאַרסקע אָפיצירן נישט פון היינט און ער ווייסט, אַז אויך אין פרידנס צייט איז נישט געווען פון די אָנגענעמע זאַכן פאַר אַ ייד צו באַגעגענען אַ שיכורן אָפיציר. נו, און זייט עס איז אויסגעבראָכן דער קריג ווייסן זיי דאָך שוין גאָרנישט פון קיין צוריקהאַלט און גרענעץ. איצט, ווען זיי „שלאָגן די גערמאַנצעס“, מעגן זיי אַלץ. איז קיין שום זאַך פאַר זיי נישט פאַרבאָטן. טאָר קיינער זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם ווילן פון דעם צאַרס גרויסע העלדן. עפּשטיין ווייסט דאָס אַלץ און ער האָט זיך אויך נישט ווייניק אָנגעהערט אין די לעצטע וואָכן. ער וויל לאַניאַן וואָס קוקט אַ רואיקע אַרויס פון פענצטער נישט איבער־שרעקן, אָבער ער ווערט וואָס אַמאָל מער באַזאָרגט הערנדיק דעם שיכורן ניבול פּה פון די שכנים באַגלייט מיט אַ הירזשענדיקן געלעכטער.

דער קאָנדוקטאָר, וואָס האָט פון עפּשטיינס „פּינפּאָונצוואַנציקער“ אַרויסגעדרונגען, אַז דאָס יידל דרינען האָט אַ ברייטע האַנט און אַז מען קען ביי אים נאָך עפּעס אַרויסבאַקומען, איז געקומען דניאלן צו הילף.

ער האָט געעפנט שטיל די טיר פון עפשטיינס קופע און מיט א שמייכעלע, אין וועלכן חניפה און פאראכטונג זענען געווען צוזאַמענגעפּאַרט, געזאָגט:

— באַלד וועלן מיר זיין אין ווארשע און די הערן אָפיצירן זענען בע־בע־בע שוין אביסל צו פריילעך... גלייכער זיי אויסצומיידן אין אַזא צייט, בע־בע... איז אפשר שוין גיין צום ארויסגאַנג־טיר און דאָרט וואַרטן...

דניאל עפשטיינס פנים האָט זיך פאַרכמורעט.

ער האָט גוט געוווּסט, אַז דער קאָנדוקטאָר איז גערעכט, אַז אין די אומרואיקע מלחמה־טעג איז לית דין ולית דין און עס קען קיין גוטס נישט ארויסקומען, ווען א ייד שטויסט זיך אָן אויף א בגלופנדיקן צארסקע אָפיציר.

דאָס חניפהדיק־חוצפהדיקע געלעכטערל פון דעם גוי האָט אָבער דניאל עפשטיינען געריייצט. עס איז אים פאַרגעקומען, אַז דער דאָזיקער גוי מיט זיינע וואָסערדיקע אייגלעך און געלע פארשפּיצטע וואָנצעלעך לאַכט אים אין די אויגן אריין און אַז מיט זיין פאַרשייט געלעכטערל זאָגט ער צו אים, עפשטיינען:

— זעסט, כאָטש איך שטרעק אויס צו דיר די האַנט און זאָג הכנעהדיק „שיינעם דאַנק", ביסטו פאָרט נישט מער ווי א „זשיד" און דו טאָרסט נישט אויפהויבן דעם קאָפּ און דו מוזט זיך שאַרן ביי דער וואַנט, אַז קיינער זאָל דיך נישט אָנזען און דו מוזט אראָפּבויגן דעם קאָפּ פאַר יעדן שכורן אָפיציר, דו זשיד...

וואָלט ער געווען אין צוג אַליין אָן זיין ווייב, וואָלט ער דעם דאָזיקן חוצפהדיקן גוי מיט זיין קלעפּיקן געלעכטערל געשיקט צו אלדי רוחות. ער וואָלט גיכער ריזיקירט א צוזאַמענשטויס מיט די אָפיצירן איידער אָנצוקומען צו אַזעלכע טובות. מט לאַניאַן אָבער טאָר ער זיך אַזעלכעס נישט דערלויבן. ער האָט בלויז אַזא שווערן דורכדרינגענדיקן בליק געטון אויף דעם גוי, אַז יענער האָט אין דערמיט א צעטומלטער איבערגעריסן זיין לאַכן און א שוויגנדיקער אונטערטעניק געוואַרט אויף דעם באַפעל פון דעם דאָזיקן מאָדנעם „זשיד", וואָס זעט אָבער אויס צו זיין עפּעס א בייזער פריץ.

עפשטיין האָט לאַנגזאַם אַרויסגעצויגן פון וועסטל קעשענע זיין שווערן גאָלדענעם זייגער.

— דאַכט זיך אין דריי מינוט — האָט עפשטיין געקוקט איבער דעם גוים קאָפּ, ווי ער וואָלט אינגאַנצן פאַר אים נישט עקזיסטירט — וועלן מיר זיין אויפן אָרט...

— יאָ, באַרין (האַר) — האָט דער באַן־באַאַמטער שוין גאַר אונ־טערטעניק געשמייכלט.

— נו, מיין טייערע, — האָט עפשטיין זיך געווענדט צו לאַניאַן — מיר זענען שוין אין וואַרשע... — און ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וויל צוזאַמענגעמען זיינע וואַליזעס.

— איך וועל שוין... — האָט דער גוי זיך אַ וואָרף געטון צו די וואַליזעס — זאָל דער באַרין זיין רואיק...

נישט אומקוקנדיק זיך מער אויף דעם גוי, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי זיינע וואַליזעס, האָט עפשטיין אַרויסגעפירט לאַניאַן אין וואַגאָן־קאָרידאָר.

דער קאָרידאָר איז געווען אַ לאַנגער און שמאָלער.

— טאָמער גייען איצט אַרויס די אָפיצירן פון זייער קופּע — האָט עפשטיין דערפילט אַ קלעם ביים האַרץ — וועלן מיר גלייך אריינ־פאַלן אין זייערע אָרעמס.

שנעלער, שנעלער דורכקומען דעם לאַנגן קאָרידאָר. ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן דעם איינדרוק פון אַ מענטש וואָס האָט זיך נישט נאָך וואָס צו איילן און גלייכצייטיק שנעל צו לויפן.

— און סך הכל בין איך אַ קאָמעדיאַנט און איך ווייס נישט וואָס איך בין דאָס אַזוי בייז געווען אויף דעם גוי — האָט עפשטיין ביטער אין זיך געלאַכט — ער האָט דאָך געזאָגט דעם אמת... אוודאי האָב איך מורא... אַזוי האָט אויך מיין טאַטע ר׳ יעקב מורא געהאַט פאַר יעדן שיכורן גוי. נישט מער, וואָס ער האָט זיך נישט געשעמט מורא צו האָבן און איך שעם זיך...

עפשטיין מעסט מיט זיינע אויגן אָפּ, וויפל ער האָט נאָך דורכ־צוגיין ביזן סוף פון קאָרידאָר און דערמאָנט זיך פלוצלינג אָן ר׳ יצחק בערן, דעם אַלטן קאָצקער חסיד.

## אין שטורעם

— איך פארשטיי דיך באמת נישט, דניאל — האָט ר' יצחק בער צו אים אמאָל געזאָגט — לייזער עליו השלום האָט דיך געהאַלטן פאַר אַ קלוגן בחור און דו רעדסט, זיי מיר מוחל, נאַרישקייטן... וואָס הייסט, מען מוז זיך אַנטקעגנשטעלן די גויים און עס איז נישט שיין פאַר זיי צו אַנטלויפן... נו, פרעג איך דיך, אז דו וועסט אָנטרעפן אויף אַ משוגענעם הונט אין גאַס, וועסטו זיך אויך שעמען פאַר דעם הונט צו אַנטלויפן?... און וואָס זענען זיי דען די גויאישע שלעגער שיכורים און רוצחים, אויב נישט משוגענע הינט — נו איז שייך פאַר זיי זיך צו שעמען...

— אַזוי האָבן זיי געקוקט, די פּאַרצייטישע יידן, אויף די שיכורע פּריצים — טראַכט עפּשטיין דערנענטערנדיק זיך צו דער טיר פון דער אָפיצירן קופּע — מיט אַזאַ אינערלעכן שטאָלץ האָבן זיי זיך נישט געשעמט מורא צו האָבן פאַר די גויאישע משוגענע הינט. איך אָבער, איך...

ער האָט זיין געדאַנק נישט דערטראַכט ביזן סוף. עפּשטיין. די טיר פון קופּע האָט זיך אַ פּראַל אויף געטון און עס איז אין איר געבליבן שטיין אַ הויכער בלאָנדער אָפיציר אין אַ צעקנעפּלטן מונדיר מיט אַ צעבראַשטשעטע העמד, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט אַ האָריק לייב. מיט דער האַנט האָט ער אונטערגעהאַלטן אַ פלאַש „וואָד־קע", פון וועלכער ער האָט געזויגן מיטן מויל. זיינע אויגן האָבן אויפ־געפלאַקערט דערזעענדיק לאַניאַן. ער האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל און מיט אַ שיכורן שמייכל און מיט דער פלאַש „וואָדקאַ" אין האַנט געמאַכט אַ באַוועגונג צו פאַרשטעלן לאַניאַן דעם וועג.

לאַניאַ האָט זיך אויף איין אויגנבליק נישט אַ וואַקל געטון. מיטן נאַטירלעכן שטאָלץ פון ר' לייזערס אייניקל איז זי געגאַנגען גלייך פאַר זיך, ווי זי וואָלט גאַרנישט געצווייפלט, אז עמיצער קאָן וואָגן איר צו פאַרשטעלן דעם וועג. און אירע גרויסע בלויע אויגן האָבן געקוקט גלייך אין די אויגן פון שיכור.

דער אָפיציר האָט זיך געטון אַ צי צוריק צו דער טיר און צו־האַלטדיק מיט דער האַנט דאָס צעקנעפּלטע העמד אַרויסגעשטאַמלט:

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם...

לאניא איז ווייטער געגאנגען, ווי זי וואָלט גאָרנישט געזען דעם שיכור און נישט געהערט זיין אַנטשולדיקן זיך.

— כ'האָב נישט געוווסט, לאניא, — האָט עפּשטיין צו איר גע־שמייכלט — אַז דו קאָנסט מיט דיין בליק בענדיקן משוגענע הינט...

דער צוג האָט אַ שוואַכער סאָפּענדיקער זיך געטון אַ שטעל אָפּ, ווי עס וואָלט אים עמיצער פּלוצים די פּיס געפּענטעט.

די טירן פון די וואַגאָנעס האָבן זיך געעפנט מיט אַ האַסטיק פריילעך־געקלאַפּעריי.

לאניא האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט ביים האַרץ, דערהערנדיק דעם אויסרוף פון סטאַנציע־שעף, וואָס האָט מיט זיין באַס־שטים געמאָלדן:

— וואַרשע! וואַרשע!

די באַן־טרעגער האָבן, ווי געוועגלעך מיט אימפּעט זיך געוואָרפן צו די אָפענע וואַגאָן־טירלעך, כדי שנעל און געשיקט צו כאַפּן אויף זייערע פּלייצעס דאָס געפּעק פון די אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן.

זיי, די טרעגער, אין זייערע בלויע בלוזעס און מיט די מעשענע נומערן, וואָס האָבן געהאַנגען אויף זייער ברוסט, זענען געווען די איינ־ציקע איבערבלייבעניש פון די אַמאָליקע פאַרמלחמהדיקע ציטן. אין אַלעם איבעריקן האָט די באַן־סטאַנציע איצט געהאַט אַ פרעמד אומ־היימלעך אויסזען. נישט געזען האָט מען דאָרט מער די עלעגאַנטע וואַרשעווער דאַמעס אַרומגערינגלטע פון זייערע יונגע קאַוואַלירן מיט בלומען אין די הענט וואָס האָבן מיט פריילעך זאָרגלאָזע פּנימער אויס־געקוקט זייערע געסט און דערביי געלאַכט און געשמייכלט. און פאַר־שוונדן זענען אויך די יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן מיט ברייט צעקעמטע בערד און ערנסטע פּנימער און מיט לעדערנע טעקעס אין די הענט, אָנגעפּילטע מיט חשבונות און באַשטעלונגען, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וויטן וועג, כדי צו באַזאָרגן דאָס גרויסע רוסלאַנד מיט סחורות אַלערליי. און נישט געזען האָט מען מער די יידן מיט פּאות און בערד, וועלכע האָבן אין איין האַנט געהאַלטן זייערע וואַליזקעלעך מיט טלית און תפילין מיט דער זיידענער זשיפּיצע און שטריימל און מיט דער אַנדערער האַנט האָבן זיי פעסט געדריקט די הענטלעך פון די שוואַרץ חנעוודיקע יינגלעך מיט די געקרייזלטע פּיאהלעך און מיט

זייערע קלוגע און דערשטוינטע אייגעלעך, וואָס האָבן זיך נייגעריק ארומגעקוקט, און וועלכע זענען גלייך פון דער באַן־סטאַנציע איינגע־שטיגן אין טראַמוויי „נומער 3", כדי חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן די „גערער קאַלייקע", וואָס וועט זיי נאָך היינט ברענגען קיין גער צום רבין, זאָל לעבן.

דער קריג האָט זיי אַלע פאַרטריבן און האָט געמאַכט אָרט פאַר גאַנץ אַנדערע פּאַסאַזשירן. א ים פון זעלנערישע מונדירן האָט פאַר־פלייצט די באַן־סטאַנציע. מונדירן כלערליי. מונדירן עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע, וואָס זייט וועלט איז וועלט האָט וואַרשע אַזעלכע נאָך נישט געזען. פון אַלע עקן פון דער גרויסער רוסלענדישער מלוכה זענען זיי אָנגעקומען אהער די חיילות פון צאַר און די אויערן ווערן טויב פון זייערע געשרייען און פון זייערע משונהדיקע כּאָרכלענדיקע לשונות און פּילגאַרנדיקע קללות.

אין מיטן פון דעם דאָזיקן צעשטורעמטן זעלנערישן ים איז גע־שטאַנען אַ גלייכער און שווייגנדיקער ר' לוי אין זיין לאַנגער טוכענער קאַפּאָטע און הויכן קאַשקעט מיטן לעדערנעם דאַשעק. דער תּקיף פון יידישן גזשיבאָוו האָט זיך געפילט פאַרלוירן און צעטומלט אין דעם דאָזיקן פרעמדן גויאישן ים. זיינע אַלטע אויגן האָבן געקוקט דערשטוינטע אַרום, ווי זיי וואָלטן נישט געקענט באַגרייפן וואָס אַרום אים קומט פאָר. זיין שטערן האָט זיך געפאַלדעוועט אין טיפע קנייטשן און זיינע אויגן האָבן געקוקט גלייך פאַר זיך איבער די קעפּ פון די טומלדיקע זעלנער.

פאַר אים האָט זיך ווי א שוץ־מויער געשטעלט די קליינע שטילע דבורהלע. מיט איר גרויסן הוט מיט דער שטרויס פעדער איז זי אומ־באַוועגלעך געשטאַנען אַ דערשראָקענע און צוגלייך אַן אַנטשלאָסענע פאַר איר מאַן, גרייט מיט איר איינגעדאַרטן אַלטן קערפּער צו באַשיצן איר לוי קעגן די דראָענדיקע כוואַליעס פון דעם דאָזיקן משונהדיקן זעלנע־רישן ים.

און אַרום ביידע האָט זיך געדרייט דניאל עפּשטיינס פריינט דער „פלאַטער־קאָפּ" אַדעק ווישינסקי. נאָר ער, אַדעק, איז נישט געווען צעטומלט. זיינע ברייט־צעעפנטע נאָז־לעכער האָבן איינגעזאַפּט אין זיך

מיט הנאה דעם רעש און טומל. זיינע קליינע קלוגע שווארצע אייגלעך האָבן פריילעך געוווּנקען צו די פאַרבייגייענדיקע זעלנער און אָפיצירן, און ער האָט שוין באַוויזן מיט אייניקע פון זיי צו כאַפּן אַ שמועס און אַפילו זיי נאָכצוזאָגן די לעצטע וויצן, וואָס קורסירן אויף די נאַלעווקעס וועגן דעם חוצפּהדיקן דייטשן קייזער, וועלכער ווייסט שוין איצט, אַז ער איז ביטער אַריינגעפאַלן דערקלערנדיק קריג דעם מעכטיקן רוסישן צאַר.

די רוסישע אָפיצירן האָבן קוים געקענט תופס זיין דעם שאַרפזין פון יידישן הומאָר און זיי האָבן פאַרלעגן געשמייכלט. דערפאַר אָבער האָט אַדעק ווישינסקי הויך און האַרציק געלאַכט און זיין קאָרפּולענטער קערפּער האָט זיך אַזש געטרייסלט פון זיין לאַכן. דערביי האָט ער מיט אַ ווונק אין די אויגן איינגערוימט דער שטילער דבורהלע:

— אַז אַנדערש קען מען נישט מיט זיי, מיט די פּאַניעס... אַ בייז פערד טו אַ גלעט וועט עס נישט קאַפּען...

פונדעסטוועגן האָט אויך ער, אַדעק ווישינסקי, לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט דערזען לאַניאַן מיט עפּשטיינען אויסשטייגן.

— זיי זענען דאָ!... — האָט ער זיך צוגעבויגן צו ר׳ לוין — באַלד וועלן מיר פּטור ווערן פון פּאַנישן דזשענגעץ...

לאַניאַ האָט דערזען דעם פּאָטערס הויכן טוכענעם קאַשקעט מיטן לעדערנעם דאַשעק. דער איינציקער צווישן אַזוי פיל זעלנערישע הוטן:

— דער טאַטע — האָט אַ וואַרעמע כוואַליע אַרומגענומען לאַניאַן
— און אויך זי, די מאַמע... זיי זעען אויס אַזוי געעלטערט...

מיט שוועריקייט האָט עפּשטיין זיך געמאַכט פרייען וועג. אַדעק ווישינסקי איז זיי אַנטקעגנגעלאָפן און צוגעפירט לאַניאַן צו דבורהלען.

דבורהלע האָט אַרומגענומען איר טאָכטער און פאַרשנדיק געזוכט אירע אויגן. לאַניאַ האָט אַ צעשמייכלטע און שיינענדיקע געקוקט אויף איר מוטער און ערשט דאַן האָט דבורהלע אַ באַרויקטע אַ שמייכל געטון צו עפּשטיינען.

— נו, נו, נשים... — האָט ר׳ לוי געוואָלט זיין קאַלט און באַהערשט

און דאָך נישט געקענט אויסהאַלטן — לאָמיך אויך אויף דיר אַ קוק טון, טאַכטער...

לאַניאַ האָט צוגעטוליעט איר קאָפּ צום פּאַטערס אָרעם, ווי זי פּלעגט עס טון אין אירע מיידלשע יאָרן און ר׳ לוי האָט ווי אַמאָל אַ לייכטן גלעט געטון איר קאָפּ און ערשט דאַמאָלט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו דניאל עפּשטיינען, זאָגנדיק:

— נו, לאָמיר גיין... די קאַטש וואַרט...

אַ יונגע שיינענדיקע איז לאַניאַ געגאַנגען צווישן איר אַלטע טאַטע מאַמע. הינטער זיי זענען געגאַנגען דניאל עפּשטיין און אַדעק ווישינסקי.

דער „פּלאַטער־קאָפּ" אַדעק, האָט, ווי זיין שטייגער, גערעדט האַלב יידיש, האַלב פּויליש. מיט אַ שעלמישן ווינק אין זיינע צעשמייכלטע אויגן האָט ער זיך צוגעבויגן צו עפּשטיינען און אים איינגערוימט:

— נו, וואָס זאָגסטו, דאַניעלו קאָכאַני, ר׳ לוי קומט מיט זיין קאַטש אַפּוואַרטן עפּשטיינען — האַ?...

— איז די וווינונג פאַרטיק? — האָט עפּשטיין עפּעס נישט גע־וואָלט דערהערן אַדעקס ווערטער.

— „טיפּ טאָפּ", דאַניעלו קאָכאַני, נישקשה, אויף אַדעקן מעג מען זיך פאַרלאָזן...

און ער האָט מיט זיין שעלמישן שמייכל צוגעגעבן:

— אָבער היינט ביינאַכט וועט איר נאָך נישט קענען גיין אין אייער נייער וווינונג.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, דאַניעלו, — האָט אַדעק ווישינסקי אַ קלאַפּ געטון עפּשטיינען איבער דער פּלייצע — ווייל ר׳ לוי וויל, אַז די קינדער, דאָס הייסט דו און לאַניאַ, זאָלן כאָטש די ערשטע נאַכט פון זייער אָנקומען זיין ביי אים אין שטוב... געהערט אַ מעשה, ר׳ לוי קען אָן דיר, דאַניעלו, נישט גיין שלאָפן. נו, וואָס זאָגסטו, זענען עס נישט משיחס צייטן?

צוקומענדיק צו דער אַלטער קאַטש געשפּאַנט אין צוויי גרויסע קאַשטאַן־פערד, מיט וועלכע ר׳ לייזער עליו השלום איז נאָך אין די

פארנאכטן געפארן אין וואווערער וואלד כאפן פרישע לופט, האט אדעק ווישינסקי זיך געזעגנט.

— ניין, ניין מאדאם — האט ער געענטפערט אויף דבורהלעס איינלאדונג — זיי זענען נאר וואס געקומען, איז בעסער זיין אליין מיט טאטע מאמע, מיין איך... מארגן וועל איך זיך שוין ארויפכאפן...

ר׳ לייזערס אלטע קאטש האט זיך שווער געמאכט א וועג צווישן די פילע מיליטערישע וועגענער און קארעטעס וואס האבן אנגעפילט די גאסן נעבן דער באן.

דניאל עפשטיין האט ווי נישט דערקענט די שטאט. די זעלבע גאסן, די זעלבע הייזער און די זעלבע באלויכטענע שוי־פענצטער און דאך אנדערע ווי פריער. אין מיטן גאס האבן מיט מוזיק מארשירט דעם צארס פאלקן. זיי האבן מארשירט אן אויפהער ווי זיי וואלטן זיך קיינמאל נישט געקענט ענדיקן.

אויך די ברייטע טראטוארן פון דער עלעגאנטער מארשאלקאווסקע גאס זענען געוועזן באהערשט פון די אפיצירן מונדירן. ברייט־אויס דעם גאנצן טראטואר זענען זיי געגאנגען די צארישע אפיצירן. זייערע שפארן האבן הויך און חוצפהדיק אפגעקלונגען און זייער געלעכטער האט זיך ברייט און פארשייט געטראגן אין חלל. זיי האבן געהאלטן ארומגענומען אויסגעפוצטע און אויסדעקאלטירטע פרויען מיט געפארבטע אויגן און פנימער, אזוי אז ר׳ לוי האט אוועקגעדרייט דעם קאפ...

ערשט ווען זיי זענען אריין אין די יידישע גאסן, האט דניאל עפשטיין דערפילט די לופט פון זיין ווארשע. אויף די יידישע גאסן האבן די זעלנערישע מונדירן נאך נישט געהאט די גאנצע שליטה. די מיט גאס האבן אויך דא באהערשט די מיליטערישע וועגענער און די מארשירנדיקע פאלקן. דערפאר אבער האבן נאך די טראטוארן באלאנגט צו די שטענדיקע איינוווינער. זענען טאקע יידן אהיימגעגאנגען, ווי יעדן אוונט, פון די שטיבלעך און בתי מדרשים און אויפן וועג געשמועסט מיט געדעמפטע שטימען וועגן דייטש און וועגן דער מלחמה. און יידישע מיידלעך האבן שפאצירט איבער דער גאס און זיך צוגעקוקט צו דעם צארס זעלנער, וואס האלט אין איין גיין צום פראנט, און יידישע סוחרים האבן מיט פארנומענע פנימער זיך געאיילט פון איין קראם

## אין שטורעם

אין דער אנדערער, כדי באצייטנס צו פארענדיקן זייערע עסקים. און ייִדישע מאמעס האבן געהאלטן פעסט ביי דער האנט זייערע קינדער ביים אריבערגיין פון איין גאס אויף דער אנדערער.

די קאטש האט זיך אפגעשטעלט ביי ר׳ לוים הויז אויפן גזשיבאוו. ר׳ לוי האט לייכטער אפגעאטעמט.

— געלויבט צו גאט וואס מיר זענען שוין אין דערהיים...

און ער האט מיט א שמייכל צוגעגעבן צו עפשטיינען:

— נו, מירן ארויפגיין אין שטוב.

צום ערשטן מאל האט ר׳ לוי איינגעלאדן דניאל עפשטיינען צו זיך אין שטוב.

## קאפּיטל 2

# עפּשטיינס חשבון מיט זיך אַליין

גייענדיק איבער די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ צו זיין איצטיקן שווערס שטוב, האָט דניאל עפּשטיין זיך דערמאָנט אָז דעם טאָג ווען ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט נישט אָן איינגעלאַדענער און נישט דערוואַרטער זיך באַוויזן אין ר' לוים שטוב. אָן דעם טאָג וואָס האָט געבראַנגט צו אַזאַ איבערקערעניש אין זיין, עפּשטיינס, און אין לאַניאַס לעבן.

עס איז געווען אַ טאָג נאָך דעם סקאַנדאַל מיט משהלע ברוידע, לאַניאַס מאַן, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אים, עפּשטיינען, אין שטוב. צומאָרגנס האָט מען שוין אין אַלע יידישע הייזער אין וואַרשע זיך געשושקעט וועגן ר' לוים „געראַטענעם איידעם", וואָס האָט אַרויסגע־גנבעט דעם אייגענעם ווייבס צירונג פאַר דער שיינער אַקטריסע די פאַננע העלענע.

משהלע ברוידע איז פאַרשוואונדן. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך צו טרעפן מיט דעם פּאָפּולערן וואַרשעווער פּאָליציי שעף קורנאַ־טאָווסקי, וועלכער האָט דווקא געוואָלט „אַ שמועס טון" מיט ר' לוים איידעם. דניאל עפּשטיין האָט אָבער געוווסט, ווו אויפצוזוכן דעם פאַר־שווונדענעם משהלע ברוידע און אַדעק ווישינסקי האָט אים טאַקע געבראַכט אין אַ פאַרמאַכטער דראָשקע צו עפּשטייגען אין געשעפט.

משהלע ברוידע איז נאָך דער ערשטער צעטומלעניש שנעל געקומען צו זיך. וואָלט ער נאָר נישט מורא געהאַט פאַר קורנאַטאָווסקין, וואָלט ער אַפילו הנאה געהאַט פון דער גאַנצער מעשה. אַ קלייניקייט עפּעס

צו ווערן דער העלד פון ווארשע. די גאנצע שטאָט גויים און יידן האַלטן אין איין רעדן פון אים, משהלע ברוידע, און נישט איינער איז אים מקנא. וואָרום אַלע ווייסן, אַז נישט אַבי וועמען לאָזט צו זיך צו די פּאַננע העלענע. און צוריקגעשמועסט וואָס האָט ער אַזעלכעס געטון? ער האָט געוואָלט זיין אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער און האָט זיך „אויף דערווייל אויסגעבאָרגט" דעם ווייבס בריליאַנטן — איז וואָס?... אין די שענסטע הייזער אין ווין ביי גראַפן און פירשטן טרעפן אַזעלכע זאַכן...

דאָס אַלץ האָט משהלע ברוידע געפּרוווט מיט אַ שמייכעלע אויפקלערן דניאל עפּשטיינען, ווען אַדעק האָט אים געבראַכט אין זיין געשעפט.

דניאל עפּשטיין האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס צו משהלעס ברוידעס אויפקלערונגען, נאָר ער האָט אים קאַלט און טרוקן געפרעגט:

— זענט איר גרייט, הער ברוידע, צו געבן לאַניאַן אַ גט?

די פראַגע האָט משהלע ברוידע אינגאַנצן צעטומלט. ער האָט געקוקט אויף עפּשטיינען, און נישט געוווּסט וואָס אים צו ענטפערן.

עפּשטיין האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט זיין פראַגע צוגעבנדיק:

— איר פאַרשטייט דאָך, הער ברוידע, אַז נאָכדעם, וואָס עס איז געשען, איז אוממעגלעך — פאַר לאַניאַן... נו, זענט איר גרייט?

— וואָס הייסט גלאַט אַזוי... האָט משהלע ברוידע נישט געקענט קומען צו זיך פון איבערראַשונג.

— נישט גלאַט אַזוי, הער ברוידע... איר וועט פאַרן גט באַקומען — גוט באַצאָלט...

— אהא! — איז ברוידען דורכגעלאָפן אין קאָפּ דער געדאַנק — איז ער נאָך אַלץ פאַרליבט אין לאַניאַן... נו, אויב אַזוי דאַרף מען אַ טראַכט טון ערנסט.

ניין, ער דאַרף זי נישט לאַניאַן. ער האָט זי שוין גענוג און דער אַלטער נאַר, ר' לוי, האָט שוין באַלד נישט קיין מזומן. איז וואָס טויג זי אים לאַניאַ? און דער עפּשטיין וויל עפּעס דעם טייסטער... דאַרף מען זיך נאָר נישט לאָזן אָפּנאַרן...

— כ׳מיין ,פאניע עפשטיין... — האָט משהלע ברוידע געפּרוווט אָפּשלעפּן און געווינען צייט.

— וויפל? — האָט עפשטיין זיך נישט געלאָזט אריינציען אין קיינע געשפּרעכן.

— איך פאַרשטייט, פאניע עפשטיין — האָט משהלע ברוידע זיך ווייטער נישט געקענט אנטשליסן אָנצורופן א סומע — שווערע צייטן היינט...

— איך האָב נישט קיין צייט, הער ברוידע — האָט אים עפשטיין ברוטאַל איבערגעריסן — איך וויל וויסן וויפל איר פאַרלאַנגט?

— איך... איך... — האָט משהלע געשטאַמלט — ווען ער גיט פופציק טויזנט...

ער איז נישט דרייסט געווען אָנצורופן די סומע. האָט ער די ציפער אָנגעשריבן אויף א שטיקל פּאַפּיר.

עפשטיין האָט א גלייכגילטיקער א קוק געטון אויף די ציפער און געזאָגט:

— גוט, ביי ר׳ יצחקל וועט זיין דאָס געלט, נאָר דאָס מוזט איר מאַכן נאָך היינט...

דניאל עפשטיין האָט נישט דערזען משהלע ברוידעס אויסגעשטרעקטע האַנט און האָט נאָר צוגעוואָרפן:

— געדענקט, אז נאָך היינט דאַרף אַלץ געשען...

דניאל עפשטיין האָט צו זיך א שמייכל געטון. ער האָט געוווסט, אז מיט משהלע ברוידע וועט זיך נאָר האַנדלען וועגן פּרייז און ער האָט שטיל פאַר זיך איבערגעחזרט שמחהלע חסידס ווערטער צו ר׳ לוין:

— אזש פון קראָקע באַדאַרפט ברענגען אזא סחורה...

דער שמייכל איז אָבער באַלד פאַרשוווּנדן פון עפשטיינס פּנים. ער אַליין האָט אויך זיך דערפילט ברודיק און שמוציק. ער האָט זיך געמיאוסט מיט זיך אַליין.

— מיט לאַניאַן „האַנדל וואַנדל״ געפירט... „שאַכער־מאַכער״ מיט לאַניאַן... פאַר פופציק טויזנט זי געקויפט..

ער האָט געפּרוווט פאַר זיך אַליין א פאַרענטפערונג געפינען:

— איך האָב דאָך אַנדערש נישט געקענט... דער אויסוואורף וואָלט דאָך זי אַנדערש פון זיינע הענט נישט ארויסגעלאָזט... נאָר מיט געלט האָב איך זי געקענט אויסקויפן...

עפשטיין האָט זיך נישט געפילט בעסער פון דעם פאַרענטפערן זיך. ער האָט געפילט, אז דער שאַכער מאַכער האָט אויך אים שמוציק געמאַכט זיין ליבע און אַז אויך זי, לאַניאַן, האָט ער אַריינגעצויגן אין דעם שמוץ.

ער האָט זיך נישט געפרווט מער פאַרענטפערן.

— יאָ, האָט ער צו זיך געזאָגט — עס איז געווען אַ ברודיק שטיקל אַרבעט... דער פאַרקויפער און דער קויפער — פון ריח פון ביידע עיפּשט... אָבער איך האָב נישט קיין רעכט צו זיין אַ מפונק... איך בין שולדיק אין אַלעם... איך האָב לאַניאַס לעבן צעבראָכן... איך...

עפשטיין גייט האַסטיק אַרויף און אַראָפּ איבער זיין אַרבעטס קאַבינעט און רויכערט איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן.

זיין אַרבעטס טיש איז פאַרוואַרפן מיט חשבונות און בריוו פון זיינע סוחרים. איך די שאַפעס אַרום די ווענט זענען אָנגעפילט מיט הונדערטער, טויזנטער חשבונות פון זיין ברייט־פאַרצווייגטער פירמע.

זיי זענען אים איצט דערווידער, די חשבונות. זיי, די חשבונות, פון זיין פירמע האָבן פאַרשלונגען זיין לעבן. מיט זיי האָט ער זיך יאָרן לאַנג פאַרשיכורט. געמיינט, אַז זיי, די חשבונות פון זיינע גרויסע געשעפטן און פון זיינע דערפאָלגן וועלן אים באַפרייען פון מאַכן דעם חשבון מיט זיך אַליין. דעם שווערן און ביטערן חשבון פון זיין צעטרעגצלט און פוסט לעבן. אָבער זיי האָבן נישט געהאָלפן, די געשעפט־חשבונות. עס וואָלט זיך אים איצט צוזאַמענגעמען די אַלע פעק מיט פאַפירן, אָנגעפיקעוועט מיט ציפערן, מיט וועלכע זיין טיש איז פול, אַרויסוואַרפן זיי דורכן פענצטער, צעשפרייטן זיי מיטן ווינט, אַז ער זאָל זיי מער פאַר די אויגן נישט האָבן.

ניין, זיי האָבן אים, עפשטיינען, נישט געהאָלפן, די גרויסע געשעפטן פון זיין פירמע. זיי האָבן אים נאָר צייטווייליק פאַרשיכורט. איצט איז געקומען די אויסניכטערונג. פּלוצלינג איז זי געקומען די אויס־

ניכטערונג. אומגעריכט האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביים קאַרק און לאָזט אים מער נישט אָפּ און מאָנט:

— קוק זיך אָן!... זע וואָס דו האָסט פון דיין לעבן געמאַכט... ניין, ניין דאָס מאָל וועל איך פון דיר נישט אָפּטרעטן... דאָס מאָל וועסטו מיך מער נישט פּטרן מיט די פוילע תירוצים פון דיינע גרויסע עסקים... דאָס מאָל מוזטו מאַכן מיט זיך אַליין דיין חשבון!...

עפּשטיינס הענט ציטערן לייכט, ווען ער ווישט מיט א טיכל די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן. האָ? ווען איז עס געווען? יאָ, יאָ... מער ווי אַכט יאָר זענען שוין פון דעם טאָג פאַריבער, אַכט יאָר... ער איז דאַמאָלט שפּעט אויפגעשטאַנען פון שלאָף נאָך א נאַכט, וואָס ער האָט מיט זיינע מאָסקווער קופּצעס פאַרבראַכט אין לאָקאַל „ביים באַכוס". ער איז נאָך געווען אין דער פּיזשאַם ווען זי, לאַניאַ, איז אומגעריכט אריינגעפאַלן צו אים אין שטוב. ניין, אַזעלכע האָט ער נאָך דעמאָלט לאַניאַן נישט געזען און נישט געקענט. איינגאַנצן א צעשטראָלטע, א שיינענדיקע, א צעזונגענע האָט לאַניאַ ווי ליכטיק געמאַכט זיין צימער.

א דערשטוינטער, א כמעט דערשראָקענער פון דער שפע פון שיינקייט און יוגנט, וואָס האָט געבלענדט זיינע אויגן, איז עפּשטיין געשטאַנען און נישט געקענט ארויסברענגען פון זיך א וואָרט.

און לאַניאַ האָט געלאַכט צו אים מיט איר צעעפנט מויל שיינענדיקע פּערל־ציין. און אין פיין קלינגענדיקן פּויליש מיט א לייכטן קוים הערבארן אָריענטאַלישן אונטער־טאָן, וואָס האָט אין מויל פון דער שיינער חסידישער טאָכטער געהאַט עפּעס א באַזונדערן רייץ, האָט לאַניאַ האַסטיק און כאַאָטיש און מיט א לאַכנדיק און גלייכצייטיק דערשראָקן ערנסט פּנים פון זיך אַרויסגעוואָרפן:

— וואָס ווייסטו, דאַניעלו, וואָס ביי אונדז אין שטוב טוט זיך אָפּ היינט!...

דער טאַטע האָט געשריגן און די מאַמע האָט געוויינט און אויך איך האָב געוויינט. יאָ, יאָ, געכליפּעט ווי אַן אַלטע יידענע...

לאַניאַס שטים איז געוואָרן ערנסטער דערשראָקענער, נאָר אירע אויגן האָבן נישט אויפגעהערט לאַכן: —

— א „דאָנאָס" (מסירה) געווען, אַזוי האָט דער פּריסטאַוו גאַלד־

באוו דערציילט דעם טאטן... און זיי האָבן געפונען די ליטעראטור אונ־דזערע אין דער ספרים־שאנק... נו, נו, שטעל זיך פאָר וואָס דער טאַטע האָט געטון!... זיין טאָכטער מיט „שטרייקער־יונגען", ר' ליזערס איי־ניקל... זיי לאָזן מיך נישט אַ מינוט אַליין. קוים זיך אַרויסגעריסן, פארשטייסט... און איצט ווילן זיי מיך פארשיקן קיין סיביר — לאניא האָט זיך פונאנדערגעלאכט — ניין, קיין זאקאפאנע ווילן זיי מיך פאר־שיקן... דאָס חוצפהדיק טעכטערל זאָל זיך אַביסל גליטשן איבער די זאקאָפּאנער שניי־בערג, הערסט, דאניעלו, כאַ־כאַ־כאַ...

איר פּנים איז דערשראָקן ערנסט, נאָר פון איר לייב טראָגט זיך אַ שטיל געזאנג פון יוגנט, פרייד, ליבע, און אירע אויגן לאכן צו אים צו דניאלן און זאָגן אים: —

— שרעק זיך נישט, נאריש יינגל... כ'האָב נישט קיין מורא פארן פריסטאַוו גאָלוכאָוו און נישט פארן בייזן טאַטן... און איך וועל נישט פאָרן קיין זאקאָפּאנע. ניין, כ'וועל נישט פאָרן... זעסטו, נאריש יינגל, צו דיר בין איך געקומען, צו דיר...

דניאל עפּשטיין הערט די שטומע שפּראַך פון לאניאס לאכנדיקע אויגן. אַ פלאַם נעמט אַרום זיין לייב. נאָך אַ מינוט און ער וועט זיך ווארפן צו דעם דאָזיקן יונגן צעשטראַלטן לייב און ער וועט פון איר פול מויל טרינקען דאָס געזאנג פון פרייד און ליבע.

מיטביידע הענט האַלט ער זיך פעסט אָן אין דעם טיש. די הענט זיינע רייסן זיך צו איר, צו לאניאן, נאָר ער האַלט זיך מיט די לעצטע כוחות געקלאַמערט אָן דעם קאַלטן האָלץ פון טיש. נישט אומזיסט איז ער לאנגע יאָרן געגאנגען אין חדר פון גזשיבאָווער סוחר ר' לייזער. דאָרט ביי ר' לייזערן האָט ער געלערנט, אַז קיין שום זאך טאָר נישט זיין אָן אַ חשבון. זי, די צעבאַלעוועטע גבירישע טאָכטער, לאכט און פרייט זיך. עס געפעלט איר די ראָלע פון אַ רעוואָלוציאָנערער העלדין. זי מעג לאכן. איר טאַטע וועט שוין וויסן, ווי אַזוי שטיל צו מאַכן דעם צאַרס זשאנדארמען און דאָס טעכטערל זיינס וועט ער שיקן זיך גליטשן צו די זאקאָפּאנער שניי־בערג... און זי טוט אפילו נישט אַ טראַכט, אַז נישט אַלע האָבן גבירישע טאַטעס, אַז פיל לעבנס שטייען איצט אין געפאַר... יאָ, יאָ... די געפאַר איז גרויס... זעט אויס, אַז אַ

מסור האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די רייען פון דער פּאַרטיי... ווער ווייסט, צי עס קומען איצט שוין נישט פּאָר אַרעסטן פון חברים און אים ווילט זיך גראד איצט שפּילן ליבעס מיט אַ צעבאַלעוועטער גבירי־שער טאָכטער... גלייכער וואָס זי פאַרט קיין זאַקאָפּאַנע. ווער ווייסט זיי די אויסגעבאַליעטע גבירישע מיידלעך. כלומרשט פייערדיקע קעמפּער־דינס, נאָר אז אַ זשאַנדאַרם וועט טון אויף זיי אַ געשריי, זענען זיי גרייט זיך צוזאַמענצוברעכן און רעדן איבעריקע רייד. ניין, זאָל זי שוין בעסער פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע...

דניאל עפּשטיין איז צופרידן פון זיך. דאָס געפיל פון פאַראַנט־וואָרטלעכקייט איז שטאַרקער פון זיינע באַגערן. דער רעוואָלוציאָנער האָט באַזיגט דעם מאַן און ער רעדט צו לאַניאַן: —

— עס איז זייער ערנסט... איך מוז גלייך וואָרענען פיל מענטשן... און צו פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע איז אַ גוטער געדאַנק... געווים איז אין אַ זאַקאָפּאַנע בעסער איבערצוּוואַרטן...

לאַניאַ קוקט מיט דערשראָקענע אויגן אויף עפּשטיינען. וואָס רעדט ער וועגן געפאָרן און זאַקאָפּאַנע, ווען אַלע גלידער פון איר לייב זינגען אוים דאָס געזאַנג פון ליבע און פרייד? וואָס פּלאַפּלט ער עפּעס נאַריש־קייטן, ווען זי איז געקומען צו אים פול מיט דערוואַרטונג און גליק? פאַרוואָס שטייט ער אַ דערשראָקענער ביים טיש אַנשטאָט זי צו נעמען אין זיינע אָרעמס?

— וואָס האָסטו געזאָגט? — ברעכט זיך איר שטים — זאַקאָ־פּאַנע?...

— יאָ — פּילט עפּשטיין, אַז עפּעס ווערט איצט אין זיין לעבן צעבראָכן — איך מיין, אַז ר׳ לוי איז גערעכט, אַז איצט איז אַמבעסטן דאָרט אַהין צו פאָרן און וואָס שנעלער אַלץ בעסער...

און ער גיט צו: —

— און איך מוז גלייך וואָרענען וועמען מען דאַרף...

אין לאַניאַס אויגן בליצט אויף אַ בייז פייערל. דער באַליידיקטער שטאָלץ פון ר׳ לייזערס אייניקל איז געוואָרן דערוועקט. דאָס ליכט פון איר צעשטראַלטן געזיכט לעשט זיך מיט אַמאָל אוים און זי לאַכט זיך פונאַנדער מיט אַ פרעמד טרוקן געלעכטער: —

— דו האָסט רעכט, דניאל, איך וועל פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע — און פאַרמאַכט האַסטיק הינטער זיך די טיר.

דניאל דערזעט אין איר לעצטן בליק פאַראַכטונג און שפּאָט. ער דערשרעקט זיך פאַר דעם וואָס איז געשען. ער ווייסט, אַז זי וועט מער נישט צוריקקומען אין זיין שטוב. ער עפנט אויף די טיר. ער וויל זי פאַרהאַלטן. ער רופט אויס איר נאָמען: —

— לאַניאַ!...

ער וואַרט אומזיסט אויף אַן ענטפער. ער גייט צוריק אין זיין צימער וואָס קומט אים פאָר פאַרחושכט און פרעמד. ער גייט צו צום קראַן און שטעלט אונטער זיין צעפלאַמטן קאָפּ אונטער אַ שטראָם קאַלט וואַסער.

— מען דאַרף גלייך וואָרענען — רעדט צו זיך עפּשטיין — און אַז דאָס צעבאַלעוועטע גביריש טעכטערל האָט זיך באַליידיקט, מילא...

— עפּשטיין וויל אין זיך דערוועקן כעס אויף לאַניאַן טאַקע דערפאַר ווייל ער ווייסט ווי נאַריש ער איז געווען. עפּשטיין נעמט נאָך האַסטי־קער גיין איבער זיין ארבעטס קאַבינעט. זיין קאָפּ פלאַמט אַזוי ווי מיט אַכט יאָר צוריק, נאָר איצט זאָגט ער צו זיך דעם גאַנצן אמת:

— איך האָב זי געשיקט קיין זאַקאָפּאַנע. איך האָב זי געשיקט אין די אָרעמס פון משהלע ברוידע, איך...

עפּשטיין האָט גענומען האַסטיק אָרויפציען אויף זיך זיינע קליי־דער. ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן אין זיין שטוב. עפּעס האָט אים געיאָגט פון זיין קאַלט חדר. אַן אומרו האָט אים באַהערשט, האָט אים געטריבן און געוואָרנט — שנעל, שנעל, אייל דיך!... טאָרסט קיין איבעריקע מינוט נישט פאַרשפּעטיקן...

עפּשטיין איז אַראָפּ אין גאַס. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין קלאָרע רעכנשאַפט, וווהין ער וויל גיין, האָבן זיינע פיס אַליין פאַרקירעוועט אין דער ריכטונג פון ר' לוים גזשיבאָווער הויז.

ער האָט דעם וועג גוט געקענט פון זיינע אַמאָליקע משרת־יאָרן. יעדן אינדערפרי פלעגט ער, עפּשטיין, מיט איילענדיקע טריט גיין אויף דעם דאָזיקן וועג, גיין צו דעם געשעפט פון לאַניאַס זיידן ר' לייזער. יעדער שטיין אויף דער גאַס איז אים געווען באַקאַנט. יעדעס שווי־

פענצטער האָט צו אים געשמייכלט. יעדער גאַסן־ווינקל האָט צו אים ווי צו אַן אייגענעם געווינקען. יעדער טרעגער און יעדע קרעמערין האָט אים געקענט, ר׳ לייזערס „שרייבער״, און אים אַנטקעגנגעטראָגן אַ היי־מישן גוט מאָרגן.

יעדן טאָג פלעגט ער אויף דעם וועג אָנטרעפן די באַלעבאַטים מיט גרויסע תפילין־זעק פון טונקל גרינעם סאַמעט ארויסגיין מיט לייכטע בכבודיקע טריט פון סאַרדינערס שול. און יעדן טאָג פלעגן פאַר אים איילנדיק דורכלויפן די חסידישע יונגעלייט, די „קעסט איידעמס״ פון גזשיבאָוו, מיט די פאַררוקטע אונטערן אויער פיאות, און מיט די שמאָלע זיידענע היטעלעך פון חסידים שטיבל אויף דער טוואַרדע גאַס.

זיי אַלע האָבן געקענט אים, דניאלן. זיי אַלע האָבן געוווּסט, וווהין ער גייט און ביי זיי אַלע האָט ער, דניאל, געהאַט עפּעס אַ באַזונדערע חשיבות דערפאַר ווייל ער געפינט זיך אין ר׳ לייזערס מחיצה.

שפּעטער האָט עפּשטיין אויפגעהערט צו גיין יעדן פרימאָרגן אויף דעם וועג. ר׳ לייזער, דער האַר פון גזשיבאָוו, האָט פאַריתומט זיינע אונטערטאַנען. זיין עלטסטער זון ר׳ לוי האָט אומזיסט געפּרוווט צו פאַרנעמען זיין פּאָטערס אָרט. און דניאל עפּשטיין האָט שוין געהאַט זיינע אייגענע עסקים און אייגענע וועגן.

פונדעסטוועגן איז פאַר אים דער וועג צום גזשיבאָווער הויז נישט פאַרפרעמדט געוואָרן. שוין נישט אינדערפרי, נאָר אין די שפּעטע אָוונטן איז ער אויף דעם וועג געגאַנגען און לייכט אָנגעשפּאַרט אָן זיין אָרעם איז געגאַנגען זי, לאַניא, ר׳ לייזערס איניקל און ר׳ לוים איינציקע טאָכטער.

שעהען לאַנג פלעגן זיי ביידע גיין אוף דעם וועג. דער גזשיבאָוו איז שוין געווען פאַרזונקען אין אַ רואיקן שלאָף און אויף דעם שמאָלן טראָ־טואַר האָבן אָפּגעהילכט די טריט פון צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן נאָר זיך אַליין געזען. דעמאָלט האָבן זיך אויף דעם גזשיבאָוו, ווו אַ גאַנצן טאָג טומלען יידן מיט האַנדל און געשעפטן, געוועבט שטילע צאַרטע חלומות פון יוגנט, פון גליק, פון ליבע. חלומות פון וועלטן ווייטע און אזוי נאָענטע צוגלייך, וועלטן וואָס פאַרכישופן, וואָס לאָקן און רופן צו זיך יונגע צאַפּלדיקע הערצער.

# אין שטורעם

דניאל עפּשטיין איז געבליבן שטיין פאַר ר' לוים הויז. דער גזשי־באָוו האָט זיך געטומלט מיט זיין געוועלעכן טאָג־טעגלעכן הור־האַ. טרעגער האָבן אויסגעלאַדעוועט וועגענער אָנגעפּילט מיט אייזן און דערביי צוגעטופּעט מיט זייערע הויכע שטיוואַליעס. סוחרים פון גאַר־וואלין און גריצע, פון קאַלושין און קאַליביעל, און פון נאָך אַזעלכע מקומות, האָבן פּאַרסאַפּעטע געאיילט פון איין קראָם אין דער אַנדערער. ביים עק גאַס איז מיט אַ גרויסן קויש געשטאַנען אַן אַלטע יידענע, מיט אַ גרויס אויסגעריבן שייטל אויפן קאָפּ וואָס האָט זיך פאַררוקט אויף אַ זייט, און גערופן צו די דורכגייער מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— בייגל, פרישע בייגל!... — קויפט, יידן, קויפט!...

די צאַרטע חלומות פון די שטילע פאַרבענקטע ביינאַכטן זענען מיט אַמאָל צערונען, און אויסגעניכטערטער איז דניאל עפּשטיין גע־שטאַנען אין מיטן גזשיבאָווער טומל.

— האַ? וואָס טו איך דאָ? נאָך וואָס בין איך געקומען?...

זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע:

— דעם צעבאַלעוועטן גבירישן טעכטערל נאָכגעלאָפן, אַ יאָ?... געלאָפן זי איבערבעטן, פאַלן צו איר פאַר די פיס, שטעלן זיך אויף דער קני, ווי אַ ריטער פון אירע פראַנצויזישע ראָמאַנען, און מיט דער האַנט אויפן הארצן און פאַרחלומטע אויגן אויסזינגען פאַר איר אַ סערענאַדע?... אהאַ? דאָס וויל זי, די אויסגעצערטלטע בת יחידקע?... און אַנישט?... אַ, אַנישט קענען געשען שרעקלעכע זאַכן. לאַניאַלע — אַזוי רופן זיי זי דאָך אין שטוב, לאַניאַלע, נישט אַנדערש ווי לאַניאַלע, — וועט זיך פילן באַליידיקט, וועט זיך פילן געקרענקט און ווער ווייסט? זי קען נאָך אויסברעכן אין אַ געוויין, לאַניאַלע, און די אויגן וועלן איר ווערן רויט און זי וועט פאַרלירן דעם אַפּעטיט און די מאַמע וועט לויפן אַ באַזאָרגטע צו הערץ דאָקטאָר...

— אָבער ווי קומסט דו, דניאל, צו דעם אַלעם? — האָט עפּשטיין פון זיך אַליין געחוזקט — וואָס גייען דיך אָן עפּעס צעבאַלעוועטע, חסי־דיש־גבירישע טעכטער? אַ ליבע האָט זיך דיר פאַרוואָלט שפּילן? אַ ליבע מיט ר' לייזערס שיינער אייניקל? נאַר זיך אַליין נישט, דו משרת־יונג (אַזוי הערט דאָך דיך ר' לוי נישט אויף צו רופן), אַ ליבע מיט יחוס

האָט זיך דיר פאַרוואָלט. ווי יעדער אויפגעקומענער גביר ווילסטו זיך איינקויפן אין יחוס און וואָס פאַר אַ גרעסערער יחוס קען פאַר אַן אַמאָליקן משרת זיין ווי צו שפּילן אַ ליבע מיט ר׳ לוים טאָכטער... אָבער זי, לאַניאַ, מאַכט זיך דאָך לוסטיק איבער דיר... פון לאַנגווייליקייט און פון פוסט־און־פּאַסטעווען האָט זי זיך אַ ביסל געשפּילט מיט איר זיידנס משרת. נישט מער ווי געשפּילט. אַזוי שפּילט זי זיך אויך אין רעוואָלוציע און אין סאָציאַליזם. מאָרגן וועט זי פאָרן צו די שניי־בערג אין זאַקאָפּאַנע און וועט זיך דאָרט אויסגעפינען אַן אַנדער שפּיל. דעמאָלט וועט זי פאַרגעסן די רעוואָלוציע און אויך דיך נאַרישער משרת־יונג...

— און וואָס, שטייסט נאָך אַלץ און קוקסט אַרויף צו די פענצטער פון ר׳ לוים הויז? וואַרטסט אפשר, אַז די דאַמע פון דיין הארץ, ווי עס שטייט באַשריבן אין די סענטימענטאַלע ראָמאַנען, שטייט באַהאַלטן אָט־דאָרט הינטער דער פאָרהאַנג און אַז באַלד וועט זיך עפענען אַ קליין פענצטערל און איר האַנט וועט צו דיר אַ פאָכע טון מיט אַ ווייס זיידן טיכל?... אדרבה, גיי אַרויף צו ר׳ לוין, גיי... דבורהלע, ר׳ לוים ווייב, וועט דאָך דיך אָנקוקן ווי אַ ווילד באַשעפעניש און ר׳ לוי וועט צומאָל נישט אַ קוק טון אויף דיר, נאָר גלאַט אַזוי אַ פרעג טון „וואָס וויל ער דאָ?” און לאַניאַ אַליין וועט דאָך ציען מיט די אַקסלען און נישט קענען פאַרשטיין די חוצפה פון אַ משרת־יונג... גזשיבאָוו, דער גאַנצער גזשיבאָוו, מיט אַלע זיינע אייזן סוחרים און טרעגער, מיט אלע זיינע משרתים און בייגל־יידענעס, מיט אַלע חסידים פון „שטיבל” און מיט אַלע דאַוונער פון סאַרדינערס שול, מיט אַלע זיינע גויאישע שבת־הייצער און גאַסן־קערער, מיטן פּריסטאַוו גאַלוכאָוו אין דער שפּיץ, וועלן זיך דאָך צוזאַמענלויפן און זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער:

— קוק אים נאָר אָן, יעקב עפּשטיינס בנאָק, נישט אַנדערש ווי ר׳ לייזערס אייניקל וויל ער האָבן!... או־וואַ!...

דניאל עפּשטיין האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט.

— ווער ווייסט, צי עס קומען שוין נישט פאַר אַרעסטן... מען דאַרף דאָך וואַרענען, מען דאַרף דאָך אויסרוימען. און איך שטיי דאָ אויפן פּלאַץ ווי אַ גולם!...

ער האָט אויפגעזוכט אַדעק ווישינסקין און ביידע זענען זיי אַוועק

צום לערער שטרוים וואָס אַלע פעדים פון דער רעוואָלוציע זענען געווען אין זיין האַנט.

אין דעם טאָג איז דניאל עפשטיין נישט געקומען אין זיין געשעפט. אין דעם טאָג איז ער צוריק מיט לייב און לעבן געווען געטריי זיין רבין קאַרל מאַרקס. ער האָט געוואָרנט אַלע באַדראָטע חברים. מען האָט געשאַפן נייע זיכערע אַדרעסן, מען האָט אין פאַרמאַכטע דראָזשקעס אַריבערגעפירט פון אָרט צו אָרט די טריפהנע ליטעראַטור. קורץ, עס איז געטון געוואָרן אַלץ, אַז דעם צאַרס זשאַנדאַרמען זאָלן גאָרנישט געפינען, אויב עס וועט זיך זיי פאַרגלוסטן צו מאַכן רעוויזיעס.

שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַהיימגעקומען, עפּשטיין, אַ מידער און דערשעפּטער. ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין בעטל, אָבער איינשלאָפן האָט ער נישט געקענט. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און — געוואַרט. טאָמער וועט ער דערהערן אירע טריט אויף די טרעפּ. טאָמער וועט די שטילקייט פון דער נאַכט איבערגעריסן ווערן פון אַ קלונג ביי דער טיר. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַ ריס געטון פון אָרט. ער האָט געמאַכט ליכט. ער האָט זיך איינגעהערט אין יעדן שאָרך וואָס איז געקומען פון דרויסן. מיט מידע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן איז ער אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט שנעל און איילעוודיק געברענגט אין אָרדענונג זיין צימער און געקוקט אויף דער טיר. אָט אָט וועט די טיר זיך עפענען און עס וועט אין איר בלייבן שטיין זי, לאַניאַ, זיין לאַניאַ...

אָבער די טיר איז געבליבן פאַרמאַכט.

שפּעטלעך איז צומאָרגנס עפּשטיין געקומען צו זיך אין געשעפט. ער האָט געטון זיין אַרבעט ווי שטענדיק, ער האָט גערעדט מיט סוחרים, האָט דיקטירט בריוו, האָט אַפילו צוריקגעשמייכלט צו די באַקאַנטע, אָבער די גאַנצע צייט זענען זיינע אויערן געווען אָנגעשפּיצט און האָבן געוואַרט, נישט אויפגעהערט צו וואַרטן אויף איר, לאַניאַס רוף...

אין די אָוונטן איז ער געגאַנגען צו די פאַרזאַמלונגען אויף דער „גרינער גאַס" און זיך צוגעהערט צו די פּלאַמיקע דרשות וועגן רעוואָלוציע און מלחמה מיטן צאַר. נאָר פון צייט צו צייט האָט ער דעם קאָפּ

אויסגעדרייט צו דער טיר, טאָמער וועט ער זי פּאָרט פלוצלינג דערזען, לאַניאַן...

און איינמאָל אין אָוונט האָט עפּשטיין אַליין נישט געוווסט ווי אַזוי ער איז פלוצלינג געבליבן שטיין ביים פענצטערל פון דער באַן־קאַסע און זיך געהייסן געבן אַ בילעט קיין זאַקאָפּאַנע.

ער איז אַהין קיין זאַקאָפּאַנע נישט געפאָרן, ניין, ער וועט נישט נאָכלויפן דער גבירישער טאָכטער, נאָר דער בילעט אין זיין טאַש האָט אים פּאָרט לייכטער געמאַכט זיין אומזיסט וואַרטן אויף לאַניאַן...

לאַניא איז מער צו דניאל עפּשטיינען נישט געקומען. זי האָט מער פון אים נישט געוואָלט הערן און ווי סן. אַזוי יעדנפאַלס האָט זיך איר לאַנג, לאַנג אויסגעדאַכט.

מיידלשע חלומות זענען נישט שטענדיק זיס. טיילמאָל זענען זיי ביטער, אָבער שטענדיק זענען זיי אפילו מיט זייער ביטערקייט טייער. שלעכט איז ווען מען מוז זיך פאַר זיך אַליין שעמען מיט דעם טרוים.

און לאַניא האָט זיך געשעמט. אַ גאַנצע נאַכט פריער האָט זי גע־טרוימט וועגן איר וועג צו דניאלן.

עס איז איר נישט לייכט אָנגעקומען צו מאַכן דעם וועג. זי איז שוין געווען רעזיגנירט און אונטערגעגעבן. דאָס גרויסע גזשיבאָווער הויז איז געווען שטאַרקער פאַר דער אויסגעצערטלטער בת־יחידה. און אַ רעזיגנירטע איז זי אין אָוונט אַריין אין איר מיידלש צימער, וואָס איז געווען פול מיט די צאַרטע קלאַנגען פון סלאָוואַצקים לידער.

אין מיטן דער נאַכט איז ווי אַ הייסער שטורעם דורכגעלאָפן איר לייב. זי איז אַראָפּ פון בעט און געמאַכט ליכט. איר לייב האָט געפלאַמט און אירע אויגן האָבן באַקומען עפּעס אַ פרעמדן אומהיימלעכן גלאַנץ. מיט דעם אור־אַלטן קול פון אַ דערוואַכטער פרוי האָט איר לייב געשריגן:

— אַרויס פון דאַנען! אַרויס פון דעם הויז וואָס שטיקט מיך מיט זיין אַטלאַס און זייד, מיטן ריח פון זיינע שטריימלען און הבדלה ליכט!... אַרויס, אַרויס אויף דער פרישער לופט ווו מען קען אָטעמען און לאַכן און זינגען און ליבן!...

זענען אויף איר שטומען געשריי געקומען אָנצולויפן די שאָטנס פון גזשיבאָווער הויז. אין גלאַנציקע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און מיט הויכע

קאַלפּאַקעס אויף די קעפּ זענען זיי געקומען. מיט גרויסע שוואַרצע און גרויע בערד האָבן זיי פאַרשטעלט דניאלן דעם וועג. די שטענדיקע שטאַם־געסט פון גזשיבאָווער הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט און לאַניא האָט גע־הערט ווי איר פאָטער ר' לוי האָט זיך ביי די יידן געבעטן:

— הייליקע רבים, ראַטעוועט מיין איינציקע טאָכטער...

און די רבים האָבן צו איר גערעדט מיט האַרבע שטימעס:

— אַ יידישע טאָכטער טאָר נישט רעדן אַזעלכע רייד... אַ יידישע טאָכטער מוז זיין צניעותדיק און פרום און מוז האָרכן טאַטע־מאַמע...

נאָר זי, לאַניא, האָט ווילד געשריגן:

— איך וויל נישט, איך וויל נישט!...

און זי האָט גענומען רעדן אַזעלכע רייד וואָס די ווענט פון גזשי־באָווער הויז האָבן נאָך נישט געהערט.

האָבן די גוטע יידן מיט אַ זיפץ זיך פאַרשטאָפּט די אויערן און זענען אין געאיילעניש ארוים קרעכצנדיק:

— ווי צו די אויערן, וואָס הערן דאָס...

דעמאָלט איז דבורהלע געקומען אָנצולויפן. מיט אַלע פרומע גבאי־טעס און רביצינס מיט גרויסע הויפטן וואָס האָבן אַזש זייערע שטערנס פאַרדעקט איז זי געקומען צו לויפן כדי צו ראַטעווען איר קינד.

און די רביצינס האָבן גערעדט מיט דינע פרומע שטימעלעך:

— שאַ, שאַ, טאָכטערשי... האָב נישט קיין מורא... דאָס האָבן זיי, די נישט גוטע, דיך געוואָלט אַריינקריגן... אָבער די הייליקע צדיקים מיען זיך פאַר דיינעטוועגן און מיטן אייבערשטנס הילף וועסטו זיין אַ כשרע פרומע יידישע טאָכטער...

נאָר זי, לאַניא, האָט זיי געלאַכט אין די אויגן אריין, די רביצינס, און האָט געשריגן צו זיי:

— איך וויל נישט, איר הערט, איך וויל נישט זיין גוט און פרום!...

איז אַ שרעק באַפאַלן די רביצינס פון אַזעלכע רייד און זיי זענען איינציקווייז פאַרשוווּנדן אין שאָטן פון דער נאַכט...

לאַניא האָט שווער געעפנט די אויגן. זי האָט זיך איצט געפילט פרייער און לייכטער. עפּעס אַ שווערע לאַסט איז אראָפּגעפאַלן פון אירע פּלייצעס, אַ לאַסט וואָס האָט זי געדריקט, די לאַסט פון גזשיבאָווער

הויז. איצט איז זי פטור געוואָרן פון דער לאַסט. אין הלום האָט זי זיך מיט דער לאַסט געזעגנט. געזעגנט מיט דעם גזשיבאָווער הויז, מיט זיין יחוס און מיט זיין יידישקייט. איצט איז זי פריי. איצט וועט זי טון מיט איר לעבן וואָס נאָר זי וועט וועלן. איצט וועט זי זיך מער נישט לאָזן פון קיינעם שטערן. איצט וועלן מער נישט העלפן דעם טאַטנס געשרייען און דער מאַמעס געבעט.

אַ ווײַלע איז לאַניאַן אײַנגעפאַלן שוין איצט אין מיטן דער נאַכט צו פאַרלאָזן דאָס גזשיבאָווער הויז. אַלע שלאָפן. קיינער וועט איר נישט שטערן. איצט וועט זי אַרויס און אַוועק צו אים, צו דניאל עפּשטיינען...

דער שטאָלץ פון ר׳ לייזערס אייניקל האָט זיך אין לאַניאַן דער־וועקט. ווי אַ גנב אַנטלויפן פון שטוב?! איך?! ניין, לאָמיך זען ווער עס וועט מיר פּרוּוון פאַרשטעלן דעם וועג!...

צומאָרגנס אין דער פרי האָט לאַניאַ אַ רואיקע און באַהערשטע זיך געגרייט. זי האָט שוין נישט געקלערט וועגן דעם הויז אויף גזשיבאָוו וואָס זי פאַרלאָזט, נאָר וועגן דעם נייעם לעבן וואָס זי וועט אָנהויבן מיט אים, מיט דניאל עפּשטיין.

דבורהלע איז געווען דערשטוינט צו זען איר טאָכטער אַזוי פרי זיך צוצוגרייטן צו גיין אין גאַס. און עפּעס האָט איר אויך אין איר טאָכטערס אויסזען געשראָקן. אין די לעצטע טעג נאָך דעם אומגליק מיטן פּריסטאַוו גאָלוכאָוו, וועלכער איז געקומען וואָרענען לאַניאַס עלטערן, אַז זייער טאָכטער חברט זיך, דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין, מיט די „סיציליסטן און שטרייקערס" און נאָכדעם ווי זי און ר׳ לוי האָבן אָפּגעמאַכט אַוועקצושיקן אויף אַ צייט די טאָכטער קיין זאַקאָפּאַנע, האָט דבורהלע שוין געמאַכט אַזוי, נישט איבערצולאָזן דאָס קינד אויף אַ רגע נישט אַליין.

איז דעריבער דבורהלע אַ באַאומרואיקטע צו צו איר טאָכטער און געפרעגט:

— וווּהין עפּעס אַזוי פרי, לאַניאַלע?

— איך דאַרף, מאַמע — האָט לאַניאַ גערעדט צו איר מוטער מיט עפּעס אַ פרעמדער שטים.

לאניאס אויגן האָבן דערביי געהאט אַזאַ אויסדרוק, וואָס האָט איר מוטער נאָך מער דערשראָקן.

— דו ווייסט דאָך, קינד, אַז דער טאַטע... — האָט דבורהלע אַ פּאַרלאָרענע געשטאַמלט. —

— דער טאַטע האָט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן! — האָט לאַניא גערעדט מיט קאַלטער שנאה — גאָרנישט, דו הערסט?!...

— אָבער, קינד מיינס... — האָט די שטילע דבורהלע פונאַנדער־געשפּרייט אירע הענט ווי צו באַשיצן איר טאָכטער פון עפּעס אַ נישט־געזעענעם מעכטיקן פיינט.

לאַניא האָט זיך בייז באַפרייט פון איר מוטערס הענט און געזאָגט:

— וועסט בעסער טון, מאַמע, מיר נישט צו שטערן...

— קומסט באַלד צוריק? — האָט דבורהלע נישט געוואָלט פאַר־לירן איר לעצטע האָפענונג.

— איך ווייס נישט — האָט לאַניא טרוקן געענטפערט.

— וואָס איז געשען, טאָכטערשי, — איז דבורהלע צוגעפאַלן צו איר און נישט געוואָלט לאָזן פון זיך.

—מאַמע, איך מוז גיין — איז לאַניאס שטים געווען האַרט און גרויזאַם.

דבורהלע איז אַ דערשראָקענע צוריקגעטרעטן פון איר טאָכטער. אַ פרעמדע, אַ פיינטלעכע איז לאַניא געשטאַנען פאַר איר מוטער.

— גיי, קינד מיינס — האָט אַ טרער זיך אַראָפּגעקייקלט פון דבורהלעס אויגן — און געדענק, קינד מיינס, אַז דער מאַמעס האַרץ וואַרט שטענדיק אויף דיר.

לאַניא האָט האַסטיק געעפנט די טיר. זי האָט פריי אָפּגעאָטעמט, אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס.

זי האָט מער נישט געדענקט אָן דער מוטער. זי האָט זיך שוין געזען אין עפּשטיינס אָרעמס, געטראָגן ווייט, ווייט פון גזשיבאָוו מיט זיינע שווערע קאַפּאָטע־יידן, געטראָגן אין עפּעס אַן אַנדערע פרייע וועלט פון ליבע און פרייד, פון יוגנט און געזאַנג.

אַ פריידיקע שוועבנדיקע איז זי געגאַנגען איבער דער גאַס. איר פּנים, אירע אויגן, איר גאַנץ וועזן איז געווען איין פריידיק געזאַנג.

מיט באַוווּנדערונג האָבן די דורכגייער אויף דער גאַס איר נאָכגעקוקט. לאַניאַס צעשיינט פּנים האָט אויך זייערע פאַרכמורעטע פּנימער געמאַכט אויף אַ ווײַלע אויפגעשיינען.

און אַזוי איז זי געקומען צו אים, צו דניאל עפּשטיין. און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מתנה, וואָס זי האָט אים געבראַכט. ער האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך — ער האָט זי געשיקט קיין זאַקאָפּאַנע...

ביז היינט ווייסט זי נישט, ווי אַזוי זי איז אַרויס פון אים און ווי אַזוי זי האָט געטראָפן אַהיים. זי איז געלאָפן איבער דער גאַס מיט אויגן וואָס זענען געווען ווי בלינד, אויגן וואָס האָבן געברענט פון בושה. דעם צאַרטסטן מיידלשן טרוים האָט זי אים אַנטקעגנגעטראָגן, און ער האָט מיט די פיס איר חלום צעטרעטן.

דבורהלע האַרץ האָט אויפגעציטערט, ווען זי האָט איר טאַכטער דערזען. ווי אַ פאַרוועלקטע בלום האָט זי אויסגעזען, לאַניאַ, ווען זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר מיט אַ שטאַרן בליק.

דבורהלע האָט גאָרנישט געפרעגט. זי האָט נאָר אַרומגענומען איר טאַכטער און שווייגנדיק געגלעט אירע האָר און פּנים.

לאַניאַ האָט זיך געטוליעט צו איר מוטער ביז וואַנען עס איז געקומען די אויסלייזונג — די טרערן.

לאַנג האָט לאַניאַ געוויינט אויפן שויס פון איר מוטער און כליפּענדיק ווי אַ קינד גערעדט:

— כ׳וויל פאָרן, שוין פאָרן...

— שוין, שוין, טאָכטער, פאָרן מיר — האָט זי איר טאָכטער איינגענומען ווי אַ קינד.

דבורהלע האָט אויך שפּעטער נישט געפרעגט, וואָס עס איז געשען מיט לאַניאַן. זי האָט דעם סוד באַגראָבן אין האַרץ און אים אפילו פאַר איר מאַן לוין נישט פאַרראַטן.

אין געאייל זענען זיי געפאָרן קיין זאַקאָפּאַנע און אין געאייל האָט דאָרט לאַניאַ זיך איינגערעדט, אַז זי האָט זיך „פון ערשטן אויגנבליק שטערבלעך פאַרליבט״ אין אים, אין משהלע ברוידע, וועלכן מענדעלע שדכן האָט אַראָפּגעבראַכט צו איר פון קראָקע.

לאַניאַ האָט פריילעך און זאָרגלאָז פאַרבראַכט די טעג אין באַרגיקן

זאקאפאנע. זי האט זיך געגליטשט איבער די הויכע שניי־בערג, וואס האבן זיך געטונקען אין דער ווינטער־זון, און הויך געלאכט.

איר געלעכטער האט געשראקן די שטילע דבורהלע. א באזארגטע האט זי ארומגענומען איר טאכטער און געפרעגט:

— וואס איז דיר, טאכטער מיינע?

לאניא האט זיך נאך העכער צעלאכט:

— ס׳איז מיר גוט, מאמע, אוי ווי גוט... משהלע געפעלט מיר... ער איז א שיינער בחור, נישט וואר, מאמע?...

די דאזיקע רייד האבן נאך א גרעסערע שרעק אנגעווארפן אויף דער שטילער דבורהלע. ניין, נישט אזוי רעדן יידישע טעכטער אויפן גזשיבאוו וועגן זייערע באשערטע, נישט אזוי...

און עפעס האט אויך דאס מאמע־הארץ נישט געגלויבט אין איר טאכטערס פריילעכקייט און געלעכטער. עפעס אומהיימלעך פרעמד האט אין אירע אויערן אפגעקלונגען לאניאס געלעכטער און עפעס האט זי ארויסגעפילט אומעט אין דער שרייענדיקער פריילעכקייט.

דבורהלעס ליפן האבן געשעפטשעט א תפילה, ווען זי האט אריינגעווארפן א מטבע אין דער „פושקע פון ר׳ מאיר בעל נס״, און ווי א שאטן איז זי נאכגעגאנגען איר טאכטער.

— רו זיך אביסל אפ, טאכטער — האט זי געבעטן זעענדיק, ווי לאניא קען א מינוט אליין נישט איינזיצן אין שטוב, געטריבן פון עפעס אן אומרו.

נאר לאניא האט נישט געוואלט בלייבן אליין מיט איר מוטער. די מוטערס אויגן האבן צופיל געוואלט וויסן, האבן צופיל פון איר געפאדערט.

— ניין, מאמע — האט זי געלאכט — איך מוז גיין. משהלע ווארט. ער וועט מיך אין א שליטן פירן קיין „מארסקע אקא״ וואס דער דיכטער טעטמאיער האט אזוי הערלעך באזונגען...

משהלע ברוידע האט אויף איר געווארט האלטנדיק אין האנט די לייצעס פון א קליינעם בארג־שליטן.

— דו וועסט פירן? — האט לאניא זיך געוווּנדערט.

— געוויס איך!... — איז משהלע געווען שטאלץ.

— ביי אונדז אין ווארשע — האָט לאַניאַ געזאָגט — גיבן זיך אָפּ בחורים פון חסידישע הייזער מיט דער גמרא און נישט מיט שליטן...

— און ביי אונדז, קראָקאָווער ברוידעס, קען מען בעסער לערנען פאַר די ווארשעווער בטלנים, אָבער מען ווייסט אויך פון אַנדערע זאַכן... וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייטן איז צו לייטן...

משהלע האָט האָפּערדיק אַ שמייץ געטון דאָס פערד וואָס האָט זיך געלאָזט אין אַ שטילן גאַלאָפּ איבער דעם פוכיקן שניי.

פריילעך האָבן איבער די שניי־ווייסע בערג געקלונגען די שליטן־גלעקלעך. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אונטער דער וואַרעמער זון זיך צו קאָלערן איבער די בערג מיט א פריידיקן ציטער, אַז אָט־אָט און דו פאַרשווינדסט אין אָפּגרונט און דערביי צו לאַכן, ווען דו קומסט אַרויס אַ נישט־באַשעדיקטער פון צווישן די שניי־כוואַליעס.

מיט איין האַנט די לייצעס, האָט משהלע מיט דער אַנדערער האַנט לייכט ארומגענומען לאַניאַן.

זי האָט אים נישט געשטערט. אין דער ארומיקער ווייסקייט האָט לאַניאַ פאַרגעסן אַז איר חרפּה אין עפּשטיינס שטיבל. זי האָט זיך גוט געפילט אין דער מענערישער אומאַרמונג וואָס איז געוואָרן דרייסטער און שטאַרקער.

ביי יעדן שפּרונג איבערן באַרג האָט דער שליטן זיך צעהוידעט. לאַניאַ איז נישט ווילנדיק ארויפגעפאַלן מיט איר יונג צעוואַרעמט לייב אויף משהלען און ביידע האָבן געלאַכט.

משהלע האָט זיך געפילט שטאָלץ וואָס ער קען לאַניאַן דערקלערן אַלע שיינקייטן פון „מאַרסקע אָקאָ" און וואָס ער געדענקט פון אויסנווייניק די „געשיכטע" פון וויספיאַנסקין און טעטמאַיער.

ער איז באַגייסטערט, האָט ער געזאָגט, פון דער פּאָעזיע און פון דער נאַטור און פון איר, לאַניאַן. דאָס אַלץ האָט ער אין אַ געבלימלטער מליצה־שפּראַך מיט ציטאַטן פון געטע און שילער דערקלערט לאַניאַן.

לאַניאַ האָט זיך געלאָזט קושן פון דעם שיינעם קראָקאָווער בחור, וועלכער האָט מיט גאווה דערציילט, אַז ביי אונדז אין קראָקאָ און ווין איז מען נישט „אַזוי פינצטער" ווי אין ווארשע און מען פאַרשטייט

אַזעלכע זאַכן. דאָרט לייענען אַפילו פרומע חסידישע יידן די „נייע פרייע פּרעסע" און אָפּגעהיטענע חסידישע טעכטער גערענקען פון אויסנווייניק די „געשיכטע" פון היינע...

לאַניאַ איז געווען באַרוישט. זי איז נישט געוווינט געווען צו אַזעלכע רייד. אויפן גזשיבאָוו אין וואַרשע קוקן נישט די בחורים אויף מיידלעך. זיי גייען איבער דער גאַס מיט אַראָפּגעלאָזענע צו דער ערד אויגן. און זיי ווייסן נישט פון היינע, שילער און געטע. און דעם נאָמען פון וויספּיאַנסקין און זיין יידישער העלדין ראַכעלאַ האָבן זיי אין זייער לעבן נישט געהערט. און זיי פאָרן נישט מיט קיין שליטן איבער די שניי־בערג פון זאַקאָפּאַנע. און ווען זיי קומען „אויף אַ קוק" מיט זייער באַשערטער, וואָס טאַטע־מאַמע האָט פאַר זיי אויסגעקליבן, קוקן זיי זיך דערשראָקן אַרום און ווערן רויט און ווייסן נישט וואָס מיט זייערע אויגן צו טון...

לאַניאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דניאלן ווי ער שטייט אין זיין צימער און האַלט זיך מיט ביידע הענט אָן אַ דערשראָקענער אָן דעם טיש.

— שרעק זיך נישט — האָט זי פון עפּשטיינען געשפּעט — איך וועל מער צו דיר נישט קומען... איצט ווייס איך ווער דו ביסט... דו ביסט דאָך דער זעלבער צעשראָקענער חסידישער חתן פון שטיבל, כאָטש דו האָסט זיך אָפּגעשוירן די באָרד... ניין, ניין, שרעק זיך נישט, נאַרישער משרת פון מיין זיידן... דו וועסט מיך מער נישט זען... אַ ניין!...

לאַניאַ האָט געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן (אַזוי האָט זיך איר עדנפאַלס אויסגעדאַכט) — אויף דעם שיינעם קראָקאָווער בחור. ער וועט זי אַרויספירן פון דעם גזשיבאָווער שטיקעניש. ער וועט זי ברענגען אין דער גרויסער וועלט. מיט אים וועט זי קענען פירן אַ לעבן פון פרייד און פון פרייהייט. מיט אים וועט זי פאָרן קיין ווין און קיין פּאַריז, מיט אים וועט זי פריי אָפּאָטעמען.

שפּעט פאַרנאַכט האָט זי משהלע געבראַכט צוריק אין שליטן. אַ צערויטלטע, אַ צעוואַרעמטע איז זי אַרויפגעפאַלן אויף דער מוטער.

— עס איז געווען זייער אָנגענעם, מאַמע, זייער... — האָט זי געוואָלט כאָטש דער מוטער מיטטיילן איר צופרידנהייט.

— אָ, ווען זי קען דאָס זאָגן אים, עפּשטיינען!...

און לאַניאַ האָט זיך געדאַכט אַז ער, עפּשטיין, וועט הערן ווען זי האָט צו דער מוטער גערעדט:

— ער געפעלט מיר זייער, משהלע ברוידע...

די שטילע דבורהלע האָט געקוקט פאַרשנדיק אין די אומהיימלעך־גלאַנצנדיקע אויגן פון איר בת־יחידה און געפּליסטערט אַ געבעט:

— הלוואַי, רבונו של עולם, הלוואַי...

דבורהלע האָט אין די דאָזיקע טעג נישט דערקענט טייל מאָל איר טאָכטער. איר שיינקייט האָט באַקומען אַ באַזונדערן רייץ. אין אירע אויגן און אויף איר פנים און אין איר יונגן לייב איז געווען עפּעס אויפפאָדערנדיקס, עפּעס מאָנענדיקס, וואָס האָט יעדן פאַרבייגייעדיקן מאַן געצווונגען זיך אָפּצושטעלן און איר נאָכקוקן.

לאַניאַ האָט געפילט די דאָזיקע בליקן פון באַגער, וואָס האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט און מיט איר שמייכל זיי נאָך פאַרשטאַרקט און גערייצט. אין די אַלע בליקן פון די פרעמדע און גלייכגילטיקע מענער האָט זי געזען נאָר אים, דניאל עפּשטיינען. דורך זיי האָט זי פון אים, דניאלן, געשפּעט:

— זעסט, פון היינט אָן זע איך נאָר אים, דעם שיינעם קראָקאָווער יונגנמאַן...

און זי האָט געלאַכט. נאָך קיינמאָל אין איר לעבן האָט לאַניאַ אַזוי פיל נישט געלאַכט ווי אין אירע כלה־טעג אין זאַקאָפּאַנע.

און אויך שפּעטער נאָך דער חתונה האָט זי נישט אויפגעהערט צו לאַכן. אירע פריינדינס און אויך זיך אַליין האָט זי יעדן טאָג נישט אויפגעהערט צו פאַרזיכערן:

— איך בין גליקלעך...

אַלע האָבן אין איר גליק געגלויבט. אַפילו די שטילע דבורהלע האָט זיך באַרויקט. אויך זי האָט אָנגעהויבן גלויבן אין דעם גליק פון איר טאָכטער מיט משהלע ברוידע.

נאָר אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, ווען לאַניאַ איז וואַכעדיק געלעגן אויף איר בעט, ווען פינצטערניש האָט איינגעהילט דאָס הויז אויף גזשיבאָוו און זי האָט איר אייגן פנים נישט געקענט זען, האָט עפּעס אַ

## אין שטורעם

שווערער קרעכץ זיך פון צייט צו צייט ארויסגעריסן פון לאניאס האַרץ. קיינער האָט דעם קרעכץ נישט דערהערט. אויך דאָס מאמע־האַרץ פון דבורהלען האָט דעם באַהאַלטענעם ווייטיק פון איר טאָכטער נישט אַרויסגעפילט. און ער, משהלע ברוידע, איז געלעגן אַנטקעגנאיבער אין בעט און הויך געכראָפּעט.

נאָר אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען משהלע ברוידע האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן צו ווערן אויף גאַנצע נעכט פון דער שטוב און לאניא איז געלעגן אַן איינזאַמע אין איר בעט מיט אָפענע אויגן, האָט זי, לאניא, שטיל און רעזיגנירט אויפגענומען איר שיקזאַל.

— איך טאָר נישט האָבן קיין טענות צו אים, משהלען... אפשר בין איך מער שולדיק... איך האָב דאָך נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דניאלן...

לאניא האָט מיט שרעק פאַרטריבן פון זיך דעם געדאַנק.

— נאָר נישט קלערן... נאָר נישט טראַכטן...

## קאפיטל 3

# דניאל עפשטיין דערזעט בערטען

יעדן אינדערפרי האָט דניאל עפשטיין א קוק געטון אין זיין טאַש צו זען, צי ער האָט דעם באַן־בילעט קיין זאקאָפּאנע. און יעדן אינדערפרי האָט ער צו זיך געזאָגט די זעלבע ווערטער:

— ניין, איך וועל נישט פאָרן...

לאניאס פריינדינס האָבן אים מיט צופרידענע שעלמישע שמייכלען דערציילט, ווי גוט לאניא פארברענגט איר צייט אין זאקאָפּאנע. זי שרייבט אַזעלכע פריילעכע בריוו. און זי מוז האָבן א זייער אנגענעמע געזעלשאפט דאָרט. באַזונדערס שרייבט זי פיל וועגן דעם „יונגן הער ברוידע פון קראָקע". א זייער אינטערעסאנטער מענטש זעט ער אויס צו זיין לויט לאניאס בריוו...

לאניאס פריינדינס האָבן אזוי רעדנדיק אומשולדיק געשמייכלט און פאָרשנדיק געקוקט אויף עפשטיינס פארשלאָסן געזיכט.

עפשטיין האָט רואיק און גלייכגילטיק זיך צוגעהערט צו די רייד ווי מען הערט זיך געוועגלעך צו צו א גאָרנישט זאָגנדיק מיידלש פּלאַפּלעריי.

נאָר ווען ער איז געבליבן אליין, האָט זיך זיין פנים אויסגעקרימט פון ווייטיק.

— דער הער ברוידע איז זייער אן אינטערעסאנטער מענטש... — האָט אים נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אויערן.

דער וואָרעם פון אייפערזוכט האָט געפרעסן עפשטיינס האַרץ, און זיין כעס איז געוואַקסן. דער כעס אויף דער צעבאַלעוועטער חסידישער

טאַכטער, וועלכע ווילט זיך אַזוי גוט מיט דעם „אינטערעסאַנטן הער ברוידע״ און עס פֿאַלט איר צומאָל נישט איין אַ טראַכט צו טון וועגן אירע פּאַרטיי־חברים און חברטעס, וואָס האָבן נישט קיין איבעריק געלט צו קענען פֿריילעך פֿאַרברענגען די צייט אין די שניי־בערג און זיי קענען יעדע מינוט געשיקט ווערן פֿון די צאַרישע זשאַנדאַרמען קיין סיביר.

— זי זאָל אָנשרייבן כאָטש אַ בריוול און זיך אָנפֿרעגן — האָט עפּשטיין זיך באַמיט צו שטאַרקן אין זיך זיין כעס אויף לאַניאַן.

עפּשטיין האָט געוווסט, אַז ער בייזערט זיך אומזיסט. ער האָט געוווסט, אַז וועגן זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיט זשאַנדאַרמען שרייבט מען נישט קיין בריוולעך, אָבער טאַקע דערפֿאַר, ווייל ער האָט דאָס געוווסט, איז זיין כעס נאָך גרעסער געוואָרן.

— אָבער צו מיר אַ בריוול האָט זי דאָך געמעגט אָנשרייבן... — האָט ער אומזיסט געזוכט אין זיין טעגלעכער פּאָסט לאַניאַס בריוול.

— נאָר איינער — האָט עפּשטיין פֿון זיך אַליין געחוזקט — זי האָט דאָך שוין דעם אינטערעסאַנטן הער ברוידע...

און דעמאָלט האָט דניאל עפּשטיין צום ערשטן מאָל דערזען זי, בערטען.

אייגנטלעך האָט ער אויך פֿריער געקענט זיין קאַסירערין. זי, בערטע, איז געווען אפֿילו אַ ווייטע, אַ ווייטע קרובֿה, און ער אַליין האָט זי אַנגאַזשירט. און יעדן טאָג האָט ער זי געזען ביי זיך אין געשעפֿט און מיט איר גערעדט ווי מיט די אַנדערע אָנגעשטעלטע זיינע. דאָס מאָל אָבער האָט דניאל עפּשטיין זי דערזען מיט די אויגן פֿון אַ מאַן, וואָס דערזעט אַ פֿרוי...

ער האָט פּלוצלינג דערפֿילט אויף זיך איר בליק. ער האָט אַ שמייכל געטון צו איר און ער האָט געזען ווי אירע אויגן קוקן אויף אים מיט אַזאַ געטריישאַפֿט און איבערגעגעבנקייט, אַז עפּשטיין האָט דערפֿילט אַ כוואַליע פֿון וואַרעמער מוטערלעכער ווייבלעכקייט נעמט אים אַרום.

בערטעס אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט טרויער ווי זיי וואָלטן אים פֿאַרשטאַנען און מיטגעפֿילט און גלייכצייטיק האָבן זיי אים געטרייסט און געמוטיקט און געגלעט.

דניאל איז אין דעם טאָג עטלעכע מאָל אַרויס פֿון זיין קאַנטאָר

און איז צו צו בערטען בלויז צו זען אירע שמייכלדיקע צו אים אויגן.
נאָך דער אַרבעט האָט עפּשטיין זי פאַרהאַלטן און געפרעגט:
— האָסט אפשר אַ פרייען אָוונט היינט, בערטע?
— יאָ — האָט בערטע קורץ און פשוט געזאָגט, נאָר אירע אויגן האָבן צו אים געלאַכט:
— פאַר דיר האָב איך שטענדיק צייט...
— כ׳מיין נישט אַרבעט — האָט עפּשטיין געשמייכלט — עס ווילט זיך אַמאָל פאַרברענגען...
— מיט פאַרגעניגן — האָט בערטע ווי פריער קורץ געענטפערט, נאָר אירע אויגן האָבן צו אים גערעדט:
— איך וואַרט שוין לאַנג אויף דער איינלאַדונג, זייער לאַנג... דו ווייסט עס נישט... יאָ, איך ווייס, דו האָסט מיך ביז איצט נישט געזען... דו האָסט געקוקט אויף מיר יעדן טאָג און מיך פאַרט נישט געזען... דו האָסט גערעדט וועגן געשעפטן, אָבער אין דער אמתן האָסטו דאָך מיך רעכט נישט געהערט, נישט אמת?... און דו ווייסט נישט, אַז איך זע נאָר דיך, נאָר דיך... און אַז איך בין גרייט פאַר דיר אויף אַלץ, אויף אַלץ...

איצט ערשט האָט עפּשטיין באַנומען די דאָזיקע מיסטעריעזע אויגן־שפּראַך פון אַ פרוי וואָס ליבט. ער איז געווען טיף גערירט פון דער אומ־געריכטער אַנטדעקונג. וואָס גייט אים פון היינט אָן דאָס צעבאַלעוועטע גבירישע מיידל פון גזשיבאָוו מיט אירע יחסנישע קאַפּריזן... זאָל איר וויל באַקומען דער „אינטערעסאַנטער הער ברווידע"... ער האָט טאַקע אין טאַש אַ באַן־בילעט קיין זאַקאָפּאַנע, אָבער ער וועט איר נישט נאָכלויפן לאַניאַן. אָ, ניין!... איצט גייט ביי זיין זייט זי, בערטע, אין זיינע הענט פילט ער דעם ציטער פון איר אָרעם... ערשט איצט ווייסט ער, עפּשטיין, אַז זי, בערטען, האָט ער שטענדיק געזוכט... אַ מיידל פון אַן אָרימער ערלעכער יידישער שטוב, וואָס האָט נישט קיין קאַפּריזן, וואָס קען דאָס האַרטע לעבן און האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט נאַרישע טרוימען וועגן פרינצן און ריטער פון די סענטימענטאַלע ראָמאַנען פון די קליינבירגערלעכע שרייבער... זי, בערטע, איז אַ מענטש פון אַרבעט און זי וועט וויסן ווי צו שעצן זיינע, עפּשטיינס, שווערע אָנשטרענגונגען. ביי איר, בערטען, וועט ער געפינען רו. פון איר וועזן שטראַלט אַרויס אַזאַ

וואַרימע מוטערלעכע ווייבלעכקייט, אַז עס ווילט זיך אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויף איר אָרעם און פאַרשליסן די אויגן...

דניאל עפּשטיין האָט אַלע פרייע אָוונטן פאַרברענגט מיט בערטען. ער האָט זי געפירט אין די וואַרשעווער טעאַטערס און אין דער פילהאַר־מאָניע און ער איז מיט איר געגאַנגען אין די נאַכט־לאָקאַלן, אין וועלכע דער פרייליכער דעוויז איז געווען: וויין, געזאַנג און פרוי...

אַ רואיקע און באַהערשטע האָט בערטע מיט אַ גוטן, קלוגן שמייכל באַגלייט עפּשטיינען. זי האָט זיך געקליידט איינפאַך און מיט געשמאַק און זי האָט נישט געענדערט אירע גלאַט פאַרקעמטע האָר מיט אַ גלייכן שריינט אין דער מיט אויף די מאָדערנע שרייעוודיקע פריזורן. זי האָט גע־טאַנצט און געטרונקען מיט עפּשטיינען און זיינע פריינט אין די נאַכט־לאָקאַלן, נאָר איינמאָל האָט זי אומבאַמערקט אַרויסגענומען פון עפּשטיינס האַנט דאָס גלאָז וויין און אים איינגערוימט מיט איר גוטן שמייכל:

— גענוג אויף היינט, נישט וואָר, דאַניעלו?...

עפּשטיין איז געווען גערירט פון דער דאָזיקער דיסקרעטער זאָרג און געגלעט אירע לאַנגע פינגער.

און איינמאָל האָט זי עפּשטיין געפרעגט:

— ווען האָבן מיר חתונה, בערטע?...

— ווען דו וועסט האָבן אַ פרייען טאָג — האָט בערטע רואיק גע־שמייכלט, נאָר אירע אויגן האָבן צו אים גערעדט:

— איך בין גליקלעך... גליקלעך...

אויך דניאל עפּשטיין האָט זיך געהאַלטן פאַר גליקלעך, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט בערטען. ער איז איר נישט נאָכגעלאָפן, דאָס אויס־געכאַליעטע גבירישע מיידל פון גזשיבאָוו. יאָ, ער ווייסט, זי האָט זיך טאַקע פאַר אַ מאָן גענומען דעם קראָקעווער „הער ברווידע״, אָבער אים, עפּשטיינען, גייט עס מער נישט אָן. ער האָט בערטען. ווי רואיק און שטיל זי מאַכט אַלץ.

— זי איז אַזוי שטיל און רואיק, דיין ווייב — האָט פון צייט צו צייט עפּעס אַן אינערלעכע שטים ווי מיט חוזק אַריינגעפּליסטערט אין אויער — אַז דו קענסט פאַרגעסן, אַז זי געפינט זיך נעבן דיר...

עפּשטיין האָט דעם געדאַנק פאַרטריבן ווי אַ זלידנע פליג.

— בערטע איז מיין גליק — האָט ער געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן זיך אַליין.

און ער האָט געוואָלט גלויבן אין זיינע אייגענע פאַרזיכערונגען. נאָר איינמאָל איז דער דאָזיקער גלויבן דערשיטערט געוואָרן. עס איז געווען אַ רואיקער און שטילער אָוונט. איינער פון די זעלטענע אָוונטן, ווען עפּשטיין האָט געהאַט צייט צו פאַרברענגען אין זיין שטוב אַליין מיט בערטען.

עפּשטיין איז געזעסן אין זיין פאָטעל, אין שלאָפראָק און שטובּ-לאַטשן. בערטע האָט אָקעגנאיבער רואיק געשטריקט. אַ שמאָל, טונקל-רויט-מאַהאָן-טישל האָט זיי פונאַנאַנדערגעטיילט. ביידע האָבן מערסטנס געשוויגן און נאָר פון צייט צו צייט זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ שמייכל. עפּשטיינס אויגן זענען געווען געווענדט צו דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר און עס געהאַלטן צווישן זיינע פינגער.

נישט קוקנדיק, האָט ער דאָס פּאַפּיר איינגעריסן און שוין געוואָלט אַריינוואַרפן אין דעם אַש-בעכער וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טישל. זיינע אויגן זענען מיטאַמאָל געפאַלן אויף דעם צעקנייטשטן שטיקל פּאַ-פּיר. ער איז בלייך געוואָרן —

— אַ!... — האָט זיך פון זיין מויל נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן.

— וואָס איז, דניאל? — האָט בערטאַ זיך איבערגעבויגן איבערן טישל און געקוקט אויף דעם איינגעריסענעם און צעקנייטשטן פּאַפּיר.

— נאַרישקייטן — האָט עפּשטיין אין פאַרלעגנהייט געשמייכלט

— אַן אַלטער באַן-בילעט קיין זאַקאָפּאַנע... עס דערמאָנט מיך אין עפּעס...

ער האָט זאָרגפעלטיק אויסגעגלייכט דעם איינגעריסענעם באַן-בילעט און אים אַריינגעלייגט אין זיין טייסטער.

בערטאַ האָט מער נישט געפרעגט. אירע רואיקע גרינלעכע אויגן האָבן נאָר אויף איין מאָמענט אויפגעבליצט. געווען אַ צייט ווען בערטאַ האָט געטראַכט, אַז לאַניאַס שאָטן איז פאַרשוונדן פון איר לעבן. זי האָט דערמאָלסט אין די געשעפטן און עסקנען זיך פון עפּשטיינען געזעגן

דעם שונא וואָס נעמט פון איר אוועק דעם מאַן. זיי, די געשעפטן זיינע, האָט זי באַשולדיקט אין דעם וואָס עס גייען אוועק טעג און נעכט ווען עס קומט איר, בערטען, פאַר אַז עפּשטיין האָט איינגאַנצן ווי פאַרגעסן, אַז נעבן אים געפינט זיך און אָטעמט זיין ווייב...

אין יענע טעג האָט די רואיקע בערטע אינערלעך געברענט מיט שנאה צו איר מאַנס רייכטום און צו זיין פאַרען זיך מיט קהלשע זאַכן.

איצט אָבער האָט בערטע מיטאַמאָל באַגריפן, אַז דער אמתער שונא איז גאָר אַן אַנדערער. דער אמתער פיינט וואָס נעמט פון איר אוועק דעם מאַן איז דער איינגעריסענער, צעקנייטשטער באַן־בילעט קיין זאַקאָפּאַנע. ער, דער באַן־בילעט, איז לאַניאַס שליח, וואָס מאַכט טיילמאָל אַזוי, אַז איר מאַן רעדט צו איר און דאָך זעט ער זי נישט...

און געוווסט האָט זי אויך, אַז אַקעגן ד ע ם פיינט איז זי, בערטע, אומבאַהאָלפן.

זי קוקט אויף עפּשטיינס פינגער וואָס גלייכן אויס די קנייטשן פון דעם איינגעריסענעם באַן־בילעט און זי פּרעסט צוזאַמען אירע ליפּן. זי וואָלט געוואָלט צופאַלן צו עפּשטיינען, אַרויסרייסן פון זיין האַנט דאָס שטיקל פּאַפּיר און צערייסן עס אויף טויזנטער פּיצלעך און פונאַנדערוואַרפן זיי מיטן ווינט.

זי רירט זיך אָבער נישט פון אָרט. אומבאַוועגלעך און שטאַר קוקן אירע גרינלעכע אויגן אויף עפּשטיינס האַנט־באַוועגונג, מיט וועלכער ער לייגט אַריין דעם באַן־בילעט קיין זאַקאָפּאַנע צו זיך אין טאַש און עס דאַכט זיך איר, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט פּלוצלינג דאָ אין דעם צימער זיך באַווייזן זי, לאַניאַ, און וועט פרעגן מיט גרויס־פּריצישער פאַראַכטונג: — וואָס וויל דאָ די דאָזיקע פרוי?...

און זי ווייסט, בערטע, אַז אויך ער, איר מאַן דניאל עפּשטיין, טראַכט וועגן דעם, אַז אויך ער ווייסט, אַז דער באַן־בילעט קיין זאַקאָפּאַנע איז אין דער אמתן לאַניאַס אַנזאָגער, אַז אַ ליאַדע טאָג און אַ ליאַדע שעה וועט זי, לאַניאַ, זיך דאָ באַווייזן און פאַרנעמען בערטעס אָרט...

ביידע ווייסן דאָס, נאָר ביידע רעדן קיינמאָל נישט וועגן דעם. זיי האָבן מורא וועגן דעם אפילו צו טראַכטן.

•

אוןביידע פילן אָבער, אַז עס וועט נישט העלפן זייער מורא און אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען זיי וועלן געצוווּנגען זיין צו טראַכטן און צו רעדן...

נאָך אַכט יאָר פון צוזאַמענלעבן איז ער געקומען, דער טאָג, אָנגעלאָדן מיט שטורעם פון יאָרן בענקעניש, פון יאָרן פּרווון מיט געוואַלד צו דערשטיקן ברויזנדיקע געפילן, פון יאָרן אין דער שטילסטער שטילקייט פון האַרץ געוועבטע האָפענונגען איז ער געקומען, דער טאָג.

אַ שווייגנדיקע איז לאַניאַ געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי די שיינע אַקטריסע, די פאַננע העלענע ווארפט צוריק איר מאַן משהלע ברוידעס אירע, לאַניאַס, געגנבעטע בריליאַנטן. קיין וואָרט איז פון לאַניאַס מויל נישט אַרויסגעקומען. נאָר ער, דניאל עפּשטיין, האָט געזען לאַניאַס אויגן. די אויגן וואָס האָבן געקוקט מיט עקל אויף דעם מענטש וואָס איז איר מאַן...

— עס איז ערגער ווי שנאה — האָט עפּשטיין אַרויסגעלייענט פון אירע אויגן — זי מיאוסט זיך מיט אים, מיט דעם קראַקאָווער משה ברוידע. יאָ, זי האָט די גאַנצע צייט זיך מיט אים געמיאוסט און אַליין דערפון נישט געוווּסט...

לאַניאַס בליק איז אויף איין קורצן אויגנבליק געפאַלן אויך אויף אים, עפּשטיינען, און דער דאָזיקער בליק האָט אים געפרעגט און פאַרגעוואָרפן:

— פאַרוואָס האָסטו מיך געלאָזט אַליין?...

דער שטומער פאַרוואורף אין לאַניאַס אויגן האָט אָנגעפילט עפּשטיינען מיט פרייד.

— זי איז קיינמאָל נישט אַוועק פון מיר, לאַניאַ... זי האָט נישט אויפגעהערט וואַרטן אויף מיר — האָט עפּשטיין געפילט, אַז דער לאַנג דערוואַרטער שטורעם איז אויסגעבראָכן.

דניאל עפּשטיין איז געבליבן שטיין אין מיטן פון זיין אַרבעטסצימער. פון אַלע ווינקלען האָבן אויף אים געקוקט די פאַליצעס אָנגעפילטע מיט חשבונות פון זיינע גרויסע געשעפטן. ער האָט דערפילט, אַ שטיקעניש אין האַלדז. ניין, ניין, ער קען מער נישט. ער מוז זיך

באפרייען פון אַלץ וואָס איז ביז איצט געווען. ער מוז אַוועק פון אַלעם, אַוועק...

נאָר טיף אין זיין וועזן לאַכט עפּעס אַ שטים:

— נאָך וואָס נאַרסטו זיך אַליין, דניאל, דו ווייסט דאָך גוט, אַז נישט דיינע געשעפטן שטיקן דיך, דו וועסט זיך באַלד צו זיי צוריקקערן, צו דיינע חשבונות. נישט אמת?... דו ווילסט דאָך נאָר אַוועק פון איר, פון בערטען...

און ווידער האָט די שטים אין אים געחוזקט:

— און דו ווילסט דאָך שוין דאָס טון זינט יאָרן... יאָ, זינט יאָרן... פון דעם ערשטן טאָג, ווען דו האָסט בערטען אַריינגעפירט צו דיר אין שטוב, הערסט דאָך נישט אויף אין טיפעניש פון דיין האַרץ צו וועלן פון איר אַוועק...

און די דאָזיקע חוזק־שטים האָט נישט אָפּגעלאָזט און אים מיט קליינע שאַרפע געלעכטער־שפּילקעס געשטאָכן:

— דו ווילסט פון איר אַוועק, פון בערטען, נאָר דו וואַגסט נישט צו קוקן אין אירע שטילע גרינלעכע אויגן, הע־הע־הע...

דניאל עפּשטיין האָט אין דעם טאָג צום ערשטן מאָל פאַרלאָזט זיין ביוראָ אָן אַ זיי געזונט צו זיינע אָנגעשטעלטע און קונדן. ער איז האַלב־געלאָפן איבער דער גאַס. ער האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס ער וועט טון. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז ער מוז איצט זיין ביי זיך אין שטוב, אַז ער מוז זי זען, בערטען, אַז ער מוז מיט איר רעדן, אַז ער טאָר מער נישט מורא האָבן צו קוקן אין אירע גרינלעכע אויגן.

— וואָס איז דיר, דניאל? — האָט זיך בערטע דערשראָקן פאַר זיין אויסזען.

— דו ווייסט דאָך, לאַניא...

— יאָ, לאַניא — האָט בערטע דערפילט אַ קאַלטן שוידער אין איר לייב.

— פאַרשטייסטו, בערטע, איך וויל זיין ערלעך צו דיר, ערלעך...

בערטעס אויגן האָבן אים שטום געבעטן:

— זיי פאַלש, דניאל, זיי פאַלש, אָבי נישט אַזוי גרויזאַם...

נאָר אירע בלייכע ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— געוויס, ערלעך...

— אָ, הער נישט מיינע נאַרישע רייד — האָבן די אויגן אירע גע־בעטן — איך וויל נישט די ערלעכקייט דיינע, איך וויל דיך, דניאל, נאָר דיך!... נאָר דיך, זאָג מיר ליגן, זיי מיר פאַלש, נאָר בלייב, בלייב מיט מיר...

אַזוי בעטן זיך שטום בערטעס אויגן. און גלייכצייטיק ווייסט זי, אַז דאָס געבעט איז אומזיסט, אַז ער, דניאל, איז שוין אַוועק פון איר. און זי ווייסט אויך, אַז עס ווענדט זיך אויך נישט אָן אים, דניאלן, אַז עפּעס אַ שטורעם טראָגט זיך איבער זיי אַריבער, אַ שטורעם וואָס מאַכט חרוב זייער לעבן.

— דו ווייסט דאָך, בערטע, אַז איך און לאַניא, פאַרשטייסט...

דניאל עפּשטיין שטאַמלט. ער קען נישט געפינען די פּאַסיקע ווער־טער און ער קוקט מיט אַזאַ קינדערישער אומבאַהאָלפנקייט אויף בערטען.

— ווי אַ גרויס, אומבאַהאָלפן קינד — קוקט בערטע מיט מוטער־לעכע אויגן אויף אים. עס נעמט זי אַרום אַ געפיל פון רחמנות אויף דעם מאַן, וואָס שטייט פאַר איר מיט אַ פּנים פון אַ פאַרשעמט יינגל, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט. מיט איר האַנט גלעט זי זיין קאָפּ און זאָגט:

— דאַרפסט מער נישט רעדן, דניאל, איך פאַרשטיי און ווייס אַלץ.

— בערטע, גלויב...

נאָר בערטע פאַרשטעלט מיט איר האַנט זיין מויל. די רייד זענען איבעריק. נאָך וואָס? עס איז געקומען דאָס, וואָס זי האָט מיט שרעק דערוואַרט. איז נאָך וואָס רעדן? מען דאַרף זיך צוזאַמענעמען און אַוועק.

— קאָנסט זיין רויק — זאָגט זי מיט איר געוועגלעכער שטים — איך וועל נאָך היינט אַוועק פון דאַנען.

— דו אַוועק?! — דערשרעקט זיך דניאל — אַלץ געהערט דאָך צו דיר, בערטע, איך דאַרף סיי ווי פאָרן געשעפטלעך קיין פּעטערבורג און ווען כ׳וועל צוריקקומען, וועל איך שוין געפינען אַ וווינונג.

— ניין, דניאל, דאָס איז דיין וווינונג און אין דיין וווינונג וועל איך נישט בלייבן... דאָס האָסטו יעדנפאַלס געמעגט וויסן...

— ווהין זשע קלערסטו?

— דו האָסט אַמאָל געקויפט אויף מיין נאָמען א ווילע הינטער ווארשע — רעדט בערטע רואיק — דאָרט אהין וועל איך היינט נאָך איבערגיין מיט די קינדער...

עפּשטיין איז בלייך געוואָרן. בערטע האָט אים דערמאָנט אָן זייערע צוויי קינדער. אָן זיי, אָן די קינדער, האָט ער, עפּשטיין, ווי פאַרגעסן. יאָ, זיי געהערן צו איר, אָבער וועלן די קינדער נישט פאַרגעסן אין זייער פאָטער?...

— עס וועט דאָך נישט זיין צו שווער פאַר דיר ארויסצוקומען און צו זען די קינדער — האָבן בערטעס אויגן אין לעצטן געבעט געהאָפט אויף א נס.

— יאָ, געוויס, — האָט עפּשטיין געפּילט א דערלייכטערונג וואָס אַלץ ווערט אזוי איינפאַך און שנעל דערליידיקט — נו, פאַרשטייסט דאָך, אז אַלעס נויטיקע וועל איך באַזאָרגן, איך וועל אויף דיין נאָמען, בערטע, אריינלייגן אין באַנק...

— קיין איין וואָרט מער! — האָט בערטע אינגאַנצן געציטערט — דו הערסט, קיין איין וואָרט מער!... איך וויל נישט דיין געלט!... איך וועל זיך אַליין פאַרדינען און מיינע קינדער וועלן זיך מוזן צוגעוווינען, אז זייער מאַמע איז נישט רייך...

— זיי מיר מוחל, בערטע — האָט עפּשטיין אראָפּגעבויגן דעם קאָפּ — דו ווייסט דאָך, אז כ'האָב נישט געמיינט...

בערטע האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זאָל ער נישט זען אירע טרערן. ער האָט גאָרנישט געמיינט... געקומען און צעבראָכן איר לעבן און ער האָט גאָרנישט געמיינט... זאָל ער גיין, זאָל ער שוין גיין, זאָל זי שוין בלייבן מיט זיך אַליין, זאָל זי כאָטש מעגן פאַר די שטומע ווענט אויסשרייען איר פּיין.

עפּשטיין האָט זיך ארומגעקוקט.

— די קינדער? — האָט ער געפרעגט.

— זיי וועלן נישט אזוי שנעל צוריקקומען מיט דער דערציערין...

ווי א פרעמדער האָט עפּשטיין זיך געפילט אין זיין אייגענער שטוב. ער האָט נישט געוווסט, צי ער מעג בלייבן און וואַרטן אויף די קינדער.

—מאָרגן באַלד אינדערפרי גיי איך אוועק פון דאַנען און איצט וועל איך לײדער זײן שטאַרק באַשעפטיקט, דניאל...

— יאָ, צײט צו גײן — האָט עפשטײן צו זיך אַ מורמל געטון און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— גוטע נאַכט — האָט בערטע קאַלט זיך מיט אים געזעגנט. נאָר ווען די טיר האָט זיך הינטער אים פאַרמאַכט, האָט זי געוואָלט לויפן צום פענצטער און שרײען:

— דאַניעל, דאַניעל, קום צוריק, נ אָ ר מיך, אַבי קום צוריק, דאַניעל!...

זי איז צו צום פענצטער. דניאל עפשטײן איז מיט אַן אַראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ שנעל געגאַנגען איבער דער גאַס. מיט אַמאָל האָט ער אױסגעדרײט זײן קאָפּ און געקוקט אױף די פענצטער פון זײן דירה. בערטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג.

— אַה, ווען ער קומט צוריק... — האָט בערטעס האַרץ געציטערט פון פרײדיקער דערוואַרטונג.

— ער איז נישט צוריקגעקומען, עפשטײן. ער האָט אַפילו דעם קאָפּ מער נישט אומגעקערט צו דעם פענצטער מיטן אַראָפּגעלאָזענעם פאָרהאַנג. ער האָט מער אַן איר, בערטען, נישט געדענקט. ער האָט נאָר געהאַט אַ געפיל פון דערלײכטערונג פון אַ מענטש פון וועמענס פלײצעס עס ווערט פלוצלינג אַראָפּגענומען אַ שווערע לאַסט וואָס איז אױף אים יאָרן לאַנג ווי אַ יאָך געלעגן.

מיט לײכטע פרײדיקע טריט איז ער, דניאל, געלאָפן איבער די ברײטע מאַרמאָרנע טרעפּ פון ר׳ לוים דירה.

ר׳ לוי אַלײן האָט אים געעפנט די טיר. מיט צעטומלטע אַלטע אױגן האָט ער געקוקט אױף עפשטײנען. ער האָט זיך אַפילו נישט געוווּנדערט און נישט זיך געפרעגט וואָס אַזױנס וויל דער געוועזענער משרת פון זײן פאָטער ר׳ לײזער אין זײן שטוב.

ער פרעגט מער גאָרנישט און וווּנדערט זיך מער אױף קײן שום זאַך נישט. עס דאַכט זיך אים, ר׳ לוין, ווי די ציגל פון גזשיבאָווער הויז צעפאַלן זיך. נאָר זײ פאַלן אים נישט אויפן קאָפּ, די ציגל, זײ צעקריש־לען זיך בלויז אין דער האַנט און ווערן צו אַש און שטויב. די דאָזיקע

צעקרישלטע ציגל צעטומלען אים, ר׳ לוין, נאָך מער און ער גייט פון איין שטוב אין דער אַנדערער אַ פאַרלאָרענער און הילפסלאָזער.

אין זיינע אַלטע אויגן בליצט אפילו אויף אַ שיין פון צופרידנהייט, ווען זיי דערבליקן עפּשטיינען. איצט דערפילט ער צו זיין אַמאָליקן שונא עפּעס אַ נאָענטקייט. פאָרט אַ מענטש וואָס ער קען פון די אַמאָליקע צייטן, ווען יעדער ציגל פון ר׳ לייזערס הויז איז געווען ווי אַ פעלז.

— הא, וואָס זאָגט איר צו דעם אַלעם, פּאַניע עפּשטיין, הא?... — קרימט זיך אויס ר׳ לויס פּנים אין אַ גרימאַסע וואָס דאַרף זיין אַ שמייכל.

— עס וועט נאָך אַלץ גוט ווערן — פאַרשעמט זיך עפּשטיין פאַר זיין אייגענעם פּראָטעקציאָנעלן טאָן און פונדעסטוועגן רעדט ער ווייטער — איר וועט זען, ר׳ לוי, עס וועט נאָך גוט זיין...

מער האָט ער נישט וואָס צו זאָגן צו ר׳ לוין און ער אָטעמט לייכטער אָפּ, ווען ר׳ לוי עפנט פאַר אים די טיר פון לאַניאַס שטוב.

אַ לענגערע ווײַלע שטייט עפּשטיין אומבאַוועגלעך ביי דער טיר. ס׳ערשטע מאָל געפינט ער זיך אין איר, לאַניאַס, שטוב. אין איר אַמאָליקער מיידל־שטוב. ער קוקט זיך אַרום מיט פאַרנעפּלטע אויגן. ער הערט דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ. אַ צו לאַנגן וועג האָט ער דורכגעמאַכט, ביז ער איז אָנגעקומען אין איר שטוב... און איצט שטייט ער און ווייסט נישט וואָס ער וויל.

אויף אַ קליינער שמאָלער סאָפקע ליגט זי, לאַניאַ. זי זעט אים נישט, עפּשטיינען. אירע אויגן קוקן שטאַר צום באַלקן און זי פילט נישט ווי טרערן קייקלען זיך איבער איר פּנים. זי ווייסט נישט אויף וואָס זי וויינט. זי טראַכט איצט נישט וועגן איר מאַן, משהלע בראָדע. ער איז איר אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט פון איר, אַז אַלץ, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן, איז איר גלייכגילטיק. זי פילט צומאָל נישט קיין ווייטיק. עס איז ערגער ווי ווייטיק. עס איז פּוסט און לער. זי פילט אין זיך עפּעס אַ הוילקייט, נאָר פון די אויגן קייקלען זיך טרערן...

— לאַניאַ... — קרעכצט עפּשטיין אַרויס און נעמט פאַרזיכטיק איר האַנט אין זיינע.

לאניא ציט נישט צוריק איר האנט. נאר די האנט איז קאלט, גלייכגילטיק ווי דאס חיות וואלט פון איר ארויסגעגאנגען.

— לאניא... — גלעט עפשטיין לאניאס פינגער — לאניא...

מער ווי איר נאמען קען עפשטיין נישט ארויסרעדן. און ער ווייסט נישט, וואס ער האט צו איר צו רעדן.

— בין איך נישט צו שפעט געקומען? — דערפילט עפשטיין א שרעק — האב איך נישט אלץ פארשפעטיקט?...

ניין, ניין, ער מוז עס וויסן, ער מוז שוין וויסן... ער האט גענוג געוווארט, אכט יאר וווארטן איז גענוג... איצט קען ער נישט מער, קיין איין מינוט קען ער נישט וווארטן...

לאניא — ברעכט זיך עפשטיינס שטים — דו ווייסט, לאניא... כ'האב אויף איין מינוט נישט פארגעסן אן דיר. די גאנצע צייט, אלע יארן... יא, לאניא, איך האב גענוג נארישקייטן געטון... פון היינט אן וועט אנדערש זיין.. ווין נישט, לאניא, ווין נישט... וועסט זען...

דניאל עפשטיין ווישט מיט א טיכל די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן ווי ער טוט שטענדיק אין מאמענטן פון טיפער געריטקייט. ניין, ניין... אזוי טויג נישט... ער מוז זיך באהערשן... מיט זיינע ביז־איצטיקע נארישע רייד האט ער נאר געברענגט דערצו, אז די טרערן זאל זיך נאך שטארקער גיסן פון לאניאס אויגן....

עפשטיין הוסט אפ. ער הערט די שטילע דרעפטשענדיקע טריט פון דבורהלען נעבן דער טיר. עפשטיין שטעלט זיך אויף. ער עפנט די טיר.

— ביטע, מאדאם פרענקעל — באמיט ער זיך צו רעדן צו דבורה־לען אין א רואיקן געשעפטסמעסיקן טאן — און פיליכט קען אויך ר' לוי אויף א ווײלע אריינקומען... מען דארף זיך וועגן עפעס וויכטיקעס באראטן...

ביידע אלטע לייט בלייבן שטיין ביי דער טיר. זייערע אויגן הענגען אויף עפשטיינס מויל מיט אומרו און דערוואַרטונג.

— דער הער ברוידע איז גרייט... — נעמט עפשטיין ווידער ווישן זיינע ברילן און רעדט נישט קוקנדיק אויף קיינעם — יא, ער איז גרייט אלץ צו דערליידיקן ביי רבי יצחקל מורה הוראה...

ר' לוי טוט א שווערן קרעכץ. עס איז א קרעכץ פון דערלייכטערונג.

פון אויפגעבונדנקייט און פון טיפן ווייטיק צוגלייך. אוודאי וואָלט ער שוין געוואָלט פּטור ווערן פון דעם טייערן איידעם זיינעם, וואָס האָט אים אָנגעטון חרפּות און בזיונות און אומגליקלעך געמאַכט זיין איינציקע טאָכטער... הלוואי וואָלט ער פון אים נישט געוווסט, פון משהלע ברוי־דע... יאָ, אָבער א גט אין הויז אויף גזשיבאָוו, א גט... דער מזבח אין בית המקדש גיסט מיט טרערן, ווען מאַן און ווייב שיידן זיך — דערמאָנט זיך ר׳ לוי די גמרא — וויי־וויי...

נאָר די שטילע דבורהלע ווייסט נישט פון דער גמרא און זי טראַכט איצט נישט וועגן דעם כבוד פון גזשיבאָווער הויז. זי געדענקט נאָר אָן איר אומגליקלעכער טאָכטער און זי שעפּטשעט שטיל:

— געלויבט צו גאָט...

און דניאל עפּשטיין רעדט ווייטער נישט קוקנדיק אויף קיינעם:

— די איצטיקע מלחמה־טעג האָבן געבערענגט א גרויסע צערודערונג אין שטאָט, יעדער האָט מיט זיך צו טון...

— ריכטיק, יעדער האָט היינט מיט זיך צו טון און עס וועט קיינעם נישט זיין אויפן געמיט צו פּלאַפּלען וועגן גט — קלערט אין זיך ר׳ לוי, און איז ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן דאַנקבאַר עפּשטיינען וואָס ער האָט אים אויף אזא איידעלן, נישט־דערזאָגטן און דאָך קלאָרן אופן דערמאָנט, אז דער משפּחה־כבוד וועט דווקא אין די איצטיקע טרויעריקע טעג נישט שטאַרק ליידן...

— און לאַניא דאַרף דורכאויס אוועקפאָרן, דורכאויס... — רעדט שוין עפּשטיין ווי א מענטש וואָס באַלאַנגט צו דער משפּחה.

— יאָ, יאָ... — קוקט דבורהלע מיט צוטרוי אויף עפּשטיינען וואָס איז גרייט צו העלפן איר טאָכטער.

— עס איז א גלייכע זאַך — איז אויך ר׳ לוי מסכים.

זיי זענען ביידע שוין גרייט זיך צוצוהערן צו עפּשטיינס עצות.

— אין דער צייט פון קריג — רעדט עפּשטיין שוין מיט זיכערקייט — קען מען נישט פאָרן קיין אויסלאַנד... און גראָד דאַרף איך זיין עטלעכע וואָכן געשעפטלעך אין פּעטערבורג, וואָלט איך געמיינט, אז לאַניא...

— פעטערבורג... — דערשרעקט זיך דבורהלע — אזוי ווייט... און ס׳איז מלחמה.

— וואָס שרעקסטו זיך — טוט ר׳ לוי ס׳ערשטע מאָל א שמייכל — געדענקסט נישט, ווי דער טאַטע עליו השלום האָט מיך געשיקט קיין פעטערבורג...

ר׳ לוי טראָגט זיך איבער צו יענע גוטע צייטן, ווען זיין פאָטער ר׳ לייזער האָט געלעבט און ווען דאָס הויז אויף גזשיבאָוו איז געווען אין פולן גלאַנץ.

אויך דבורהלע דערמאָנט זיך אָן יענע טעג, ווי די גרויסע סוחרים פון פעטערבורג האָבן ביי איר אין הויז געטרונקען אויפן רוסישן שטייגער געמאַכטע קאָכעדיקע טיי און הויך און פריילעך געלאַכט און זי זאָגט שוין א באַרואיקטע — יאָ, לוי, איך געדענק...

איצט שווייגן שוין אַלע דריי. זיי וואַרטן אויף לאַניאַס ענטפער. זי שווייגט די גאַנצע צייט, לאַניא. אירע לאַנגע זיידענע ברעמען באַהאַלטן אירע אויגן. האָט זי געהערט? איז זי גרייט פטור צו ווערן פון משהלע ברוידע? וויל זי פאָרן קיין פעטערבורג?

לאַניא האָט געעפנט די אויגן און קוקנדיק גלייך עפּשטיינען אין די אויגן געפרעגט:

— ווען קאָנען מיר פאָרן?

— ווי אַמשנעלסטן — האָט עפּשטיין געוואָלט לאַכן פון פרייד — פאַר מיר איז יעדער טאָג א שאָד...

— און אויך פאַר מיר — האָט לאַניא זיך אויפגעשטעלט, ווי זי וואָלט שוין גרייט געווען צו לאָזן זיך אין וועג.

נישט לאַנג זענען זיי געווען אין דעם צאַרס אומהיימלעכער רעזידענץ און צוריקגעקומען זענען צו ר׳ לוים שטוב ווי מאַן און ווייב. נאָר טיילמאָל גלויבן זיי אליין נישט אין דעם וואָס איז געשען... דעמאָלט רוימט דניאל עפּשטיין איין לאַניאַן אין אויער:

— ווייב מיינס...

און זי ענטפערט אים מיט א טרויעריק-פריידיקן שמייכל:

— מאַן מיינער...

עס איז א פאַרזיכערונג, און א צוזאָג, און א שבועה, און אויך אַן אומרו, און א פחד פאַרן מאָרגענדיקן טאָג.

## קאַפּיטל 4

# שווער, איידעם און דער „יידישער באַראָן“

אַלע קרישטאָלענע לאָמפּן אין ר׳ לויס „סאַלע“ האָט דבורהלע אָנגעצונדן לכבוד דעם צוריקקומען פון איר טאָכטער. זי גיסט אָן טיי פאַר עפּשטיינען און לאַניאַן פון דעם זילבערנעם סאַמאָוואַר און קוקט אַן אומרואיקע. זי ווייסט נאָך נישט, דבורהלע, ווי אַזוי צו רעדן צו דניאל עפּשטיינען. זי האָט זיך נאָך נישט צוגעוווינט צו קוקן אויף אים ווי אויף איר איידעם.

— איז כאָטש דאָ אין דעם פּעטערבורג אַ חופּה? — טראַכט זי מיט שרעק.

— טרינקט, פּאַניע עפּש... — שטאַמלט דבורהלע און שטעלט אַוועק פאַר אים אַ גלאָז טיי.

לאַניאַ צעלאַכט זיך. זי וויל אַרויסהעלפן איר מוטער און זאָגט:

— זאָג אים „דו“, מאַמע, ער איז דאָך דיין איידעם...

און זי גיט צו מיט אַ שמייכל:

— זאָרג נישט, מאַמע, עס איז אַלץ געווען, ווי עס דאַרף צו זיין, אין דער גרויסער שול...

— אַזוי? האָבן די קנייטשן אויף דבורהלעס אַלט פּנים זיך אויסגעגלייכט פון פרייד, הערנדיק אַז איר טאָכטערס חופּה איז געווען כדת וכדין ווי עס פירט זיך ביי יידן — איז טאַקע דאָ אינעם פּעטערבורג אַ גרויסע שול?...

— איי, איי, נשים — האָט ר׳ לוי געוואָלט באַהאַלטן זיין צופרידנקייט מיט אַ כלומרשטן געבייזער — וואָס הייסט עפּעס אַ שטאָט אָן

א שול? איך אליין האָב דאָך דאָרט אין דער גרויסער פּעטערבורגער שול געדאַוונט צוריק מיט יאָרן... אַ שיינע שול, האַ, האַ!...

— און דער פּעטערבורגער רב קאַצענעלנבאָגען איז אַליין געקומען — האָט לאַניא געוואָלט, אַז דער פּאַטער זאָל הנאה האָבן.

דאָ האָט צום ערשטן מאָל אויך דניאל עפּשטיין זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך:

— ראַבינער קאַצענעלנבאָגען — האָט ער געזאָגט — האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געקענט ר׳ לייזערן און איז אַפילו ביי אים אין שטוב געווען.

— וואָס הייסט געווען!... — זענען ר׳ לוים אויגן מיט אַמאָל יונג געוואָרן — ווער געדענקט נישט די גרויסע אסיפה ביים טאַטן... אַ שווערע גזירה האָבן זיי דעמאָלט, די רשעים אין פּעטערבורג, אַרויס־געגעבן. זענען זיך ביים טאַטן צוזאַמענגעקומען די גרעסטע צדיקים און רבנים פון פּוילן און רוסלאַנד... ווער איז דאָרט נישט געווען!... דער אַלטער גערער רבי האָט נאָך דעמאָלט געלעבט און ער איז אַ גאַנצע וואָך ביי אונדז אין שטוב געווען... און דער בריסקער רב, ר׳ יאָשע בער, איז געקומען... און דער קישענעווער רב צירלסאָן האָט אַ פייערדיקע דרשה געהאַלטן. און דער פּעטערבורגער רב קאַצענעל־באָגען איז געווען... איך געדענק ווי היינט... איך בין דעמאָלט נאָר וואָס פון דער חתונה געווען, אַ יונגערמאַנטשיק, נו, בין איך אונטערן טאַטנס שטול געשטאַנען...

ער געדענקט אויך ר׳ לוין, דער ראַבינער קאַצענעלנבאָגען...

— אַ טייערער ייד, דער רב קאַצענעלנבאָגען, — איז ר׳ לוי געווען צופרידן, וואָס דער פּעטערבורגער רב געדענקט אים. — אַזוי, געדענקט ער אויך מיך?...

— יאָ, ער געדענקט אייך, ר׳ לוי, און ער האָט געבעטן אייך גריסן, נאָר איך האָב פאַר אייך נאָך אַ גרוס, ר׳ לוי...

— פון וועמען?

— פון באַראָן — האָט עפּשטיין נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון...

— דער באַראָן איז אויך געקומען אין שול, — האָט לאַניא צוגע־וואָרפן.

## אין שטורעם

— דער באַראָן גינזבורג?! — איז ר׳ לוי געבליבן זיצן דער־שטוינט.

— קיין צווייטער יידישער באַראָן איז אין פּעטערבורג נישטאָ — האָט עפּשטיין זיך נאָך מער צעשמייכלט, זעענדיק דעם אויסדרוק פון שטוינען אויף ר׳ לויס פּנים.

ר׳ לוי האָט געקוקט ווי מיט נייע אויגן אויף עפּשטיינען. נע־נע... ניט צו אַבי וועמען קומט דער באַראָן... אוווא־אוווא, אַזוי ווייט דער־גרייכט... איצט איז ר׳ לוי מיט אַ רואיק האַרץ גרייט אַריינצונעמען עפּ־שטיינען אין דער משפּחה. אַז דעם באַראָן פּאַסט, פּאַסט אויך מיר... אַ קלייניקייט עפּעס דער יידישער באַראָן...

אין די פאַרחושכטע יידישע שטעט און שטעטלעך פון צאַרישן רוסלאַנד איז דער נאָמען פון „יידישן באַראָן״ געווען אַ ליכטיקער שטראַל, אַ האָפענונג און אַ טרייסט.

אין די פאַרנאַכטן זענען יידן געזעסן אין סאַרדינערס שול און אין די אַנדערע בתי מדרשים און שטיבלעך און צווישן מנחה און מעריב זיך דערציילט וווּנדערלעכע מעשיות וועגן אים, דעם יידישן באַראָן, וואָס נעמט זיך אָן דעם כבוד פון יידן און דערלאָזט נישט, אַז די רשעים זאָלן טון שלעכטס צו זיינע ברידער.

די דאָזיקע אָרימע יידן מיט לאַנגע בערד און פּיאות האָבן געקענט נאָר דעם וועג פון זייער שטוב אין שטיבל און אין זייערע קרעמלעך. אמאָל נאָר זענען זיי פּרייטיק איינגעשטיגן אין דער קאַלייקע און גע־פאָרן אויף שבת צום רבין. אַזאַ רייזע איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש און אָנשטרענגונג. אין ווייטערע מקומות האָבן זיי נישט געוואָגט זיך צו לאָזן און אויך נישט געהאַט צוליב וואָס. און אַ שרעק וואָלט די דאָזיקע יידן באַפאַלן, ווען עס קומט אימיצער און הייסט זיי פאָרן אזש קיין פּעטערבורג, ווו עס קעניגט דער קיסר אַליין אַרומגע־רינגלט פון זיינע בייזע שררות און שוואַרצבערדיקע פּאָפּן און זשאַנ־דאַרמען.

פונדעסטוועגן האָבן די דאָזיקע פאַרחושכטע יידן געוווּסט אַלץ, אָבער טאַקע מיט אַלע פּיטשעווקעס, וועגן דעם יידישן באַראָן אין פּע־טערבורג, דעם גרויסן מליץ יושר וואָס דערלאָזט נישט יידן קיין עוולה

טון. וואָס אָרימער און הילפלאָזער די יידן זענען געווען, אַלץ רייכער און פאַרביקער האָט זיך צעשפּילט זייער פאַנטאַזיע. זי, די פאַנטאַזיע, פון די עלנדע, ווייסט נישט פון קיין אָפּהאַלט און פון קיין גרעניץ, נויטיקט זיך נישט אין קיין ערשטער גילדע־דערלויבעניש פון די רייכע, כדי צו מעגן אָנקוקן דעם קיסרס רעזידענץ און זי האָט נישט קיין מורא אפילו פאַר די רשעים די „זשאַנדאַרן" און לאַכט זיך אויס פון דעם געבייזער און געביל פון די גויים.

פראַנק און פריי שפּאַצירט זי, די יידישע פאַנטאַזיע, איבער מדינות און לענדער, שוועבט איבער ימען און אָקעאַנען און דרינגט אריין אַזש אין די חדרי מלכים ושרים, מעגן אפילו ביי דער טיר שטיין די שטאַרקסטע וואַכן. און זי, די גאָט־געבענטשטע פאַנטאַזיע, איז טאַקע געקומען צו הילף די יידן פון סאַרדינערס שול און פון די שטיבלעך אויף טוואַרדע גאַס און פראַנציסקאַנער. זי האָט זיי, די יידן, אַריינגעפירט אין דעם פּאַלאַץ פון דעם יידישן באַראָן.

אָ, ווי שיין איז דער פּאַלאַץ... שענער און גרעסער פון די שלעסער פון דעם קיסרס אַלע שררות. קוקן טאַקע די גויים מיט פיינטשאַפט אויף דעם יידישן פּאַלאַץ און פּלאַצן פון קנאה. אָבער זיי קאָנען זיך נישט העלפן. זיי וואַגן נישט צו פאַרטשעפּען דעם יידישן באַראָן...

די דאַווענער פון סאַרדינערס שול מוזן נישט איינמאָל אויסהערן די מיאוסע זידלערייען און קללות פון דעם גויאישן הויז־וועכטער, וואָס, ווען ער שיכורט זיך אָן, נעמט ער שילטן די זשידעס וואָס האָבן געקרייציקט זיין גאָט. איז זיי אַזוי גוט אויפן האַרצן צו וויסן, אַז אין סאַמע פּעטערבורג זיצט אַ ייד, אַ יידישער באַראָן, פאַר וועלכן אפילו די זשאַנדאַרן שטייען מיט דרך ארץ און וואַגן נישט אַ פּיפּס צו טון ווען ער, דער באַראָן, רעדט...

צעוואַרעמען זיך די יידן פון דעם געדאַנק צווישן מנחה און מעריב און עס גייט אַוועק אַ לאַנגער און ברייטער שמועס וועגן דעם רייכטום און גרויסקייט פון דעם יידישן באַראָן.

— מען זאָגט — נעמט אָן בערעלע שמש אַ גאָרשט טאַבאַק און שטופּט מיט גרויס הנאה זיך אין דער נאָז — אַז אין די שטיבער

פון באראָן דאַרף מען קיינמאָל נישט אָנצינדן קיין לאָמפּ... אַזוי ליכטיק איז דאָרט פון די בריליאַנטן און אבנים טובות... ממש עין לא ראתה...

— און אַלע מיניסטאָרן און גענעראַלן וואַרטן געהאָרכזאַם הינטער דער טיר און זיי ווייסן, אַז דער באַראָן שטייט דעמאָלט שמונה עשרה...

— און דער קיסר אַליין זאָגט צו זיינע שררות: איך וועל גאָרנישט טון ביז וואַנען כ'וועל נישט הערן די עצה פון באַראָן און ער שיקט נאָך אים זיין גילדענע קאַטש.

נישט ביי איין דאַוונער פון סאַרדינערס שול זענען די שיך צעריסן און צעווייקט פון רעגן. נאָר איצט איז זיי גוט און וואַרעם און עס דאַכט זיך זיי, אַז אויך זיי פאָרן מיט דער גילדענער קאַטש.

און דעמאָלט נעמט כאַצקעלע אַרוים מיט ציטערדיקע הענט פון זיין בוזעם־טאַש דעם בריוו מיט דעם באַראָנס שטעמפּל אויף אים.

כאַצקעלע איז כל ימיו אַ מטופל מיט אַ טוץ קינדער און פילגאָרנדיקן דלות, נאָר ווען ער האַלט דעם באַראָנס בריוו אין דער האַנט, שיינען אים די אויגן און ער פילט זיך דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט.

און יעדעס מאָל פרעגן אים די דאַוונער פון סאַרדינערס שול די זעלבע פראַגע:

— היתכן, כאַצקעלע, ווי פאַלט אוים אַ ייד צו דרייען אַ קאָפּ דעם באַראָן מיט נאַרישקייטן?

און יעדעס מאָל גיט כאַצקעלע דעם זעלבן ענטפער:

— איר זעט דאָך, דער באַראָן האָט מיין בריוו געלייענט און מיר געהייסן ענטפערן, נאָט לייענט...

אין אַלע שולן און שטיבלעך קען מען שוין פון אויסנווייניק דעם בריוו, וואָס כאַצקעלע האָט באַקומען פון באַראָנס קאַנצעלאַריע. פונדעסטוועגן בויגן יידן יעדעס מאָל זייערע קעפּ צו צו דעם שוין געל־געוואָרענעם בייגעלע פּאַפּיר און יעדעס מאָל הערן זיי זיך נישט אויף צו וווּנדערן:

— ריכטיק, דער באַראָן ענטפערט אים, כאַצקעלע קבצן, אַז ער

וועט ערנסט באטראכטן זיינע, כאצקעלעס, פארשלאגן ווי אזוי צו העלפן דעם כלל ישראל און דאנקט אים פאר זיינע עצות.

כאצקעלעס אויגן שיינען. יא, ער האט נאך נישט געהאט היינט אין זיין מויל, כאצקעלע, א ביסן ברויט און ער ווייסט נאך נישט, ביי וועמען ער וועט באקומען א גמילות חסד צו קויפן א ברויט אין שטוב. נאר אין דעם מאמענט געדענקט נישט כאצקעלע אן דעם הונגער און זיינע ליפן שעפטשען:

— דער באראן לאזט אייך העפלעך דאנקען...

דעם באראנס בריוו איז געשריבן אין רוסיש, פונדעסטוועגן פארשטייט כאצקעלע יעדעס ווארט און זאגט נאך דאס פאנישע לשון...

אזוי האט געשטראלט די לעגענדע פון יידישן באראן אין די יידישע שטיבער און פון אלע עקן לאנד האבן יידן געשיקט בריוו צו זייער מליץ יושר, בריוו דורכגעווייקטע מיט בלוט און טרערן פון יידישע צרות.

און פון אלע שטעט און שטעטלעך זענען געפארן דעלעגאציעס קיין פעטערבורג. פארשידענע דעלעגאטן זענען געפארן. אמאל רבנים פון די גרויסע קהילות און אמאל דאזארעס פון ווארשעווער קהל און אמאל משכילים. צו דעם קיסרס מיניסטארן זענען זיי געפארן. נאר געקומען זענען זיי ס'ערשטע צום באראן. ער, דער באראן, דארף זיי פירן. ער דארף פאר זיי עפענען די פארשלאסענע טירן. ער דארף זיי ווייזן דעם וועג צו דעם צארס גרויזאמע שררות.

יעדע דעלעגאציע איז געקומען מיט איר פעקל צרות און מיט אירע עצות ווי אזוי צו ראטעווען דעם כלל ישראל.

די רבנים און רביים זענען געקומען אפשרייען די גזירות פון די רשעים אויף דער יידישער תורה, אויף די חדרים און ישיבות.

און די כלל-טוער האבן נישט אויפגעהערט זיך צו מיען וועגן די „פראוועס" פאר יידן.

און די משכילים האבן געטענהט:

— בילדונג, וויסן, דאס איז די איינציקע רפואה צו אלע יידישע צרות...

זיי, די יידן, וואס זענען געקומען קיין פעטערבורג, האבן שוין געוווסט, אז אויך דער יידישער באראן קאן נישט פיל העלפן אנטקעגן די

רשעים און שררות פון קיסר. פונדעסטוועגן זענען אויך זיי אין אונטער־באוווסטזיין געווען פארכאפט פון דער לעגענדע, וואס האט זיך געשפונען אין די שולן און שטיבלעך, און אין יעדער עת צרה זיך געווענדט צום באראן...

דעריבער האבן אויך ר׳ לויס אויגן אויפגעלויכטן, ווען עפשטיין האט דערמאנט דעם בּאראנס נאמען.

— א טייערער ייד, דער באראן גינזבורג, מיט א ווארעם יידיש הארץ — ר׳ לוי האט נישט אנדערש ווי כאצקעלט. ליב געהאט צו דערציילן וועגן זיין צוזאמענטרעפן זיך מיטן באראן — איך געדענק ווי עס וואלט נעכטן געווען, ווי איך בין אין זיין קאבינעט געזעסן מיטן פאן מיכאל. יא, ביידע זענען מיר געפארן דעמאלט קיין פעטערבורג... מ׳האט זיך זייער געשראקן דעמאלט פאר פרישע גזירות... און איך האב דערזען טרערן אין באראנס אויגן, ווען איך האב אים דערציילט ווי אזוי מען האט אונדז, די ווארשעווער רבנים און דאזארעם געשלעפּט שבת אין שלאס, ווען די קאזאקן האבן אויף דער גאס געווילדעוועט... און ער האט נישט גערוט דער באראן. ער ווייסט זיך ווי אזוי מיט זיי אומצו־גיין, מיט די פאניעס... צו איינעם רעדט ער מיט גוטן, און ביי א צווייטן קלאפּט ער אין טיש און א דריטן גיט ער אין יד אריין... געלויבט דער אויבערשטער, וואס מיר האבן אזא ייד...

— ער האט טאקע ווענן דיין קומען צו אים, טאטע, דערציילט — האט לאניא זיך אנגערופן — און ער האט זיך געפרייט צו קענען דיין טאכטער...

— אזוי — האט ר׳ לוי א צופרידענער זיך גלייכגעמאכט די באָרד נאר כ׳מיין ווי אזוי קומט איר צו אים...

— דאניעל קען זיך מיט אים שוין לאנג, ריכטיק, דאניעל?

— מיר פירן צוזאמען אמאל אויך געשעפטן — האט עפשטיין געזאגט — און עס איז מיר אויך אויסגעקומען מיט אים צו רעדן וועגן כלל־זאכן. ער איז געווען שטארק באשעפטיקט דעם טאג, פונדעסטוועגן איז ער געקומען צו דער חופה פון ר׳ לויס טאכטער — אזוי האט ער מיר געזאגט...

— אזוי... אזוי... — האט ר׳ לוי געשמייכלט.

— און ער האָט מיך געבעטן מיט אייך זיך דורכצורעדן ר׳ לוי...
— פרישע גזירות?...
— דער באַראָן האָט מורא פאַר עפּעס ערגערס ווי געוועגלעכע גזירות...
— וואָס איז געשען? סאַראַ פרישע טענות האָט מען ווידער צו אונדז?
— עס איז קריג — האָט עפּשטיין גערעדט — און אין פּעטער־בורג ווייסט מען שוין, אַז עס וועט נישט לייכט גיין. די צייטונגען טאָרן נישט שרייבן, נאָר אין פּעטערבורג ווייסט מען, אַז די רוסישע חיילות באַקומען ביטערע קלעפּ.
— דאָ ביי אונדז מורמלט מען אויך אַזוי — האָט ר׳ לוי גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די ווענט זאָלן הערן — מורא־דיקע זאַכן דערציילט מען... גענערעלער ווייזן זיך גאָר אַרויס פאַר דייטשע שפּיאָנען און גייען איבער צום שונא... נאָר ווער קען אין אַזעלכע זאַכן גלייבן... אַז מען זעט זיי, די חיילות פון צאַר, גיין וואָכן גאַנצע איבער דער שטאָט — כחול הים זענען זיי דאָך. היינט ווער קען זיך זיי אַקעגנשטעלן?...
— יאָ, זיי זענען טאַקע כחול הים, ר׳ לוי. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דאָרט אויבן אין די סאַמע שפּיצן פון מלכות איז אַלץ צעפוילט און פאַרקויפט. טייל זענען פאַרקויפט צום שונא און די אַנדערע האָבן נישט מער אין זינען ווי זנות און שיכרות...
— ביים קיסר אין די אויגן?... — האָט ר׳ לוי נישט געקענט באַגרייפן מיט זיין מוח פון אַ גזשיבאָווער סוחר, וועלכער פאַרשטייט, אַז דער קיסר היט מסתמא נישט ערגער זיין מלכות, ווי אַ סוחר זיין קראָם.
— אַז זי אַליין, די קייסערינע מיין איך, — האָט עפּשטיין מיט אַ געדעמפּט קול דערציילט — שלעפּט זיך אַרום מיט עפּעס אַ שיכורן פּויער... ראַספּוטין רופט ער זיך...
— ראַספּוטין... יאָ, געהערט דעם נאָמען... זייערס אַ היילי־קער, דאַכט זיך...
— אַ היילי־קער! — האָט עפּשטיין זיך פונאַנדערגעלאַכט —

## אין שטורעם

וואָס שלעפּט זיך אַרום נעכט און טעג מיט אַ כאַפּטע ווייבער... און אַלע פון קייזערלעכן הויף און דער קייסערינע אַליין און ער טוט זיי אָפּ מוראַדיקע מעשים בריש גליה...

— און דער קיסר שווייגט? — האָט ר׳ לוי געקוקט מיט שטוינען אויף עפּשטיינען.

— אין פּעטערבורג זאָגט מען, אַז ראַספּוטין האָט אָנגעטון דעם קיסר אַ כשוף, נו, און קיין גרויסער חכם איז ער דאָך קיינמאָל נישט געווען... אַזוי גייט עס דאָרט... פון קליין ביז גרויס ווייסט נאָר צו נואפן און שיכורן און דערצו זאָגט מען אויך, אַז די קייסערינע אַליין איז אַ דייטשע שפּיאָנקע... נו, איז אַ ווונדער, אַז איין מפּלה יאָגט נאָך די אַנדערע...

ר׳ לוי האָט קיינמאָל חלילה נישט געקלערט מלחמה צו האַלטן מיטן קיסר. ער האָט געוווּסט, אַז פרומע יידן דאַרפן אפילו מתפּלל זיין פאַרן שלום פון מלכות. אָבער שטאַרק צום האַרצן האָט ער זיך פאָרט נישט געקענט נעמען די מפּלות פון צאַרס חיילות.

— אַ מצווה אויף זיי, די רשעים — האָט אים אפילו הנאה געטון — זאָלן זיי אויך פילן דעם טעם פון צרות...

— און צוליב דעם איז דער באַראָן אַזוי באַזאָרגט? — האָט ער אַ צי געטון מיט די פּלייצעס.

— יאָ. — האָט עפּשטיין געזאָגט — צוליב דעם. מען מוז דאָך געפינען אַ שולדיקן פאַר די מפּלות, אַנישט וועט דאָס פאָלק זיך בונטעווען און די זעלנער וועלן מער נישט גיין צו דער שחיטה. איז ווער זאָלן זיין די שולדיקע? די קייסערינע מיט איר שיכורן פּויער? די באַזאָפענע מיניסטאָרן? די פאַרקויפטע גענעראַלן? אַמבעסטן איז צו זאָגן, אַז זיי, די „זשידעס, זענען שולדיק". די יידן זענען שפּיאָנען, גיבן אוים דעם שונא די סודות, די יידן מאַכן אַזוי, אַז די קוילן פּאַסן נישט צו די ביקסן, די יידן ווילן נישט גיין אין דער אַרמיי... ספּעציעל געדרונגענע מענטשן לאָזן שוין אַרום אַזעלכע קלאַנגען... דערוויייל רעדט מען נאָך נישט הויך, נאָר מיט יעדן טאָג ווערט מען דרייסטער מיטן ליגן און ווער ווייסט וואָס קען חלילה געשען, ווען די זעלנער אויפן פראָנט וועלן דאָס דערהערן.

— זאָל דער אויבערשטער אָפּהיטן — איז ר׳ לוי געוואָרן בלייך
— איז וואָס טוט מען?

— די לאַגע איז אַ זייער שווערע — האָט עפּשטיין ווייטער גע־רעדט — באַזונדערס פאַר אונדז אין פּוילן. מיר זענען אין סאַמע מיט פון קריגס פראָנט און די גענעראַלער ווילן דערטרינקען זייערע מפּלות אין יידיש בלוט... דער באַראָן און זיינע פריינט, דער ראַבינער קאַצע־נעלבאָגען און ווינאַווער...

— כ׳האָב נאָך געקענט זיין פאָטער — האָט ר׳ לוי זיך דערמאָנט — דער אַלטער ווינאַווער... דאָ נישט ווייט פון אונדז אויף קרולעווסקע גאַס האָט ער געהאַט זיין הויז... דער רבי פלעגט אַלע קראַנקע שיקן צו אים, צו ווינאַווערן, אַ גרויסער מומחה אויף אויגן געווען...

ר׳ לוי האָט געוואָלט פאַרגעסן אָן די שווערע זאָרג פאַרן היינטיקן טאָג און זיך דערמאָנט אָן די אַלטע גוטע צייטן, ווען דאָקטאָר ווינאַווער פלעגט מיט אַ ציגאַר אין מויל און אַ ברייט צעשמייכלט פּנים אַריינ־קומען אין קליינעם קאַנטאָרל פון זיין פאָטער, ר׳ לייזער...

דניאל עפּשטיין האָט אים אָבער צוריקגעבראַכט צו די דאגות פון היינט און געזאָגט:

— אויך ער, דער פּעטערבורגער ווינאַווער, קען נישט פאַרגעסן די אַמאָליקע צייטן פון דער קרולעווסקע גאַס, אָבער וואָס קומט אַרויס, אז די צייטן וועלן מער נישט צוריקקומען...

— יאָ... יאָ... — האָט ר׳ לוי מיט דער האַנט זיך אַ רייב געטון די אויגן ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן דאָס בילד פון אַמאָליקן וואַרשע — קומט אויך ער, ווינאַווער, אַריין צום באַראָן?...

— יאָ און אויך אַדוואָקאַט סליאָזבערג... זיי אַלע און נאָך אַנדערע קומען זיך צונויף אין באַראָנס דירה כמעט יעדן אָוונט... געהיימער יידישער קאָמיטעט רופן זיי זיך... זיי טוען וואָס מען קען, זוכן עצות, גייען צו די שׂררות, בעטן, קלערן אויף און ווו מען דאַרף, גיבן זיי אויך אין יד אַריין...

עפּשטיין האָט גענומען רעדן זייער שטיל ווי ער וואָלט זיין אייגענער שטימע מורא געהאַט צו טרויען:

— און זיי האָבן אויך געשיקט אַ ספּעציעלן שליח קיין אויסלאַנד

— נאָר וועגן דעם טאָר קיין מענטש זיך נישט דערוויסן — און געלאָזט וויסן ראָטשילדן אין פּאַריז און וואָלפן אין לאָנדאָן און יעקב שיפן אין ניו־יאָרק וועגן דער גרויסער געפאַר וואָס דראָעט... זיי דאַרטן אין אויסלאַנד קענען גיכער אָנקלאַפּן אין פארשלאָסענע טירן...

— יאָ, יאָ... — האָט ר' לוי זיך געוואָלט צוגעבן מוט — עס איז דאָך פּאַרט נישט הפקר... — דעריבער האָט מיר דער באַראָן געזאָגט — האָט עפּשטיין ווייטער דערציילט — אז אויך אין וואַרשע מוז מען טון... „זאָל ר' לוי — האָט ער מיר געזאָגט — איבעררעדן מיט די דאָזיקע מיט וועמען מען דאַרף און זאָלן אויך זיי אין וואַרשע שאַפן א געהיימען יידישן קאָמיטעט..."

ר' לוי האָט פאַרמאַכט די אויגן. עפּשטיינס רייד האָבן אים צעטומלט. אוודאי פרייט ער זיך וואָס זיין איידעם האָט דערגרייכט אזוי הויך און מען טרויט אים אָן אזעלכע וויכטיקע שליחותן... אָבער וואָס וויל מען פון אים, פון לוין? פאַר זיך אליין ווייסט ער דאָך, ר' לוי, אז ער איז שוין אַלט און קראַנק, אז ער האָט שוין נישט קיין כוח צו טראָגן אויף זיינע פּלייצעס אפילו די לאַסט פון כבוד... עס ציט אים גאָר צום בעט, צו די שטעק־לאַטשן... זיינע אַלטע אויגן בעטן זיך: „לאָזט מיך צו רו..." היינט ווי קען ער נעמען אויף זיך אזעלכע זאכן? ער גאָר זאָל זיך פאַרמעסטן מיטן קיסרס גענעראלן?...

דער זילבערנער סאַמאָוואַר זשומעט שטיל. אלע שווייגן. די שטילע דבורהלע קוקט א באַזאָרגטע אויף איר מאַן וואָס זיצט אין זיין פאָטער־שטול מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— לוי... זאָגט זי צו אים שטיל — עס איז שוין שפּעט, לוי, דער דאָקטאָר...

ר' לוי מאַכט אויף די אויגן. ער שמייכלט. איצט ווייסט ער, וואָס ער האָט צו טון. איצט פילט ער מער נישט די לאַסט אויף זיינע פּלייצעס. עס איז דאָ איינער וואָס האָט פון אים די לאַסט אראָפּגענומען. איינער וועלכער איז שטענדיק גרייט צו נעמען אויף זיך אלע לאַסטן און אלע משאות. צו אים וועט ער גיין, לוי. אים וועט ער איבערגעבן די שליחות פון באַראָן. און אזוי ווי ער וועט זאָגן און הייסן, אזוי וועט זיין.

— מירצעשעם אויף שבת וועל איך אריבערפאָרן צום רבין — רעדט ר׳ לוי — און וואָס ער וועט זאָגן, אַזוי וועל איך טון!...

ר׳ לוי קוקט מיט דערוואַרטונג אויף עפּשטיינען. זיי, די „דייטשן", האָבן דאָך נישט קיין אמונת חכמים און פאָרן נישט צו קיין רבין... מילא זאָל ער לאַכן, עפּשטיין. ער, לוי וועט זיך נישט איבערנעמען מיט דעם געלעכטער פון די „דייטשן". אים, לוין, איז שוין לייכטער אויפן האַרץ געוואָרן ווי נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אין רבין... איז וואָס אַרט אים דאָס לאַכן פון די יידן, נעבעך, וואָס פאַרשטייען אַזוי ווייניק...

נאָר דניאל עפּשטיין לאַכט נישט. פאַרקערט ער שטימט צו צו ר׳ לוין:

— זייער גלייך, ר׳ לוי, וואָס איר וועט זיך דורכרעדן מיטן רבין — רעדט עפּשטיין — איך האָב דעם באַראָן געזאָגט, אַז אויב מען וויל אין וואַרשע עפּעס טון, דאַרף מען זיך ווענדן צום רבין. און דער באַראָן האָט געבעטן גריסן דעם רבין און אים זאָגן, אַז ער, דער באַראָן, האָט פאַרן רבין אַ ספר אַן אַנטיק און ער וועט עס אים ברענגען, ווען ער וועט קומען קיין וואַרשע...

— כ׳האָב נישט געוווּסט — האָבן זיך די קנייטשן אויף ר׳ לויס אַלט פּנים אויסגעגלייכט — אַז דער באַראָן קען אַזוי דעם רבין און ווייסט ווי ער זוכט שטענדיק ספרים, אַנטיקן... געוויס וועל איך דעם גרוס איבערגעבן... דער רבי וועט זיך פרייען...

פון גרויס צופרידנקייט האָט ר׳ לוי זיך נישט געמאַכט פון די האַרבע אָנזאָגן פון הערץ דאָקטאָר און פאַררויכערט אַ ציגאַר. ער האָט געשפּרייזט אַהין און צוריק איבערן צימער און זיין פּנים איז געווען איינגעוויקלט אין קנוילן רויך. ניין, ר׳ לוי איז מער נישט געווען פאַרדאגהט. אויף שבת וועט ער זיין ביים רבין און מיטן אויבערשטנס הילף וועט אַלץ נאָך גוט זיין... אַז עפּשטיין הייסט אויך פאָרן צום רבין איז דאָך נישט גלאַט. איז אפשר מיט זיין יידישקייט נישט אַזוי שלעכט... ווער קען אָפּשאַצן אַ יידישע נשמה... פאַרט ר׳ יעקבס אַ זון... פאַרט, האָט דער טאַטע זיינער אָנגערירט די קאָצקער קליאַמקע...

דער סאַמאָוואַר ביים טיש האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. דער גרויסער זייגער האָט אָנגעזאָגט מיט געבייזער, אַז די שעה פון

חצות האָט אָנגערוקט. דורך די פאַרמאַכטע פענצטער האָט זיך אין דער שטוב אריינגעריסן דאָס ווידער־קול פון די מארשירנדיקע זעלנער.

— איר זענט געווים שוין מיד — האָט דבורהלע גענומען אראָפּ־נעמען פון טיש — פון אזא לאַנגער רייזע...

דבורהלע האָט זיי אריינגעפירט אין דעם צימער וואָס איז אמאָל געווען לאניאס מיידלשע שטוב.

זיי זענען געבליבן אליין.

— מאַן מיינער — האָט לאניא ארומגענומען עפּשטיינען.

— ווייב מיינס — האָט איר עפּשטיין אריינגעפּליסטערט אין אויער.

זיי האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט און זיי האָבן זיך נאָך אַלץ, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכענונג דערפון, געמוזט איינער דעם אנדערן דערמאָנען אז זיי זענען מאַן און ווייב...

אינדרויסן האָט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אָפּגעהילכט דאָס קלאַפּעריי פון די שווערע קאַנאָנען־וועגענער.

## קאפיטל 5

# ר׳ לוים פערד גייען אין דער מלחמה...

דעם פרייטיק איז ר׳ לוי נישט אראפגעגאנגען אין געשעפט.

זיין פאטער ר׳ לייזער האט זיך נוהג געווען קיינמאל פרייטיק נישט צו קומען אין קאנטארל. מילא, וואס קען מען טון. אנדערע צייטן זענען געקומען און ר׳ לוי האט זיך שוין מתיר געווען צו זיצן אין געשעפט פרייטיק ביז צוועלף בייטאג. נאר אין דעם פרייטיק, ווען ר׳ לוי האט זיך געגרייט צו דער נסיעה צום רבין, פלעגט ער זיך פירן ווי דער טאטע עליו השלום.

דבורהלע האט אין דער טונקל־ברוינער לעדערנער וואליזע איינגעפאקט דאס שטריימל און די זיידענע קאפאטע און די תפילין און דעם שבתדיקן טערקישן טלית און כסדר דערמאנט איר מאן:

— און פארגעס נישט חלילה אן העריץ דאקטארס רעצעפטן. זיי ליגן ביים שטריימל...

— נו, נו, לאז שוין געמאך מיט די רעצעפטן — האט ר׳ לוי געערדט מיט געבייזער און פונדעסטוועגן גדענקט, ווו די רעצעפטן ליגן — האסט געשיקט צו ר׳ שמחהלען זאגן, אז ער זאל קומען מיט דער שבתדיקער קאפאטע?...

— יא, יא — האט דבורהלע געענטפערט — און גדענק אז דו זאלסט זיך חלילה נישט דערשוויצן ביים טיש...

— איי, איי, נשים!... — ר׳ שמחהלע חסיד איז מיטן רענצל אין האנט געשטאנען אין מיטן שטוב — פאר שוויצן ביים רבינס טיש האבן זיי גאר מורא, איי, איי...

# אין שטורעם

ר׳ שמחהלע חסיד האָט אוועקגעלייגט זיין רענצל אויפן טיש און זיינע יונגע אויגן האָבן ארויסגעלאָכט פון זיין אַלט פּאַרמעט־פּנים.

— און ווי קומען גאָר אַזעלכע רייד צו ר׳ לייזערס שנור... נשים פאַרשטייען נישט, אַז ווען אַ ייד דערוואָרעמט זיך ביים רבינס טיש, באַקומט ער פריש חיות, האַ, לוי!...

ר׳ שמחהלע חסיד האָט אַ צופרידענער זיך געריבן די הענט:

— נעם, לוי, אַ שמעק טאַבאַק, נעם — האָט ר׳ שמחהלע געעפנט דאָס זילבערנע טאַבאַק־שקעטעלע וואָס ער האָט באַקומען אַ מתנה פון ר׳ לייזערן — האָסט מיך ממש מחיה געווען, לוי...

— כ׳האָב געוווּסט, אַז עס איז אייך שווער צו פאָרן מיט דער קאַלייקע, נו, אַז איך האָב די קאַטש...

— דו רעדסט דאָך שוין ווי מיינע בנים, לוי!... — האָט ר׳ שמחהלע זיך צעבייזערט — זיי לאָזן דאָך מיך נישט פאָרן און האַלטן מיר אין אַריינשרייען אין אויער, אַז כ׳בין אַלט... גיי און גיב זיי צו פאַרשטיין, אַז אין קאָצק איז אַ ייד וואָס האָט געהאַלטן ביי די זיבעטע בר־מצווה געווען אַ יונגערמאַנטשיק... נו מילא, וואָס זאָל מען טון מיט קינדער... נאָר מיט דיין קאַטש, לוי, צו פאָרן האָבן זיי שוין קיין העזה נישט געהאַט צו זאָגן ניין... נו, איז וואָס זשע באַלעמור־טשעט מען, לוי, ס׳איז דאָך פּרייטיק...

יאַנקל דער פערד־שמייסער איז אַריינגעקומען מיט דער בייטש אין האַנט און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר.

— נעם אַ שמעק טאַבאַק, יאַנקעלע — האָט ר׳ שמחהלע חסיד צו אים געשמייכלט — און זאָלסט נאָר די פערדלעך דערמאָנען, אַז עס איז פּרייטיק...

נאָר יאַנקל שמייסער האָט געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן אויף ר׳ לוין און געשטאַמלט:

— זיי האָבן אַצינד צוגענומען די פערד, ר׳ לוי...

— מיינע קאַשטאַנעס?! — האָט ר׳ לוי געקוקט ארום זיך אַ דערשטוינטער — ווער?!

— די פּאַניעס... געקומען און צוגענומען... צו דער מלחמה דאַרף מען זיי, די פערד... אַזוי האָבן זיי געזאָגט...

ר׳ לוי האָט מיטביידע הענט זיך אָנגעהאַלטן אָן טיש. יאָ, די וועלט עקט זיך טאַקע... די צוויי קאַשטאַנעס מיט וועלכע ער, לוי, איז געפאָרן אין ר׳ לייזערס קאַטש זאָלן צונעמען פאַניעס... און ווי אַזוי פאָרט מען עפּעס צום רבין אָן דער קאַטש?

— איי, איי, לוי! — האָט ר׳ שמחהלע חסיד זיך נישט גענומען צום האַרצן, וואָס מען האָט ר׳ לוים צוויי קאַשטאַן־פערד גענומען צו דער מלחמה — וואָס איז דאָס עפּעס? מרה שחורה ווען מען פאָרט צום רבין, איי איי...

— איר האָט דאָ געהערט, ר׳ שמחהלע...

— אַוודאי האָב איך געהערט, לוי, ס׳איז טאַקע אַ צער בעל חיים. אויף פערד אויכעט, נאָר הלוואי נעמען זיי פערד און לאָזן צו רו די יידן...

— אָבער איך מוז דאָך זיין היינט ביים רבין — האָט ר׳ לוי זיך געפילט פאַרלוירן.

— אַוודאי וועט מען מירצעשעם זיין, לוי, ווי דען... אָן אַ קאַטש פאָרן אויך יידן צום רבין... און דיין טאַטע, ר׳ לייזער עליו השלום, איז אויך געפאָרן קיין קאָצק נישט אין קיין קאַטשן... און ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, לוי, עס טוט מיר שטאַרק הנאה, וואָס מען פאָרט נישט מיט דער קאַטש... וואָס ווייסטו, לוי, ס׳איז גאָר אַן אַנדערער טעם צו פאָרן צוזאַמען מיט אַלע יידן... קום, קום, לוי, נעם דאָס פּעקל און קום...

נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דבורהלע:

— וואַרטס צו אַ מינוט, יאַנקל וועט אַ לויף טון און ברענגען אַ דראָשקע...

— נישט צו קריגן היינט קיין דראָשקעס — האָט יאַנקל שמייסער זיך געפילט שולדיק — אַלע האָבן זיי צוגענומען די פאַניעס...

— איז דאָך אַוודאי גוט, לוי, וועט מען צוגיין צום טראַמוויי, ווי אַלע יידן. דעם טראַמוויי האָבן זיי דאָך נישט צוגענומען די פאַניעס, האָ?...

ר׳ לוי האָט זיך דערפילט אָנגעשטעקט פון ר׳ שמחהלע חסידס התלהבות. די נסיעה צום רבין מיט דער קאַלייקע און מיטן טראַמוויי,

צוזאַמען מיט אַלע פּראָסטע און אָרימע יידן האָט פאַר אים געהאַט דעם רייץ פון אַ ריזיקאַלישער אַוואַנטורע.

ער האָט געטון אַ כאַפּ זיין וואַליזע און פריילעך געזאָגט:

— נו, מיר גייען, ר׳ שמחהלע...

דבורהלע האָט געטון אַ ווינק צו יאַנקל שמייסער וועלכער האָט אַרויסגענומען פון ר׳ לוים האַנט די וואַליזע און מיט דער אַנדערער האַנט אַ כאַפּ געטון ר׳ שמחהלעס רענצל.

— יאַנקל וועט מיט אייך מיטפאָרן צום רבין — האָט דבורהלע געזאָגט — לייג אַוועק די בייטש יאַנקל...

— אַ שומר גאָר — האָט זיך געקוועקלט ר׳ שמחהלע חסיד.

— פאַרוואָס זאָל ער, יאַנקל... אויך נישט אַמאָל זיין ביים רבין — האָט דבורהלע גערעדט — וואָס, ער איז נישט קיין ייד...

— אַזוי איז טאַקע לוים אשה גערעכט — האָט ר׳ שמחהלע גע־נומען אַ שמעק טאַבאַק — נו, יאַנקל, נעם זשע אויכעט אַ שמעק טאַבאַק...

דבורהלע האָט זיי באַגלייט ביז צום טויער און שטיל אָנגעזאָגט יאַנקל שמייסער — געדענק, גיב אויף זיי אַכטונג...

— איך ווייס...— איז יאַנקל זיך געווען באַוווסט פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן.

און אַזוי זענען זיי אַרויס אויף דער גאַס. יאַנקל שמייסער איז געגאַנגען פאָראויס מיט די צוויי פעקלעך איןביידע הענט. און נאָך אים זענען נאָכגעגאַנגען צוויי אַלטע יידן מיט ווייסע בערד און אין לאַנגע טוכענע קאַפּאָטעס.

— איי, די בנים מיינע, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך בין נישט געפאָרן מיט דער קאַטש — איז ר׳ שמחהלה חסיד געווען צופרידן — זיי ווילן מיך דווקא מאַכן פאַר אַ זקן, געהערט אַ מעשה?...

ר׳ לוי האָט זיך געפילט ווי איינער וואָס מאַכט מיט עפּעס אַן אומגעוועגלעכע אַוואַנטורע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ...

— און דיין אשה, לוי, איז אַ חכמה, זי מיינט, אַז מיר ווייסן נישט צוליב וואָס יאַנקל פאָרט מיט, האַ?

יאַנקל האָט אַלע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די צוויי אַלטע

לייט. זיינע אויגן האָבן געקוקט שטרענג אויף די גויאישע דורכגייער. נו, נו, זאָל נאָר עמיצער פון זיי וואַגן אָנצורירן די צוויי אַלטע יידן!... נישקשה, מען מעג זיך אויף אים, אויף יאנקלען, פאַרלאָזן. אויפן שילעץ ביי דער וויסל האָט ער שוין נישט איינמאָל אָנגעריבן אַ מאָרדע די שקצים...

זיי זענען געבליבן שטיין אויף דעם שמאָלן טראָטואר אנטקעגנ־איבער דער ווינער־באַן וואָס האקט אדורך אויף צוויי ען די שיינע גויאישע יעראזאלימער אַלעען.

— דאָ וועלן מיר וואַרטן אויפן טראַמוויי נומער דריי — האָט ר׳ שמחהלע חסיד אויפגעקלערט יאנקל שמייסער — זעסט, פונדאַנען פאָרן יידן גלייך פון דער ווינער־באַן קיין מאקאטאוו צו דער קאַלייקע.

דער דאָזיקער שמאָלער טראָטואר איז יעדן פרייטיק און יעדן ערב יום טוב פול מיט יידן וואָס האלטן פעסט אין די הענט זייערע רענצ־לעך און קוקן אוים דעם טראַמוויי נומער דריי. פון די יידישע גאסן און פון אַלע שטעט און שטעטלעך קומען זיי אַהער די יידן מיט בערד און פיאות. זיי קומען צוזאַמען מיט זייערע זין און איידעמס; מיט זייערע רענצלעך אין די הענט, אין וועלכע עס איז פאַרפאַקט די שבת־דיקע קאַפּאָטע און דאָס שטריימל, קומען זיי אַהער צו דער גויאישער גאַס און ווילן נישט זען מער ווי דעם רויט־געפאַרבטן טראַמוויי נומער דריי.

אומזיסט רופן זיי די שרייענדיקע ליכט־רעקלאַמעס, וואָס זאָגן צו פאַרגעניגן און פאַרווײַלונג. אומזיסט ווינקען צו זיי די גרויסע שוי־פענצטער מיט אויסגעשניצטע פאַרשייטע נקבות. אומזיסט פרוּוון זיי לאָקן די עלעגאַנטע רעסטאָראַנען און פאַרווײַלונגס לאָקאַלן. אומזיסט רייסן זיך טענער פון פריילעכער מוזיק צו זייערע אויערן. אומזיסט פוצן זיך אוים וואַרשעס עלעגאַנטע דאַמען אין מאָדעלן פון פאַריז.

די יידן זעען נישט און הערן נישט מער ווי דעם קלאַנג פון דעם אָנקומענדיקן טראַמוויי נומער דריי, וואָס וועט זיי באַלד ברענגען צום רבינס קאַלייקע.

שטעכיק זענען די גויאישע בליקן וואָס גליטשן זיך מיט שנאה אויף די טונקעלע יידישע קאַפּאָטעס.

## אין שטורעם

און א בייסיק געמורמל לויפט דורך:

— אומעטום זענען זיי פול, די זשידעס...

— אויך די שיינע פוילישע אלעען פארמיאוסן זיי, די זשידעס...

און אמאל פאלט א קללה אויף די יידישע קעפ און אמאל אויך א קלאפ מיט א שטעקן...

און זיי ווייסן נישט, די שילטער און שלעגער און אפשר ווייסן זיי יא, נאר מאכן זיך נישט וויסן, אז גראד זענען דווקא די יידן מיט בערד און פיאות שוין גאר שטארקע מחותנים מיט דער דאזיקער שיי־נער פוילישער אלעע. זיי האבן פארגעסן און אפשר מאכן זיי זיך בלויז פארגעסן, אז מיט הונדערט יאר צוריק האט א פריץ די זיידעס פון די יידן אהערגערופן און זיי האבן די גאס אויסגעבויט און באוווינט און פון דעמאלט אן האבן יידן און גויים די דאזיקע גאס געגעבן דעם נאמען פון ירושלים להבדיל...

היינט איז בלויז דער נאמען ירושלים געבליבן. די יידן זענען אוועק. זיי בויען שוין איצט אנדערע גאסן און אנדערע שטעט און זיי ווילן נישט קיין סך.

— לאזט אונדז נאר ווארטן א ווײַלע אויפן טראמוויי נומער דריי.

זיי פילן אויף זיך די בליקן פון שנאה און האס. און זיי נעמען זיך צוזאמען. זיי גיסן זיך צונויף אין איין שווייגנדיקער מאסע, וואס שטייט אומבאוועגלעך און עקשנותדיק אויף איין ארט, און כדי אין א מינוט שפעטער אנצופילן דעם טראמוויי נומער דריי.

דעם היינטיקן פרייטיק אבער זענען ווייניק יידן געקומען אויף דעם שמאלן טראטואר אנטקעגנאיבער דער ווינער באן.

— וואס איז געשען, לוי? — פרעגט ר׳ שמחהלע חסיד — מען זעט עפעס היינט דא נישט קיין יידן...

— מלחמה — ענטפערט קורץ ר׳ לוי.

— דארף מען זיך דאך אוודאי האלטן צוזאמעןביים רבין — מורמלט ר׳ שמחהלע חסיד, נאר דערויף ענטפערט שוין נישט ר׳ לוי.

פונדעסטוועגן קען מען נישט זאגן, אז יידן האבן צוליב דער מלחמה איינגאנצן פארגעסן אן דעם טראמוויי נומער דריי. דא און דארט האט מען צווישן דער גויאישער מאסע ארויסגעזען א יידישע קא־

פּאַטע. די יידן האָבן דערקענט ר׳ לוין און ר׳ שמחהלען, און זיי האָבן זיך גענומען ארום זיי צונויפקלייבן. באַלד האָט ר׳ שמחהלע דערזען ארום זיך צוויי מנינים יידן. זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן:

— נו זעסט, לוי, יידן זענען פאַרט יידן... מילא וואָס קען מען טון, אז די גויים ווילן דוקא פירן מלחמות, אָבער אויף שבת צום רבין דאַרף מען פאָרן, נישט וואר, יידן?

נאָר די יידן שמייכלען נישט צוריק צו ר׳ שמחהלע חסיד. זייערע פּנימער זענען בלייך און זייערע אויגן דערשראָקן.

— גלייכער היינט וואָס וויניקער צו רעדן אין גאַס — רוימען זיי איין ר׳ שמחהלען — און זיי אָטעמען לייכטער אָפּ, ווען דער רויטער טראַמוויי שטעלט זיך אָפּ.

יאַנקל שמייסער נעמט ר׳ שמחהלען אונטערן אָרעם:

—געלאַסן, ר׳ שמחהלע, אָט דאָ איז אַ שטיגל...

ענג איז אויפן טראַמוויי נומער דריי. מילא די ענגשאַפט אליין וואָלט נישט אויסגעמאַכט. פאַרקערט, אז יידן קומען זיך צונויף און עס ווערט אביסל ענג און אַ פּוס פאַרטשעפּעט זיך אָן אַ פּוס און שפּאַרט זיך אָן אויף אַ צווייטן יידס אַקסל, ווערט ערשט היימלעך און וואַרעם. נאָר די היינטיקע ענגשאַפט אין אַן אַנדערע. עס איז אַ פרעמדע ענגשאַפט. אַן ענגשאַפט פון וועלכער עס יאָגט אַ קעלט. גויאישע ענגשאַפט זענען יידן, וואָס פאָרן אויף שבת צום רבין, נישט גורס. און היינט איז דער טראַמוויי נומער דריי פול מיט גויים. קרעכצן די יידן שטיל. אוי, אַלץ די גויאישע מלחמות. נישט מען קען די גאַס דורכגיין, נישט מען קען צומאָל צום רבין פאָרן. און ווער ווייסט וואָס מאָרגן וועט זיין. עפּעס קוקן די גויים מיט אַזעלכע בייזע שטעכיקע אויגן. וואָס דער אמת, איז אפילו אַ רחמנות אויף זיי, אויף די גויים, נעבעך.

וואָס ווייסן זיי פון אַ לעבן, די גויים. אז פון קיין שבת ווייסן זיי נישט און דעם טעם פון יום טוב האָבן זיי נישט פאַרזוכט. און קיין פרשה חומש געלערנט מיט אַ ניגון האָבן זיי נישט, און ביי אַ בלאַט גמרא האָבן זיי אוודאי זיך נישט געשאַרפט דעם קאָפּ — איז וואָס פאַר אַ טעם און ריח האָט, מישטיינס געזאָגט, דאָס גאַנצע גויאישע לעבן.

אז ביי קיין רבישן טיש זענען זענען זיי קיינמאָל נישט געווען און אין אַ חסידישן רקודל האָבן זיי קיינמאָל נישט געטאַנצט. פאַרדריסט זיי טאַקע, די גויים, וואָס די יידן האָבן זוכה געווען צו די אַלע גוטע זאַכן, אָבער צוריק געשמועסט, וואָס פאַר אַ טענות קענען זיי, די גויים, צו אונדז האָבן? וואָס שטעכן זיי מיט זייערע בליקן ר׳ שמחהלע חסיד און ר׳ לוין און די אַנדערע יידן מיט די רענצלעך אין די הענט? זיי זענען דאָך אַליין שולדיק אין אַלעם, די גויים. איז דען דער רבונו של עולם נישט ארומגעגאַנגען מיט זיין הייליקער תורה צו די אומות און האָט ער זיך דען ביי זיי פריער נישט געבעטן: נעמט זי אָן, די הייליקע תורה... נאָר זיי האָבן נישט געוואָלט, די גויים. געהערט אַ מעשה, דער רבונו של עולם איז זיך מטריח צו זיי און בעט זיך, כביכול איז זיך מתחנן און זיי גאָר ווילן נישט... היינט זשע וואָס שטופּט ער, דער ערל פון רעכטס, זיין עלנבויגן מיט אַזאַ רשעות אין ר׳ שמחהלעס אַלטע פּלייצע? וואָס האָט ער צו אים, ר׳ שמחהלען? וואָס, אפשר האָט ר׳ שמחהלע באַדאַרפט גיין צו זיי, צו די גויים, און זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זאָלן אָננעמען די תורה? איז, ערשטנס, וואָס פאַר אַ משה־מחויב איז ער, שמחהלע פון קאָצק, זיך צו זאָרגן פאַר עפּעס ערלים און פאַר זיך אַליין האָט ער דען שוין אויסגעזאָרגט?...

ר׳ שמחהלע פּרוווט אויסדרייען זיין פּלייצע פון דעם ערלס עלנ־בויגן. נאָר דער ערל לאָזט אים נישט אָפּ און ר׳ שמחהלע פילט אַ שניידיקן ווייטיק. ער קרעכצט שטיל. ער ווייסט, אַז הינטער אים שטייט יאַנקל שמייסער מיט זיינע געזונטע ידיים און ער וואָלט שוין דעם ערל געלערנט דרך־ארץ. נאָר ר׳ שמחהלע חסיד האַלט נישט פון אַזעלכע זאַכן. ער הויבט אויף זיינע גוטע פאַררויטלטע אויגן צום בייזן ערל. אַ שאָד וואָס ער קען נישט רעדן קיין גויאיש, ר׳ שמחהלע, אַנישט וואָלט ער צו אים געזאָגט:

— זעסט, ערל, עס איז מיר באמת אַ רחמנות אויף דיר... דיין עלנ־בויגן האָט קיינמאָל נישט געפילט דעם באַריר פון דער רצועה פון תפילין, און דו קענסט מיט אים נאָך ווי טון מיין פּלייצע. אָבער וואָס ווילסטו פון מיר? אַז דו האָסט דעם כביכול אַליין נישט געוואָלט האָרכן, היינט וואָלסטו זיך צוגעהערט צו די רייד פון מיר, שמחהלען? און צווייטנס, ווי אַזוי

וואָלט איך צו דיר גערעדט? דו ווייסט דאָך, אַז נישט אין קאָצק און נישט אין פּשיסכע האָט מען גערעדט די גויאישע לשונות...

—ס'הייסט — כאַפּט זיך ר' שמחהלע חסיד, אַז ער איז שיעור נישט געשטרויכלט געוואָרן אין ליגן חלילה — יאָ, ער, דער פּשיסכער אַליין, האָט אפילו זייערע גויאישע לשונות געקענט און נאָך ווי!... ער איז דאָך אַזש קיין דאַנציק געפאָרן מיט דער ווייסל, דער פּשיסכער, און דאָרט מיט די ערלים גערעדט אויף זייער לשון. נו, און אים האָט עפּעס געהערט? נעבעך, נעבעך — קרעכצט ר' שמחהלע אויף דעם ביטערן מזל פון די גויים און פאַרגעסט אָן דעם ווייטיק פון זיין פּלייצע — ווי זיי ווערן דאָס פאַרשוואַרצט זייער גאַנץ לעבן און ווייסן נישט פון קיין שמחת־מצווה און האַלטן זיך אין איין שלאָגן און הרגענען...

דעם גוים עלנבויגן האָט אָפּגעלאָזט ר' שמחהלעס פּלייצע, נאָר דערפאַר האָט זיין האַנט אָנגעכאַפּט דעם יידס ווייסע באָרד און זיינע ציין האָבן אַ סיקע געטון:

— זשיד...

נאָר דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט יאַנקל שמייסער. זיינע צוויי שטאַרקע הענט האָבן אַ נעם אַרום געטון דעם ערל ווי מיט אַן אייזערנער צוואַנג.

ר' שמחהלעס באָרד איז באַפרייט געוואָרן פון די גויאישע הענט, נאָר דערפאַר האָבן אַלע גויטעס פון טראַמוויי זיך צעשריגן:

— גוואַלד, יידן שלאָגן אונדזערע!...

און יאַנקל שמייסער האָט נאָך פעסטער אַרומגענומען דאָס לייב פון דעם ערל, האָט אים צעשאָקלט ווי אַ לולב, להבדיל, און געפּרוווט די ערלטעס איבערשרייען אויף זיין פויעריש גויאיש לשון:

— נאַט אייך צוריק, דעם כלב! — און מיט די ווערטער צו זיי אַ וואָרף געטון דעם צעשראָקענעם גוי...

ניסים וואָס דער טראַמוויי נומער דריי האָט זיך גראַד אָפּגעשטעלט אין מאַקאַטאַוו, זענען די יידן שנעל אַרויס און ר' לוי האָט קוים מיטגעשלעפּט מיט זיך יאַנקל שמייסער, וועלכער האָט געשריגן, אַז ער האָט נישט קיין מורא און אַז ער וועט זיך מיט אַלע ערלים אַן עצה געבן...

## אין שטורעם

די יידן אָבער האָבן נישט געהאַט קיין גרויס צוטרוי צו יאנקל שמייסערס גבורה. ערשט ווען זיי זענען אריינגעקומען אין דעם טונקעלן פון רויך ווארטע־צימער פון דער קאַלייקע, האָבן זיי לייכט אָפּגע־אָטעמט.

### קאפיטל 6

# די יידישע קאַלייקע

דאָ ביי דער קאַלייקע האָבן זיי זיך שוין געפילט ווי אין דער היים. אמת, אויך די באַאמטע און אַרבעטער פון דער קאַלייקע זענען געווען אַלע גויים. אָבער זיי זענען פאַרט געווען אַנדערש ווי די אַנדערע גויים. זיי זענען געווען אַ מין יידישע גויים און זיי האָבן זיך טאַקע אויסגע־טענהט מיט זייערע פּאַסאַזשירן אויף יידיש לשון.

די גויים, וואָס האָבן אַמאָל אויך זיך געמוזט באַנוצן מיט דער מאַקאַטאַווער באַן, האָבן זי איראָניש גערופן די יידישע קאַלייקע אָדער גאָר דעם רבינס קאַלייקע.

און אַזוי איז עס אויך געווען. אין מאַקאַטאַוו האָט דער גויאישער קאַלענדאַר גאָר נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. דער אמתער און איינציקער בעל דעה איז דאָרט געווען דער יידישער לוח און די גויים האָבן טאַקע געקענט דעם לוח פון אויסנווייניק, האָבן געדענקט אַלע ימים טובים און האָבן שטענדיק געוווסט, ווען מען צינדט ליכט און אַזוי געמאַכט, אַז יידן זאָלן חלילה נישט מחלל שבת זיין...

אַ גאַנצע וואָך האָט די קאַלייקע ווי געדרימלט. די וואַגאָנעס האָבן זיך פויל געשלעפּט און די באַן־אַרבעטער האָבן זיך געדרייט אַהין און צוריק און געגעניצט.

ערשט דאָנערשטיק נאָך מיטאָג איז ווי אַ ניי לעבן אַריינגעטרעטן אין דער יידישער קאַלייקע. דער אַלטער קאַסירער, פּאַן וואַלסקי, האָט מיט חשיבות זיך גלייך געמאַכט די וואָנצעס און מיטן טאַשן־טיכל אויס־געווישט פון שטויב דאָס פענצטערל, הינטער וועלכן ער האָט געקעניגט.

## אין שטורעם

די באַן־אַרבעטער האָבן גענומען פרייִלעכער שרייַען איינער אויפן אַנ־דערן ביים איבערפירן די וואַגאָנעס פון איין שינע אויף דער אַנדערער און אין דעם קליינעם וואַרט־צימער האָבן יידן געפּיפקעט ביליקע ציגאַרן און געהאַלטן אין איין האָבן טענות צו די קאַלייקע גויים:

— קענסט נישט מאַכן אַז די קאַלייקע זאָל שנעלער גיין?

און די גויים האָבן מיט אַ פילאָזאָפישן שמייכל שטענדיק אָפּגע־ענטפערט:

— וואָס איילסטו זיך אַזוי... צו שלום נעמען ביים רבין וועסטו דאָך קומען...

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַן עמער מיט וואַסער און אַן אַלט צעריסענער האַנטעך. האָבן טאַקע יידן זיך געוואַשן די הענט און גע־דאַוונט מנחה מיט אַ מנין. און אַז מען האָט געהאַלטן אין מיטן שמונה עשרה, האָט די קאַלייקע געוואַרט און יידן האָבן רואיק דריי מאָל אויסגעשפּיגן ביי עלינו און געזאָגט קדיש... אַז מען שמועסט אַ יידישע קאַלייקע.

נאָר שוין גאָר היימיש האָבן יידן זיך געפילט, ווען זיי זענען געזעסן אינעווייניק אין די וואַגאָנעס. דאָרט אין די שמאָלע וואַגאָנעס פון דער יידישער קאַלייקע האָבן יידן פון זיך ערשט אַראָפּגעוואָרפן די גאַנצע לאַסט פון גלות, האָבן פאַרגעסן אָן די אַלע נאַרישקייטן און הבל־הבלים פון וואָכעדיקן הו־הא, האָבן אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שטויב פון דאגות, האָבן זיך אויסגעטון פון אַלע גשמיותן און פון דער גאַרישער, פאַרגויאישטער וועלט און האָבן טיף איינגעאָטעמט אין זיך די בשמים ריחות פון דער וועלט פון חסידות און תורה.

וואָס מיר גויים און ווען מיר גויים, וואָס מיר צרות און ווען מיר צרות, וואָס מיר גלות און ווען מיר גלות, אַנטקעגן דעם גרויסן גליק ווען יידן האַלטן זיך צוזאַמען, ווען דאָס האַרץ זינגט פון זיך אַליין אויס אַ גרויס געזאַנג צום באַשעפער פון דער וועלט, ווען יום־טוב־דיקע פרייד פאַרטרייבט אַלע מרה שחורהסן און דו ווייסט נישט אַליין ווי אַזוי און פאַרוואָס.

קליינע ייִנגלעך מיט געקרייזלטע פּיאהלעך לויפן צעזונגענע און צעשטראַלטע איבער די שמאָלע וואַגאָנעס. זיי דערקענען נישט, די

יינגלעך, זייערע אייגענע טאַטעס. אין דער היים שרייט דער טאַטע, בייזערט זיך, ענטפערט אויף יעדער קינדערישער פראַגע מיט געבייזער:

— פאַרדריי מיר נישט דעם קאָפּ...

און דאָ אין וואַגאָן פון דער קאַלייקע איז דער שטרענגער טאַטע נאָר אַן אַנדערער מענטש געוואָרן. ער שרייט נישט און ער בייזערט זיך נישט. זיינע אויגן לאַכן און ער אַליין, דער טאַטע, טוט אויך אַ שטיף, זינגט און מאַכט זיך נאַריש, ווי ער וואָלט אַליין אַ קינד געווען.

די יינגלעך פאַרשטייען נישט וואָס אַזעלכעס עס איז געשען מיט די דערוואַקסענע, וואָס האָבן פּלוצלינג פאַרלוירן זייער שטרענגקייט און בייזקייט, און זיי שפּילן זיך מיט די אַלטע יידן, לאַכן הויך און הערן נישט אויף צו פרעגן:

— ווען וועלן מיר אָנקומען?...

און די טאַטעס ענטפערן מיט צעשמייכלטע אויגן:

— באַלד, באַלד... נאָר געדענקט, ביים רבין אין שטוב מוז מען זיין שטיל...

די יידן נעמען אַראָפּ פון זיך די אויבער־מאַנטלען און בלייבן זיצן אין ברייטע אַלפּאַקענע כאַלאַטן אָדער אין טונקעלע טוכענע געהאַקטע קאַפּאָטעס אַרומגעבונדן מיט ברייטע זיידענע גאַרטלען. זיי לייגן אַוועק אויף דער אויבערשטער באַנק פון וואַגאָן די קליינע טוכענע קאַשקעט־לעך און אַ וואַלד פון שוואַרצע הויכע סאַמעטענע קאַפּלען פּילט אָן דעם וואַגאָן, פון הינטער וועלכע עס שפּראָצן אַרויס ברייט צעוואַקסענע יידישע פּיאות און בערד.

די בערד און פּיאות זענען שוין היפּש גראָלעך, אָבער די אויגן זענען נאָך אַלץ שטיפעריש יונג. אויף דער באַנק אין אַ ווינקל זיצט אַ יונגער מאַן, וואָס מיט איין האַנט ציפּט ער די גאָמבע און מאַכט פאַרצווייפל־טע פּרוּוון צו געפינען כאָטש דעם מינדסטן צייכן פון אַ בערדל. ער איז צעטומלט, דער יונגערמאַן. עס שמעקט נאָך פון אים מיט די ריחות פון חופּה־טאָג. נישט לייכט איז אים אָנגעקומען אַוועקצורייסן זיך פונעם יונגן ווייבל, אָ, נישט לייכט.

זיצט ער דאָ אין וואַגאָן צווישן די יידן און דערמאָנט זיך ווי ער

האָט זיך מיט זיין ווייב געזעגנט. ס׳ערשטע מאָל פּאָרט ער אוועק פון שטוב...

א לייכטע רויטקייט שלאָגט אַרויס אויף זיין פּנים. ער וויל מיט געוואַלד פאַרטרייבן די געדאַנקען וואָס זענען נישט פּאַסיק פאַר א ייד, וואָס וועט באַלד שלום נעמען ביים רבין. אָבער וואָס מער ער וויל די רעיונות פאַריאָגן, אַלץ מער קלעפּן זיי זיך צו אים צו און אים דאַכט זיך, אַז זיינע שכנים אין וואַגאָן זעען דאָס, לייענען אַראָפּ די באַהאַלטענע געדאַנקען פון זיין פּנים און מאַכן חוזק פון אים.

— פון וואַנען קומט א יונגערמאַן? — דערזעט ער פּלוצלינג איי־בער זיך די גרויסע בלאָנדע באָרד פון הערש וואַליער.

— פון זגערש... — ווערט דער יונגער קעסט־איידעם נאָך מער צעטומלט.

— ס׳ערשטע מאָל צום רבין, האַ?...

— יאָ, ס׳ערשטע מאָל — פילט זיך דער אָרימער קעסט־איידעם זייער שולדיק...

— נישט לייכט ס׳ערשטע מאָל זיך אַרויסצורייסן פון שטוב, וואָס?... — דערפילט דער יונגערמאַן אויף זיין גלאַט יינגליש פּנים דעם באַריר פון הערש וואַליערס באָרד, און ער שטאַמלט אינגאַנצן א פאַרלוירענער:

— איך... איך...

נאָר הערש חסיד קלאַפּט אים שוין איבער דער פּלייצע:

— ס׳מאַכט נישט, יונגערמאַן... ביי יעדן איז אַזוי פון אָנהייב... דער כוח פון די הבל־הבלים איז שטאַרק... נאָר א ייד דאַרף זיין נאָך שטאַרקער, נאָך איינגעשפּאַרטער פאַר אים, דעם יצר הרע... און אַז דו וועסט נאָר, יונגערמאַן, איין מאָל דערפילן דעם טעם פון רבינס טיש, וועט דיך שוין אַליין ציען אַהער, אוי וועט דיך ציען...

— יאָ, יאָ... — ווייסט נישט דער קעסט־איידעם וואָס צו זאָגן.

— יאָ אַהין יאָ אַהער, פון דיין יאָ זאָגן וועט קיין תכלית נישט זיין — נעמט הערש זיין לאַנגע בלאָנדע באָרד איןביידע הענט — וואָס זשע באַלעמוטשעסטו?!...

שטייט דער קעסט־איידעם פון זגערזש שוין גאָר צעטומלט און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טון.

אָבער נישקשה, מען געפינט זיך פּאָרט נישט צווישן וואלד־גזלנים נאָר צווישן יידן, קומט מען צו הילף דעם צעטומלטן יונגנמאַן.

— א רחמנות נעבעך אויף א „פריץ" — מעלדעט זיך פּריוווּיליק בונמל פון דעם שטיבל אויף נאַלעווקי 19 — נו, נו, זיי נישט געפאַלן ביי זיך, יעדער פון אונדז איז אַמאָל געווען אַ פּריץ, איז צום ערשטן מאָל געפאָרן צום רבין און האָט נישט געוווּסט ווי איין און ווי אויס... וועסט זען, אז אינגיכן וועסטו זיך „אויספּריצעווען" און וועסט נאָך זיין א לייט...

— כ'מיין... — זוכט דער „פּריץ" א פּאַסיק וואָרט כדי אויפצו־קלערן, אז ער איז נישט אבי ווער, און הגם ער פּאָרט טאקע ערשט צום ערשטן מאָל צום רבין, פונדעסטוועגן איז ער שוין גאָרנישט אזא לע־מעשקע און פארדינט נישט אויף דעם צונאָמען...

נאָר בונמל פון די נאַלעווקעס מיט זיין געשליפן צינגל רייסט אים שארף איבער זאָגנדיק: —

— איידער זיך צו „סטאַוויען" און רעדן פּריצעוואַטע רייד, זאָג גלייכער ווי דו הייסט, נו, שנעלער, שנעלער — און בונמל זינגט אויס מיט א ניגון — ויקרא שמו בישראל...

— נחום... — האלט דער יונגערמאַן קוים איין זיינע טרערן.

— רעד זשע אזוי, נחום, הכלל, נחום, באַלעמוטשע נישט און גיב אהער דיין פּעקל!

נאָר באַלד וויל בונמל ווייזן זיין בריהשקייט און רופט אויס: —

— ווארט, נחום, ווארט, וועסט זען און איך אליין וועל אויסגע־פינען דיין פּעקל...

בונמלס שארפע אויגן לויפן שנעל איבער די אָנגעוואָרפענע וואליזן און רענצלעך און שטעלן זיך אָפּ אויף א פינקלדיק נייע לעדערנע וואַ־ליזע פון טונקל ברוינעם לעדער:

— אָט איז דיין פּעקל — רופט בונמל אויס מיט טריומף — ווי דען, א פּריץ מוז האָבן אַלץ פונק ניי, כע־כע־כע... נו, נחום, עפן אויף און

לאָמיר זען וואָס פאַר מעדני מלכים מ׳האָט אזא פריץ ווי דו מיט־געגעבן...

מיט ציטערדיקע הענט עפנט נחום אויף זיין וואַליזע און בונמל ציט פון איר געשיקט אַרויס די לעקעכער און קוכנס, וועלכע נחומס יונג ווייבל האָט מיט די אייגענע הענט אויסגעקנאָטן, געפלאָכטן און געבאַקן. איצט שטייען אירע לעקעכער פאַר די אויגן פון אַן עולם פרעמ־דע מענטשן און נחומען דאַכט זיך, אז די דאָזיקע פרעמדע יידן קוקן נישט בלויז אויף די קוכנס, נאָר זיי הערן אויך זיין ווייבס שטילן פליס־טער:

— נחומשי, ס׳זאָל דיר זיין צו געזונט...

בונמל הערט נישט אויף צו נישטערן אין נחומס וואַליזע און פּלוצלינג ציט ער אַרויס פון דער וואַליזע א קליין פּעקעלע איינגעוויקלט אין גרין פּאַפּיר און רופט אויס:

— כ׳האָב געוווּסט, אַז „שמעק־זייף״ גייט עס נישט ביי די פּרי־צים, נו, נחום, דאָס ועסטו שוין מוזן אויסלייזן מיט א פערטעלע ביר...

נחומס לעקעכער בלייבן נישט איינזאַם. באַלד עפענען זיך אויף די אַנדערע וואַליזעס און רענצלעך און יידן נעמען אַרויס אייער־קיכלעך און האָניק־לעקעך און טאַקע דאָס עכטע ביסל אָקעוויט אויבעט און צוזאַמען נעמט דער עולם צו גלעזלעך און אויך די קליינע יינגלעך מאַכן הויך א ברכה און פאַרקרימען זיך ביים פאַרזוכן דעם שאַרפן ברען פון חסידישן בראָנפן...

— לחיים, יידן, לחיים...

— לחיים, נחום, זעסטו א פריץ עסט מען חלילה אויך נישט אויף...

און הערש וואַליער האָט שוין אַרויסגעטראָגן זיין פּסק:

—נו, נחום, פון היינט אָן ביסטו אין דער חברה... לחיים, לחיים און מען זאָל האָבן פון דיר נחת...

די קאָלייקע שטעלט זיך אָפּ. א גויעטע מיט א קוישל אין האַנט פרוווט עפענען די טיר פון וואַגאָן, נאָר דער גויאישער „קאָנדוקטאָר״ שיקט זי בייז ווייטער און ער רעדט האַלב גויאיש און האַלב יידיש:

— פּסיא קרעוו... אַן איינפאַל פון א שיקסע... ווייסט נישט, אַז חסי־דים פאָרן צום רבין...

ער געדענקט שוין נישט, דער ערל, וויפל גלעזלעך חסידישן בראַנפן ער האָט אויסגעזופט און ער פאַרבייסט נחומס קוכן...

ווען שמחהלע חסיד און ר׳ לוי באגלייט פון יאנקל שמייסער זע־נען אין דעם פּרייטיק אַרויף אויף די הילצערנע טרעפּלעך פון דער יידישער קאַלייקע, איז אין וואגאָן שוין געווען היפּשלעך ענג. די בענק זענען שוין געווען אויסגעזעצט מיט יידן אין קאפּלען און גאַרטלען און הערש וואַליער מיט דער גרויסער בלאָנדער באָרד האָט זיך געפּאָרעט ביים אויספּריצעווען דעם קליינעם משהלע פון זדונסקע וואָליע...

האָט ר׳ שמחהלע חסיד מיט זיינע אַלטע גוטע אויגן זיך אַרומ־געקוקט אויף רעכטס און לינקס און זיינע בליקן האָבן זיך צעשמייכלט אַנטרעפנדיק אויף אַזוי פיל היימישע פּנימער.

ר׳ שמחהלע חסיד האָט זיך אַ רייב געטון זיינע צוויי אויסגע־דאַרטע הענט איינע אָן דער אַנדערער און זיינע ליפּן האָבן אַרויסגע־שעפּטשעט:

— מי כעמך ישראל... זעסט, לוי, די וועלט גייט נישט אונטער, אַזוי לאַנג די יידן האַלטן זיך צוזאַמען... איי, איי, לוי, ס׳איז דאָך פשוט אַ מחיה צו זיין צוזאַמען מיט יידן...

די יונגעלייט האָבן געמאַכט אַן אָרט פאַר די צוויי זקנים און ר׳ שמחהלע חסיד האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— אַ מחיה, אוי ווי אַ מחיה...

ער האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן און ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— איך פאַרשטיי זיי נישט, די היינטיק־וועלטיקע... וואָס זוכן זיי ביי די גויים, וואָס?...

— עולם הזה — האָט ר׳ לוי געפּרוווט אויפקלערן.

— איי, לוי, רעדסטו דאָך שוין גאָר נאַרישקייטן... און וואָס מיינסטו זוך איך לוי? ווי קום איך גאָר צו טראַכטן פון עולם הבא... איך זוך דאָך אויך נאָר עולם הזה און אַז איך קוק זיך אַרום און זע אַז עולם יידן מיט בערד און פיאות, איז דאָך ממש אַ מחיה... ממש עולם הזה, ווי דען...

הערש מיט דער גרויסער בלאָנדער באָרד, האָט דערלאַנגט ר׳

שמחהלען לעקעך און בראָנפן און צו דעם קליינעם משהלען פון זדונס־קע וואָליע, געזאָגט:

— קום אהער און ר׳ שמחהלע וועט דיר אָנווינטשן...

— וואָס איז? — האָט ר׳ שמחהלע געפרעגט:

— אַ קינד נאָך נעבעך, ערשט חתונה געהאט און שוין טשעפּען זיך צו אים די גויים מיט זייערע מלחמות — האָט הערש געענטפערט.

— נו, און דו אַליין, הערש, דאַרפסט דאָך אויך געהאָלפן צו ווערן...

— מילא, איך... — האָט הערש אַ מאַך געטון מיט דער האנט — אָבער ער, אַ קינד נאָך... האָט ר׳ שמחהלע חסיד אָנגענומען משהלעס האנט און געפרעגט:

— ביסט שוין געווען אין גער?

— ס׳ערשטע מאָל — האָט משהלע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איז ווי קומט צו דיר מרה שחורה — האָבן ר׳ שמחהלעס אויגן געקוקט מילד אויף דעם בלייכן געזיכט פון דעם צעשראָקענעם יונגנ־מאַן — וואָס, פאַר די גויים מיט זייערע מלחמות שרעקסטו זיך? עס איז נאַרישקייטן, משהלע... ווי קענען זיי האָבן אַ שליטה אויף דיר, די גויים, אז דו הייבסט ערשט אָן טון אין יידישקייט... נו, לחיים, משהלע, לחיים...

משהלעס בלייך געזיכט האָט אויפגעלויכטן און הערש מיט דער גרויסער, בלאָנדער באָרד האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע:

— האָסט געהערט, משהלע, די רייד פון אַ קאָצקער... איז אויפ־געראַוימט זאָל מען זיין, אז מען פאָרט צום רבין!... נו, ריר זיך, פּריץ איינער, זעסט דאָך יידן וואַרטן, צעטייל־זשע דעם לעקעך און בראָנפן!...

איז משהלע געגאַנגען פון באַנק צו באַנק אין דעם שמאָלן קאָלייקע וואַגאָן אין איין האנט דעם בראָנפן און אין דער צווייטער דעם לעקעך און יידן האָבן געמאַכט אַ ברכה און אָנגעווונטשן:

— מען זאָל אויסגעלייזט ווערן פון די גויאישע הענט, אוי טאַ־טע אין הימל, עס איז שוין צייט..

און געווען איז אין דעם ווינטשעווען פון די יידן בטחון און שרעק צוגלייך. צוקומענדיק צו דעם ווינקל פון לאַנגן וואַגאָן, איז משהלע גע־

בליבן שטיין און נישט געוווסט וואָס צו טון מיטן לעקעך און בראָנפן. אין אַ גערדיכטן קרייז זענען געשטאַנען יידן, אַלטע און יונגע, אָנגעשפּאַרט אַקסל אין אַקסל איינער אין דעם אַנדערן און געדאַכט האָט זיך, אַז אין די מינוטן האָבן זיי פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט, אַז זיי ווייסן און זעען נישט קיין שום זאַך, אַז אַלע זייערע אברים, אַז זייער גאַנץ וועזן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א יי ן געהער.

אין מיטן פון דעם קרייז איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן פון מיטעלן וווקס, מיט אַ ברוינלעך געזיכט אַרומגענומען פון אַ קליין, העל בלאָנד בערדל און גערעדט. דער קרייז צוהערער אַרום איז געוואָרן געדיכטער, און געדאַכט האָט זיך, אַז די יידן הערן זיך צו צו זיינע רייד, ווי געהאָרכזאַמע זעלנער האָרכן אויס דעם באַפעל פון זייער קאָמאַנדיר.

אַלע האָבן אים געקענט, דעם וואַרשעווער עילוי. נאָר די חסידים, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים געפאָרן צום רבין, האָבן מיט ביטול גערעדט:

— וואָס ווייסן זיי אַלע, ווער „אונדזער מנחם" איז...

און זיי האָבן מיט אַ פילזאָגנדיקן שמייכל צוגעגעבן:

— אָ, דער רבי, זאָל לעבן, אַליין זאָגט יעדעס מאָל, ווען עס קומט צו אַ האַרבע שאלה: „פרעגט מיין מנחמען"... איר פאַרשטייט, „מיין מנחם", אַזוי רופט אים דער רבי, נו, איז דאָך נישט שייך...

אין אַ קליין צען־גאָרנדיק הויז אויף עק ברוקאָווע גאַס אין פּראַגע האָט ער געוווינט, דער גרויסער וואַרשעווער עילוי ר' מנחם זעמבע. אונטן האָט זיין שווער יחיאל שאיע געהאַט זיין אייזן־קראָם. האָט זיך דאָרט געטומלט אַ גאַנצן טאָג מיט גויים און גויעטעס, מיט יידישע הענדלער און באַלעבאַטעס. מען האָט זיך געדונגען און געהאַנדלט, געצאָלט געלט און געשריבן וועקסלען, ווי אין יעדער אַנדערער יידישער קראָם.

דעם אייזן־קרעמער ר' יחיאל שאיע האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז זיין קראָם איז אַן אַנדערע פון די איבעריקע געוועלבער אויף דער גאַס. עס איז אים פאָרגעקומען, אַז דער ריח פון תורה דערגרייכט אויך אַהער פון זיין איידעמס חדר אויף דעם צווייטן גאָרן און טיילמאָל, ווען דער

טומל אין זיין קראָם איז גרויס און שרייעוודיק געווען, פלעגט ער זיך בעטן ביי זיינע סוחרים:

— נו, זייט אביסל שטילער... איר ווייסט דאָך, מיין מנחם זיצט אויבן און לערנט...

איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן אין קראָם און פאַרהאַוועטע און פאַרדאַגהטע יידישע סוחרים האָבן שטיל אָפּגעזיפּצט.

און געווען איז אין דעם קרעכץ באַדויערן און רחמנות אויף זיך אליין, וואָס מען פּטרט אַ לעבן מיט גאָרנישט שבעגאָרנישט מיט פּוס־טער האַוועניש און יאָגעניש...

און געווען איז אויך אין דעם קרעכץ צופרידנקייט, אַז פאָרט איז לא אלמן ישראל, אַז אָט דאָ נישט ווייט זיצט „אונדזער מנחם" טאָג און נאַכט איבער דער גמרא...

אין אַ לאַנגן, שמאָלן חדר איז ער געזעסן, דער וואַרשעווער עילוי. די ווענט פון זיין שטוב זענען פון דיל ביזן סופיט געווען אויסגעשטעלט מיט ספרים־שענק פון פּראָסטן האָלץ און אויך זיין לאַנגער, גרויסער טיש איז געווען שטענדיק באַלייגט מיט הויפנס ספרים.

אין פלוג האָט זיך געדאַכט, אַז דער תורה־חדר פון וואַרשעווער עילוי איז אַרומגענומען מיט עפּעס אַ דערדריקנדער שטילקייט פון די שווער־שווייגנדיקע, אָנגעכמורעטע ספרים מיט די אויסגעריבענע רוקנס. אָבער נישט צו יעדן האָבן די ספרים געשוויגן. דער באַלעבאָס פון חדר האָט געקענט די שפּראַך פון זיינע ספרים און מיט אים האָבן זיי גע־פירט לאַנגע שעהדיקע שמועסן... זיי זענען געווען זיינע רבים און חברים צוגלייך. מיט זיי, זיינע ספרים, האָט ער, דער וואַרשעווער עילוי, זיך אויסגעטענהט, און זיך געעמפערט, און מתווכח געווען, און אַמאָל אויך געשטיפט...

טיילמאָל האָבן זיי אים אָנגעטון קונדיסישע שטיק, האָבן אים געשטעלט הארבע שאלות און פאַרוויקלטע פראַגעס, און דעמאָלט האָט דער וואַרשעווער עילוי געשפּרייזט האַסטיק אהין און צוריק איבער זיין חדר, האָט זיך געריבן אַ באַזאָרגטער, זיין לומדישן שטערן און זיין העל, בלאָנד בערדל, און פלוצלינג האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן. ער

איז צוגעלאָפן צו דער ספרים־שאַנק, האָט אויפגעמישט דעם רמב״ם און זיינע ליפּן האָבן ווי אויסגעזונגען אַ נצחון־ליד:

— נאָט, זעט, עס איז דאָך אַ בפירושער רמב״ם...

און די ווייסע, איידעלע הענט פון עילוי האָבן געגלעט די געלע בלעטער פון ספר מיט אַזאַ ליבשאַפט, ווי עס וואָלט אַ לעבעדיק נפש געווען...

זענען טאַקע די לומדים פון וואַרשע געקומען אין דעם תורה־חדר פון ר׳ מנחמען און האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע אומאויפהערלעכע שמועסן מיט זיינע ספרים. די אַלטע גרייז־גרויע גאונים פון ווילנע, האָבן צו אים שאלות און תשובות געשריבן און אים, דעם יונגנמאַנטשיק פון וואַרשע מיט דעם קליינעם העל־בלאָנדן בערדל, אַריינגענומען אין זייער חברה, ווי אַן איינגענעם.

נאָר די חסידים פון „שטיבל״ האָבן דערמיט נישט איינגעשטימט און זיי האָבן געזאָגט:

מיר וועלן „אונדזער מנחם״ נישט אַוועקגעבן צו די מתנגדים, מעגן זיי זיין אפילו גאונים. ער איז אונדזערער, פון חסידים־שטיבל אויף זאַמבקאָווסקע גאַס, מיט אונדז עסט ער יעדן ראש חודש אַ סעודה־לע, מיט אונדז טרינקט ער „לחיים״, מיט אונדז פאָרט ער אויף דער „קאָלייקע״, מיט אונדז גייט ער שבת צום רבינס טיש, מיט אונדז הערט ער זיך צו צו ר׳ שמחהלע חסידם מעשיות פון קאָצק, און פאַר אונדז איז ער נישט קיין „ר׳ מנחם״, נאָר פּשוט מנחם, אַ „אונדזער מנחם״, ווי דער רבי, זאָל לעבן, רופט אים, „מיין מנחם״, און נאָר מיר פאַרשטייען זיין תורה...

האָבן זיי אים טאַקע אַרומגערינגלט אין דער מיט פון שמאָלן וואַ־גאָן פון דער „יידישער קאָלייקע״ און זיך צוגעהערט צו „זייער מנחם״, ווי ער שמועסט זיך אויס מיטן רמב״ם וועגן עפּעס גאָר אַ האַרבער שאלה און די צוהערער האָבן פאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט איז אויס־געבראָכן אַ מלחמה, האָבן פאַרגעסן אָן די גויאישע שטעכיקע בליקן, האָבן פאַרגעסן אין אַלע צרות און דאגות און האָבן אפילו נישט געזען ווי דער קליינער משהלע פון זדונסקע וואָליע שטייט, אין איין האַנט

דעם לעקעך און אין דער אנדערער דעם בראָנפן און ווייסט נישט וואָס צו טון...

ערשט איז הערש וואָליער מיט דער גרויסער בלאָנדער באָרד צו צו דעם וואַרשעווער עילוי, האָט אים גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטון אויף דער פּלייצע און געזאָגט:

— נו, מנחם, נעם־זשע אַ טרונק בראָנפן. פאַר פאַרענטפערן אַזוי פיל האַרבע קשיות קומט דיר אויך אַ שטיקל לעקעך, נישט וואָר, יידן?...

און דער קליינער משהלע האָט אָנגעגאָסן דאָס גלעזל און ווידער האָבן אים יידן אָנגעווינטשן, אַז ער וועט מיטן אויבערשטנס הילף אויס־געלייזט ווערן פון די גויאישע הענט....

באַלד האָט זיך פון צווייטן וואַגאָן־ווינקל דערהערט אַ ניגון.

און געווען איז אין דעם ניגון בענקשאַפט נאָך אַ וועלט, וואָס איז פאַרשוווּנדן און טרויער, וואָס נאָך אַלע זוכענישן איז זי נאָך אַזוי וווּיט, די דאָזיקע פאַרשווונדענע וועלט, און געווען איז אויך אין דעם ניגון דבקות און פרייד, וואָס טראָץ אַלעם הערט מען נישט אויף צו זוכן און צו האָפן...

האָבן די יידן זיך אויפגעשטעלט פון זייערע ערטער, האָבן אַ ווייַ־לע שווייגנדיק זיך איינגעהערט אין דעם ניגון, וועלכער איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן שטאַרקער און האָפערדיקער.

באַלד האָבן אויך די יינגלעך מיט די געקרייזלטע פּיאהלעך אי־בערגעריסן זייערע שטיפערייען, האָבן זיך איינגעהערט אין דעם מתי־קותדיקן געזאַנג און געפרעגט:

— ווער זינגט, טאַטע?

— ששש... ר׳ יאָסעלע כענטשינער מיט זיין קאַפּעליע זינגען דעם נייעם „כבקרת"...

די יינגלעך האָבן נישט געגוי פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, אָבער זייערע טונקל ברוינע פּנימלעך זענען געוואָרן ערנסט קאָנצענטרירט און זייערע גרויסע, ברוינע אויגן האָבן באַקומען דעם ווייכן גלאַנץ פון יידישן טרויער.

איינער אַליין איז געזעסן אויף דער באַנק אַ נידעריק, דיקלעך יידל. אַ הויך סאַמעטן קאַפּל האָט צוגעדעקט זיין קאָפּ ביז דעם שטערן

און פון הינטער דעם קאַפּל האָט אַפּערגעקוקט אַ העל, קינדיש פּנים, ארומגענומען פון אַ שיטער בערדל מיט צוויי גרויסע, בלויע, קינדישע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק שעמעוודיק געשמייכלט.

ר׳ יאָסעלע כענטשינער, האָבן אים די חסידים גערופן, הגם כל ימיו האָט ער גאָר געוווינט אין קיעלץ.

דאָרט אין קיעלץ האָט ער געהאַט אַ שניט־קראָם און, ווי יעדער יידישער סוחר, געהאַט מער דאגות, ווי סחורה, איז געפאָרן יעדן דאָנערשטיק צו די ברידער זייבערט קיין לאָדזש נעמען אַ „פּעקל״ און אונטערשרייבן וועקסלען, האָט זיך גערונגען מיט די פּויערים און פּויערטעס אין זיין קראָם, האָט פאר זיינע גויאישע און יידישע „קונדן״ געלויבט און געריסט די צייגן און פּלאַנעלן, די קרעטאָנען און די בארכענעס פון זיין קראָם.

נאָר טיילמאָל, אין מיטן רעכטן האנדלען זיך מיט אַ פּויערטע, צי גאָר אמפּערנדיק זיך מיט זייבערטס בוכהאלטער וועגן דעם טערמין פון אַ וועקסעלע, האָט דאָס קינדישע מויל פון דעם דיקלעכן ייד אַרומגענומען פון העל־בלאָנדע וואָנסעלעך געגנומען שטיל ברומען מאָדנע קלאַנגען, און דעמאָלט האָבן די קונדן און די סוחרים און די משרתים און די טרעגער און אלע וואָס האָבן זיך געפונען אין דער קראָם פארגעסן, אָן די קרעטאָנען און בארכאנעס, האָבן פארגעסן אָן זייערע דאגות און קאַפּדרייעניש און האָבן צוזאמען מיט ר׳ יאָסעלע כענטשינער אײַבערגעטראָגן אין דער וואונדערלעכער וועלט פון נגינה.

ר׳ יוסעלע כענטשינער איז געווען דער „בעל מוסף״ פון גערער רבינס הויף. יעדעס יאָר, עטלעכע וואָכן פאַר ראש השנה, האָט ר׳ יאָסעלע כענטשינער זיך געזעגנט מיט זיין קראָם און אירע געבלימלטע קרעטאָנען און ציינן, האָט זיך געזעגנט מיט זיינע קונדן און זיינע בני־בית און איז געקומען קיין ווארשע צו זיין „דיריגענט״ יאַנקל טאַלמוד.

ווי ר׳ יוסעלע אין קיעלץ, אזוי האָט יאנקל טאלמוד געהאַט זיין קראָם אויף די נאלעווקעס אין ווארשע. אנשטאָט מיט קרעטאָנען האָט יאנקל טאלמוד געהאַט צו טון מיט שפּיצן פון דער ווייטער שווייץ און מיט שטיקערייען וואָס יידישע וועבער־קינסטלער, אין גרויס־פּוילישן קאליש האָבן אויסגעשפּינט און אויסגעצערטלט מיט זייערע פלינקע

הענט, אונטערברומענדיק ביי דער אַרבעט די ניגונים, וואָס יאנקל טאַלמוד דער „גערער דיריגענט", האָט פאַר זיי געשאַפן.

אַ רירעוודיקער און שלאַנקער, מיט אַ פּעך שוואַרצער באָרד און פּעך שוואַרצע שטיפערישע אויגן האָט יאנקל טאַלמוד מיט ברענענדיקן טעמפּעראַמענט, האַלב אויף פּויליש און האַלב אויף יידיש, זיך אויס־געטענהט מט די עלעגאַנטע וואַרשעווער דאַמעס און זיי געגעבן צו פאַר־שטיין, ווי שיין עס וועלן אויסזען זייערע נייע זיידענע קליידער מיט די נייע „מוסטערן" פון „וואַלענסיע"־שפּיצן און די געבלימלטע שטיקע־רייען, וואָס ער האָט „עקסטראַ" פאַר זייערטוועגן געבראַכט אַזש פון בריסעל אַליין.

דערביי זענען זיינע לאַנגע פינגער שטענדיק געפאַלן נערוועזע אי־בער דעם גלאַטן שמאָלן טיש פון זיין קראָם, אויסקלאַפּנדיק אויף אים משונהדיקע טאַקטן. נאָר טיילמאָל, אין סאַמע מיטן איינרעדן אַ דאַמע צו קויפן די שיינע בריסעלער שפּיצן, פלעגט פּלוצלינג אַן אויסגעשריי זיך אַרויסרייסן פון יאנקל טאַלמודס מויל:

— כ'האָב!...

— וואָס האָסטו שוין ווידער יאנקל? — האָט זיין פרוי שוין גע־ווּסט, אַז זי וועט מוזן פאַרענדיקן דאָס געשעפט מיט דער דאַמע.

— אַ נייע מעלאָדיע — האָבן יאנקל טאַלמודס פּעך שוואַרצע אויגן אויפגעשיינט — פאַרשטייסט, אַ קוועטש אַזאַ, אַז דאָס האַרץ ווערט צענומען פון מתיקות...

יאנקל טאַלמוד לויפט אַרויס פון זיין קראָם אויף די נאַלעווקעס און גענשע, קלייבט צונויף זיין „קאַפּעליע" משוררים און נעמט מיט זיי „איינשטודירן" זיין נייע מעלאָדיע — אַ קוועטש אַזאַ וואָס צענעמט פון מתיקות דאָס האַרץ.

וואָרום הגם יאנקל טאַלמוד דערציילט יעדן איינעם, אַז ער קען „נאָטן" בעסער פאַר די קלעזמאָרים פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע, האָט ער פונדעסטוועגן אַליין נישט קיין גרויסן צוטרוי צו זיינע „נאָטן" און ער פאַרלאָזט זיך בעסער אויפן זכרון פון זיין „קאַפּעליע".

אַזוי פירט ער זיך, דער „גערער דיריגענט", אַ גאַנץ יאָר. אַנ־דערש איז אָבער זיין התנהגות אין די וואָכן פאַר די ימים נוראים. דע־

מאַלט זעט מען נישט יאַנקלען נישט אין זיין קראָם אויף די נאַלעווקעס און נישט אין זיין שטוב אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס.

אין די וואָכן, ווען עס דערנענטערן זיך די ימים נוראים, ווערט דער קראָקאָווער האָטעל פון די „געבדידער ערליך" די היים פון „גערער דירינעגט".

אויף דער ביעלאַנסקע גאַס אַנטקעגנאיבער דער ברייטער געלבלע־כער געביידע פון דער פּוילישער באַנק און דעם שמאָלן טורעמדיקן פּאַ־לאַץ פון פירשט ראַדזיוויל, האָבן די צוויי ברידער ערליך זיך אויפגע־שטעלט אַ פּיל גאָרנדיק הויז מיט אַ סך קליינע צימערלעך; און זיי אַליין האָבן נישט געגוי געוווסט, פאַרוואָס זיי האָבן זייער בנין אָנגע־רופן דווקא „קראָקאָווער האָטעל".

דערפאַר האָבן אַלע רבנים און רביים, אַלע חזנים און כלי קודש, אַלע כלל־טוער און דאָזאָרעס פון אַלע שטעט און שטעטלעך, אַלע רעד־נער און מגידים און אויך אַלע חשובע געסט פון אויסלאַנד, גוט גע־ווסט דעם אַדרעס פון קראָקאָווער האָטעל" און ווען זיי זענען אויסגע־שטיגן פון דער „ווינער באַן", האָבן זיי זיך גלייך געלאָזט אויפן וועג צו דער ביעלאַנסקע גאַס.

איז פאַרשטייט זיך אויך ר׳ יאָסעלע בענטשינער, קומענדיק קיין וואַרשע, פאַרפאָרן אין „קראָקאָווער האָטעל", ווו די ברידער ערליך האָ־בן שוין געהאַט צוגעגרייט אַן עקסטרא צימער פאַר דעם גערער בעל מוסף. און אין דעם צימער האָט אויך יאַנקל טאַלמוד געהאַט זיין היים. טעג און נעכט איז ער געזעסן מיט זיין קאַפּעליע משוררים ביי ר׳ יוסע־לע און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איינגעחזרט די נייע ניגונים צו די ימים נוראים.

טיילמאָל איז צווישן ביידע געקומען צו אַ האַסטיקער אַמפּעריי. ר׳ יוסעלע האָט געלעבט אין שטילן, רואיקן קיעלץ און זיין האַרץ האָט געצויגן צו שטילער, האַרציקער, פּשוטער, פאַרצייטיש־אידילישער נגינה. זיין „דיריגענט" אָבער האָט שוין געאָטעמט מיט רעש פון דער גרויסער טומלדיקער וואַרשע און אין זיין געזאַנג האָבן זיך שוין געהערט די שטורמישע קלאַנגען פון דער נייער צייט.

יידן זענען אָבער פאָרט נשט קיין גזלנים, איז מען ווי ס׳איז דורכ־

געקומען. און די געסט פון האָטעל קראַקאָווסקי זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, צוהערנדיק זיך צו די מיט בענקשאַפט און דערוואַרטונג און מיט טרערן פון צער און האָפענונג דורכגעווייקטע יידישע תפילות.

דאָס מאָל אָבער איז יאַנקל טאַלמוד פון די נאַלעווקעס געווען אומרואיק, ווען עס האָט אָנגערוקט די ימים נוראים־צייט. עטלעכע מאָל אין טאָג האָט ער איבערגעלאָזט זיינע קונדן, די אויסגעפּוצטע וואַרשעווער דאַמעס, מיט זייערע שפּיצן און איז געלאָפן א קוק טון צום קראַקאָווער האָטעל און א פאַרסאָפּעטער געפרעגט:

— געקומען?

און יעדעס מאָל האָבן די באַלעבאַטים, די ערליכס, מיט א טרויעריקן שמייכל געענטפערט:

— מ׳הערט נישט און מ׳זעט נישט, יאַנקל...

און די יידן האָבן צעטומלטע געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן:

— וואָס וועט מען טון, אַז ר׳ יאָסעלע בענטשינער וועט טאַקע נישט קומען?... וואָס הייסט ראש השנה אָן דעם גערער בעל מוסף?...

דעם פּרייטיק האָט דער „גערער דיריגענט" שוין געהאַט אינגאַנצן אָנגעוווירן די האָפענונג צו זען ר׳ יאָסעלען. ער איז שוין אפילו נישט געגאַנגען א קוק טון צו דער ביעלאַנסקע גאַס. ביים דאַווענען אין „שטיבל" אויף די נאַלעווקעס 19, האָט מען דערציילט, אַז צוליב דער מלחמה האָבן די באַנען שוין אויפגעהערט צו גיין — הייַנט ווי אַזוישע וועט ער קומען, ר׳ יאָסעלע, אַזש פון זיין קיעלץ?...

יאַנקל טאַלמוד איז געשטאַנען אין זיין געוועלב, האָט געפּענט איין שאַכטל שפּיצן נאָך דער אַנדערער, האָט פון געוווינהייט געריימט זיין סחורה פאַר די קונדן און נישט אויפגעהערט זיך צו ברעכן דעם קאָפּ!

— איז וואָס־זשע טוט מען, ער וועט דאָך נישט קומען...

יאַנקל טאַלמוד איז געווען אַזוי באַזאָרגט, אַז ער האָט אויך פאַר זיינע וואַרשעווער קונדן זיך אָפּגערעדט פון האַרץ:

— אַזאַ אָנשיקעניש, די מלחמה... ער קומט נישט, ר׳ יאָסעלע...

און מיטאַמאָל דערהערט ער איבער זיך די אים אַזוי גוט־באַקאַנטע שטימע:

— ווי לאַנג נאָך, יאַנקל, וועסטו זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט די ווייבערישע זאַכן!...

— ר׳ יאָסעלע!...

פון גרוים איבערראַשונג איז פון יאַנקעלעס האַנט אַרונטערגעפאַלן אַ טייערע בריסעלער שפּיץ, ער האָט זיך מער נישט אומגעקוקט אויף זיינע קונדן און איז מיט אויסגעשפּרייטע הענט צוגעפאַלן צו זיין גאַסט.

— שלום עליכם, ר׳ יאָסעלע, שלום עליכם!... כ׳האָב שוין נישט געוווסט וואָס צו טון, אַז די באַנען גייען נישט, איז דאָך נישט שייך...

אַ קליינער און דיקלעכער איז ר׳ יאָסעלע בענטשינער געשטאַנען מיט זיין רענצל אין איין האַנט, מיט זיין קינדיש פּנימל אַרומגענומען מיט אַ קליין העל בלאָנד בערדל און געענטפערט:

— געלויבט דער אויבערשטער, וואָס כ׳האָב נאָך געקריגן פערד און וואָגן...

שווער צו זאָגן ווי אַזוי, נאָר בליץ שנעל האָט די נייעס זיך פאַר־שפּרייט איבער די נאַלעווקעס, און הגם יידן זענען פּרייטיק באַזונדערס שטאַרק באַשעפטיקט מיט זייערע עסקים, איז אָבער דאָס שפּיצן־געוועלב פון „גערער דירינגענט״ באַלד אָנגעפילט געוואָרן מיט „אנשי שלו־מינו״, וועלכע זענען געקומען כאָטש אַ קוק טון אויפן רבינס בעל מוסף.

— נו, געגוג, געגוג — האָט יאַנקעלע אַהיימגעשיקט דעם עולם — נאָך אַזאַ נסיעה איז ער מיד, נו, לאָמיר צוגיין צו ביעלאַנסקע אין האָטעל.

— ניין, יאַנקל, ס׳איז מלחמה־צייט, ווער ווייסט וואָס מאָרגן וועט זיין — האָט ר׳ יאָסעלע געזאָגט — כ׳מיין, אַז ס׳וועט זיין גליי־כער באַלד אוועק צו דער קאָלייקע...

— גערעכט, גערעכט! — האָט יאַנקל טאַלמוד אויף זיין שטייגער זיך געהיצט — שוין צו דער קאָלייקע, שוין!...

און ער האָט גענומען אונטעריאָגן זיין ווייב:

— לאָז אָפּ אויף אַ רגע די קונים, זעסט דאָך ס׳ברענט... יאָ, די זיידענע קאַפּאָטע און פאַרגעס נישט, למען השם, דאָס שטריימל...

עס איז שוין געווען די העכסטע צייט איינצוחזרן די נייע ניגונים צו ראש השנה. זענען זיי באַלד, אַריינקומענדיק אין שמאָלן קאָלייקע־

וואַגאָן, צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. דער „גערער דיריגענט" האָט שטיל גענומען ברומען זיין „נייעם מאַרש" און ר׳ יאָסעלע מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ פאַרוואָרפענעם אין אַ זייט קאָפּ האָט אַ לענגערע ווײַלע זיך צוגעהערט און דאַן געכאַפּט דעם טאָן צוזאַמען מיט דער קאַפּעליע. דאָס געזאַנג איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואַרעמער, שטורמי־שער, און באַלד האָבן אַלע אין וואַגאָן גענומען אונטערהעלפן און אַ געזאַנג האָט זיך אַרויסגעריסן דורך די וואַגאָן־ווענט צו די פעלדער און וועלדער פון כוינע און פיאַסעטשנע און האָט אָנגעזאָגט אַלע ברואים, אַז די ימים נוראים רוקן אָן, ווען אפילו די פיש אין וואַסער ציטערן פאַר שרעק פאַר דעם יום הדין.

ערלים און ערלטעם פון די אַנדערע וואַגאָנעם זענען געקומען אָנ־צולויפן און געוואָלט זיך צוהערן צו דער יידישער נגינה.

נאָר דער גויאישער קאָנדוקטאָר, קייענדיק דעם יידישן לעקעך, איז געשטאַנען אויף דער וואַך און געטריבן די שיקסעס און מיט גרויס חשיבות דערציילט די גויים די וויכטיקע נייעס:

— ראַבין יאָסעלע זינגט...

שנעל איז געלאָפן די צייט. נאָר די פאַרער האָבן אָן איר, אָן דער צייט, מיט אַלע אירע ביטערנישן פאַרגעסן. די שטראַלן פון דער וועלט פון נגינה האָט ווי עפּעס ליכטיק געמאַכט די פאַרכמורעטע יידישע פּנימער און האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט דעם חותם פון יום טוב.

— זעסט, לוי — האָט ר׳ שמחהלע חסיד גענומען פּיפּקען זיין ליולקע ציבעק — זעסט, עס וועט זיי גאָרנישט העלפן, די רשעים, יידן הערן נישט אויף צו זינגען...

ער האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ פון אָפענעם וואַגאָן־פענצטער און ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון:

— ריחות פון די קאָצקער פעלדער דאַכט זיך... אוווא, אוווא...

און ער האָט אַ קרעכץ געטון:

— אַ שאָד, לוי, וואָס יצחק בער און דיין טאַטע לייזער זענען דאָ נישט... נאָר ווער ווייסט, אפשר גאָר זינגען זיי מיט... יאָ, יאָ, אַזוי האָט מען געזונגען אין פּשיסכע און אין קאָצק.

פּלוצלינג האָבן די יידן ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף. דער וואַגאָן

האָט זיך מער נישט גערירט פון אָרט. און פאַר די וואַגאָן־פענצטערלעך־
איז געשטאַנען דער אַלטער סטאַנציע שעף אין זיין אָפּגעטראָגענעם
בלויען מונדיר און מיט גרויס פייערלעכקייט און חשיבות אויסגערופן:
— גער, גער!...

## קאפיטל 7

# דעם רבינס הויף

יאַנקל שמייסער נאָך אַ פּריטשמעליעטער פון אַזוי פיל חסידישע ניגונים האָט אַ כאַפּ געטון ר׳ לוים שווערע נגידישע וואַליזע און ר׳ שמחהלעס לייכט רענצל און ווידער זיך גענומען דערפילן דבורהלעס שליחות צו היטן די צוויי אַלטע לייט. נאָר דאָסמאָל איז ער נישט גע־גאַנגען פאָראויס, נאָר הינטער ר׳ לוין.

איבער די וואַרשעווער גויאישע גאַסן האָט יאַנקל שמייסער געוווסט, אַז ער דאַרף היטן זיין באַלעבאָס פון די גויאישע הענט און פון שקציםס שטיינער, איז ער געגאַנגען פאָראויס, כדי ריין צו מאַכן דעם וועג.

אין רבינס שטאָט אָבער זענען דאָך נישטאָ קיין שקצים, וואָס וועלן קענען שלעכטס טון ר׳ לוין, אַזוי האָט יאַנקל דער שמייסער־יונג מיט זיין פּראָסטן שכל זיך געגעבן צו פאַרשטיין, הגם ער איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געפאָרן צום רבין. איז ער דעריבער מיט דרך ארץ געגאַנגען הינטער זיין באַלעבאָס און נישט געאַנט, אַז דווקא אין רבינס שטאָט וועט ער מוזן שווער קעמפן גראַד מיט יידן, כדי צו באַשיצן נישט ר׳ לוים גוף, נאָר זיין פאַרמעגן, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט גע־וואָרן אין דער גרויסער, שווערער וואַליזע פון טונקל ברוינעם לעדער.

דער גרויסער קאַלייקע־הויף און די גאַסן אַרום איז געווען פול מיט מענטשלעכן טומל און געפילדער.

פאַרשטייט זיך, אַז דעם אויבנאָן האָבן אין דעם געפילדער פאַר־נומען די גערער „קראַדניקעס״ מיט זייערע זין און אייניקלעך. און

צווישן זיי, די „קראַדניקעס”, הייסט עס, האָט ווי שטענדיק, געקיניגט איטשעלע גרונמס מיט זיין צעפּלאָשעטער באָרד און מיטן הייזעריקלעכן קול.

ער, איטשעלע גרונמס, איז געווען דער ראש, דער פּירער, דער יחסן און דער „אַריסטאָקראַט” צווישן זיינע חברים „קראַדניקעס”. נישט איין מאָל האָבן זיי, זיינע חברים און קאָנקורענטן, זיך געפּרוווט קעגן אים צעבונטעווען. אָבער עס האָט זיי נישט געהאָלפן. זיי האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן גרונמס פּירערשאַפט. ערשטנס דערפאַר, וואָס ביי אים, ביי איטשעלע גרונמס, הייסט עס, זענען איינגעשטאַנען אַלע גבירים פון ווארשע און פון לאָדזש און פון קראָקע און אַלע חסידישע יחסנים, וועלכע מען האָט זיי אַלע אין גער קורץ באַצייכנט מיטן נאָ־מען „קאַרפּן קעפּ”. צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — איז ער, איטשעלע גרונמס, געווען דער גאַנצער כל ולך טאָקע אין רבינס הויף און, ווען דער רבי איז זומער־צייט געפאָרן אין די בעדער קיין קאַרלסבאַד, האָט אים איטשעלע גרונמס באַגלייט. און אויך דאָרט אין קאַרלסבאַד איז איטשעלע געווען דער שמש און דער גבאי און דער קוכער און דער פאַרזאָרגער פון אַלעם נויטיקן פון רבין און פון זיין גאַנצער משפּחה. און ער האָט קאָמאַנדעוועט אפילו מיט די גרויסע גבירים, וואָס זענען אויך געווען אין קאַרלבאַד און האָבן געוואָלט זיין ביים רבינס טיש שבת וואָס איז געווען אַ באַזונדערס גרויסע זכיה.

פאַרשטייט זיך, אַז איטשעלע גרונמס האָט דער ערשטער מקבל פּנים געווען אַזעלכע חשובע געסט, ווי ר׳ לוי און ר׳ שמחהלע חסיד.

— שלום עליכם, ר׳ לוי, שלום עליכם, ר׳ שמחהלע! — איז ער זיי אַנטקעגנגעלאָפן. איטשעלע, מיט דער גרויסער צעפּלאָשעטער באָרד און מיט זיין טונקל גרויען צייגענעם כאַלאַט, האָט אויסגעזען אַזוי ווי מיט צען יאָר צוריק און פאַר אַ ווייל האָט זיך ר׳ לוין אויסגעדאַכט, אַז די אַלע ענדערונגען פון די לעצטע יאָרן מיט אַלע זייערע ביטערנישן און דאגות, זענען געווען בלויז אַן אומהיימלעכער חלום, וואָס פאַר־שווינדט איצט. אָט איז „די קאַלייקע” און די „קראַדניקעס” מיט זייער געפּילדער און איטשעלע מיט זיין פּלאַטשיקן קאַשקעט. אַלץ ווי אַמאָל...

פון דעם געדאַנק איז ר׳ לוין געוואָרן ווי עפּעס לייכטער אויפן האַרץ, ער האָט זיך דערפילט יינגער. ער האָט דערפילט עפּעס אַזאַ

נאָענטקייט און קרובהשאַפט צו דעם אָרימען ייד פון רבינס שטעטל, וועלכער דערמאָנט אים די אַמאָליקע אַלטע, גוטע צייטן.

— נו, וואָס מאַכט מען, איטשעלע?... נו, נו, האָסט אים גוט אַריינגעזאָגט, דעם גבאי פון אַלעקסאַנדער!...

— הע־הע־הע! — האָט איטשעלע זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט זיין ברייט געלעכטער, צופרידן, וואָס ר׳ לוי געדענקט זיין גרויסן טריאומף איבער דעם גבאי פון אַלעקסאַנדער רבין — אוי, האָב איך אים אַריינגעזאָגט!...

און ער נעמט טאַקע גלייך אויפן אָרט דערציילן צום הונדערטסטן מאָל זיין באַליבטסטע געשיכטע:

— מיט צוויי יאָר צוריק איז עס געווען, טאַקע אין קאַרלסבאַד... פאַרנאַכט איז דער רבי, זאָל לעבן, אַרויס אויף אַ שפּאַציר דאָרט אויף דער „פּראָמענאַדע״, ווי זיי רופן עס, און איך בין אים נאָכגעגאַנגען, ווי דער שטייגער... נו, איז דער אַלעקסאַנדער רבי מיט זיין גבאי בערל אונדז אַנטקעגנגעקומען. נו, פאַרשטייט זיך, אַז די רביים האָבן געהאַט וועגן וואָס צו שמועסן און איך בין צוגעגאַנגען צום אַלעקסאַנדער גבאי און, ווי דער שטייגער מיט אַ היימישן ייד, אים געגעבן אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע, און געזאָגט:

— אַ שיין פּראָמענאַדאָלע, דאָ, האַ... נאָר איך זאָג דיר, בערל, אַז אַ כּפּרה מעג דאָס אַלץ גיין אַנטקעגן דעם רבינס גאַס אין גער!...

ענטפערט ער מיר נישט, דער אַלעקסאַנדער גבאי, נאָר פּאָנפעט עפּעס אונטער מיט דער נאָז.

פאַרדריסט עס מיך. וואָס איז דאָס אַזאַ בלאָזן פון זיך?... זאָג איך צו אים:

— הערט, ר׳ בערל, איך האָב נישט ליב, אַז מען פּאָנפעט, ווען איך רעד. אָדער אפשר זענט איר געהרגעט אויפן לשון, לא עלינו...

דרייט ער אַוועק, דער אַלעקסאַנדער גבאי, דעם קאָפּ אָן אַ זייט און טוט אַ בורטשע:

— נע, נע, דיבורים...

זאָג איך צו אים שוין אין כּעס:

— איר רעדט אפשר אַזוי צו אייערע מענטשן אין אַלעקסאַנדער,

נאָר יעך האָב אזא רעדן נישט ליב, יעך בין איטשעלע גרונמס, אי־טשעלע קראַדניק פון גער...

— „קראַדניק"... האָט זיך דער אלעקסאנדער גבאי פאַרקרימט — אויף גויאיש לשון הייסט עס דאָך גנבים, רחמנא לצלן...

ווער איך שוין גאָר שטאַרק אין כעס און זאָג:

— גערער „קראַדניקעס" זענען נישט ווייניקער ערלעכע יידן ווי די אלעקסאנדער גבאים, און ווער עס וועט האָבן די העזה צו זאָגן אנדערש, וועט פון מיר, איטשעלע קראַדניק, באַקומען זיין פסק!...

דערשרעקט זיך דער אלעקסאנדער גבאי און נעמט שטאַמלען:

— כ'מיין חלילה נישט, נאָר פונדעסטוועגן, אזא מיאוסער נאָ־מען... ס'איז דאָך נישט גלאַט...

זע איך דאָך, אז דער ייד פאַרשטייט נעבעך גאָרנישט, ווערט מיר א רחמנות אויף אים און איך גיב אים צו פאַרשטיין:

— יעך בין א קראַדניק בן קראַדניק און מיין זיידע עליו השלום האָט דאָס איינגעפירט דעם מנהג צוצוכאַפּן ביי דעם חסיד ווי נאָר ער קומט קיין גער, זיין „פעקל" און צו אים זאָגן: „ פאַרגעס אָן אלע שטותים און הבלים פון דער וועלט. איך כאַפּ צו דיין פעקל און פון היינט אָן געהערסטו צו אונדז!"... אזוי האָט מיין זיידע עליו השלום געזאָגט צו דעם חסיד און יענער האָט אים געענטפערט: ביסטו דאָך א קראַדניק? און דערויף האָט דער זיידע געזאָגט: פאַר חסידות איז ווערט צו זיין א קראַדניק אויך...

געהערט אזעלכע רייד, האָט דער אלעקסאנדער גבאי ברייט צעעפנט די אויגן און איך האָב אים ווייטער אריינגעזאָגט:

— פון דעמאָלט איז אזא מנהג ביי אונדז, אָפּצוּוואַרטן די חסידים ביי זייער אָנקומען און „צוצוכאַפּן" זייערע פעקלעך און זיי רופן אונדז דערפאַר „קראַדניקעס".

— ווויל געזאָגט, ווויל — האָט ר' לוי געשמייכלט.

יאנקל שמייסער האָט אָבער פונקט ווי דער אלעקסאנדער גבאי, נישט געוווסט און נישט געהערט פון די גערער קראַדניקעס. ער האָט מיט שטוינען געזען, ווי א מחנה יונגע בחורים און אויך עלטערע יידן

באַפאַלן די אָנגעקומענע חסידים, אַמפּערן זיך מיט זיי און רייסן מיט גוואַלד אַרויס פון זייערע הענט די וואַליזעס.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו מיט שרעק זיך אַרומגעקוקט און נאָך פעסטער אין האַנט גענומען ר׳ לוויס וואַליזע און ר׳ שמחהלעס רענצל.

באַלד איז פאַר אים אויסגעוואַקסן אַ הויכער יונג מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס פון אַן אַטלעט און אַ קליין שמאָל היטעלע וואָס איז געלעגן אויף זיין שפּיץ קאָפּ.

נישט רעדנדיק אַ וואָרט האָט דער יונג אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו ר׳ לוויס וואַליזע.

— פון מיר טראָג זיך בעסער אָפּ! — האָט יאַנקל שמייסער גאָר נישט איידל אָפּגעשטויסן דעם יונג — ביי מיר כאַפּט מען נישט!...

— וואָס הייסט דו וועסט נישט געבן? — איז דער יונג שוין גע־וואָרן בייז, — דו יאָלד איינער, טשעפּע גלייכער נישט און גיב אַהער ר׳ לויס וואַליזע...

— טראָג זיך אָפּ, האָב יאָך געזאָגט! — איז יאַנקל שמייסער נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

ביידע יונגען זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן מיט דראָענדיקע פויסטן.

דערווייל האָבן זיי זיך נאָך דורכגעשמועסט.

— הער, וואַרשעווער יאָלד, יעך זאָלסטו וויסן היים ליפּע איטשע־לע גרונמס און מיט מיר איז גלייכער אַז מען לעבט בשלום...

— און יאָך היים יאַנקל שמייסער און אויפן גזשיבאָוו ווייסט מען, אַז יאָך קען דערלאַנגען!...

צום דערלאַנגען איז אָבער נישט געקומען. ר׳ לוי האָט באַצייטנס דערזען, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, וואָס עס קומט פאָר. יאַנקל שמייסער האָט די פּעקלעך פון האַנט נישט אַרויסגעגעבן.

ער האָט נאָך דערלויבט, אַז ליפּע איטשעלע גרונמס זאָל גיין ביי זיין זייט און זאָל אים כאָטש העלפן טראָגן.

און אַזוי זענען זיי זאַלבע פיר געגאַנגען איבער דעם רבינס גאַס.
איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס זענען זיי געגאַנגען, די

חסידים, וואָס זענען געקומען צום רבין און פּאָר זיי זענען געלאָפן די־זין און אייניקלעך פון די „קראַדניקעס" מיט די חסידימס וואַליזקעס אין די הענט און אויסגערופן:

— דאָ, דאָ, צו מאָטעלעס אכסניה!

— צו יעקב בנימין!

— צו יאַנקל שוחט!

— צו מרדכי יוספן!

ביי די זייטן פון שמאָלן טראָטואר זענען געשטאַנען די שטענדיקע איינוווינער פון רבינס שטעטל, טייל נאָך אין וואָכעדיקע טוכענע קאַפּאָטעס און טייל שוין האַלב שבתדיק אין פּליושענע ברוינע שלאָפראָקן און געגעבן שלום די חסידים און דערביי זיך אויסגעשמועסט וועגן דעם עולם וואָס איז געקומען צום רבין.

— זעסט, זעסט — האָט דער בשמים־קרעמער שמערל גערעדט צו זיין שכן דעם שניט־סוחר איטשע מאיר — אויך ר' לוי איז געקומען, זעסטו...

דערמיט האָט דער בשמים־קרעמער פאַרענדיקט זיגרייך זיין קורצן אָבער שאַרפן דיספּוט מיט זיין שכן איטשע מאיר, וועלכער האָט זיך זייער געשראָקן, אַז צוליב דער מלחמה וועט דער עולם נישט קומען צום רבין און געטענהט:

— וועסט געדענקען, שמערל, מיינע ווערטער, אוי וועלן מיר געדענקען...

שמערל דער שניט־סוחר דאַקעגן איז געווען אַ בעל בטחון און געענטפערט:

— גיי שוין, גיי, איטשע מאיר, מיט דיינע מעשיות. וועסט זען, די וועלט גייט נישט אונטער, און חסידים וועלן ווי יעדעס יאָר קומען...

אַ גאַנצע וואָך איז דאָס שטעטל מיט אַלע אירע איינוווינער געווען פאַרזונקען אין אַ דרימל. עס האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, ווי עמיצער וואָלט פון דעם שטעטל מיט זיינע געסלעך און הייזער און מענטשן דאָס ביסל חיות אויסגעזויגן.

אוודאי האָבן יידן געעפנט יעדן אינדערפרי זייערע קראָמען, אָבער וואָס צו טון האָבן זיי נישט געהאַט. זענען זיי געשטאַנען ביי די טירן

פון זייערע קראָמען און אַרויסקוקנדיק אויף דער אויסגעליידיקטער גאַס, געגענעצט.

אַמאָל איז דורך דער גאַס דורכגעפאָרן אַ בריטשקע געשפּאַנט אין צוויי פערד. דעמאָלט האָבן די קרעמער מיטגעטיילט איינער דעם אַנדערן די נייעס, וואָס זיי האָבן סיי ווי געוווסט:

— דער פּריץ פון ספּרעך פאָרט צו דער קאָלייקע...

אַמאָל האָט ר' קלמן דער וואַלד־סוחר מיט זיין געדיכטער וואָלדיקער באָרד פון קופּער קאָליר, מיט זיין שווערן שטאָק אין האַנט, געשטעלט לאַנגזאַמע טריט באַרג אַרויף פון דער ווייסל. איז דאָס געווען אַ גרויס געשעעניש, ווייל מען האָט דעמאָלט געוווסט, אַז פאַר קלמנען זענען מיט דער ווייסל אָנגעקומען „טראַטוועס" מיט געהילץ און די קרעמער האָבן דעמאָלט זייער גענוי באַרעכנט, וויפל דער וואַלד־סוחר וועט דאָס מאָל פאַרדינען.

און אַמאָל איז פון דער בלויער פּאָטשט־געביידע מיט איילנדיקע טריט אַרויס דער בריוון־טרעגער יאַן און דעמאָלט האָבן די קרעמער פאַראויס געוווסט, אַז אַ דעפּעשע איז אָנגעקומען צום רבין און זיי האָבן געפּרוווט טרעפן וואָס און ווען.

און ווי די יידן, אַזוי אויך די גויים. דער בורמיסטזש (בירגערמייס־טער) און זשאַוורעט דער פּאָליציימאַן. און דער אַפּטייקער קאָוואַלסקי, און דער דאָקטאָר זאַטאָרסקי, מיט דעם בלאָנד־פאַרשווירענעם בערדל, און דער לערער נאָוואַק, וואָס אַ גאַנצן טאָג, הגם אַן ערל, האָט ער געהאַלטן אין איין פּוצן און קעמען זיין לאַנגע באָרד, און אַדעק, דער פּאָטשט־מייסטער, דער „דאָן זשואַן" פון שטעטל, וועלכער האָט יעדע וואָך געהאַט אַן אַנדער „ליבע" און וועמען יידישע מאַמעס האָבן געשאָלטן מיט טויטע קללות — די אַלע גויים האָבן געגענעצט, איבערהזרנדיק צום הונדערטסטן מאָל די אַלטע געפּעפּערטע וויצן.

ערשט דאָנערשטיק נאָכמיטאָג האָבן די מענטשן פון רבינס שטעטל באַקומען פלוצלינג פריש חיות. די אייגנטימער פון די אכסניות פאַר די חסידים אָדער ווי מען האָט זיי קורץ גערופן די „קראַדניקעס" מיט זייערע פעטע צעווירענע ווייבער און מיט זייערע צעוואַקסענע זין אין טעכטער, זענען פאַרשמאַיעטע געלאָפן צום פישער און אים אָנגעזאָגט:

— גערענקט, למן השם, צוצוגרייטן די רעכטע פיש... די לאַ־דזשער פאַבריקאַנטן קומען אויף דעם שבת!

און פון פישער זענען זיי אַוועק צום קצב, און צום בעקער און צום בשמים־קרעמער און אפילו די שניט־סוחרים האָבן געמאַכט פּדיון פאַר האַנטוכער, טישטוכער, לײַלעכער און בעת מעשה האָט דעם קראַדניקס טאָכטער אויך פאַר זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ נײַ קלײדל.

זשאַוורעט דער פּאָליציי־מאַן האָט מיט חשיבות אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם נייעם מונדיר און איז אַריין צו יואל שענקער. ביי דער ערשטער כוסה האָט ער גאַוּוהדיק זיך אַרויפגעדרייט זיינע וואָנצעס, און ביי דער צווייטער געקלאַפּט מיט זיין לאַנגער שווערד אָן דעם דיל פון דער האַלב־טונקעלער שענק און פייערלעך פאַרזיכערט:

— ביי זשאַוורעטן וועט זיין שאַ־שטיל, נו גיס אָן, יואל, נאָך אַ גלעזל!

און דער אַפּטייקער, און דער דאָקטאָר, און דער בירגערמייסטער, און דער לערער, האָבן געוווסט, אַז זונטיק וועלן די זשידקעס האָבן געלט און זיי האָבן באַצייטנס זיך גענומען פאַרען און צוגרייטן חשבונות פאַר רפואות און שטייערן...

אַזוי האָט אויפגעלעבט דעם רבינס שטעטל יעדן ערב שבת, כדי מאָנטיק, נאָכן געזעגענען זיך מיט די חסידים, ווידער איינצודרימלען אויף אַ גאַנצער וואָך.

אַנדערש איז אָבער געווען אין די וואָכן פאַר ראש השנה. מקבל פּנים צו זיין טויזנטער חסידים, וואָס קומען פון אַלע עקן לאַנד אויף די ימים־נוראים צום רבין, איז אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. האָט מען זיך טאָקע וואָכן לאַנג געגרייט און געפיבערט. די קצבים און די שוחטים, די פישערס און די קרעמער, די סאָדע־וואַסער פאַבריקאַנט־לעך, און די שענקער, די אייגנטימער פון די טשאַיניעס (טיי־הייזער) און די שערער, און דער דאָקטאָר און יאקל פעלדשער, און אין דער ערשטער ריי, פאַרשטייט זיך, די „קראַדניקעס" מיט זייערע בוגרותן און בנים זענען טעג און נעכט נישט געשלאָפן און זיך געמיט, אַז דער קבלת־פּנים פאַר אַזאַ עולם חסידים אָן עין הרע זאָל, חלילה, נישט פאַרשעמען דעם רבינס שטעטל.

אפילו דער „דאָן זשואַן" אדעק פון דער פּאָטשט, האָט אין דער צייט געהאַלטן אין איין אַלאַרמירן די גרויסע פּאָטשט־דירעקטאָרן אין וואַרשע, אַז ראש־השנה רוקט אָן, ווען צום רבין קומען אָן טויזנטער בריוו און טעלעגראַמעס פון דער גאַנצער וועלט און דעריבער מוז ער צונעמען אַ פּרישע געהילפין. און די גויעטעס האָבן צו זיך געוווּנקען:

— אדעק האָט שוין געוואָרפן אַן אויג אויף אַ פּרישער שיקסע, דער מנוול... און יידישע ווייבער האָבן דריי מאָל אויסגעשפּיגן און געזאָגט:

— אבי נישט קיין יידישע טאָכטער, דער אויבערשטער זאָל אָפּהיטן.

אזוי האָט דאָס שטעטל פון רבין זיך מכין געווען צום הייליקן יום־טוב, און געהאָפט מיט די געלטער וואָס די חסידים וועלן איבערלאָזן צו טון אַ שידוך מיט דער בוגרות, צו סילוקן דעם צוגעזאָגטן נדן, און צו פירן סוף כל סוף דאָס קינד צו דער חופּה...

די מלחמה האָט דעריבער אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דעם שטעטל. וואָס וועט מען טון מיט די קאַרפּן און העכט, מיט די קעלבער און הינער און גענדז, אויב די חסידים וועלן חלילה נישט קומען?...

ערשט, אַז מען האָט דערזען די הונדערטער יידן, וואָס האָבן זיך אַ שיט אַרויס געטון איבערן שטעטל, האָבן די געדער תושבים זיך באַרו־איקט. און ווען זיי האָבן צווישן די אָנגעקומענע דערקענט דעם גזשיבאָ־ווער גביר ר' לוי, זענען זיי שוין געוואָרן גאָר האָפערדיק ביי זיך און אָנגעזאָגט זייערע ווייבער — געלויבט צו גאָט, מ'וועט נישט האָבן קיין פאַרשטערטן יום־טוב...

און זיי האָבן, כדי זיך אַליין איבערצוצייגן, צוגעגעבן:

— אַז אויף שבת פאר ראש־השנה קומט אזא עולם, אָן עין־הרע, נו, וועט דאָך ראש השנה געווים נישט אויספעלן קיין מנין...

ר' לוי און ר' שמחהלע חסיד האָבן גאָרנישט געוואָלט טועם זיין אויף איטשעלע גרונמס סטאַנציע. אומזיסט האָט איטשעלע זיך ביי זיי געבעטן:

— נאָר איין ביס, ר' לוי, נישט מער ווי טועם זיין, ר' שמחהלע — און אָנגעשטעלט אַ טיש מיט פריש געקאָכטע פיש און שמעקעוודיקע גע־בראָטענע פּיפּעקעס און לעבער.

יאַנקל שמייסער איז די סלינע געקומען אין מויל, קוקנדיק אויף די

געבראָטענע פּיפּעקעס, אָבער וואָס האָט ער זיך געקענט העלפן, אז ר׳ שמחהלע חסיד האָט געפּסקנט: — קודם־כל „שלום” נעמען...

ליפּע איטשעלע גרונמס זון האָט שוין מוחל געווען יאַנקל שמייסער פאַרן אָמפּערן זיך צוליב ר׳ לוים וואַליזע און ער האָט אים געבאָרגט א גאַרטל און אים אויך געוויזן ווי אַזוי א חסיד דאַרף זיך אַרומגאַרטלען.

יאַנקל שמייסער האָט מיט גרויס כוונה צוזאַמענגעקוועטשט זיין בויך מיט דעם חסידישן גאַרטל און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווען ליפּע האָט דערצו נאָך אים אַריינגערוקט אין האַנט א גאָרשטש פּיפּעקעס צווינקענדיק:

— קוק נישט אויף זיי, כאַפּ אַריין!

יאַנקל שמייסער האָט געפאָלגט די גוטע עצה און קייענדיק דעם פּיפּעק אוועק מיט זיין באַלעבאָס אין רבינס הויף.

יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו האָט לכבוד דעם גיין אין רבינס הויף זיך אויסגעפּוצט ווי א חתן צו דער חופּה. ער האָט אָנגעטון זיינע שבתדיקע בגדים און אַרויפגעצויגן אויף זיינע פיס די נישט באַקוועמע גלאַנציקע לאַקיר־שיך און ער האָט, פאַרשטייט זיך, אויך נישט פאַרגעסן אָן דעם שטייפן גומענעם קאָלנער, וועלכער האָט געבלענדט מיט זיין ווייסקייט און וועלכן יאַנקל האָט אַרומגעבונדן מיט זיין זיידענעם גע־בלימלטן שניפּס.

אַזאַ עלעגאַנץ האָט שוין גאָר צעטומלט דעם קליינשטעטלדיקן ליפּע איטשעלע גרונמס. האָט ער מיט גרויס דרך ארץ געקוקט אויף דעם „וואַר־שעווער”, וואָס בינדט אַזוי געשיקט אוים זיין שניפּס אין קונציקע, גע־דרייטע שלייפן און צוריקגעהאַלטן געפרעגט:

— גייסט טאַקע אין וואַרשע שטענדיק אַזוי?...

און יאַנקל האָט מיט גרויסשטעטישער פּריצישקייט געענטפערט:

— ווי דען, אַנדערש קען מען נישט...

און ער האָט צוגעגעבן מיט א ווונק פון א וואַרשעווער ווילן יונג:

— פאַרשטייסט, ליפּע, פאַרנאַכט נעם איך מיר א שיינע פאַננע (פריילין) אונטערן אָרעם און פיר זי אין קראַשינסקים גאָרטן...

— א וואַרשעווער פאַננע טאַקע? — איז ליפּעס אָטעם געוואָרן הייסער.

— הא הא, ווען דו זעסט זי, מיין פאננע!... מיט אזא גרויסן הוט אויפן קאָפּ און מיט א ווואָל אויפן פּנים, ווי אַן אמתע פּריצעטע, אזוי זאָלן מיר ביידע האָבן אַ גוט יאָר...

פון אזעלכע רייד איז ליפּע שוין גאָר געוואָרן צענומען און ער האָט נישט דרייסט געפרעגט:

— ווי מיינסטו, יאנקל, ווען איך קום אזוי קיין וואַרשע...?

ליפּע איז שוין צוויי מאָל געווען מיט זיין פאָטער איטשעלע גרונמס אין וואַרשע. די רעשיקע גאסן פון דער גרויסער שטאָט מיט זייער טומל און געפּילדער האָבן אים געשראָקן און געצויגן צו זיך צוגלייך און ביי־נאכט, איינדרימלענדיק, האָט ער געחלומט פון די וואַרשעווער גאסן מיט זייערע גרויסע הייזער און שיינע שוי־פענצטער.

— קום נאָר, קום קיין וואַרשע — האָט אים יאנקל שמייסער פּראָ־טעקציאָנעל געקלאפּט איבער דער פּלייצע — איך וועל שוין פון דיר מאַכן אַ לייט!...

דיין אייגענער טאטע, ליפּע, וועט דיך אסור דערקענען, ווי איך בין אַ ייד!...

נאָך אַזאַ צוזאָג איז שוין ליפּע נישט אָפּגעטרעטן פון דעם „וואַר־שעווער”.

— איך וועל מיט דיר מיטגיין, יאנקל — איז ליפּע געגאנגען אַ שטאָלצער מיט זיין נייעם פריינט, זעענדיק ווי די טעכטער פון די „קראַד־ניקעס” שטייען ביי די פענצטער און קוקן נאָך מיט נייגעריקע אויגן דעם וואַרשעווער פראַנט — איך וועל דיר אַלץ ווייזן.

פאַר דער טיר פון זיין מיי־הויז איז געשטאַנען יאנקל סרול־יאָסלס מיט אַ בויך פון אַ מעוברתדיקער יידענע אין אַ פּליושענעם שלאָפראָק, וואָס זיינע צוויי פּאָלעס זענען געווען ברייט פונאנדערגעשפּרייט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ לענגלעכע פלאַש טיי־עסענץ, וואָס ער האָט צוגע־גרייט אויף שבת פאַר די חסידים און ער האָט געקוקט אין דעם גרינעם גלאָז פון דער פלאַש מיט אַן ערנסט קאָנצענטרירט פּנים פון אַ פּראָ־פעסאָר, וואָס האַלט פאַר די אויגן אַ מיקראָסקאָפּ.

פונדעסטוועגן האָט ער מיט זיינע שאַרפע לויפנדיקע אייגעלעך

באמערקט דעם עלעגאנט מיט די לאקיר שיך און ער האָט אָפּגעשטעלט ליפּען:

— אַ פּרישער חסיד; פון אויסלאנד, האַ?

— ר׳ לוים „מענטש״ — האָט ליפּע מיט גרוים חשיבות געזאָגט.

— א, ר׳ לוים אַ מענטש, שלום עליכם אַ ייד, איז ווי רופט מען דיך?

— יאנקל...

— נו, געדענק־זשע, יאַנקל, שבת צו קומען צו מיר טרינקען טיי...

אוועקגייענדיק האָט ליפּע אויפגעקלערט זיין ווארשעווער פריינט:

— יאַנקל סרול־יאָסלס האָט אַ „טשייניע״ און שבת קומען די חסידים צו אים טרינקען טיי און יעדער מוז געדענקען וויפל גלעזער ער האָט אויסגעטרונקען און שבת צונאכטס קומען באצאָלן...

— צוויי טריט ווייטער האָט זיי אָפּגעשטעלט אייזיק סרול־יאָסלס מיטן געשטופּלטן פּנים:

— קומט, קומט, עס איז שוין שפּעט... — האָט ער זיי אריינגעפירט אין זיין קראָם און געזאָגט צו יאַנקל שמייסער: — נו קלויב דיר אויס!...

יאנקל האָט אַ דערשטוינטער זיך ארומגעקוקט איבער דער קראָם. אין אַלע ווינקלען זענען געווען אָנגעוואָרפן גאנצע שטויסן מיט אלטע, אויסגעריבענע, ברוינע און שווארצע שטריימלעך, אלטע טליתים, אָפּגעבליאקעוועטע אטלאסענע קאפּאָטעס, גארטלען פון כלערליי קאָלירן און סאַמעטענע קאפּלען. די דאָזיקע קראָם איז געווען אייזיק סרול־יאָסלס פּרנסה. ביי אים פלעגן חסידים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע שבתדיקע בגדים, זיך אויסבאָרגן אויף שבת אָדער אויף יום־טוב ווער אַן אטלאסענע קאפּאָטע און ווער אַ שטריימל און ווער אַ גאנצן „קאָמפּלעט״ מיט אַ קאפּל און אַ גארטל און מיט אַ סידור צי אַ מחזור.

שבת צונאכטס זענען די אויסגעבאָרגטע קאפּאָטעס און שטריימלעך צוריקגעקומען אין אייזיקס קראָם, כדי דעם קומענדיקן פרייטיק ווידער צו באקליידן מיט חסידישן לבוש די גופים פון פרישע חסידים, וואָס זענען געקומען צום רבין, מערסטנס, אָרימע יידן, וואָס האָבן אין דער היים, נעבעך, געמוזט טראָגן שבת אַ טוכענע קאפּאָטע צוליב זייער גרוים אָרימקייט...

יאנקל שמייסער האָט אַ פאַרלוירענער געקוקט אויף די שטויסן שטריימלעך און נישט געוווּסט וואָס מען וויל פון אים. האָט ליפּע אַ צו־פרידענער, וואָס דער „וואַרשעווער" ווייסט פאַרט נישט אַלץ, אים איינ־געברוימט אין אויער:

— פאַרשטייסט, אייזיק סרול־יאָסלס וויל דיר אויסבאָרגן אויף שבת אַ זיידענע קאַפּאָטע און אַ שטריימל...

— מיר? — איז יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו געוואָרן בלייך — ווי קום איך צו אַזעלכע זאַכן?...

אוודאי האָט יאַנקל געזען יעדן שבת אויף גזשיבאָוו און אויף טוואַרדע גאַס יידן מיט שטריימלעך און זיידענע זשיפּעצעס. ער האָט געוווּסט, יאַנקל, אַז דאָס זענען חסידים לומדים, שיינע יידן, וואָס לער־נען אַ בלאַט גמרא.

ער האָט אָבער אויך געוווּסט, יאַנקל, אַז מיט אים, דעם שמייסער פון ר' לוים פערד, האָט דאָס נישט צו טון און נישט מיט זיינס גלייכן, די טרעגער און פורמאַנעס און אַנדערע ווילדע יונגען פון גזשיבאָוו. צו זיי געהערן נישט די שטריימלעך און די אַטלאַסענע זשיפּעצעס און די גאַרטלען און די הויכע סאַמעטענע קאַפּלען. אוודאי איז ער אויך אַ ייד, יאַנקל. אָבער אין חסידים־שטיבל קומט ער נישט. היינט־זשע וואָס וויל פון אים דער אייזיק סרול־יאָסלס?...

דער סוחר פון די כלי־קודש האָט מיט זיינע צוויי ברענענדיקע שוואַרצע אויגן שנעל אָפּגעמאָסטן און אָפּטאַקסירט דעם „קונדע" זיינעם.

— אַ גראָב נפש נעבעך, אַן עם הארץ מדאורייתא... אָבער צו אַ קערבל פאַרדינסט האָט עס נישט...

און ער האָט היים גערעדט צו יאַנקלען:

— וואָס הייסט עס קומט נישט צו דיר... ביסט חלילה דען נישט אַזאַ ייד, ווי יעדער? אַז אַ ייד קומט צום רבין, איז ער אַ חסיד...

יאַנקל שמייסער האָט געוואָלט אויפקלערן, אַז אייגנטלעך איז ער נישט געפאָרן צום רבין, נאָר דבורהלע, ר' לוים ווייב, האָט אים געהייסן באַגלייטן איר מאַן. אייזיק סרול־יאָסלס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ פּעך־שוואַרץ אויסגעקראָכן שטריימל און האַסטיק גערעדט:

— און גלאַט ווי פּאַסט עס אַריינצוגיין צום רבין, זאָל לעבן, און

בעמען שלום אין „אזא מעמד״? מיט אזעלכע בגדים? מיט א שטייפן קאָלנער און מיט א שניפּס און אזא היטעלע פּע פּע!... אָט פּרווו נאָר אָנמעסטן דאָס שטריימל אויפן קאָפּ און דו וועסט ווערן גלייך אן אנ־דער מענטש... עס וועט זיין א נחת אויף דיר א קוק צו טון, בנאמנות!...

און ער האָט צוגעגעבן:

— און איך וועל דיר טאקע בארעכענען ביליק אויך. אינגאנצן א קערבל, ממש א מציאה...

אייזיק סרול־יאָסלס האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. ער האָט גלייך אָנגעטון אויף דעם קאָפּ פון יאנקל שמייסער דאָס אויסגעקראָכענע שווארצע שטריימל און האָט אָנגעקוואָלן:

— אווא, אווא, וואָס א שטריימל קען מאכן פון א מענטש!... ערשט האָסטו דאָך א צורה פון א ייד, נע, נע, נע...

א שטומער און הילפלאָזער איז דער גשזיבאָוואר שמייסער־יונג גע־שטאַנען אומבאַוועגלעך פאר ר׳ אייזיקן. ער איז געווען צעטומלט. אז א ייד מיט אזא הדרת פנים פארזיכערט אים, אז ער האָט מיטן שטריימל אויפן קאָפּ באקומען א צורה פון א חסיד, איז מסתמא ווייסט ער, וואָס ער רעדט. יאנקלען אליין, איז וואָס דער אמת, קיינמאָל נישט איינגעפאלן אזא זאַך. ער איז געווען געוווינט צו חסידים, צו זיידענע זשיפּיצעס און שטריימלעך. אָנמעסטן אָבער די חסידישע בגדים אויף זיין לייב איז יאנקלען קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאנק. נאָר אז א ייד מיט אזא באָרד און פּיאות ווי ר׳ אייזיק טוט אים, יאנקלען, אָן א שטריימל, ווייסט ער דאָך געוויס, וואָס ער טוט. און פאר איין קערבל צו ווערן א חסיד איז דאָך טאקע א מציאה... און אפשר פּאַסט עס טאקע נישט ארייַנ־צוגיין צום רבין, זאָל לעבן, מיט א שניפּס און שטייפן קאָלנער און גלאנ־ציקע לאקיר שיך... פון דער אנדערער זייט האָט אָבער דער גאנצער ענין יאנקלען געשראָקן. מיט א שטריימל אויפן קאָפּ און מיט אן אטלאסענער זשיפּיצע וועט אים אפשר ר׳ אייזיק באַלד אָוועקזעצן בא א גמרא אויך?... ווער ווייסט וואָס נאָך מ׳וועט אים הייסן טון?... און וועט ער, יאנקל, מעגן נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעטון א שטריימל טרייבן די צוויי קאשטאַן־פערד ר׳ לויס?... ווי פּאַסט עס פאר א חסיד? און אוודאי וועט

ער שוין אויך נישט טאָרן א שטיף טון מיט די פרייל'עכע דינסטן פון די חסידיש־גבירישע הייזער אויפן גזשיבאָוו...

יאנקל שמייסער האָט זיך דערפילט אין א קלעם און ער האָט נישט געוווסט ווי אזוי זיך צו באפרייען פון דעם קלעם.

צו זיין גליק איז זיין נייער פריינט, ליפע איטשע גרונמס, אים געקומען צו הילף.

ליפע איז אלע יאָרן געווען געוווינט צו די ריחות פון שטריימלעך און אטלאסענע קאפאָטעס. די חסידישע בגדים האָבן שוין אויף אים קיין איינדרוק נישט געקענט מאכן. די גלאנציקע לאקיר שיך און דער געבלימלטער שניפס פון דעם „וואַרשעווער" דאקעגן זענען אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. און ער, ליפע, האָט מאָרגן שבת נאָכמיטאָג געוואָלט גיין מיט זיין נייעם פריינט בארג־אראָפּ צו דער ווייסל צו און טאקע זיך גרויסן מיט די שיינע בגדים פון זיין וואַרשעווער פריינט פאר די טעכטער פון די קראדניקעס. און איצט קומט ער, ר' אייזיק, און וויל צוליב א קערבל פארדינסט א תל מאכן פון דעם אלעם. מיט אַן אויסגעקראָכן שטריימל אויפן קאָפּ פארלירט דער „וואַרשעווער" יעדן רייץ פאר די געדער מיידלעך. ליפע האָט דעריבער שנעל און ענערגיש געהאנדלט. ער האָט אראָפּגענומען דאָס שטריימל פון יאנקלס קאָפּ און געזאָגט:

— מוחל, ר' אייזיק, יאנקל וועט זיך באגיין אָן א שטריימל...

— ס'טייטש באגיין? — האָט ר' אייזיק פראָטעסטירט — פארוואָס זאָל ער זיין א פורש מן הציבור?...

— מוחל, מוחל — האָט ליפע געצויגן יאנקלען צו דער טיר.

— זאָל זיין כאָטש א גארטל און א קאפל — האָט ר' אייזיק איינגעזען, אז מען מוז ראטעווען, וואָס עס לאָזט זיך.

ליפע, איטשעלע גרונמס, איז איינגעגאנגען אויף א פשרה:

— מילא, א קאפל און א גארטל זאָל זיין — האָט ליפע איינגעשטימט — אָבער נישט א קערבל...

נאָר דאָ האָט יאנקל שמייסער צוריקבאקומען לשון. ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען ליפע האָט זיין קאָפּ באפרייט פונעם שטריימל. ער וועט נישט דארפן זיצן ביי דער גרויסער גמרא אין חסידים־שטיבל און

ער וועט מעגן ווייטער זיך פאָרן מיט זיינע פערד און ער וועט אויך מעגן שטיפן מיט די לאכנדיקע מיידן אויפן גזשיבאָוו. אה, אזא באַפרייאונג איז ווערט אַ קערבל.

— נעמט ר׳ אייזיק — האָט ער דערלאַנגט דעם יידישקייט־סוחר אַ זילבערן קערבל — עס איז טאַקע ווערט אויך...

ליפּע האָט אים געהאָלפן ארייגשטופּן דעם גארטל און דאָס קאַפּל אין דער הויזן־טאַש און ר׳ אייזיק האָט זיי באַגלייט ביז צו דער טיר פון זיין קראָם זאָגנדיק:

— גייט גליַיך שלום נעמען...

דורך אַ הילצערנעם טויער האָט ליפּע אריינגעפירט זיין וואַרשעווער פריינט אין אַ לאַנגן גרויסן הויף אויסגעברוקירט מיט נישט גלייכע שטיינער.

— דאָס איז דעם רבינס ערשטער הויף — האָט ליפּע געזאָגט — נאָכן „שלום נעמען" וועל איך דיר ווייזן אויך דעם צווייטן הויף. ווילסט אפשר אַ קאַלטן טרונק?...

אין אַ ווינקל פון הויף זענען געשטאַנען יינגלעך אין אָפּגעטראָגענע ציציתע כאַלאַטלעך לעבן גרויסע קופּערנע באַלאָנען און איינער דעם אנדערן האָט געוואָלט איבערשרייען:

— אַ קאַלטס און אַ גוטס, טרינקט יידן, טרינקט!...

— ווייסט, ליפּע, ס׳איז היינט אָנגעקומען אַ סך מיליטער — זאָגט צו אים דאָס יינגל, אָנגיסנדיק אַ גלאָז וואַסער.

נאָר ליפּע וויל זיך נישט אריינלאָזן אין קיין שמועס מיטן סאָדע־וואַסער־יינגל, הגם ער וואָלט זייער געוואָלט וויסן עפּעס מער וועגן דעם „וואָיסק" און ער זאָגט מיט חשיבות:

— גיב צו דאָס רעכט ביסל מאַלינעס סאָק...

— און איצט קום אין בית המדרש — פירט ליפּע אריין זיין גאַסט אין אַ גרויסער געביידע פון טונקל־רויטע ציגל, וואָס שניידט דורך אויף צווייען דעם גרויסן הויף.

יאַנקל שמייסער בלייבט נישט דרייסט שטיין ביי דער טיר און קוקט זיך אַ דערשטוינטער אַרום.

— אוווא — וווּנדערט ער זיך — אַזוי גרויס, גרעסער ווי סאַרדי־נערם שול!...

— וואָס האָסטו געמיינט... — איז ליפּע שטאָלץ — ס'איז דאָך עפּעס דעם רבינס בית המדרש!...

און ער גיט צו מיט גרויס חשיבות:

— און אַז עס קומט ראש השנה, איז דער בית המדרש אַזוי גע־פּאַקט, אַז מען שטייט אויף קעפּ און טויזנטער חסידים מוזן דאַווענען אין הויף.

איצט איז דער גרויסער בית המדרש ליידיק. פונדעסטוועגן גייט יאַנקל שמייסער פּאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך אָנצושטויסן אין די יידן איינגעהילטע אין טליתים וועגן וועלכע ליפּע רעדט.

— און זעסט — רעדט ליפּע ווייטער — אין דעם ווינקל, אָט דאָ לעבן עמוד, דאַוונט דער רבי, זאָל לעבן...

— דער רבי — חזרט נאָך מיט גרויס דרך ארץ יאַנקל און קוקט מיט שרעק און באַוווּנדערונג אויף ליפּען וואָס ווייסט אַלץ אַזוי גענוי.

ליפּע זעט די באַוווּנדערונג אין די אויגן פון דעם „וואַרשעווער". וויל ער זיך נאָך מער גרויסן און דערציילט פּאַדראָבנע:

— און זעסט דאָ, ביים ארון הקודש, דאַוונט רבי משה בצלאל און נאָכן דאַווענען איז זיין טלית אויסגעווייקט פון טרערן...

— ער וויינט, נעבעך, — באַקומט יאַנקל שמייסער רחמנות אויף רבי משה בצלאלן — פאַרוואָס?

ליפּע ווייסט נישט וואָס דאַרויף צו ענטפערן. אים איז אויך נישט קלאָר, פאַרוואָס ר' משה בצלאלס טלית איז נאָכן דאַווענען אויס־געווייקט מיט טרערן און ער זאָגט:

— אויף אַזאַ צדיק פרעגט מען נישט קיין קשיות. ער ווייסט שוין גוט וואָס ער טוט...

— כ'האָב נישט געמיינט צו פרעגן — פאַרשעמט זיך יאַנקל שמייסער — אַזאַ צדיק, זאָגסטו...

— וואָס מיינסטו עפּעס גלאָט! — רעדט ליפּע מיט אַ טאָן פון זיכערקייט — אַז יעך זאָג דיר אַ צדיק...

און מיטאמאָל נעמט ער רעדן שטיל, ווי ער וואָלט אַנטפּלעקט עפּעס אַ זייער גרויסן און וויכטיקן סוד:

— ווייסט, יאנקל, אנומעלט האָב איך דערלאַנגט צום טיש די חסי־דים ביים טאטן און איך האָב געהערט ווי חסידים דערציילן, אז דער אַל־טער רבי, זכרונו לברכה, האָט יעדן קינד זיינעם איבערגעלאָזט אַן אנדערע ירושה...

— אַ סך געלט? — האָט יאנקל שמייסער געוואָלט וויסן?

— דו פאַרשטייסט דאָך גאָרנישט, יאנקל — האָט ליפּע זיך פונ־אנדערגעלאַכט — אַ רבי, פאַרשטייסטו מיך, האָט אַן אַנדערע ירושה, נאָר יעך האָב מורא, אז דו וועסט נישט פאַרשטיין...

יאנקל שמייסער האָט זיך געווישט דעם שטערן פון גרויס אַנשטרענ־גונג און געוואָלט וויסן:

— דערצייל, ליפּע, דערצייל...

— הער זשע מיט קאָפּ, יאנקל — האָט ליפּע גערעדט מיט גרויס וויכטיקייט — הכלל, ווי איך האָב דיר געזאָגט, האָט דער אַלטער רבי זכרונו לברכה יעדן פון זיינע קינדער איבערגעלאָזט ירושה און ווייסטו וואָס דער היינטיקער רבי, זאָל לעבן, האָט באַקומען?...

— וואָס?

— דאָס קען איך דיר נישט זאָגן — האָט ליפּעס קול געציטערט — פאַרשטייסט, אז אפילו די חסידים קענען זיין ירושה נישט משיג זיין... אזוי האָבן זיי בפירוש געזאָגט ביים טיש, ווי כ'בין אַ ייד... נאָר דעם רבינס יינגערער ברודער, ר' משה בצלאל, האָט אויך געגוג באַקומען, הלוואי אויף אונדז ביידע געזאָגט, הערסט?

— כ'הער — האָט יאנקל אַרויסגעפּליסטערט — איז וואָס האָט ער באַקומען?

— יראת שמים... היינט, פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס זיין טלית איז אויסגעווייקט מיט טרערן?...

ליפּע אַליין האָט נישט גענוי פאַרשטאַנען דעם מיין פון די צוויי לשון־קודשדיקע ווערטער „יראת שמים", דעריבער איז ער שנעל אי־בערגעגאַנגען צו דער ירושה פון ר' הערש העגעך, דעם רבינס איידעם און געזאָגט:

— ער, ר׳ הערש הענעך, האָט באַקומען ירושה אהבת ישראל.

דאָ האָט שוין ליפּע פאַרשטאַנען דעם מיין און פאַרטייטשט: — אַזאַ גוטער איז ער, ר׳ הערש הענעך, אַז ער האָט ליב יעדן ייד אהבת נפש... אַזוי האָבן זיי בפירוש געזאָגט, די חסידים ביים טיש, אַזוי זאָלן מירביידע געזונט זיין... און ווייסטו וואָס ר׳ יעקב מאיר, דער צווייטער איידעם, האָט באַקומען ירושה?

יאַנקל שמייסער איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און ליפּע האָט ווייטער גערעדט:

— לומדות, דאָס האָט ער באַקומען... זעסט די אַלע ספרים אין די שענק אויף אַלע ווענט — איז ר׳ יעקב מאיר געדענקט זיי אַלע פון אויסנווייניק. ער האָט זיי אַלע אין זיין קאָפּ.

— אוי וויי! — האָט יאַנקל שמייסער אַרויסגעקרעכצט — און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט־אָט וועלן די אַלע ספרים פון גאַנצן בית המדרש אַרוים פון די פּאָליצעס און פאַלן אים, יאַנקלען אויפן קאָפּ.

און ליפּע האָט מיט נאָך גרעסערער זעלבסטזיכערקייט גערעדט:

— זעסט, דאָרט אין דעם צווייטן ווינקל פון בית המדרש דאַוונט שטענדיק ר׳ כעמיעלע, אויך דעם רבינס אַ ברודער, נו האָט ער באַקומען בירושה די מדה פון יעקב אבינו — תמימות... הא, ס׳איז נישט קיין קלייניקייט, נו, און דער יינגסטער, ר׳ מענדעלע, ווייסט דאָך די גאַנצע וועלט, אַז ער האָט געירשנט חכמה...

יאַנקל שמייסערס אָרימער קאָפּ האָט אַזאַ גרויסע ירושה נישט גע־קענט באַנעמען און זיין באַוווּנדערונג פאַר ליפּען איז נאָך גרעסער גע־וואָרן:

— ווי דו געדענקסט דאָס אַלץ, ליפּע!...

— מילא, — איז ליפּע געוועזן באַשיידן — אַז מען איז אין רבינס הויף איז דאָך נישט שייך... נאָר כ׳האָב דאָך אינגאַנצן פאַרגעסן, האָסטו נאָך נישט קיין „קוויטל", קום צו ר׳ מרדכין!...

יאַנקל שמייסער האָט נישט געננוי פאַרשטאַנען, וואָס ליפּע רעדט וועגן אַ „קוויטל". איבערפרעגן האָט אים אָבער נישט געפּאַסט, האָט ער בלויז אַ מורמל געטון: — יאָ, אַ קוויטל...

אויף אַ באַנק ביים עק פון אַ גרויסן,ברייטן טיש, אָנגעוואָרפן מיט גמרות און אַנדערע ספרים, איז געזעסן אַן אַלטער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט אַ פּאָר גרויסע שפּאַקולן אויף דער נאָז און איינגע־גראָבן זיינע אויגן אין אַ ספר. לעבן ספר זענען אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג געלעגן קליינע צוגעשניטענע ביינגעלעך פּאַפּיר, אַ גרויסע גענ־זענע פּען, אַ טינטאַרן און אַ שוואַרץ ביינערן שקעטעלע טאַבאַק.

— ר׳ מרדכי, אַ קוויטל... — האָט ליפּע זיך צוגעבויגן צום אַלטן ייד.

ר׳ מרדכי, דער קוויטל־שרייבער, האָט אָפּגעהוסט, דאַן האָט ער לאַנגזאַם פון טאַש אַרויסגעצויגן אַ גרויסע, רויטע פאַטשיילע, אויף וועל־כער עס זענען געווען קענטיק ברוינע טאַבאַק־שפּורן. ער האָט די פאַ־טשיילע אַוועקגעלייגט אויף דעם אָפענעם ספר און ערשט דאַן, דורך זיי־נע שפּאַקולן אַ קוק געטון אויף ליפּען:

— האַ, וואָס זאָגסטו, אַ קוויטל?

— יאָ, ר׳ מרדכי, פאַר דעם „מענטש" — האָט ליפּע אָנגעוויזן אויף יאַנקל שמייסער.

ר׳ מרדכי האָט לאַנגזאַם גענומען די גענזענע פּען אין זיין האַנט, האָט זי מיט גרויס כוונה טובל געווען אין דעם שוואַרצן טינט און זיין אַלטע ציטערדיקע האַנט האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט אויף די קליינע ווייסע ביינגעלעך פּאַפּיר.

— נו, ווי הייסטו, יונגערמאַן?

— יאַנקל... — האָט דער שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו אַרויסגע־שטאַמלט מיט אַ ציטער, נישט קענעדיק אָפּרייסן די אויגן פון דער גענ־זענער פּען, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

— נו, נו, ווייטער... — האָט דער ווייסער שפּיץ פון ר׳ מרדכיס גענזענער פּען געקוקט, דראָענדיק אויף יאַנקלען.

יאַנקל שמייסער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. ער האָט פאַרשטאַ־נען, אַז ר׳ מרדכי וואַרט אויף עפּעס; אַז ער, יאַנקל, דאַרף עפּעס טון צי זאָגן, נאָר ער האָט נישט געוווסט וואָס אַזוינס מען פאַרלאַנגט פון אים און ער האָט אַ הילפלאָזער בלויז איבערגעחזרט:

— יאַנקל... יאַנקל...

— די מאמע... — איז אים ליפע געקומען צו הילף — זאָג ווי די מאמע הייסט...

— וואָס ווילן זיי פון מיין מאמען? — איז יאַנקל געוואָרן גאָר צעמישט — די מאמע איז דאָך שוין אויפן „גוטן אָרט״ זינט א יאָר...

ער האָט אָבער נישט געוואַגט איבערצופרעגן און מיט א קוים הערבארער שטים געענטפערט:

— גנענדיל, יאָ, גנענדיל...

— זאָג־זשע אַזוי, יעקב בן גנענדיל... — האָט ר׳ מרדכי, דער קוויטל־שרייבער, גערעדט מיט א גמרא־ניגון און זיין גענזענע פעדער האָט געמאַכט פיטשינקע, שווארצע פינטעלעך אויף דעם ווייסן פאַפּיר־בייגעלע — נו, איז וואָס־זשע פאַרלאַנגסטו, יעקב בן גנענדיל?...

א קאַלטער שוויים האָט באַדעקט דאָס לייב פון יאַנקל שמייסער. ער האָט דאָך שוין געזאָגט דער מאַמעס נאָמען אויך, איז וואָס־זשע וויל ווייטער פון אים די גענזענע פעדער?...

— נו, נו, האָסט דאָך מסתמא אן אשה מיט קינדער? — האָט ר׳ מרדכי געזען, אז מען דאַרף דעם פאַרשוין אונטערזאָגן.

— ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט — איז ליפע ווידער געקומען צו הילף דעם „וואַרשעווער״ — ר׳איז נאָך נישט קיין חתן...

— טאָ רעד־זשע אַזוי, — א גוטן שידוך דאַרף ער טון, א שידוך הגון... — האָט די גענזענע פעדער זיך גערוקט איבער דעם ווייסן פאַפּיר־בייגעלע — נו, צו א שידוך דאַרף מען דאָך האָבן פרנסה אויכעט... — האָט ר׳ מרדכי זיך צעזונגען מיט א גמרא־ניגון — ווי דען, פרנסה טובה... נו, און א ייד צו זיין, דאַרף מען דאָך אוודאי... יראת־שמים וועט דאָך אים געוויס נישט פאַרשאַטן...

ר׳ מרדכי, דער „קוויטל־שרייבער״, האָט געלייגט דאָס לעצטע, שווארצע פינטעלע מיט זיין גענזענער פען אויף דעם ווייסן פאַפּיר, האָט דאַן באַשיט די אַלע שווארצע פינטעלעך מיט סיגאַרעטן־אַש, וואָס ער האָט געהאַט אין א קליין בלעכן שאַכטעלע, האָט דאָס פאַפּיר צוריק אָפּגעשאָקלט פון דעם אַש און דערלאַנגט דאָס „קוויטל״ יאַנקל שמייסער:

— דער אויבערשטער זאָל העלפן, ס׳זאָל זיין מיט הצלחה...

— לייג אוועק אויפן טיש א האלב קערבל — האט ליפע געלערנט זיין ווארשעווער חבר זיך צו פירן לייטיש — ישר כוח, ר' מרדכי...

— גייטץ געזונטערהייט... — האט ר' מרדכי צוריק איינגעראבן זיינע אויגן אין דעם אפענעם ספר.

יאנקל שמייסער האט געקוקט מיט דערשטוינטע אויגן אויף די פי־טשינקע שווארצע פינטעלעך, וואס ער האט געהאלטן אין האנט. ער האט נישט געוווסט וואס דערמיט צו טון.

— א סגולה אזא... — האט יאנקל שמייסער מיט דרך ארץ געקוקט אויף דעם „קוויטל" — מען דארף עס גוט היטן...

ער האט געוווסט, יאנקל שמייסער, אז די ווייבער פון די גזשיבא־ווער פורמאנעס און טרעגער לויפן יעדעס מאל צו א „גוטן־ייד" נאך א סגולה, טאמער ווערט א קינד ביי זיי קראנק אדער ס'טרעפט אן אנדער אומגליק.

ליפע, איטשעלע גרונמס, האט זיך פונאנדערגעלאכט הערנדיק די נארישע רייד וועגן סגולות גאר. אוי, די ווארשעווער, די ווארשעווער!... האלטן זיך פאר גאנצע חכמים און אז עס קומט צו עפעס דארף מען זיי פירן אין חדר אריין, און ער גיט יאנקלען צו פארשטיין:

— חסידים זענען נישט עפעס קיין נארישע ווייבער, וואס לויפן נאך סגולות... א „קוויטל" איז גאר עפעס אנדערש, יאנקל... א „קוויטל" גיט מען דעם רבין און אז דער רבי ווינטשט אן, ווערט מען געהאלפן...

— און יאך? — האט יאנקעלע געפרעגט — וואס זאל יאך טון מיט דעם?...

— דאס זעלבע וואס אלע — האט ליפע אים אויפגעקלערט — וועסט דאס קוויטל געבן דעם רבין און ער וועט דיר אנווינטשן...

יאנקל שמייסערס הארטער קאפ האט געזעצט ווי מיט האמערס. אזוי־פיל זיך אנגעהערט און אנגעזען מיטאמאל, אזוי פיל... און איצט דארף ער נאך היטן דאס „קוויטל", ער זאל עס, חלילה, נאר נישט ארויסלאזן פון האנט...

מיטאמאל האט יאנקל שמייסער דערפילט אויף זיך דעם בליק פון א פאר ברענענדיקע אויגן.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ קליין דאַר יידל. זיין אויסגעדאַרטער גוף איז געווען איינגעוויקלט אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, וועלכע איז פון אַלטקייט געוואָרן גרין און פון וועלכער עס האָבן נאָכגעהאָנגען צויטן, וואָס האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די ציצית פון זיין טלית־קטן. אַ קליין צעקנאָדערט און אויסגעקראָכן שטריימל איז געלעגן אויף זיין שפּיץ קאָפּ, וואָס איז געווען ווילד באַוואַקסן מיט לאַנגע טונקל־ברוינע האָר, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די פּיאות און קאַלטענעוואַטער ברוינער באָרד איינ־גאַנצן פאַרדעקט זיין פּנים. נאָר אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן האָבן פון דעם פאַרוואַקסענעם פּנים זיך אַרויסגעזעצט. די אויגן זענען געווען אַנגעשטעלט אויף יאַנקלס געבלימלטן זיידענעם שניפּס. און דעם גזשיבאָווער שמייסער־יונג האָט זיך געדאַכט, אַז פון די אויגן גייט אַרויס אַ פייער, וואָס ברענט דורך זיין ראָק און זיין שניפּס און זיין העמד און ברוסט זיין נאַקעט לייב.

— קום שנעל אַוועק!... — האָט ליפּע אַ ריס געטון מיט זיך יאַנ־קלען — מיט אים איז אַ מורא...

— מיט ר' נאָסקען איז גלייבער זיך נישט צו טרעפן — האָט לי־פּעס שטים געציטערט.

— גלייבער... — האָט יאַנקל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און עס איז אים פאַרגעקומען, אַז די פּאָר ברענענדיקע אויגן ברענען איצט דורך זיין פּלייצע.

און ליפּע האָט, צובייגנדיק זיך צו זיין וואַרשעווער פריינט, גערעדט מיט אַ שטילער שטימע:

— ווייסט, יאַנקל, יעך בין נישט קיין שרעקעוודיקער, נאָר פאַר ר' נאָסקען האָב יעך מורא... מען זאָגט אַז ר' נאָסקע רעדט מיט מתים... הערסט, ער רעדט מיט זיי, מיט די טויטע, פּונקט, ווי איך רעד צו דיר...

— אוי וויי!... — איז אַ שווידער דורכגעלאָפן יאַנקלס לייב — וואָס רעדסטו, מיט טויטע האָט ער צו טון?!...

— יאָ, יאָ, אַלע ווייסן עס — האָט ליפּע נישט דערלאָזט, אַז דער מינדסטער ספק זאָל פאַרמינערן ר' נאָסקעס חשיבות — יעדע נאַכט, נאָך צוועלף אזייגער קומען זיי צו אים, די מתים, אין בית המדרש אריין, און די בחורים מתמידים, וואָס לערנען דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט

דערציילן, אַז ר׳ נאַסקע שמועסט זיך מיט זיי אויס, מיט די מתים, ווי מיט זיינס גלייכן און ער רופט זיי אפילו ביי זייערע נעמען — „מעכאַבע ר׳ משה, מעכאַבע ר׳ בערל״... אַזוי, אַזוי רעדט ער צו זיי, צו די מתים זיינע...

— יאָך וואָלט געשטאָרבן — רעדט מיט שרעק יאַנקל שמייסער.

— איצט ווייסטו שוין ווער ר׳ נאַסקע איז — איז ליפּע טראָץ זיין שרעק, פונדעסטוועגן שטאָלץ — אָבער דו ווייסט נאָך נישט אַלץ, יאַנקל, צו ר׳ נאַסקען קומען נאָך אַנדערע געסט אויכעט...

— אַנדערע קומען — ציטערט יאַנקל שמייסערס גאָמבע.

— ששש... אַזעלכע זאַכן מוז מען רעדן שטיל... נאָר דיר, יאַנקל, זאָג איך עס... מען זאָגט, אַז נאָך צוועלף ביינאַכט קומען צו אים, צו ר׳ נאַסקען אין בית המדרש אריין די אמתדיקע לייט... מלאכים, הערסט, יאַנקל, אמתדיקע מלאכים, אַזוי זאָלן מיר ביידע געזונט זיין...

— האָסט זיי געזען, די מלאכים? — שווידערט פאַר שרעק און נייגער צוגלייך יאַנקל שמייסער.

— יעך? ווערט ליפּע בלייך פון דעם בלויזן געדאַנק צו האָבן געזען א מלאך — וואָס רעדסטו, יאַנקל, אַזעלכע רייד?... אָבער יעך האָב געהערט דערציילן... הא, הא, וואָס יעך האָב זיך אַלץ אָנגעהערט!...

ליפּע בייגט זיך נאָך נענטער צו צו זיין ווארשעווער פריינט און אויפגעטרייסלטער פון זיינע אייגענע רייד:

— דו ווייסט, יאַנקל, ער, ר׳ נאַסקע, האָט אפילו פאַר זיי, פאַר די מלאכים, נישט קיין מורא... טיילמאָל שרייט ער, בייזערט זיך... „ווי לאַנג איז דער שיעור — אַזוי שרייט ער — „זאָל שוין נעמען אַ סוף!״...

— אַ סוף, צו וואָס, ליפּע?...

— פאַרשטייסט, משיחן מיינט ער... משיחן וויל ער ברענגען, ר׳ נאַסקע... אַזוי, אַזוי... און ער גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון רבינס בית המדרש... ביינאַכט כאַפּט ער אַ דרימל אויף אַ באַנק. ער האָט אַלץ מורא צו פאַרשפּעטיקן משיחן... און אין מקוה אריין לויפט ער אפשר צען מאָל אין טאָג... איז זיך טובל אין דער אטלאַסענער קאַפּאָטע און שטרייַמל, הערסט, יאַנקל... ר׳וויל נישט קוקן אויף זיין אייגענעם לייב, אַזוי...

# אין שטורעם

יאנקל שמייסערס לייב פיבערט. שטריימלעך אטלאסענע און זיידע־נע קאפאָטעס, ר׳ נאסקעס מתים און מלאכים, משיח, און ר׳ מרדכים קוויטלעך... — אלץ מישט זיך צוזאמען אין זיין קאָפּ, וואָס וועט אַ ליאַדע מינוט פּלאצן...

אַ מילד ווינטל פון רבינס הויף קילט אָפּ דעם צעהיצטן קאָפּ פון יאנקל שמייסער. ער אָטעמט טיף אין זיך אריין דאָס ווינטל.

— דאָ וואַרט — זאָגט צו אים ליפּע און דערמאָנט — און פאַרגעס נישט צו געבן דעם רבין דאָס קוויטל...

— כ׳וועל נישט פאַרגעסן... — צעקוועטשט יאַנקל שמייסער אין זיין צוזאַמענגעדריקטער פויסט ר׳ מרדכים קליין קוויטעלע...

ער שטייט נישט אליין, יאַנקל. הונדערטער יידן שטייען שווייגנדיק אויפן הויף און זייערע אויגן הענגען אויף דער ברוינער טיר פון „שלום־שטיבל״.

צוויי יידן וואָס פון זייערע באוואַקסענע פּנימער איז שווער פעסט־צושטעלן זייער עלטער, זענען מיט זייערע גופים ווי צוגעקלעפּט צו דער פאַרמאַכטער טיר פון „שלום־שטיבל״.

מיט צוריקגעוואָרפענע אָן אַ זייט קעפּ, מיט אויגן פאַרשלאָסענע און צונויפגעפּרעסטע ליפּן און אויסגעבלייכטע פּנימער, פון וועלכע יעדער טראָפּן בלוט איז פאַרשוואונדן, מיט הענט קראַמפּהאַפט פאַרוויקלט אין זייערע גאַרטלען, זענען די גופים פון די צוויי יידן געלעגן אויף דעם רבינס טיר, ווי זיי וואָלטן וועלן מיט איר זיך צוזאַמענוואַקסן. אזוי קלאַ־מערט זיך אַ מענטש אָן זיין לעצטער האָפענונג, אָן זיין איינציקער דער־וואַרטונג. אזוי פאַלט ער צו צו זיין איינציקן אָנשפּאַר, צו זיין לעצטן אָנלען...

נאָך זיי זענען געשטאַנען אַנדערע. הונדערטער יידן פון פאַרשידענעם עלטער און שטאַנד זענען געשטאַנען פאַר דעם רבינס טיר צונויפגע־מישטע, צוזאַמענגעדריקטע, אין איין מאַסע צונויפגעפּרעסטע.

רייכע און אָרימע, גרויסע למדנים און פּראָסטע יידן, „טיש־זיצערס״, יחסנים און כלל־טוער פון גרויסע שטעט און נעבעכדיקע קרעמערלעך פון די קליינע שטעטלעך, זענען זיי געשטאַנען אַלע גלייך הינטער דעם רבינס טיר.

די ווינערס און די ווידיסלאווסקיס, די זייבערטס און די שטערנס און די אַנדערע גרויסע לאָדזשער פאַבריקאַנטן, וואָס האַלטן זיך אין איין בלאָזן און האָבן שוין קיין מינוט צייט נישט מיט א ייד א וואָרט אויסצורעדן, קאָרטשען הינטער דעם רבינס טיר איין אין זייערע נגידישע בייכלעך, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אליין עפּעס קלענער און נישטיקער ווערן.

און די וואַרשעווער נגידישע יחסנים, וואָס קוקן פון אויבן אַרויף אויף די אויפגעקומענע לאָדזשער גבירים, בויגן אַראָפּ הינטער דעם רבינס טיר זייערע קעפּ מיט די הדרת־פּנימדיקע בערד און מאַכן זיך נישט דערפון, וואָס עפּעס א קרעמערל פון קאַלושין שפּאַרט אָן זיין עלנבויגן אויף זייער פּלייצע.

פון דער מאַסע טיילן זיך אוים די הויכע קראָקאָווער חסידים מיט זייערע ברייט־צעקעמטע רויטלעכע בערד און דרייצן־שפּיציקע פּלאַטשיקע שטריימלעך. זיי, די קראָקאָווער חסידים, האָט די אומגעריכטע מלחמה פאַרכאַפּט אין וואַרשע און שוין וואָכן־לאַנג, ווי זיי זענען אָפּגעריסן פון זייער שטאָט און משפחות און זיי וואַרטן אויף דעם רבינס עצה...

די חסידישע יונגעלייטלעך מיט די קוים שפּראָצנדיקע בערדלעך שפּאַרן די צונויפגעדריקטע מאַסע נענטער צו דער פאַרשלאָסענער טיר פון „שלום שטיבל". די אויגן פון די יונגעלייטלעך זענען אומרואיקדערשראָקענע. וואָס ווילן פון זיי די צאַרישע שררות אין דעם וויטן פּרעמדן פּעטערבורג? וואָס, זיי, די חסידישע קעסט־איידעמס מיט די אויסגעבלייכטע גמרא־פּנימער, זאָלן דאָס מלחמה האַלטן מיט דעם דייטשן קיסר?

אזוי פרעגן די דערשראָקענע אויגן פון די יונגעלייטלעך און אזוי פרעגן אויך די פאַרזאָרגטע פּנימער פון זייערע טאַטעס און שווערס, און זיי וואַרטן אַלע, אַז די פאַרשלאָסענע טיר פון „שלום־שטיבל" זאָל זיך עפענען.

יאַנקל שמייסער איז אין דער מיט פון דער צונויפגעפּרעסטער מאַסע. פון די צוזאַמענגעדריקטע לייבער יאָגט אויף אים א הייסער אָטעם. אָן אומהיימלעכע שרעק קלעמט דאָס האַרץ פון יאַנקל שמייסער. ליפּע איטשעלע גרונמס האָט אים געלאָזט אליין און ער, יאַנקל, ווייסט נישט, וואָס ער האָט צו טון. דערמאָנט ער זיך אָן ר' אייזיקס קראָם מיט די

שטריימלעך און ציט ארויס פון טאַש די גאַרטל און דאָס קאַפּל, פאַר וועלכע ער האָט אייזיקן באַצאָלט אַ קערבל.

יאַנקל שמייסערס לייב איז שוין צונויפגעפרעסט מיט דער גאַרטל, וואָס ליפּע האָט אים געבאָרגט. פונדעסטוועגן איז ער אומרואיק.

— אפשר איז איין גאַרטל נישט גענוג, ווער ווייסט... — נעמט ער זיך אומגאַרטלען נאָכאַמאָל און טוט זיך אָן אויפן קאָפּ דאָס גרויסע סאַמעטענע קאַפּל.

איצט פילט זיך יאַנקל שוין אַ ביסל רואיקער, נאָך מער אָבער באַרואיקט אים, ווען ער דערזעט, אַז זיין באַלעבאָס, ר׳ לוי, שטייט נישט ווייט פון אים:

— יאָך וועל נאָכגיין ר׳ לוין — צעדריקט אין זיין פויסט יאַנקל דאָס קוויטל.

די טיר פון „שלום־שטיבל״ עפנט זיך און עס בלייבן אין איר שטיין יעקב בנימין שמש מיט זיין געל־גרויער באָרד:

— איינציקווייז... איינציקווייז... — רעדט יעקב־בנימין מיט אַ שטרענג קול.

פון דער צונויפגעדריקטער מאַסע נעמען זיך אויסשיילן איינצלנע געשטאַלטן. איינער נאָך דער אַנדערער רוקן זיך לאַנגזאַם די געשטאַלטן מיט נישט זעעוודיקע אויפגעריסענע אויגן איבער דעם ליידיקן „שלום־שטיבל״ אין דער צווייטער האַלב־טונקעלער שטוב, וואָס אַלע אירע ווענט זענען ווי אויסגעקלעפּט מיט ספרים־רוקנס.

די אויפגעריסענע אויגן פון די רוקנדיקע זיך געשטאַלטן זענען געווענדט צו איין פּונקט ביים פענצטער.

דאָרט ביים פענצטער הינטער אַ קליין פּירקאַנטיק נידעריק טישל שטייט — דער רבי.

פון מיטעלן וווקס אין אַ מאַט־זיידענער זשופּיצע מיט אַ הויכן טונקל־ברוינעם שטריימל אויפן קאָפּ שטייט דער רבי, לייכט איינגעבויגן איבערן טישל. די גרויע באָרד פאַלט אַראָפּ אויף זיין ברוסט און פאַרדעקט מיט זילבערנע פעדים דעם שוואַרצן זייד פון זיין קאַפּאָטע.

אַ רואיקע יום־טובדיקייט ליגט אויפן רבינס פּנים, וואָס איז, ווי מיט אַ זילבערנער עטרה ארומגענומען פון זיינע לאַנגע פּיאות. פון דעם פּנים

שיינען ארוים צוויי גרויסע ברוינע אויגן, ארומגענומען פון קליינע רויטע אָדערלעך, וואָס זאָגן עדות פון שלאָפלאָזע, אומרואיקע נעכט.

דעם רבינס אויגן זענען געווענדט צו דער אָפענער טיר. און עפּעס אַ מאָדנע קראַפט באַזיצן זיי, די אויגן. ווען זייער בליק פאַלט אויף אַ מענטש, דאַכט זיך, אַז פאַר זיי, דעם רבינס אויגן, זענען נישטאָ קיין שום סודות. נישטאָ ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר די אויגן. זיי ווייסן אַלץ, זיי דרינגען אריין אין די באַהאַלטענע קעמערלעך פון מוח און זיי רייסן אראָפּ דעם פאַלשן שמייכל פון די ליפּן און זיי דערגרייכן די טונקלסטע באַהעלטענישן פון מענטשנס האַרץ און זיי לייענען ארוים די פאַרבאָרגנסטע מחשבות און געפילן...

און דערמאָלט פאַלט אַ שרעק אויף דעם מענטש. עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז געבליבן שטיין מוטער נאַקעט פאַר דעם רבינס אויגן.

און דעם רבינס אויגן רעדן שאַרף, שטראָפן, מאָנען, פאָדערן...

נאָר אָט באַקומען די אויגן אַן אנדער אויסדרוק. פול מיט גוטסקייט זענען זיי, די אויגן, און מיט טרייסט און מיט האָפענונג.

און די אויגן גלעטן, צערטלען, זאָגן צו.

עס ציטערט די האַנט וואָס דערלאַנגט דעם רבין דאָס קוויטל און דעם רבינס אויגן שטאַרקן די האַנט:

— האָב נישט קיין מורא און שעם זיך נישט — רעדן אָן ווערטער די אויגן — כ׳ווייס, כ׳ווייס... זינדיקע מחשבות... שטאַרקט מען זיך איבער זיי און מען פאַרטרייבט זיי...

און די אויגן בעטן:

— פּרוווּ זיך נאָר אַליין צו שטאַרקן, פּרווו...

שטויסן קוויטלעך קלייבן זיך צונויף אויף דעם קליינעם טישל. דער רבי רעדט געציילטע ווערטער, און טיילמאָל טוט ער נאָר אַ קרעכץ. נאָר די יידן, וואָס קומען צו אים, נויטיקן זיך נישט אין קיין סך רייד. איין וואָרט פון רבין איז פאַר זיי געגנוג. איין שמייכל פון זיינע אויגן גיט צוריק פאַרלאָשענע האָפענונג, איין קרעכץ באַרואיקט דאָס געמיט...

און די יידן רוקן זיך הינטערווייַלעכץ ארויס פון רבינס שטוב צו דער טיר פון צווייטן הויף. זייערע פּנימער שיינען. זייערע אויגן זענען מיט אַמאָל יינגער געוואָרן. זיי ווייסן אַליין נישט ווי אַזוי און פאַרוואָס,

נאָר אויפן האַרץ ווערט עפּעס פּלוצלינג אַזוי לייכט און פריש. אַ שווערע לאַסט איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון זייערע פּלייצעס. דאָרט אויף דעם קליינעם טישל אין רבינס חדר, ווו עס טוליען זיך איינס צום אַנדערן די שטויסן קוויטלעך, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייערע דאגות און זייערע צרות, זייערע ספקות און זייער שרעק.

און איצט, אַריינעטעמענדיק אין זיך די פרישע לופט פון צווייטן הויף, שמייכלען די יידן איינער צום אַנדערן, לאַכן און איילן פריילעכע צו זייערע אַכסניות.

ר' לוי שטייט שוין אַ לענגערע ווייל פאַר דעם קליינעם טישל. ער וואַרט, ווייל דעם רבינס אויגן דערזעען אים עפּעס נישט.

דעם רבינס אויגן הענגען אויף אַ גרויען קאָנווערט, וואָס ליגט אָפּ־געריקט פון די קוויטלעך. דעם רבינס האַנט שטרעקט זיך אויס צו דעם גרויען קאָנווערט, באַלד אָבער ציט זיך די האַנט צוריק. ערשט דעמאָלט דערזעען דעם רבינס אויגן ר' לוין:

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, לוי...

ר' לוי וואַרט. עס דאַכט זיך אים, אַז דער רבי האָט נאָך עפּעס אים צו זאָגן. ער זעט ווי דעם רבינס אויגן ווענדן זיך ווידער צו דעם גרויען קאָנווערט אויפן טישל.

ר' לוי וואַרט נאָך אַ ווייל, נאָר דער רבי רעדט שוין צו ר' שמחה־לען חסיד.

— שלום עליכם, שמחהלע... וואָס מאַכסטו אין בריאות, שמחהלע?

ר' שמחהלע איז דער איינציקער פון גאַנצן עולם, מיט וועמען דער רבי רעדט אַזוי און ר' שמחהלע ענטפערט אויפן קאָצקערישן שטייגער:

— געלויבט צו גאָט, וואָס מען האָט נאָך הנאה פון אַביסל אָקאָוויט.

דעם רבינס מידע אויגן צעשמייכלען זיך. אָט איז איינער, וואָס קומט נישט מיט די שווערע משאות פון יידישע דאגות — דער קאָצקער. און ער פרעגט:

— ביסט טאַקע געווען אין פשיסכע, שמחהלע?

— יאָ, געווען נישט מער ווי אַמאָל צוויי.

— און קאָצק געדענקסטו, שמחהלע?

— מען מיט זיך נישט צו פאַרגעסן.

— אוןביים זיידן האָסטו געלערנט?
— צוזאַמען מיט יצחק בערן און לייזערן — ענטפערט ר׳ שמחהלע.
— און פון טאַטנס צייטן געדענק איך דאָך דיך שמחהלע אַליין.
און ווידער לויפן דעם רבינס אויגן צו דעם גרויען קאָנווערט צו און ער טוט אַ קרעכץ:
— נישט קיין סך קאַצקער זענען געבליבן, שמחהלע.
— אוי... — זיפצט אויס ר׳ שמחהלע.
— זיי זשע מתפלל, שמחהלע, יידן דאַרפן היינט אַ גרויסע ישועה...
און דאָס מאָל זעט שוין אויך ר׳ שמחהלע, ווי דעם רבינס אויגן זוכן דעם גרויען קאָנווערט אויף זיין טישל.
ר׳ שמחהלע רוקט זיך אַוועק. פאַרן רבין בלייבט שטיין יאַנקל שמייסער. זיין לייב איז איינגעפרעסט אין צוויי גאַרטלען, פון וועלכע ער קען קוים דעם אָטעם כאַפּן. ר׳ אייזיקס סאַמעטענער קאַפּל האָט אים פאַרדעקט נישט בלויז דעם קאָפּ, נאָר איז אַראָפּגעקראָכן אויך אויף זיין שטערן. און אויף דעם שפּיץ קאַפּל וויגט זיך דאָס קליינע היטעלע פון אַ וואַרשעווער ווילן יונג. מיט אַ צעגליט פּנים שטייט יאַנקל שמייסער פאַרן רבין און זיין פויסט דריקט קראַמפּהאַפּטיק ר׳ מרדכים קוויטל.
— פון וואַנען ביסטו? — נעמט אָן דעם רבינס האַנט יאַנקלס פויסט, עפנט זי און נעמט ארויס דאָס צעקנייטשטע קוויטל.
— פון גזשיבאָוו — קרעקט זיך שווער יאַנקל שמייסער מיט יעדן וואָרט, — יאָך ארבעט ביי ר׳ לוים פערד.
— ביסט צופרידן?
— זיי האָבן צוגענומען די פערד, די פאָניעס — האָט יאַנקל שמייסער צוריק באַקומען לשון אונטער דעם מילדן בליק פון רבינס אויגן — אַ רוח... — יאַנקל טוט זיך אַ ביס אין דער צונג, דערמאָנענדיק זיך, אַז פאַר אַ צדיק פּאַסט, מסתמא, נישט צו שילטן.
דער רבי גלייכט אויס דאָס צעקנייטשטע קוויטל, לייענט עס איבער און זאָגט מיט אַ שמייכל:
— זיי מצליח, יאַנקל...
יאַנקל ווייסט נישט וואָס ווייטער צו טון און ר׳ לוי ציט אים צו זיך און אַזוי גייען זיי הינטערווייַלעכץ צו צו דער טיר, וואָס פירט צום

צווייטן הויף. דאָרט וואַרט שוין דעם „וואַרשעווער" אָפּ ליפּע איטשעלע גרונמס.

— אָווא, — עטעמט יאַנקל שווער אָפּ, ווי נאָך אַ טאָג האָרעוואַניע.

— קום, יאַנקל! — העלפט אים ליפּע אויסוויקלען זיך פון די צוויי גאַרטלען און טוט אים אויך אויס דאָס קאַפּל.

גייגעריקע בליקן פאַלגן נאָך יאַנקלען.

— אַ פּראָסט נפש, דאַכט זיך, פונדעסטוועגן האָט דער רבי מיט אים אַזוי לאַנג גערעדט.

ר' לוי איז געבליבן שטיין מיט ר' שמחהלע חסיד:

— מאָדנע רייד — האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט — וועגן קאָצק און פּשיסכע און אין מיטן דערינען גאָר אַ זאָג, אַז יידן דאַרפן אַ ישועה, האַ, ר' שמחהלע? — און ר' לוין האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז דאָס אַלץ האָט אַ שייכות מיט דעם גרויען בריוו.

נאָכן שלום נעמען ביים רבין, האָט ר' לוי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט, ווי דער שטייגער איז, ביים רבינס ברידער און שוואָגערס. ביי ר' משה־בצלאלן האָט מען אים מכבד געווען מיט טיי, ר' הערש הענעך האָט פון דער אייזערנער קאַסע ארויסגענומען אַן עקסטרא ציגאַר, ביי ר' יעקב־מאירן איז די הויפּט שמועסעריי געווען זיין ווייב אסתרל, ר' בעמיעלע האָט זיך פאַדראָבנע אויסגעפרעגט וועגן דער מלחמה און ר' מענדעלע האָט, ווי שטענדיק, שנעל אַ שמועס געטון וועגן בלעראליי קהלשע עסקים. אָבער יעדער פון זיי האָט, ווי זיי וואָלטן זיך פריער געהאַט אָפּגערעדט, געשטעלט ר' לוין די זעלביקע פראַגע:

— „ער" האָט מיט אייך, ר' לוי, עפּעס גערעדט?

יעדעס מאָל האָט ר' לוי געגעבן דעם זעלבן ענטפער:

— „ער" האָט מיר געזאָגט: „גוט וואָס דו ביסט געקומען". נישט מער.

— נו! — האָבן דעם רבינס ברידער און שוואָגערס צו זיך אַליין אַ זאָג געטון.

פון דעם האָט ר' לוי פאַרשטאַנען, אַז שבת צו נאַכטס, נאָך דער הבדלה, וועט מען אים רופן צום רבין, אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַן

ענין, ווען וועלכן מען שושקעט זיך אזוי געהיימניספול. אפשר ווען עפשטיינען און זיין לאניא?

ר׳ לוי איז געווען זייער נייגעריק, אָבער פרעגן פּאַסט נישט. האָט ער בלויז געזאָגט:

— איך האָב אויך געוואָלט שבת צו נאָכטס זיך דורכרעדן מיטן רבין — און אין זיין געדאַנק האָט זיך נישט אויפגעהערט פלאָנטערן דער גרויער בריוו, וועלכער איז געלעגן אויף דעם רבינס טישל און וועלכער האָט כסדר צוגעצויגן צו זיך דעם רבינס בליקן.

דערווייל האָט דעם רבינס שטעטל זיך געגרייט מקבל פנים צו זיין דעם שבת.

אין די געסלעך, הייף און שטיבער האָט געהערשט א פריילעכער טומל. די חסידים האָבן מיט האַנטעכער און פרישע ווייסע העמדער אונטערן אָרעם געאיילט אין דער הייסער מקוה, פון וועלכער יאָסעלע בעדער האָט געהאַלטן אין איין טרייבן די ווייסע חברהניקעס, וואָס האָבן זיך גראַד פרייטיק נאָכמיטאָג אין דער מקוה געוואָלט לערנען שווימען. א כאַפּטע ייִנגלעך זענען געשטאַנען פאַר דער מקוה מיט א זייער וויכטיקער סחורה און מיט א ניגון אויסגעזונגען:

— „אשר־יצר־פּאַפּיר" אויף שבת, קויפט ייִדן, קויפט!

אין די קיכן פון די „קראַדניקעס" האָט געזעצט א פּאָרע פון די גרויסע פאַנען פיש און טעפּ פליישן און יויכן. די מענער האָבן גע־שריגן אויף די ווייבער און די ווייבער האָבן געוואָלדעוועט אויף די טעכטער, און די דערוואַקסענע טעכטער האָבן געריבן מיט בערשטן די פּאָדלאָגעס און אונטערגעזונגען א טרויעריק ליד וועגן א מלך און א בת־מלכה.

אין די בשמים געוועלבער איז מען געשטאַנען אויף קעפּ און אומ־זיסט האָבן די קרעמער זיך געבעטן:

— וואַרט א מינוט, כ׳קען דאָך נישט אַלע מיט אַמאָל...

נישט קלענער איז געווען דער טומל אין די שענק און טשאַיניעס (טיי־אייזער). די באַלעבאַטים מיט זייערע ווייבער און קונים האָבן איינער דעם אַנדערן געוואָלט איבערשרייען און שוין נישט געהערט, וואָס זיי אַליין רעדן.

נאָר אַט האָט זיך אויף דער גאַס באַוויזן בערל שמש פון קהלס בית המדרש מיט זיין הילצערנעם האַמער, וואָס געדענקט נאָך די טער־קישע מלחמה און גענומען גיין פון הויז צו הויז און פון קראָם צו קראָם און אויסקלאַפּן מיט זיין האַמער אין יעדן לאָדן איין קורצן קלאַפּ:

— ליכט צינדן, יידן!

דעמאָלט איז מיט אַמאָל איבערגעריסן געוואָרן דער טומל און עס האָט זיך איינגעשטילט דער געפּילדער. פון אַלע פענצטער האָבן אויף דער גאַס אַרויסגעשיינט די שבת־ליכט און מיט לאַנגזאַמע נישט איי־לעוודיקע טריט זענען יידן אין זייערע זיידענע זשיפּיצעס געגאַנגען אין בית המדרש.

פרייטיק צו נאַכטס איז מען אין רבינס בית המדרש נישט מאריך מיטן דאַווענען. ביים עמוד איז, ווי יעדן שבת, געשטאַנען יוסף גרונס, נאָר זיין שטימע האָט אַביסל געציטערט ביים זינגען „לכה דודי". דער־מאָנענדיק זיך, אַז ר' יאָסעלע כענטשינער און יאַנקל טאַלמוד הערן זיך צו צו זיין זינגען, האָט דער געזעגער בעל תפילה און בעל קורא געהאַט אַ לייכטע טרעמע.

אויך נאָכן דאַווענען איז אַלץ צוגעגאַנגען שנעל און אַביסל אין געאייל. מען איז גלייך אוועק אויף די אכסניות, אויף דער גיך קידוש געמאַכט און אָפּגעגעסן די שבתדיקע סעודה.

געבענטשט אָבער האָט מען נישט, ווייל מען איז גלייך אוועק צום רבינס טיש.

נישט אַלע האָבן צומאָל געגעסן די שבתדיקע סעודה. אַ קליינע „עליט גרופּע" איז געווען. צו דער דאָזיקער יחסנישער גרופּע האָבן באַ־לאַנגט די רבנים, גרויסע לומדים, עלטערע אָנגעזעענע חסידים, גרויסע חסידישע גבירים, וואָס זענען געקומען אויף שבת אָדער יום טוב צום רבין, און זיי האָט יעקב בנימין שמש אָנגעזאָגט, אַז זיי זענען געלאַדן צום רבינס טיש צוזאַמען מיטן רבין צו עסן די שבתדיקע סעודה. האָט מען זיי טאַקע אין גער גערופן מיט אַ געמיש פון דרך־ארץ און אויך קנאה „טיש־זיצערס".

זיי, די „טיש־זיצערס", האָבן בלויז געמאַכט קידוש און זיך געוואַשן צום עסן און זענען גלייך אַוועק צום רבינס טיש אין בית המדרש. אַזוי האָבן אויך געטון ר' שמהחלע און ר' לוי. ווי נאָר זיי האָבן געמאַכט די „המוציא" איבער די צוויי חלות, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט פון טיש אין דעם גרויסן עס־צימער פון אימשעלע גרונמס אכסניה.

געזען זיין באַלעבאָס זיך אויפשטעלן, האָט יאַנקל שמייסער געהאַלטן, אַז זיין פליכט איז דאָס זעלבע צו טון. נאָר ליפּע האָט אים געהייסן זיך צוריקזעצן צום טיש, זאָגנדיק:

— דו, יאַנקל, ביסט נישט דערווייל „אַ טיש־זיצער" ביים רבין, מעגסטו מיט אונדז דאָ בלייבן...

די חסידים ביים טיש האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט און אָפּמעסטנ־דיק דעם שמייסער יונג מיט איראָנישע בליקן, צו אים גערעדט:

— מעגסט רואיק עסן, יאַנקל... ווען מען וועט דיך רופן צום ווייַן, וועסטו שוין זיין פאַרטיק מיט דער סעודה, נישט וואָר, כאַ־כאַ־כאַ.

יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס לאַכן די חסידים אָפּ פון זיין גראָב־יונגישקייט.

ער האָט אַ פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער גרויסער פּעצענע פיש, וואָס ליפּע האָט אים דערלאַנגט און זיך גענומען צו דער אכילה.

נישט ליפּע און נישט די חסידים ביים טיש און נישט יאַנקל אַליין האָבן געוווסט, אַז אין עטלעכע שעה שפּעטער וועט דער נאָמען פון גזשיבאָווער שמייסער־יונג זיין אויף אַלעמענס ליפּן. ער איז דערווייל געזעסן אַ שווייגנדיקער און געדרוקט אין מויל אַריין די פולע טעלער, וואָס זיין פריינט ליפּע האָט אים צוגעשטעלט.

— צייט צו גיין צום טיש — האָט דער עולם נאָכן צימעס זיך גענומען איילן.

יאַנקל שמייסער איז געווען זאַט־מיד פון דער שבתדיקער סעודה און ער וואָלט גערן געכאַפּט אַ דרימל. נאָר ליפּע האָט געזאָגט, אַז איצט גייען אַלע צום טיש, האָט יאַנקל זיך בלויז אויסגעריבן די אויגן און זיך ווידער געלאָזט צום רבינס בית־המדרש.

# אין שטורעם

א שטילקייט האָט יאַנקלען אַרומגענומען, ווען ער איז אַריינגע־קומען אין העל־באַלויכטענעם בית המדרש. א דערשטוינטער האָט יאַנקל זיך אַרומגעקוקט. ער האָט זיך געפונען אין דער מיט פון א וואַלד מיט שטריימלעך און זיידענע זשיפּיצעס, וואָס האָבן זיך עפּעס אין א פייער־לעך שווייגן געטוליעט איינס צום אַנדערן.

יאַנקל האָט נישט געזען נישט דעם רבין, נישט ר׳ לוין און נישט די אַנדערע טיש־זיצערס, און נישט צומאָל דעם טיש.

— ווו איז דעם רבינס טיש? — האָט יאַנקל זיך געוווּנדערט.

— דאָרט, זעסט, — האָט ליפּע אָנגעוויזן אויף דער וואַנט רעכטס פון גרויסן בית המדרש.

יאַנקל שמייסער האָט געצויגן מיט די אַקסלען. זיינע אויגן האָבן אומזיסט געזוכט דעם רבינס טיש.

גרויס און ברייט איז טאַקע געווען דעם רבינס טיש, וואָס איז געשטאַנען ביי דער בית־המדרש־וואַנט רעכטס און זיינע פיס זענען געווען צוגענעגלט מיט שווערע אייזערנע שטאַבעס צום דיל. אַרום דעם טיש איז געזעסן דער רבי מיט זיינע ברידער און שוואָגערס, מיט זיינע זין און איידעמס, און מיט אַלע הדרת־פּנימדיקע יידן, וואָס האָבן זוכה געווען צו זיין „טיש־זיצערס". יאַנקל האָט אָבער דאָס אַלץ נישט געזען. א וואַלד פון שטריימלעך און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס האָט פאַר אים פאַר־שטעלט דעם רבינס טיש. ריי נאָך ריי, אַזש ביז דער אַרויסגאַנגס־טיר, אַקסל ביי אַקסל זענען זיי געשטאַנען מיט ערנסטע פּנימער, די יידן. שטראָמען שוויים האָבן זיך פון הינטער זייערע שטריימלעך געגאָסן אויף זייערע פּנימער און העלדזער, האָבן צעווייקט זייערע זיידענע און אַט־לאַסענע קאַפּאָטעס און די יידן זענען געשטאַנען ווי עפּעס א געהיימע קראַפט וואָלט זיי צוגעשמידט צום אָרט.

די בחורים און יונגעלייט זענען אַרויפגעקראָכן אויף די הויכע פענצטער און אייזערנע שטאַנגען ביים בעלעמער, האָבן מיט זייערע גאַרטלען זיך צוגעבונדן צו די אייזנס פון די ווענט און אַזוי, האַלב־הענגענדיק אין דער לופטן, אָנגעבויגן זייערע גופים צו דעם רבינס טיש...

און מיטאַמאָל דערהערט זיך אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט א שטימע. צוערשט הערט מען זי קוים, די שטימע. שוואַכע אָנגעוויי־

טיקטע, צעריסענע, אָפּגעהאַקטע טענער רייסן זיך שווער אין חלל. באַלד אָבער ווערט די שטימע זיכערער, שטאַרקער, פעסטער. זי באַקומט קלאָרע מעטאַלענע קלאַנגען, וואָס קאַלערן זיך אין דער הויך איבער דעם שטריימל־וואַלד.

—ששש... — לויפט דורך אַ ציטער, און יאַנקל פּילט ווי די צו־נויפגעדרענגטע מאַסע נעמט אים פעסט אַריין אין אירע אָרעמס — דער רבי זאָגט תורה...

נישט אויבן־אָן, נאָר אין דער מיט טיש ביי דער וואַנט זיצט דער רבי, מיטביידע הענט אָנגעשפּאַרט אָן טיש, מיט פאַרשלאָסענע אויגן און מיטן פּנים עטוואָס אַראָפּגעבויגן, אַזוי אַז די זילבערנע פּעדים פון זיין באָרד פאַלן אויף דעם ווייסן טישטוך, און די שטריימלעך פון די טיש־זיצערס בייגן זיך צו איינס צום אַנדערן אין שטומען שטוינען. די שטימע פון רבין צעטרייסלט און מאַכט אויפציטערן הערצער היינט מער, ווי שטענדיק.

„...פינסטערניש האָט זיך צעלייגט אין אַלע ווינקלען... מען זעט נישט ווי איין און ווי אויס... נאָר מען הערט די קולות וברקים... און עס טרייסלט זיך דאָס געצעלט פון ישראל, אוי...״

דער „אוי״ פון רבין טראָגט זיך פון האַרץ צו האַרץ און באַלד דער־הערט זיך אַן אַנדער קול, וואָס שטאַרקט און דערמוטיקט.

— „... אין דער פינסטערניש ווערט געבוירן דאָס גרויסע ליכט... בהרף עין קען עס אויפשיינען דאָס ליכט און דערוואַרעמען די עצמות היבשות... מען דאַרף נאָר וועלן זען און מען דאַרף נאָר וועלן גלייבן... און מען דאַרף צולייגן אַן אויער צו הערן די קול דממה דקה... און שטאַרקן מוז מען זיך אַליין, שטאַרקן אין דער צייט פון חשכות...״

יאַנקל טאַלמוד שטייט אָנגעשפּאַרט אָן טיש. דעם רבינס קול רייסט זיך פלוצלינג איבער און דער „געוועזענער דיריגענט״ וויל שוין אויפזינגען אַ פרייליכן מאַרש. נאָר אָט דערהערט זיך ווידער דעם רבינס קול.

מאָדנע רייד הערן דאָס מאָל די טיש־זיצערס. רייד וועגן בלאָנד־זשענדיקע יידישע נשמות. ווייט אַוועק זענען זיי, די פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, אוי, ווי ווייט... נייערט זיי בענקען צום מקור און זיי רייסן זיך

צוריק... און ווער ווייסט דעם רבונו של עולמס וועגן, ווער ווייסט... און די כנסת ישראל ווארט...

א מיסטישער ציטער באהערשט די צוזאמענגעדרענגטע מאסע. אין דער אלגעמיינער שטילקייט דאכט זיך, אז ביי די הויכע פענצטער פון בית המדרש שטייט א פארבלאנדזשעטע נשמה און קלאפט שטיל אין שויב און בעט א תיקון...

און אט דאכט זיך, אז דעם רבינס רייד עפנט פאר דער פארבלאנדזשעטער נשמה דעם וועג און זי וויינט נעבעך די נשמה אויס איר בראך.

דעם רבינס שטים איז אנטשוויגן געווארן. יאנקל טאלמוד זינגט זיין נייעם מארש, נאר די מענטשן הערן נאך אלץ די קלארע מעטא־לענע קלאנגען, וואס ווייזן דעם וועג די פארבלאנדזשעטע יידישע נשמות.

נאר ר׳ לוין קומט פאר, אז עפעס האט דאס אלץ א שייכות מיט דעם גרויען בריוו, וואס איז פרייטיק ביים שלום נעמען געלעגן אויף דעם רבינס טישל...

קאפיטל 8

# יאַנקל שמייסער ווערט אַ העלד

און אויך צוריקגייענדיק נאָכן טיש צו זיך אויף איטשעלע גרונמס סטאַנציע, הערט ר׳ לוי נישט אויף צו טראַכטן וועגן דעם רבינס ווערטער און וועגן דעם גרויען בריוו אויף דעם רבינס טישל...

— בלאָנדזשענדיקע נשמות, שווערע אומפאַרשטענדלעכע צייטן, משהלע ברוידע, זיין טאָכטער לאַניא, דניאל עפשטיין, דער יידישער באַראָן... עס מישט זיך אַלץ צוזאַמען אין איין קנויל אין ר׳ לויס מוח. ווי פּאַרט זיך דאָס אַלץ?..

דעם רבינס געסל איז איינגעהילט אין אַ שטילער, רואיקער, שבתדיקער פינסטערניש. עס איז שוין נאָך חצות. די שבת־ליכט האָבן אין די יידישע שטיבער אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם. דער שבת־שלאָף נעמט אַריין אין זיינע אָרעמס דעם רבינס שטעטל מיט זיינע איינוווינער און חסידים. נאָר פון דער ווייטנס הערן זיך דעם נזיר ר׳ נאָסקעס גיכע טריט צו דער מקווה...

ר׳ לוי בלייבט שטיין און קוקט זיך אַ ווײַלע אַרום. די פינסטערניש שרעקט אים נישט. אָט דאָ נישט ווייט איז זי דאָך, די סטאַנציע פון איטשעלע גרונמס.

ער טוט נאָך אַ טריט און מיט אַמאָל דערפילט ער אַ שווערן זעץ אין פּלייצע. און גלייך דערנאָך רייסט זיך אָפּ פון זיין קאָפּ דאָס שטריימל און דאָס קאַפּל און ר׳ לוי בלייבט שטיין אין דער פינסטערער נאַכט מיט אַ גאָלן קאָפּ. ווי יעדער ייד פון חסידישן גזשיבאָוו, אַזוי האָט אויך ר׳

לוי קודם כל אינסטינקטיוו מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט די גאָלקייט פון זיין קאָפּ.

— זשיד, גיב אַהער דיין געלט! — האָט זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דערהערט אַ פּאָניש לשון און ר׳ לוי האָט דערפילט אויף זיין פּנים דעם אָטעם פון בראָנפן.

ר׳ לוי האָט פון איבערראַשונג און ווייטיק נישט געזען ווער עס שטייט איבער אים, נאָר מיטן באַהאַלטענעם חוש פון אַ ייד האָט ער אַרויסגעפילט די געפאַר:

— אַ שיכּורער זעלנער... אַך, וואָס טוט מען...

אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זיך ר׳ לוין אויסגע־דאַכט, אַז די הויכע געשטאַלט פון יאַנקל שמייסער איז ווי אויסגע־וואַקסן פון הינטער דער ערד.

— יאַנקל... — האָט ר׳ לוי אַרויסגעקרעכצט.

— האָט נישט קיין מורא, ר׳ לוי! — האָט יאַנקל זיך אַ רוק אַריין געטון צווישן זיין באַלעבאָס און דעם רוסישן זעלנער. — און דו, ליפּע, נעם ר׳ לוין אין שטוב...

— דו, זשיד, טראָג זיך גלייכער אָפּ! — האָט דער זעלנער זיך פאַרמאָסטן מיט זיין פויסט.

יאַנקל האָט געשיקט זיך אַוועקגעבויגן אָן אַ זייט און אַראָפּוואַר־פנדיק פון זיך זיין קאַפּאָטע זי אַ שליידער געטון צו ליפּען.

איצט האָט יאַנקל שמייסער זיך דערפילט פריי און ער איז גע־בליבן שטיין פאַר זיין קעגנער.

— טראָג זיך אָפּ, זאָג איך! — האָט דער זעלנער נאָך אַמאָל זיך פאַרמאָסטן.

— וואַרט אַ ווייל׳ינקע, ברודערקע! — האָט אים יאַנקל ווילעריש אָפּגעענטפערט — איך וועל דיר נאָר פריער אָנברעכן די ביינער!...

— דו מיר, זשיד!...

— געוויס דיר, דו, פּאַניע!

אַזוי האָבן זיך ביידע צוערשט בלויז דורכגעווערטלט און נישט גע־קאַרגט איינער דעם אַנדערן קיין פילגאַרנדיקע רוסישע קללות און זיד־לערייען פון די וואַרשעווער ווילע יונגען.

פון דעם אויסשמועסן זיך האָט די פּאַנישע יוכע זיך נאָך מער צע־קאָכט און דער ערל האָט מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין קערפּער פּלוצלינג זיך אַ לאָז געטון אויף יאַנקלען.

דער שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו האָט נישט אומזיסט פון קינדערווייז אָן געפירט מלחמות מיט די שקצים אויפן שילעץ ביי דער ווייסל. אין די דאָזיקע געשלעגן האָט ער גרינטלעך זיך אויסגעלערנט די חכמת היד וואָס איז אים דעם פּרייטיק צו נאַכט אויפן רבינס געסל גאָר באַזונדער צונוץ געקומען.

צוויי געזונטע יונגע לייבער זענען צוגעפאַלן צו זיך, האָבן זיך באַהאַפטן און ווי צוזאַמענגעגאָסן אין איין פעסטער ליידנשאַפטלעכער אומאַרמונג.

ר׳ לוים שטריימל האָט זיך ארויסגעגליטשט פון ערלס הענט און יאַנקל האָט אַ געשריי געטון:

— נעם ס׳שטריימל, ליפּע!

ליפּע האָט אַ כאַפּ געטון דאָס שטריימל און גענומען זיך בעטן:

— קום, יאַנקל, רייס זיך אָפּ פון ערל און אַנטלויף...

— מיש זיך נישט, ליפּע! — האָט יאַנקל, אָפּרייסנדיק דעם קאָפּ פון דעם זעלנער אים דערלאַנגט מיט דער פויסט צווישן די אויגן — יאָך וועל פון אַזאַ נבלה נישט אַנטלויפן.

יאַנקל שמייסערס געבלימלטער זיידענער שניפּס און זיין ווייסער גומענער קאָלנער זענען שוין געווען צעריסן אויף שטיקער און ביידע חברה־לייט האָבן שוין נישט ארויסרעדנדיק אַ וואָרט זיך דערלאַנגט טרוקענע קלעפּ, וואָס האָבן אומהיימלעך אָפּגעהילכט אין דער שטיל־קייט פון דער נאַכט.

ליפּע איז פון זיין וואַרשעווער פריינט נישט אָפּגעטראָטן. ער אַליין האָט זיך אין געשלעג נישט אריינגעמישט. אָבער אוועקגיין האָט ער נישט געקענט. און ער האָט געהאַלטן אין איין בעטן זיך:

— יאַנקל, דערבאַרעם זיך... אַזוי פיל זעלנער אין שטאָט, דער־באַרעם זיך און אַנטלויף!...

יאַנקל האָט שוין מער אפילו נישט געהערט זיין בעטן זיך. די צוויי קעגנער זענען שוין געלעגן אויף דער ערד. איינער האָט דעם

אַנדערן געהאַלטן אין אייזערנער אומאַרמונג און אַזוי האָבן זיך ביידע געטאָרעט אין דעם רינשטאָק פון רבינס גאַס.

מיט אַמאָל האָט יאַנקל מיטן אינסטינקט פון אַ חיה נישט דערזען, נאָר דערפילט די דראָענדיקע געפאַר. דער שאַרפער שפּיץ פון רוסישן קינשאַל האָט דעם ערשטן ריס געטון זיין לייב.

— שטעכן וועסטו גאָר! — האָט יאַנקל זיך אַ ריס געטון — שטעכן דו!...

באַלד האָט דער זעלנערישער קינזשאַל זיך געפונען אין זיין, יאַנקלס, האַנט.

— נו! נו! — זענען יאַנקלס אויגן געווען פאַרלאָפן מיט בלוט — שטעכן וועסטו!...

דאָס ווערן זיך פון דעם זעלנער איז געוואָרן שוואַכער און יאַנקל האָט נישט אויפגעהערט צו דערלאַנגען:

— וועסט שוין געדענקען אַ זשיד, וועסט געדענקען!...

— גענוג, יאַנקל, גענוג! — האָט ליפּע קוים אָוועקגעריסן זיין פריינט פון דעם זעלנערס קערפּער.

יאַנקל האָט זיך אויפגעשטעלט אַ פאַרבלוטיקטער מיטן קינזשאַל אין האַנט. דער זעלנער אויף דער ערד איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך.

— האַ, וואָס זאָגסטו?! — האָט יאַנקל נישט געוווּסט וואָס מיט אים טוט זיך.

— קום, קום! — האָט ליפּע אַרויסגענומען פון יאַנקלס האַנט דאָס מעסער און צוגעוואָרפן צום זעלנער אויף דער ערד — קום שוין.

איצט האָט יאַנקל שמייסער געלאָזט מיט זיך טון אַלץ. ליפּע האָט אים אַריינגעפירט אין שטוב, האָט אים אַרומגעוואַשן און נאָכדעם אים געהאָלפן אויסטון און זיך לייגן אין בעט.

אַ מידער און דערשעפּטער האָט יאַנקל שמייסער זיך אַ וואָרף געטון אויף די קישנס און באַלד האָט זיך דערהערט אין דער שטוב דאָס פייפן פון זיין נאָז.

נאָר ליפּע האָט נישט געקענט איינשלאָפן. ער איז געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער פינצטערער גאַס.

— ווער ווייסט וואָס — האָט אים פאַר שרעק געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן...

ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין, האָט מורא געהאַט זיך צו דער־ווּיסן, אַז...

איז ער אַזוי אין דער פינצטערער שטוב געשטאַנען — ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי לאַנג — ביים פאַרמאַכטן פענצטער און גע־פּרוּווט אויפכאַפּן יעדן שאָרך פון דער נאַכט.

די טויטע שטילקייט פון אַרום האָט אַממערסטן געשראָקן און ער האָט זיך כמעט ווי דערפרייט דערהערנדיק שווערע זעלנערישע טריט אויף דער גאַס.

ליפּע האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויגן. ער האָט אָבער מער אַרויס־געפילט ווי געזען.

— יאָ, יאָ, זיי שלעפּן אים — האָט ליפּע זיך דערפרייט און צו־גלייך זיך געשראָקן.

עס דאַכט זיך אויס, אַז ער הערט באַקאַנטע פּאָנישע קללות.

— אַזאַ הינטישער זון... אַזאַ שיכור... — האָט ליפּע אין דער אַלגעמיינער שטילקייט שוין קלאָר געהערט.

באַלד האָט די לופט אויך דורכגעשניטן אַ לאַנגער דורכדרינגענדי־קער אויסגעשריי פון ווייטיק.

— ער לעבט — האָט ליפּע לייכטער אָפּגעאָטעמט.

איינשלאָפן אָבער האָט ער נישט געקענט. יעדע פּאָר מינוט האָט ער זיך האַסטיק אַ זעץ געטון אויף זיין בעט און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט טריט אויף דער גאַס. טריט איילעוודיקע, שטרענגע, בייזע. די טריט דערנענטערן זיך צו זייער הויז. באַלד וועלן אַריינפאַלן אין שטוב די פּאָניעס מיט שווערדן און ביקסן, וועלן זיך מיט געשריי וואַרפן אויף אים, ליפּען, און אויף דעם שלאָפנדיקן יאַנקלען און וועלן שמידן אין קייטן אַלע מענטשן אין הויז.

— וואָס טוט מען? — ליפּע האָט געפילט, אַז מען דאַרף עפּעס טון, אַז יעדע מינוט איז טייער. אָבער וואָס צו טון האָט ער נישט געוווּסט.

— אפשר אנטלויפן? — איז ליפּע איינגעפאלן — אויפוועקן יאַנקלען און מיט אים אנטלויפן?

ליפּע איז אַראָפּגעקראָכן פון זיין געלעגער און זיך צוגעשארט צו יאַנקלס בעט.

דער שמייסער האָט הויך געכראָפּעט.

— יאנקל, יאנקל... — האָט אים ליפּע געשטורכעט.

יאנקל האָט בלויז מיטן פּנים זיך אויסגעדרייט צו דער וואנט.

— לאָמיר אנטלויפן, יאנקל... — האָט ליפּע גענומען רייסן דעם ווארשעווער.

— וואָעס? — האָט יאנקל האַלב אין שלאָף, האַלב וואכעדיק געפרעגט.

— דו ווייסט, יאנקל, דער פּאַניע... — האָט אים ליפּע געוואָלט אויפקלערן די געפאַר.

— איך האָב אים אין דער ערד — איז יאנקל צוריק אוועקגעפאַלן אויף די קישנס און גענומען נאָך העכער כראָפּען.

א מידער האָט ליפּע זיך צוגעשלעפּט צוריק צו זיין בעטל. ער איז געלעגן אין דער פינצטערער שטוב מיט אויפגעריסענע פון שרעק אויגן.

און עס האָט אים אַרומגענומען אַ כעס און באַוווּנדערונג פאַר דעם „ווארשעווער", וועלכן ער האָט נאָך נעכטן נישט געקענט און וועל־כער האָט מיט זיין קומען פאַרקאָכט אזא קאשע, און איצט ליגט ער און פּאָפט ווי גאַרנישט...

און אויף ר' לוין איז ער געווען אין כעס. אַלץ איז דאָך געשען צוליב זיין, ר' לויס, גבירישׁ שטריימל, און איצט שלאָפט ער זיך ברייט אין זיין שטוב מיט ר' שמחהלען...

אוודאי, ווען עס וועט זיך אָן אים, אָן ליפּען, וואָלט ער אַלע חסידים מיט ר' לוין און מיט ר' שמחהלען אויפגעוועקט, זאָלן זיי עפּעס טון, זאָלן זיי זוכן אַן עצה. אָבער וואָס וועט זאָגן זיין טאַטע איטשעלע גרונמס? צוליב עפּעס אַ שיכורן צעשלאָגענעם פּאַניע שבת ביינאַכט צו מאַכן אַ טרעוואָגע ביי אַן עולם יידן?

אזאַ דרייסטקייט האָט ליפּע נישט געהאַט און ער האָט דערפילט אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין. ער מוז ליגן אַליין אין דער פינצטערער

נאַכט און נעמען אַליין אויף זיך די שרעק פון יאַנקלען, פון ר׳ לוין און פון אַלע יידן אין גאַנצן שטעטל, ער מוז זיך ברעכן דעם קאָפּ און קלערן וואָס צו טון, און זיי אַלע פּאַפּן...

פאַר גרויס רחמנות אויף זיך האָט ליפע איטשעלע גרונמס דערפילט עפּעס אַזאַ מידקייט אין זיין גאַנצן לייב, די אויגן האָבן זיך געגומען ביי אים קלעפּן און באַלד האָט ער געגומען כראָפּען צוזאַמען מיט זיין וואר־שעווער פריינט יאַנקל דעם שמייסער־יונג.

ערשט פאַרטאָג איז זשאַוורעט, דער פּאָליציימאַן און האר איבערן לעבן פון גאַנצן שטעטל, געקומען צו לויפן אין רבינס הויף.

פון גרויס אויפרעגונג האָט ער אפילו פארגעסן צוצושפיליען זיין מונדיר ווי עס באַדאַרף צו זיין און גלייך צו מאַכן זיינע לאַנגע גרויע וואָנצעס.

יעקב בנימין שמש האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם ערלם אויסזען און נאָך מער פאַר זיינע רייד.

— כ׳מוז שוין רעדן מיטן פּאַן ראַבין — האָט זשאַוורעט געדערט האַלב־יידיש און האַלב־גויאיש — נאָר שוין, די מינוט!...

— אַן ערל איז פאָרט אַן ערל — טראַכט יעקב בנימין — לעבט אָפּ אַזוי פיל יאָרן אין רבינס הויף, גיסט אין זיך אריין וועד ווייסט וויפל פלעשער חסידישן בראַנפן און אַז עס קומט צו עפּעס, פאַרשטייט ער נישט, אַז שבת פאַר שחרית קען נישט עפּעס אַן ערל גלאַט אַזוי אַריינגיין צום רבין... אוי, די פאַרשטאָפּטע גויאישע קעפּ!...

יעקב בנימין שמש פּרוּווט אפילו מיט אַ גמרא־ניגון דאָס געבן צו פאַרשטיין זשאַוורעטן, נאָר גיי רעד מיט אַן ערל, אַז ער נעמט גאָר טופען מיט די פיס און שרייען:

— די גאַנצע שטאָט איז איינגעשטעלט, „וואָט”!!...

געהערט אַזעלכע דיבורים, האָט יעקב בנימין פונדעסטוועגן נישט פארגעסן אוועקצושטעלן פאַר זשאַוורעטן אַ פלאַש בראַנפן און אַליין איז ער אַוועקגעלאָפן צום רבינס שוועסטער, דער קלוגער אסתרל.

געבליבן אַליין מיטן בראַנפן, איז זשאַוורעטן פאַרגעקומען פון גרויס אויפרעגונג, אַז ער זופּט וואַסער, האָט ער טאַקע אַריינגעגאָסן אין זיך איין גלאָז נאָכן אַנדערן, כדי כאָטש צו דערפילן דעם טעם פון בראַנפן.

די צונג האָט זיך ביי אים רעכט שוין גענומען פּלאָנטערן. פונדעסטוועגן האָט ער דער קלוגער אסתרל נאָך באוויזן אלץ צו דערציילן. אונטערן איינדרוק פון רבישן „י״ש״ האָט ער בלויז פארגעסן דעם גויאישן לשון און גענומען רעדן יידיש מיט א ניגון:

— נישט גוט, רביצין, נישט גוט... — האָט זשאוורעטס צונג זיך געפּלאָנטערט — מען דארף רחמים, אוי רחמים... געפונען אין גאס ביינאַכט א זעלנערל... צעממיתט און צעשטאָכן... קוים וואָס ער דערבעט און פארן „פּאָפּ״ (גלח) האָט ער זיך מתוודה געווען און דערציילט, אַז דאָס האָבן אים די זשידעס אַזוי צו רעכט געמאכט... אוי נישט גוט, רביצין, נישט גוט... די הערן אָפיצירן זענען בייז און די סאָלדאטלעך בונטעוועז זיך... שעכטן די זשידעס ווילן זיי... אַרויס אין גאַס און שעכטן, אוי רביצין, אוי...

— נו און דער בירגערמייסטער און דער אפטייקער און נאוואק לערער — האָט דעם רבינס שוועסטער אויסגערעכנט די אַלע גויים, וואָס קענען באַרואיקן די אָפיצירן.

דער פּאָליציי־מאַן זשאוורעט האָט אויסגעזופּט דעם לעצטן טראָפּן פון דער פלאַש און זיך געקלאפּט אין האַרץ:

— שוין גערעדט מיט זיי, גערעדט... זיי זענען גויים... ווילן זיך נישט מישן. ס'איז קריגס־צייט, זאָגן זיי, גלייכער שטיין פונדערווייטנס, נאָר יעך, זשאוורעט, קאָן נישט שוויינן, וואָס הייסט, דער רבי, זאָל לעבן...

געזען אז דאָס מאָל קען מען זיך מער אויף די גויים נישט פאר־לאָזן, האָט אסתרל געשיקט רופן די חשובע חסידים און ר׳ יששכר דעם דאָזאר פון שטעטל.

און זשאוורעט האָט פאַר זיי איבערדערציילט די געשיכטע און איז אַליין אריינגעפאלן אין התפעלות פון יאַנקל שמייסערס שטיקל אַרבעט:

— אוי האָט ער אים צעממיתט! שוין איינמאָל א בחור מיט ביי־נער!... יעך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, צי ער איז א היגער, צי פון דער פרעמד...

— פּעטש וועל יאך אים געבן, פּעטש!... — האָט ר׳ לוי זיך גע־

קאַכט — שטעכן גאָר וועט ער, דער יונגאַטש!... איינשטעלן אַ שטאָט מיט יידן!... יאָך וועל אים דורסן...

— באַרואיקט אייך, ר׳ לוי, — האָט אים אסתרל דערמאָנט — ער האָט דאָך נישט געמיינט קיין שלעכטס, דער יונג...

ר׳ לוי איז שטיל געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי דער שמייסער־יונג יאַנקל האָט אים לוין אַרויסגעראַטעוועט פון דעם זעלנערם הענט און ער, לוי, האָט זיך שפּעטער אפילו די מי נישט געגעבן זיך צו דער־וויסן וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט...

פון רבינס חדרים איז אַרויסגעקומען ר׳ ישׂכר דאָזאָר מיט דער גאָלדענער בריל אויף זיין דינער, בלייכער נאָז:

— דער רבי איז מסכּים — האָט ער געזאָגט — כ׳וועל אַריבער־גיין צום פּאָלקאָווניק.

אין שטעטל איז דערווייל געוואָרן אַ מהומה. אין די יידישע שטיבער האָט מען זיך געשושקעט וועגן דעם, וואָס עס איז ביינאַכט געשען אין רבינס גאָס. יעדער האָט געוווסט צו דערציילן נייע איינצלהייטן, וואָס האָבן געוועקט נייגער, שרעק און באַוווּנדערונג. דאָס מאָנאָטאָנע, אָרימע, קליינשטעטלדיקע לעבן האָט געזוכט און אויך געפונען פּאַרגיטיקונג אין דער צעשפּילטער פאַנטאַזיע.

דער געשלעג צווישן דעם גזשיבאָווער שמייסער־יונג און אַ שיכּורן רוסישן זעלנער, איז אין דער פאָרשטעלונג פון די יידן אויסגעוואַקסן צו עפּעס אַ מיסטעריעזן געראַנגל צווישן ייד און גוי. האָט אָנגענומען פאָרמען פון עפּעס אַן אַפּאָקאַליפּטישן פאַרמעסט צווישן יעקבן און עשׂון.

יידענעס איינגעהילטע אין ברוינע, געבלימלטע, טערקישע טיכער און יידן אַרומגענומענע מיט ברייטע, פּליושענע שלאַפּראָקן, האָבן זיך מיט געהיימניספולע געזיכטער געשאַרט פון איין הייפל צום אַנדערן, האָבן פון גרוים געריטקייט פאַרגעסן זיך צו זאָגן „גוט שבת״ און זענען גלייך צוגעטרעטן צו דערציילן מיט געדעמפּטע שטימען די געשעענישן פון דער נאַכט.

— וואָס ווייסט עטץ, סאַרע ניסים מירן געהאַט...

— ניסים גאָר?...

— נישט גלאַט ניסים... זיי האָבן דאָך געוואָלט, די עשוס, אונטער־צינדן דעם רבינס הויף... ס׳גאַנצע שטעטל, חלילה, וואָלט אוועק מיטן רויך...

— אַ כפּרה אויף זייערע קעפּ, די עשוס!...

— נו, האָט זיי דער יאַנקל געוויזן וואָס אַ ייד קען, אוי, האָט ער זיי געוויזן!...

— כ׳מיין וואָס?...

— וואָס הייסט, וואָס... ר׳האָט זיי אַלע צעממיתט און צעמזיקט, אַז זיי וועלן אים שוין האָבן צו געדענקען!...

— מ׳זאָגט דאָך, אַז נאָר איינער האָט געכאַפּט קלעפּ?...

— מאַלע, וואָס מען זאָגט!... וואָס דען זאָלן זיי זאָגן... זיי שעמען זיך דאָך, די עשוס... געקומען איין יידל און האָט זיי אַלע צעממיתט... זיי באַגראָבן זיך דאָך פאַר חרפּה, די פּאַניעס, מאַלע, זאָגן זיי...

— זענען זיי טאַקע בייז, די פּאַניעס?...

— וואָס ווייסט עטץ, יידן... די פּאַנישע יוכע האָט זיך ביי זיי צעקאָכט... אויסשעכטן אַלע יידן ווילן זיי, נישט אַנדערש ווי אויס־שעכטן...

— פּו פּו פּו... נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין... אַזוי זאָגן זיי?... אַלע וויסטע חלומות אויף אונדזערע שונאימס קעפּ, אוי טאַטע אין הימל!...

— און יאַנקלען זאָל מען זיי אַרויסגעבן... אַזוי ווילן זיי... דעם בונטאָווטשיק גיט אַהער!... — שרייען זיי...

— איז וואָס וועט זיין?... וועט מען אים אַרויסגעבן? זיי וועלן דאָך חלילה אים שיקן קיין סיביר!

— וואָס רעדט עטץ, יידן!... אַ יונג איז זיך מוסר נפש, ראַטעוועט אָפּ אַ שטאָט מיט יידן — וועט מען אים אַרויסגעבן!... ס׳וואָלט דאָך געווען סדום!...

— אוודאי, אוודאי!... נאָר וואָס וועט פּאַרט זיין?...

— דער אייבערשטער וועט העלפן, ווי דען... נאָר דרייען זיך היינט אין גאַס דאַרף מען נישט... און דעם יאַנקלען מוז מען באַהאַלטן, גוט באַהאַלטן, אַ קלייניקייט עפּעס איינער אליין צעממיתט די פּאַניעס...

אזוי איז דער אָרימער שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו פּלוצלינג אויס־געוואַקסן צו אַ העלד, צו אַ מין שמשון הגיבור, וואָס נעמט זיך אָן די קריוודע פון יידן.

און אפילו יידן חסידים, וואָס קענען אַ פליג אויף דער וואַנט נישט אָנרירן, האָבן זיך געגרויסט מיט יאַנקל שמייסערס גבורה.

באַזונדערס שטאָלץ האָבן זיך געפילט די פּורמאַנעס, טרעגער און אַנדערע ווילע־יונגען פון רבינס שטעטל. זייערע שטאַרקע הענט און אויסמוסקולירטע לייבער האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן ווערט און אָנ־זען אין אַ שטאָט, וואָס האָט זיך געוויקלט אין חסידות און תורה. מיט רחמנות און ביטול האָבן אַלע געקוקט אויף די גראָבע יונגען, וואָס צע־ברעכן זיך נעבעך די צונג ביי אַ פּראָסטער עברי. און אויך זיי אַליין, די ווילע־יונגען פון גער, האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף עפּעס נידע־ריקע ברואים, געשטראָפטע פון גאָט און פון לייטן. זיי האָבן זיך געשעמט מיט זייערע גראָבע, רויטע הענט. און אַז זיי זענען געקומען אין רבינס בית המדרש, זענען זיי געשטאַנען אָן אַ זייט נישט דרייסטע און פאַר־שעמטע, מיט קנאה און באַוווּנדערונג געקוקט אויף די חסידישע יונגע־לייטלעך מיט די זיידענע זשיפּעצעס און שטריימלעך, וואָס פילן זיך אַזוי היימיש אין שכנות פון רבין...

יאַנקל שמייסערס העלדישקייט האָט אויך זייער כבוד דערהויבן. אמת, ער, יאַנקל, איז טאַקע אַ פרעמדער, פון גזשיבאָוו, אָבער פאַרט איז ער אָן אייגענער. ער איז דאָך אויך אַ פורמאַן. באַלאַנגט ער דאָך צו דער חברה ווילע־יונגען און קיין גרויסער למדן איז ער דאָך אוודאי נישט.

האָבן זיך די גערער ווילע־יונגען געגרויסט, וואָס זייערס אַ מענטש האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט פּאַניען און אויך זיי אַליין האָבן זיך אויך צו עפּעס געגרייט...

מיילעכל „דיבוק" און ברוך „גראָף", מיט וועלכע דער פּאָליציי־מאַן זשאַוורעט אַליין האָט מורא געהאַט איינצורייסן, האָבן צוזאַמענגענומען זייערע חברים און זיי אָנגעזאָגט:

— געדענקט, אַז טאָמער וואָס ווען, זאָלן מיר נישט זיין פאַר־שעמט פאַרן „וואַרשעווער"...

— א מכה אויף זיי, אויף די פּאַניעס!... מירן זיי שוין ווייזן!...

אין די הויכע שטיוואַליעס האָבן זיי פאַרשטעקט מעסערס און אייזנס און זענען דאָס מאָל האַפּערדיקע און זיכערע געקומען אין רבינס בית המדרש.

מיילעכל „דיבוק" האָט זיך ווילעריש געדרייט זיינע קליינע שוואַר־צע וואָנצעלעך און גערעדט צו די חסידים:

— עטץ זאָלט דאַווענען און לערנען רואיק... מ'האָט זיי אין דער ערד, די פּאַניעס, מירן זיך שוין מיט זיי אַן עצה געבן!...

— מירן זיי דערלאַנגען דעם אמתן גאָב...

און חסידים און שיינע יידן האָבן זיך דאָס מאָל אויפמערקזאַם צו־געהערט צו די רייד פון „ברוך גראָד" און „מיילעכל דיבוק", האָבן זיך מיט זיי אויסגעשמועסט ווי מיט זייערס גלייכן וועגן דעם וואָס עס הערט זיך אין שטאָט און ווי עס גייט זיי מיט פּרנסה, און אפילו וועגן דער מלחמה האָבן זיי זיך צעשמועסט, די חסידים, מיט די ווילע־יונגען, ווי זיי וואָלטן אין איין חדר געגאַנגען, ביי איין בלאַט גמרא זיך געמאַטערט און צוזאַמען ראש חודש סעודהלעך געגעסן...

פון אַזאַ דערהויבנקייט האָט מיילעכל דיבוק זיך געפילט נאָך גע־שמייכלט און עס האָט אים אפילו הנאה געטון די גאַנצע געשיכטע. אַרומ־גערינגלט פון זיינע חברים אין שבתדיקע בגדים, האָט מיילעכל זיך גע־דרייט אַרויף און אַראָפּ איבערן רבינס גאַס און זיינע אויגן האָבן צו יעדן געוווּנקען:

— האָטס נישט קיין מורא, יידן, כל־זמן איך בין דאָ...

נאָר יאַנקל שמייסער אַליין האָט זיך נישט געוויזן אויף דער גאַס. אַזוי האָט זשאַוורעט דער פּאָליציי־מאַן אָנגעזאָגט השמר והזהר:

— איך וויים נישט ווער און וואָס... נאָר ער זאָל זיך אויף די אויגן נישט ווייזן...

די חסידים האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט שבת עפּעס אַנדערש צו טון ווי צו היטן, אַז יאַנקל זאָל זיך נישט ווייזן אין גאַס. אויך זיין פריינט ליפּע האָט נאָר פון צייט צו צייט בלויז געקענט אַריינפאַלן אין שטוב אַ קוק צו טון צו יאַנקלען, די איבעריקע צייט האָט ער געמוזט

נאָכגיין „מיילעכל דיבוק״ און „ברוך גראָך״. איז דעריבער די שמירה אויף יאנקלען איבערגעגעבן געוואָרן צו די ווייבער און מיידלעך פון דער גאַס.

און מען האָט זיך אויף זיי, די נשים, געקאָנט פאַרלאָזן. ווי אַן אויג אין קאָפּ האָבן זיי געהיט זייער „שמשון הגיבור״.

צוערשט האָט יאנקל געפּרוווט אַפילו זיך באַפרייען פון דער ווייבערשער געפאַנגענשאַפט.

— כ׳האָב אים אין דער ערד, ענקער זשאַוורעטן... — האָט ער זיך געריסן צו דער גאַס — איך קען אויך אים דערלאַנגען!...

נאָר די ווייבער און מיידלעך האָבן אים ווי א מויער פאַרשטעלט דעם וועג:

— זי וועלן נישט גיין, יאנקל — האָבן די ווייבער זיך געשווירן

— אַזוי זאָלן מיר דערלעבן געזונטערהייט צו פירן אונדזערע טעכטער צו דער חופּה, ווי זי וועלן נישט גיין!...

איז יאנקל שמייסער פון גזשיבאָוו געבליבן דער געפאַנגענער פון די ווייבער און ער האָט זיך נישט געהאַט צו באַקלאָגן אויף זיין געפאַנגענשאַפט... פון אַלע הייף האָבן די ווייבער אים געטראָגן טשאָלנטער און קוגלען און לעקעכער און ציבעלעס און פיס און אַלע גוטע זאַכן פון אַ שבתדיקן יידישן טיש.

— אַ רחמנות נעבעך אויף דעם יונג — האָבן די ווייבער אונטערגעקרעכצט און זיך געווישט די אויגן, טראָגנדיק די טשאָלנטער און קוגלען — ווער ווייסט, צי זיי וועלן אים נישט שיקן קיין סיביר, אוי, וויי...

און זיי האָבן אים געבעטן:

— פאַרזוכט, יאַנקל, און זאָל אינען זיין צום געזונט... און האָבן זי נישט קיין עגמת נפש, יאנקל, דער אויבערשטער וועט העלפן...

און ווען די ווייבער זענען אַוועק מיט אויסגעליידיקטע טעלער, האָבן זיך צו יאנקלען אין שטוב אַריינגערוקט אומדרייסט די יונגע מיידלעך. שבתדיק אויסגעפּוצטע האָבן זיי מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף דעם העלד זייערן און זיי האָבן נישט דרייסט געבעטן:

— דערציילן זי, יאנקל, יעך בעט...

יאנקל האָט אין אָנהייב נישט געוואָלט דערציילן. וועגן וואָס איז

דאָ צו דערציילן? — האָט יאנקל נישט געקאָנט באגרייפן — וואָס, דאָס ערשטע מאָל האָט ער אָנגעבויקערט די ביינער אין ערד?...

נאָר די מיידלעך האָבן אזוי געבעטן, אז יאנקל האָט געמוזט דער־ציילן, האָט זיך צעוואָרימט פון זיינע אייגענע רייד און עס האָט זיך אים געדאכט, אז אָט פארמעסט זיך אויף אים ווידער דער זעלנער מיטן קינזשאַל און ער, יאנקל, רייסט אים ארויס דאָס מעסער פון האנט, אָט אזוי...

יאנקל האָט געוויזן, ווי ער רייסט אַרויס דאָס מעסער און פעסט אַרומגעכאפּט א ווארעמען מיידלשן אָרעם...

— ס'טוט וויי... — האָבן די מיידלשע באקן שעמעוודיק געפלאַמט

— זי זענען אזוי שטארק, פאניע יאַנקל...

יאנקל שמייסער האָט נאָך פעסטער צוגעדריקט דאָס מיידלשע לייב צו זיך און דאָס מיידל האָט זיך שוואך געריסן פון זיינע אָרעמס:

— לאָזן זי... לאָזן זי...

און יאַנקל שמייסער האָט היים גערעדט:

— קומען זי קיין ווארשע, יאך וועל אינען אַלץ וויזן!...

— אין ווארשע האָבן זי אַנדערע „פאַננעס" — האָט דאָס מיידל זיך געהנדלט — גרויס־שטעטישע.

— יאך האָב זיי אַלע אין דער ערד — האָט יאנקל זיך געקלאַפּט אין הארץ אַריין — נאָר דו קום!...

אזוי האָט דער שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו גאָר געשפּילט א ליבע און זיך נישט געקימערט, וואָס די פאַניעס שיכורן שוין אין זייערע קאָ־זארמעס און בארימען זיך איינער פארן אנדערן, אז באלד וועלן זיי ארויס אין גאַס שעכטן די זשידעס...

דערפאר האָט שוין געזאָרגט ר' ישכר דאזאר מיט דער לענגלעכער, בלאסער נאָז און מיט די גאָלדענע בריל.

האָבנדיק די הסכמה פון רבין און דעם צוזאָג פון ר' לוין און אנ־דערע חסידישע גבירים נישט צו קארגן קיין געלט, האָט ר' ישכר זיך געלאָזט גיין צום פאָלקאָווניק פון דעם צארס זעלנער.

ער האָט אָנגעטון די זיידענע זשיפּעצע און דאָס נייע היטל פון שווארצן ליאָנער סאמעט און באגלייט פון זיין פריינט זשאָוורעט, האָט

ר׳ ישכר אויפן וועג זיך איבערגעלייגט, אז פריער וועט גלייכער זיין איבערצורעדן מיט דער פּאַלקאָווניכע:

— נשים דעתן קלות — האָט ר׳ ישכר זיך פארטרויט פאר זיין גויאישן פריינט — הא, וואָס זאָגט דער פּאַן זשאַוורעט?...

— יעי באָגו, א טייערער געדאנק — האָט זשאַוורעט צוגעשטימט.

ביי דעם בלויען, צווייגאָרנדיקן הויז, נעבן דעם קלויסטער זענען גע־שטאַנען צוויי זעלנער מיט ביקסן אין די הענט און מיט בייזע בליקן אָפּגעמאָסטן דעם זשיד אין דער זיידענער זשיפּעצע.

ביים פּאַלקאָווניקס טיר האָט זיך אָבער ר׳ ישכר נישט געהאַט וואָס צו שרעקן — איך וועל ווארטן אין יואלם שענק — האָט זשאַוורעט זיך דערווייטערט פון בלויען הויז.

— גוט — האָט ר׳ ישכר דאַזאַר זיך גלייך געמאַכט דאָס היטל און די בריל און איז ארויף אויף די הילצערנע טרעפּ וואָס זענען געווען אויס־געלייגט מיט א רויטן טעפּיך.

די פּאַלקאָווניכע האָט דעם יידישן גאַסט אויפגענומען נישט גאָר פריינטלעך. זי האָט געהאַט מיגרענע, די פּאַלקאָווניכע. דערצו נאָך האָט איר מאַן, דער פּאַלקאָווניק, ווידער אַ גאַנצע נאַכט געשפּילט אין קאָרטן און געשיכורט און שפּעטער איז ער פארפאַלן געוואָרן מיט דעם אויס־וואורף, דער קאַפּיטאַנשע נאַטאַשאַ...

— שיינע זאַכן זיך אָנגעהערט — האָט זי אויסגעלאָזט איר כעס צו ר׳ ישכרן — דעם צאַרס זעלנער, וואָס פארטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, שטעכט איר גאָר, הא?

ר׳ ישכרן האָט דאָס הארץ געקלאַפּט, ווען ער האָט דערהערט אזעל־כע רייד וועגן שטעכן די פארטיידיקער פון פאָטערלאַנד. נאָר ארויס־ווייזן שרעק טאָר מען נישט, האָט ער דעריבער געשמייכלט און געזאָגט:

— איך בין געקומען וועגן עפּעס אנדערש, מאַדאַם פּאַלקאָווניק, איך בין דאָנערשטיק געווען אין ווארשע און געזען ביי הערזען אויף דער מאַר־שאַלקאָווסקע אזא פאַלטאָ פון קאַראַקולן...

— שיינע קאַראַקולן? — האָבן די פּאַלקאָווניכעס אויגן אויפגע־בליצט.

— א פּראַכט! — נישט צו געפינען אזעלכע, מאַדאַם...

— און דער פּרייז?

— נארישקייטן, מאדאם. קהל קלערט שוין פון לאנג פון עפּעס א שיינער מתנה...

— א דאנק, פאן ישכר, און מיט דעם צעממיתטן זעלנער איז ווירק־לעך נישט אנגענעם...

— אונדזער פּאָלקאָווניכע האָט דאָך א שם פון א חכמת, ווייסט זי דאָך ווי עס איז מיט א זעלנער, זויפט זיך אָן, שלאָגט זיך מיט די אנדערע זעלנער, פאלט אוועק אין מיטן גאַס און שפּעטער חלומט זיך אים א זשיד, נישט וואר, מאדאם?...

— טאַק טאָטשנאָ, דער פאן ישכר זאָגט שטענדיק דאָס ריכטיקע וואָרט — האָט די פּאָלקאָווניכע שוין געוווסט וואָס צו טון.

— זאָל זיך דער פאן ישכר זעצן, ביטע — האָט זי אים אָנגעוויזן אויף א שטול — איך וועל באלד א רעד טון מיט מיין מאַן...

— אפשר זאָל איך אַליין אריינגיין צום הער פּאָלקאָווניק — האָט ר' ישכר געפרעגט.

— ניין, ניין, איך וועל אים רופן אהער דעם שיכ... — די פּאָל־קאָווניכע האָט זיך געכאַפּט, אַז צו רעדן אַזעלכע רייד אויף איר איי־גענעם מאַן פּאַסט נישט אין דער אָנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן.

האָט זי זיך בלויז אויסגעצויגן אויף דער סאָפע, האָט געקרעכצט פון דער שווערער מיגרענע און — און באפוילן אריינצורופן דעם „גאָס־פּאָדין פּאָלקאָווניק".

אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז דער הויכער פּאָלקאָווניק קאַסאָוו געקומען מבקר חולה זיין זיין קראנק ווייב.

— זי ווייסט שוין וועגן נאַטאַשאַן — איז פּאָלקאָווניק קאַסאָוו געווען נישט רואיק — נו, ס'וועט זיך באלד אָנהייבן די היסטעריקע...

ער איז דעריבער געווען צופרידן, ווען ער האָט דערזען דעם יידישן דאזאר זיצן:

— אין דעם זשידס אנוועזנהייט וועט זי מוזן זיין איינגעהאלטע־נער — האָט ער געטראכט — און איך וועל זיך שנעלער באפרייען פון דער ווייבערישער אינקוויזיציע...

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער קראַנקער פרוי און מיט אַ גע־רירטער שטימע געפרעגט:

— אַלץ די מיגרענע, מאַדאַם, אפשר אריינשיקן דעם דאָקטער...

— מוחל דיינע דאָקטוירים, מוחל — האָט די פּאַלקאָווניכע זיך געווישט די אויגן — פריער שלעפּט מען זיך ארום גאַנצע...

— אָבער, מאַדאַם... — האָט דער פּאַלקאָווניק דערמאָנט זיין ווייב אָן דעם יידס אָנוועזנהייט און וועלנדיק אָפּווענדן דאָס געשפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג, האָט ער שטרענג געזאָגט צו ר׳ ישכרן:

— אייערע יידעלעך האָבן שוין איבערגעכאַפּט די מאָס... אונדזערע סאָלדאַטן שלאָגן זיי שוין, נו, דערפאַר וועט איר טייער באַצאָלן...

נאָר דאָ האָט זיין פרוי זיך געטון אַ ריס אויף פון דער סאָפע און בייסיק געפרעגט, צומישנדיק ווי שטענדיק דאָס ביסל פראַנצויזישע ווערטער, וואָס זי געדענקט נאָך פון די ציטן, ווען זי האָט געלערנט אין דעם אַריסטאָקראַטישן אינסטיטוט „דלא בלאָגאָראָדניך דיעוויץ" (אדעל־בתולות).

— זיי זאָלן באַצאָלן, מעסיע? און דיינע אָפיצירן דאַרפן נישט באַ־צאָלן?!...

— אָבער, טייערע, די הערן אָפיצירן, פאַרגיסן זייער בלוט...

— האַ־האַ־האַ — האָט די פּאַלקאָווניכע גאַליק געלאַכט — ביים קאָרטן־טישל אפשר פאַרגיסן זיי זייער בלוט, מעסיע?...

— ששששש... — האָט דער פּאַלקאָווניק געפּרוווט אומזיסט באַ־רואיקן זיין פרוי...

— אָדער אין די שענקען, מעסיע?

— אָבער, מאַדאַם...

— און אפשר ביים אַרומשלעפּן זיך מיט פרעמדע ווייבער, מע־סיע?...

— אָבער וואָס האָט דאָס צו טון מיט דעם צעשטאָכענעם זעלנער? האָט פּאַלקאָווניק קאַסאָוו זיך געפּרוווט פאַרטיידיקן.

— עס האָט שוין פיל צו טון! — האָט די פּאַלקאָווניכע נישט אָפּ־געלאָזט — אַז די הערן אָפיצירן שיכורן און הולטייען, טוען דאָס זעלבע

די סאָלדאטלעך. שיכורן זיי אויך און טאָרען זיך אין די רינשטאָקן און שטעכן איינער דעם אנדערן.

— אָבער מאדאם — האָט דער פּאָלקאָווניק קאסאָוו, נישט געפּי־נענדיק קיין פּאסיקן ענטפער, געפּרוווט פאַרדעקן זיין צעטומלעניש מיט זוכן אַ ציגאַר — ווידער פארגעסן די ציגאַרן צו קויפן...

ר׳ ישכר, וועלכער האָט די גאנצע צייט אַ שווייגנדיקער זיך צו־געהערט צו דער קריגעריי צווישן מאַן און ווייב, האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגערופן:

— הער פּאָלקאָווניק, איך האָב אנומלט ווידער באַקומען אַ שאַכטל גוטע ציגאַרן. היינט איז שבת, נאָר מאָרגן וועל איך זיי ברענגען צום פאַן פּאָלקאָווניק...

— אַ דאנק, פאַן ישכר — האָט דער פּאָלקאָווניק לייכטער אָפּגע־אָטעמט — די זעלבע ציגאַרן ווי אַמאָל?

— די זעלבע, די זעלבע — האָט ר׳ ישכר מיט כוונה פארזיכערט.

דער פּאָלקאָווניק האָט אַ צופרידענער צו זיך אַ שמייכל געטון. אונטער דעם שאַכטל ציגאַרעטן וועט ער, הייסט עס, ווידער געפינען אַ פּאָר הונדערט רובל, וואָס זענען אים היינט אַזוי נויטיק צוליב דער שטיפערין נאטאשא.

די פּאָלקאָווניכע האָט שוין מער נישט גערעדט. זי האָט שוין ס׳אי־ריקע געטון. איצט זאָלן זיי ביידע אליין זיך ברעכן דעם קאָפּ. זי איז אַ קראַנקע פרוי, וואָס ליידט פון מיגרענע און מוז רוען.

— איז וואָס מאַכט מען? — האָט דער פּאָלקאָווניק ענדלעך געפונען ציגאַרן — דער פּאָפּ זאָגט דאָך, אַז אַ ייד...

— דער פּאָפּ האָט דאָך נעכטן געווים גענומען אַ כוסה — האָט ר׳ ישכר געזאָגט.

— און נישט איינע!... — האָט דער פּאָלקאָווניק זיך פונאנדער־געלאַכט.

— נו, אַז מען טרינקט, הערט מען נישט ריכטיק, — האָט ר׳ ישכר גערעדט לאַנגזאַם — נישט וואָר?... און אַז דער פאַן פּאָלקאָווניק וועט אים בעטן, וועט ער זיך מודה זיין אין זיין טעות, נישט וואָר?... און דער ראַבין...

— דער פאַן ישכר האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער! — האָט דער פאַלקאָווניק גענומען פאַרשפּיליען זיין מונדיר — זאָל דער פאַן ראַבין זיין רואיק... נאָר זאָלן זיך היינט די יידן נישט צופיל וואַרפן אין די אויגן...

אַזוי האָט ר׳ ישכר דאַזאָר אָפּגעראַטעוועט דעם רבינס שטעטל און „מיילעכל דיבוק" און „ברוך גראָך" האָבן זיך ווידער דערפילט נידעריק און געפאַלן אויפהערנדיק צו זיין די באַשיצער פון די יידן...

שבת צו נאַכטס נאָך הבדלה זענען יידן געשטאַנען אין רבינס הויף נאָך אין זייערע שבתדיקע בגדים, אָבער די דאגה פון אינעדרוואָכן איז שוין געלעגן אויף זייערע פּנימער. נישט געווען קיין פרייד, וואָס מען איז ניצול געוואָרן. דאָס, וואָס איז געשען היינט, קאָן זיך איבערחזרן מאָרגן און איבערמאָרגן, קען ווידער קומען יעדע שעה און יעדע רגע. צוליב יאַנקל שמייסער אָדער אַ צווייטן זענען זיי גרייט, הייסט עס, די גויים, צו שעכטן די יידן...

אוודאי האָבן יידן געוווסט נישט פון היינט, ווער און וואָס עשו איז און אוודאי האָבן זיי געקרעכצט אויפן גלות.

אָבער פון קרעכצן מיטן מויל ביז וויסן אויף אַן אמת און ביזן דערזען דאָס קאַלטע פייער פון רציחה אין די אויגן פון אַ שכן איז אַ ווייטער מהלך.

אַמאָל בעסער און אַמאָל ערגער האָבן זיי, די יידן, געלעבט דאָ אין די אַלע מקומות אויף די ברעגן פון דער ווייסל, געלעבט, ווי זייערע טאַטעס און זיידעס און עלטער־זיידעס. זיי האָבן זיך איינגעלעבט מיט דער ערד און מיטן הימל, האָבן זיך געפילט פאַרוואָרצלט מיט יעדן בוים און מיט יעדן שטיין אויף דער דאָזיקער ערד, ווי יעדער מענטש, וואָס האָט אַ היים. און פּלוצלינג האָט די ערד זיך גענומען וואַקלען אונטער זייערע פיס און זיי האָבן מער נישט דערקענט דעם הימל איבער זייערע קעפּ און פרעמד איז מיטאַמאָל זיי געוואָרן דער שטיין אויף דער גאַס און דער בוים אויפן וועג.

— די גייעס זענען שוין געקומען מיט זעק אין שטאָט — האָבן יידן זיך געשושקעט — „מען שעכט די זשידקעס" — האָבן זיי זיך געפרייט...

ביים קליינעם טישל אין רבינס שטוב שטייט ר׳ לוי. ער דערציילט וואָס זיין איידעם דניאל עפּשטיין האָט אים געהייסן זאָגן. ער פאַרגעסט נישט אָפּצוגעבן דעם רבין אַ גרוס פון באַראָן און גיט צו:

— ער האָט פאַרן רבין, דער באַראָן, עפּעס אַ ספר, אַ יקר המציאות...

ר׳ לוי זעט, אַז דאָס מאָל מאַכט די ידיעה וועגן דעם ספר נישט קיין איינדרוק אויפן רבין, און ער דערציילט ווייטער:

— דער באַראָן זאָגט, אַז יידן באַזונדערס אין פּוילן דאַרפן גרויס רחמים. פאַר אַלע מפּלות אין קריג וויל מען די יידן זאָלן באַצאָלן...

— און וואָס איז זיין עצה? — רייסט דער רבי צום ערשטן מאָל איבער ר׳ לוין.

— דער באַראָן און מיין איידעם — דערמאָנט שוין נישט ר׳ לוי עפּשטיינען ביי זיין נאָמען — ווילן שאַפן אַ געהיימען קאָמיטעט און שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד...

די לעצטע ווערטער זאָגט ר׳ לוי אַרויס זייער שטיל ווי ער וואָלט זיין אייגן קול מורא געהאַט צו געטרויען און ער גיט צו:

— עס איז אין מלחמה־צייט אַ געפאַר אַזאַ זאַך, אָבער גאָרנישט טון איז אַ נאָך גרעסערע סכנה, אַזוי זאָגט ער, דניאל עפּשטיין, אין באַראָנס נאָמען...

— אַזוי זאָגט דיין איידעם — הערט זיך אַ שטילער זיפץ — יאָ, אַזוי איז עס...

דאָס צעקנייטשטע אַלטע פּנים פון ר׳ לוין גלייכט זיך אויס. ערשט איצט, נאָכדעם ווי דער רבי האָט אָנגערופן עפּשטיינען „דיין איידעם", פילט ר׳ לוי, אַז ער באַלאַנגט טאַקע צו דער משפּחה...

און מיט אַמאָל באַווייזט זיך אין דעם רבינס האַנט דער גרויער קאָנווערט, וואָס איז פריייטיק געלעגן אויף דעם קליינעם טישל נעבן די חסידימס "קוויטלעך" און דער רבי זאָגט:

— פריייטיק האָב איך אים דערהאַלטן, דעם בריוו... פון שלמהן.

ר׳ לוין דאַכט זיך, אַז ער האָט נישט ריכטיק דערהערט. ער קוקט מיט דערשראָקענע אויגן אויף דעם גרויען קאָנווערט און פרעגט איבער:

— פון וועמען?

— פון שלמהן — חזרט איבער דער רבי — האָסט שוין פאַרגעסן, לוי...

ר׳ לוי ווערט בלייך. ער דערפילט עפּעס א קעלט איבערן לייב. צי ער האָט פאַרגעסן, לוי?... אַ, ווי האָט ער געקענט פאַרגעסן יענעם שרעקלעכן טאָג, ווען גאַנץ גזשיבאָוו האָט זיך געזעצט „שבעה" און האָט זיך קריעה געריסן!...

פון דעם טאָג אָן איז דער נאָמען פון שלמהן מער נישט דערמאָנט געוואָרן...

אויסגעמעקט געוואָרן, אויסגעריסן און אויסגעבערענט געוואָרן פון הארץ... איז ווי קען דאָס זיין... שבת־צונאַכטס נאָך הבדלה אין רבינס חדר זאָל דערמאָנט ווערן א נאָמען וואָס איז טמא?...

— ווילאַנג איז עס, לוי?...

— מ׳געדענקט נישט, רבי... — הענגען ר׳ לוים אויגן מיט שרעק אויף דעם גרויען קאָנווערט.

— דאַכט זיך, שוין פינף און צוואַנציק יאָר — רעדט דער רבי ווי צו זיך אַליין — ווי ער איז אַוועק... געדענקסט דעם טאָג, לוי...

— יאָ, רבי... ציטערט לוים קול.

— אין דער אמתן זענען זיי דאָך נאָך גרעסערע טפּשים, ווי רשעים — דאַכט זיך ר׳ לוין, ווי דער רבי שמועסט זיך אוים מיט עמיצן וואָס זיינע, לוים, אויגן דערזעען נישט — דו ווייסט, לוי, שוטים זענען זיי...

— יאָ, רבי... — שליסט ר׳ לוי פאַר שרעק צו די אויגן.

— און זיי ווייסן נישט — נעמט מיט אַמאָל אָן דעם רבינס קול דראָענדיקע טענער — אַז פון יידן אַנטלויפט מען נישט!... זיי מיינען זיך אויסצובאַהאַלטן, פאַרשטעקן זיך ווילן זיי, זיך גרינגער מאַכן האָפן זיי... אָבער עס גייט נישט, הערסט, לוי, עס העלפט זיי נישט, די רשעים!

— כ׳הער, רבי, כ׳הער... — קלאַפּט א צאָן אָן א צאָן ביי ר׳ לוין.

— אצינד האָט ער זיך דערמאָנט, אצינד... — ברעכט זיך ווי פון ווייטיק דעם רבינס שטים — נאָך פינף און צוואַנציק יאָר זיך דער־מאָנט... נאַ, לייען, לוי!...

ר׳ לוים האַנט ציטערט, האַלטנדיק אין האַנט דעם גרויען קאָנ־ווערט. ער קוקט אויף דעם גרויען בייגעלע פּאַפּיר באַשריבן מיט גרויסע קיילעכדיקע לשונקודשדיקע בוכשטאַבן, נאָר פאַר די אויגן שווינדלט אים און ער זעט גאָרנישט.

— לייען!... — דערמאָנט אים דער רבי.

ר׳ לוי נעמט אַרויס די ברילן און ביסלעכווייז הויבט אָן זיין מוח באַנעמען דעם אינהאַלט פון בריוו.

„...כ׳וואָלט נישט געהאַט די העזה — ציטערט דאָס בייגעלע פּאַ־פּיר אין ר׳ לוים האַנט — צו באַלעסטיקן דעם אדמו״ר שליט״א מיט מיינע רייד און צו באַנוצן זיך מיט מיין פּען מיט דער הייליקער שריפט...

„...נאָר אַזוי ווי עס איז איצט אַ גרויסע סכנה פאַרן כלל ישראל, לאָזט מיין האַרץ מיך נישט צו רו... על כן בין איך גרייט איבערצוגעבן, וועמען דער אדמו״ר שליט״א וועט מיך הייסן אַלץ, וואָס איך ווייס...״

וואָרט ביי וואָרט האָט ר׳ לוי געלייענט דעם בריוו און געדאַכט האָט זיך אים, אַז דאָרט הינטער דעם רבינס פאַרשלאָסענער טיר שטייט זי, די פאַרבלאָנדזשעטע יידישע נשמה, קלאַפּט קאָפּ אין וואַנט און יאָמערט שטיל:

— אַ תיקון, רבי...

ר׳ לוי איז געבליבן שטיין מיטן בריוו אין האַנט.

— דעם בריוו נעם מיט, לוי...

— יאך? — האָט ר׳ לוי זיך דערשראָקן.

— יאָ דו, לוי — האָט דער רבי נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון, זעענדיק די שרעק אויף ר׳ לוים פּנים.

— איז וואָס זאָל יאך טון? — האָט דאָס בייגעלע פּאַפּיר נאָך אַלץ געציטערט אין ר׳ לוים האַנט.

— לייג עס קודם אַריין אין טאַש, לוי...

— יאָ, אין טאַש, רבי — האָט ר׳ לוי מיט די שפּיץ־פינגער איינ־געוויקלט דעם בריוו ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַראומריייניקט צו ווערן פון דעם צורירן זיך צו דעם פּאַפּיר...

— און ווען דו וועסט קומען קיין וואַרשע, לוי, זאָלסטו גלייך...

— גלייך... — איז ר׳ לוי נאָך בלייבער געוואָרן.

— זאָלסט גלייך דעם בריוו, לוי, איבערגעבן דיין איידעם, דניאל עפשטיינען.

— מיין איידעם! — האָט ר׳ לוי לייכטער אָפּגעאָטעמט — איז וואָס זאָל ער טון?

— זאָל ער, דניאל, זיך זען מיט „אים״, זאָל ער אים אויסהערן — דער נאָמען פון שלמהן איז מער נישט דערמאָנט געוואָרן.

— און אפשר וועט ער נישט וועלן רעדן מיט דניאלן? — האָט ר׳ לוי געפרעגט — מורא האָבן מיט אים צו רעדן?...

— דער בריוו וועט זיין סימן, אַז ער קומט אין מיין שליחות...

ר׳ לוי האָט אַרויסגענומען דעם ברוינעם לעדער־פּאָרטפעל, האָט זאָרגפעליק צוזאַמענגעלייגט דעם בריוו און אים באַהאַלטן.

— פאָר געזונט, לוי — האָט דער רבי אים קורץ געזעגנט.

ר׳ לוי האָט הינטערוויילעכץ זיך גערוקט צו דער טיר און פאַר־געקומען איז אים, אַז דאָרט הינטער דער טיר וואַרט אים אָפּ שלמהס פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, וואָס זוכט אַ תיקון און ער האָט זיך גע־שראָקן פאַר דער באַגעגעניש און ער איז צוגלייך געווען נייגעריק צו זען:

— פון יידן אַנטלויפט מען נישט — זענען אים נאָכגעלאָפן דעם רבינס ווערטער — אוי, מען אַנטלויפט נישט...

אויפן הויף האָבן אים אָפּגעוואַרט יאַנקל שמייסער און ליפּע:

— ס׳שפּעט, מ׳דאַרף גלייך גיין צו דער „קאַלייקע״...

## קאפיטל 9

# די גרעפין בראניצקא

— געטלעך, געטלעך!... — די רירעוודיקע שווארצאויגיקע פראנ־צויזין לואיז האט געטון דעם לעצטן גלעט דעם גאלדענעם קאפ האר, האט מיט אירע געשיקטע פינגער אויסגעגליכן עפעס א נישט באמערק־בארן קנייטש אין דעם דינעם צארטן געוועב, וואס האט איינגעהילט דאס לייב פון איר הארין, און האט מיט פארליבטע אויגן געקוקט אויף דער גרעפין יאדוויגע בראניצקא — הערלעך, הערלעך! — האט די טעמפעראמענטפולע פראנצויזין נישט געקענט אפריגסן אירע אויגן פון דער גרעפין, ווי א קינסטלער פון זיין ווערק, וואס ער האט נאר וואס געשאפן — די גרעפין האט היינט איבערגעשטיגן זיך אליין, וואס איז כמעט אוממעגלעך...

— דו חנפעניצע!... — האט די גרעפין מיט א שמייכל געדראעט מיטן פינגער איר בארעדעוודיקע באדינערין — נו, וואס זאגסטו, לואיז, צו מיין ניי קלייד?

— עס איז נישט קיין קלייד, נאר א פאעם! — איז לואיז געווען פול מיט באגייסטערונג — אבער דאס קלייד איז גארנישט אנטקעגן...

— אנטקעגן וואס, לואיז?

— אנטקעגן דיין לייב, גרעפין...

די גרעפין יאדוויגא בראניצקא האט יעדן טאג געהערט פון אירע פארערער באגייסטערטע קאמפלימענטן. זי איז אבער קיינמאל נישט געווען געזעטיקט און האט אן אויפהער געלעכצט צו הערן יעדעס מאל אויפסניי א באשטעטיקונג פון איר שיינקייט.

— דיין פריערדיקע מאדאם, לואיז — האָט די גרעפין בראַניצקא געערדט כלומרשט באַשיידן — כ׳מיין די פירשטין זוזאַן איז געווען פיל שענער פאר מיר...

— עס איז אַ זינד אַזוי צו רעדן, גרעפין!... — האָט לואיז געוווסט אַז אין דעם פאַל מעג זי ווידערשפעניקן די רייד פון איר האַרין — די פירשטין זוזאַן איז גאָרנישט געווען אַזוי שיין. איך האָב זי, די פירשטין, יעדן טאָג אָנגעטון און אויך אויסגעטון און איך ווייס עפּעס וועגן דעם... די פירשטין האָט נאָר באַזעסן די קונסט פון אָנטון זיך...

און לואיז האָט צוגעגעבן מיט אַן אינטים פאַרשייט־ציניש שמייכל פון אַ משרת פאַר וועלכן מ׳גיט זיך נישט די מי צומאַל צו שעמען:

— ביים אָנטון פלעגט די פירשטין מיך שטענדיק דערמאָנען און זאָגן: געדענק, לואיז, אַז די קונסט פון אַ שיינער פרוי באַשטייט אין דעם אָנצוטון זיך אַזוי, אַז זי זאָל גלייכצייטיק זיין אויסגעטון...

דער פראַנצויזינס פולע ליפּן האָבן זיך צעעפנט אין אַ שעלמישן שמייכל:

— און אויך די קונסט באַזיצט די גרעפין אין אַ פיל גרעסערער מאָס...

— קענסט שוין גיין, לואיז — האָט די גרעפין געגעבן אַ צייכן, אַז די צייט פון אינטימקייט איז פאַראיבער.

די גרעפין יאַדוויגאַ בראַניצקא איז געבליבן אַליין אין איר בודואַר. עס איז געקומען די צייט פון דער גרויסער פייערלעכקייט, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ מין רעליגיעזן צערעמאָניאַל: אַליין צו באַוואונדערן איר אייגענע שיינקייט.

אַלע לאָמפּן האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן אין קליינעם בודואַר און האָבן מיט שטאַרקע ליכט־כוואַליעס אַרומגענומען די שלאַנקע געשטאַלט פון דער גרעפין.

אין די גרויסע שפּיגלען וואָס האָבן באַהאַנגען אַלע ווענט פון דעם צימער האָט די גרעפין געקענט באַוואונדערן און אָפּגעבן כבוד איר אייגציקן אָפּגאָט: איר אייגן לייב.

אירע אויגן האָבן ערנסט און קאָנצענטרירט באַטראַכט יעדן שטריך פון איר פּנים, האָבן זיך אַ לענגערע ווייל פאַרהאַלטן אויף איר שוואַנ־

האַלדז, האָבן אַראָפּגענידערט מיט זעלבסט באַוווּנדערונג צו איר ברוסט וואָס האָט אַרויסגעשוימט, ווי אַן אַנטפּלעקונג, פון איר לייב, האָבן זיך פאַרליבטע געגליטשט איבער אירע נאַקעטע אָרעמס און פּלייצע, האָבן געצערטלט אירע רונדיקע היפטן און האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין גליד פון איר קערפּער, וואָס דאָס דינע געוועב פון איר קלייד האָט מער אַנטבלויזט ווי פאַרדעקט.

די גרעפין בראַניצקאַ איז געבליבן צופרידן. אַלע וואַרשעווער שיינקייטן קענען זיך נאָך ווייט צו איר נישט פאַרגלייכן. זי איז נאָך אַלץ די אומבאַשטרייטבאַרע הערשערין אין די סאַלאָנען פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע.

— ווי האָט זי געזאָגט, די קליינע שעלמע, לואיז — האָט די גרעפין מיט אירע ליפּן באַרירט דאָס קאַלט גלאַטע גלאָז פון שפּיגל אין אַ פּלוצלינגן באַגער צו קושן איר אייגן מויל — אַ פרוי דאַרף זיך אָנטון אַזוי, אַז זי זאָל זיין אויסגעטון... אַך, די פראַנצויזן!... זייערע דינסטן פאַרשטייען זיך בעסער אויף שיינקייט ווי ביי אונדז די עסטעטן, משטיינסגעזאָגט...

דאָס מלאך־פּנימל פון דער גרעפין בראַניצקאַ האָט מיט אַמאָל באַקומען אַ האַרטן פאַרביסענעם אויסדרוק.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן אים, אָן וויקטאָרן.

אַנומלט איז ער דאָ געשטאַנען אין דעם בודואַר, וויקטאָר. מיט זיין שוואַרצער באָרד און ברענענדיקע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ זשידאָווסקער נביא. אַ בלייכער איז ער איבער איר געשטאַנען און גע־וואָרפן איר אין פּנים אַריין:

— איך האָס דיך!... איך האָב דיך פיינט, הערסט, פיינט!... דו ביסט פון יענע פרויען, וועלכע זענען אויסגעלאָסן נאַקעט אפילו אין די קליידער פון אַ צנועה!...

יאַדוויגאַ האָט צו זיך אַ שטיל לאַכל געטון:

— פונדעסטוועגן האָט ער באַלד דערנאָך נישט געקענט זאַט קושן מיין אויסגעלאַסן לייב און האָט אַ דאָרשטיקער זיך נישט געקענט אָפּ־רייסן פון מיין ברוסט, דו נאַרישער זשידאָווסקע נביא! — האָט יאַד־וויגאַ אין זיך געשפּעט.

— דו ביסט ווי גיפט, זיסער פארשיכורנדער גיפט — האָט ער זיך מיט זיינע ליפּן איינגעביסן אין איר לייב.

און זי, פילנדיק ווידער איר מאַכט איבער אים, האָט אים בייסיק געענטפערט:

— ווייסט, טייערער וויקטאָר, דו זעסט אויס ווי אַ יידישער נביא...

— נאָר זיי, די יידן, קושן נישט קיין פרעמדע ווייבער...

ער האָט נישט געענטפערט.

און זי האָט צו אים נאָך זיסער געשמייכלט, זאָגנדיק:

— ווייסט, וויקטאָר, פון דיין חברן זיך מיט דיינע יידישע סאָציאַליסטן טראָגט זיך שוין פון דיר דער ריח פון יידישע ציבעלעס...

—כ׳האָב נישט געוווסט, אַז דו ביסט אויך וווּלגאַר... — איז וויקטאָר נאָך בלייכער געוואָרן ווי שטענדיק און זיך אפּגעריסן פון איר לייב. די פיס האָבן זיך אים געטרייסלט, ווען ער האָט געמאַכט אַ שריט צו דער טיר.

— גיי, גיי צו דיין זשידאָווסקע מעטרעסע! — האָט אים יאדוויגאַ נאָכגעשריגן — גיי צו דיין אייזן־קרעמערין וואָס איר אייגענער מאַן האָט זי אוועקגעוואָרפן... זי בענקט דאָך נאָך דיר, די יידישקע...

— שווייג!...

— פאַרוואָס זאָל גראַד איך שווייגן — האָט זי זיך בייסיק פונאַנדערגעלאַכט — גאַנץ וואַרשע האַלט זיך דאָך ביי די זייטן פון געלעכטער... אַ שטאָלצער פּוילישער „שלאַכטשיץ" רייסט זיך צו די רעשטלעך זופּ, וואָס דער זשיד עפּשטיין האָט פאַר אים איבערגעלאָזט... ווי הייסט זי? אהא, בערטאַ, דאַכט זיך...

— שווייג, דו! — האָט וויקטאָר מיט אַ דראָענדיקער באַוועגונג אויפגעהויבן זיין האַנט.

— נו, שלאָג, שלאָג! — האָט זי זיך צו אים דערנענטערט — פאַר דעם יורש פון קעניג, וואָס בעטלט ליבע ביי עפּעס אַ יידישקע, פּאַסן שוין נישט די מאַנירן פון אַ קרעטשמער וואָס שלאָגט אַ פרוי...

נישט אַרויסרעדנדיק מער אַ וואָרט, איז ער אַוועק, וויקטאָר.

— און ער וועט מער נישט צוריקקומען — האָט די גרעפין יאַד־

ווינגא בראניצקא באטראכט נאכאמאל אין שפיגל איר לייב — ניין, איך קען אים צו גוט וויקטאָרן, ער וועט מער נישט צוריקקומען...

ער איז איר איינגעטלעך ווייניק אָנגעגאַנגען, וויקטאָר. ער איז איר געווען פונקט אזוי גלייכגילטיק, ווי די פילע אַנדערע, וואָס האָבן זי געקושט.

— נאַרישע ווייבער... — האָט זי געוויזן אירע בלאַנק־ווייסע ציין דעם שפיגל.

זי האָט געוווסט, די גרעפין, אַז אירע פריינדינס שושקען זיך הינטער אירע פּלייצעס:

— דאָס מאָל האָט עס אויך זי פארכאַפּט... ענדלעך איז אויך יאדוויגא א קרבן פון ליבע און לויפט נאָך וויקטאָרן...

די גרעפין האָט אין זיך געלאַכט פון אירע פריינדינס רייד:

— נארישע ווייבער!... — האָט זי געטראַכט — זיי מיינען אַז די גרעפין יאדוויגא איז אזא געגדזל, ווי זיי... יא, איך בין טאַקע שטערבלעך פארליבט. נישט מער וואָס דער אביעקט פון מיין ליבע איז נישט קיין אַנדערער ווי די — גרעפין יאדוויגא אליין...

— ניין — האָט די גרעפין יאדוויגא בראניצקא נישט אויפגע־הערט זיך זעלבסט צו באַוווּנדערן — אויסער מיך איז נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל ווערט זיין מיין ליבע...

דאָס איז געווען דער איינציקער גלויבן פון דער גרעפין פון איר פריסטער יוגנט.

זי האָט ליב געהאַט נאָך אַלס קינד צו זיין שטענדיק ארומגע־רינגלט פון א מחנה פריינדינס און חברטארינס, וואָס זאָלן זי באַוווּנ־דערן.. זי האָט מיט זיי געלאַכט, געשטיפּט און זיך געשפּילט אזוי לאַנג, ווי זיי האָבן זי געוויילט און פארשאַפט איר פארגעניגן. זיי זענען איר אָבער שנעל פארמיאוסט געוואָרן און דעמאָלסט האָט זי נישט געקוקט אויף זייערע טרערן און זיי פון זיך אָפּגעטרייסלט...

א באַזונדער פארגעניגן האָט זי געהאַט צוערשט צוצובינדן צו זיך א חברטארין, נישט צו וועלן שיידן זיך מיט איר אויף א שעה און פלוצלינג צו איר א זאָג טון:

— גיי, איך וויל דיך מער נישט קענען!...

דאָס זעלבע איז געווען מיט דער קליינער יאדוויגאס שפּילצייג. גאַנצע הויפנס שפּילצייג האָט זי שטענדיק געהאַט, די קליינע יאדוויגא, און אפילו ביינאַכט האָט זי זיך מיט זיי נישט געקענט שיידן און זי האָט גענומען צו זיך אין איר קינדעריש בעטל אירע זיידענע באַבעס, הילצערנע פערדלעך און בלייענע זעלנערלעך און קעצעלעך און הינט־לעך. זי האָט זיך מיט זיי אויסגעשמועסט און זיי דערציילט אירע קינ־דישע סודות.

צומאָרגנס האָט זי מער נישט געקענט קוקן אויף אירע נעכטיקע ליבלינגען.

די קליינע יאדוויגא האָט אָבער אַוועקגעבן אַ צווייטן אירס אַ שפּיל־צייג נישט געקענט. דאַקעגן האָט זי ליב געהאַט מיט די אייגענע הענטלעך און פיסלעך צו צעברעכן און פאַרניכטן די שפּילצייג, וואָס זענען איר פאַר־מיאוסט געוואָרן. און ווי איז געווען אירער אַ פריינדין, וואָס האָט געוואָגט אויפן קינדישן שטייגער מיט גוואַלד ביי איר צוצונעמען אַ באַבע. אַזאַ זאַך האָט די קליינע יאדוויגאַ קיינמאָל נישט פאַרגעסן און נישט מוחל געווען.

די גרעפין יאדוויגא בראַניצקי איז נישט געוואָרן אַנדערש. דאָס אַרט פון די קינדער־חברטאַרינס און בלייערנע זעלנערלעך און זיידענע קעצעלעך האָבן פאַרנומען — מענער. די שפּיל איז געוואָרן נאָך אינ־טערעסאַנטער...

איר מאַן, דער באַיאַרטער גראַף יאַן, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיטן מאַנאָקל אין אויג, האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער שנעל פאַר אַ וויניק אינטערעסאַנט שפּילצייג. יאדוויגא האָט זיך מיט אים נישט צערעמאָניעט. זי האָט אים קלאָר אויפגעקלערט, אַז זיין אויפגאַבע באַשטייט יעדן אינדערפרי צו קושן אירע שפּיץ פינגער, פרעגן צי זי איז גוט געשלאָפן און באַגלייטן זי פון צייט צו צייט צו אַן אויפנאַמע פון אירע פריינדינס אָדער צו אַ קאָנצערט. ווי אַן אמתער דזשענטעל־מאַן האָט דער גראַף געוויסנהאַפט דערפילט זיינע נישט צו שווערע פליכטן און געפונען אַ מרייסט ערגעץ אַנדערש.

די גרעפין האָט זיך אויסגעצייכנט געווילט מיט איר שפּילצייג. דורך איר בודואַר איז דורך אַ לאַנגע ריי פון אַריסטאָקראַטן מיט באַ־

רימטע טיטלען, פון הויכגעשטעלטע און פיין מאַנירטע דיפּלאָמאַטן, פון באַרימטע קינסטלער און דיכטער, און אפילו שוישפּילער און באָקסער האָבן פון צייט צו צייט געפונען אַ צוטריט צו דער גרעפין בראַניצקאַס בודואַר.

זייער אַלעמענס אויפגאַבע איז געווען צו ווײַלן די גרעפין יאַדוויגאַ אַזוי לאַנג, ווי עס וועט זייער האַרין ווילגעפעלן און שפּעטער אָפּצו־טרעטן דאָס אָרט אַ צווייטן און אַליין אַפילו נישט דערקענט צו ווערן. אַוועקגיין, פאַרשטייט זיך, נישט פון אייגענעם ווילן און נישט צו אַ צווייטער פרוי, נאָר אָפּגעשטויסן ווערן מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אייביקער בענקשאַפט נאָך דער געטלעכער יאַדוויגאַ...

וויקטאָר איז פאַר דער שיינער יאַדוויגאַ געווען אַ באַזונדערס אַמוזאַנט שפּילצייג און זי האָט זיך נישט געאײַלט איבערצורײַסן מיט אים די אינטערעסאַנטע שפּיל.

ער איז געווען דער ראָמאַנטישער העלד פון די אַריסטאָקראַ־טישע סאַלאָנען. אַ פּירשטלעכער זון פון גרעסטן יחוס, געקניפּט און געבונדן מיט אַלע קעניגלעכע הויפן, רייך, שיין און יונג, פאַר וועמען אַלע טירן פון וועלטאָג שטייען ברייט אויפגעפּראַלט, וואַרפט ער מיט־אַמאָל אַוועק די פּאַלאַצן מיט זיינע אבות, ווײַל מער נישט וויסן פון זיינע אַריסטאָקראַטישע פּריינט און פּרייַלעכע לעב־יונגען, זאָגט זיך אָפּ פון אַלע פאַרגעניגנס, וואָס זיין סביבה האָט פאַר אים מיט אַ ברייטער האַנט צוגעגרייט און גייט אַוועק צוזאַמען מיט זיין פרײַנט און לערער, דעם לעגענדאַרן זיוק צו די אָרימע, פאַרחושכטע אַרבעטער־הײַזקעס אויף וואָליע צי גאָר אויף שילעץ, דערקלערט קריג דעם מעכטיקן רוסישן צאַר אין פּעטערבורג, וואַרפט באָמבעס אויף זיינע גענעראַלן, לאָזט זיך וואַקסן אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד און פירט אַ לעבן פון אַ נזיר.

די פּאַנטאַזיע פון די צעבאַלעוועטע, אויסגעבאַליעטע אַריסטאָקראַ־טישע דאַמעס, וואָס ווייסן נישט וואָס צו טון מיט זייער ליידיקער צייט און פּוסטן לעבן האָט זיך צעשפּילט.

וויקטאָר איז אין זייערע אויגן אויסגעוואַקסן אין אַ געשטאַלט פון אַ פאַרצייטישן ריטער, וואָס איז אומגעריכט אויפגעשטאַנען תחית המתים אין אַ וואַכעדיקער, לאַנגווייליקער וועלט.

האָבן זיי דעריבער, די פּירשטינס און גרעפינס, זיך גענומען יאָגן נאָך דעם ראָמאַנטישן ריטער. יעדע איינע פון זיי האָט געטרוימט צו ווערן די דאַמע פון ריטערס האַרץ.

פון מויל צו מויל האָבן קורסירט לעגענדעס וועגן וויקטאָרס מוט און דרייסטקייט, וועגן זיינע העלדן טאַטן און וועגן זיין מערקווירדיק נזיר־לעבן.

די גרעפין יאַדוויגאַ בראַניצקאַ איז געווען די איינציקע וואָס האָט באַוויזן אַריינצובאַקומען דעם לעגענדאַרן וויקטאָר אין איר בודואַר.

איר מלאך־פּנימל איז געווען אַזוי אומשולדיק ריין און אירע בלויע טיפע אויגן זענען געווען אַזוי פיל מיט קינדישער באַגייסטערונג צו־הערנדיק זיך צו וויקטאָרס דערציילן וועגן זיינע ראַנגלענישן און קאַמפן, אַז עס וואָלט געווען גרויזאַם איר נישט צו גלייבן.

— אַך, ווען איך וואָלט געקענט אויך עפּעס טון פאַר אונדזער געפּייניקט פּאַטערלאַנד — זענען אירע אויגן געווען פול מיט טרערן — נאָר איך בין אַזוי נאַריש, וויקטאָר, אַזוי שרעקלעך נאַריש...

— פּרווו נאָר, יאַדוויגאַ, פּרווו... — האָט וויקטאָר אויסגעקושט די טרערן פון אירע אויגן — מיר נייטיקן זיך אין אַזעלכע, ווי דו...

— אַזוי מיינסטו, וויקטאָר?... — האָבן יאַדוויגאַס אויגן אויפגע־לויכטן — אַ,— ווי גליקלעך איך בין דאָס פון דיר צו הערן, וויקטאָר — און אירע געטאָקטע אָרעמס האָבן ווי צוויי ווייסע שלאַנגען זיך אַרומ־געוויקלט אַרום וויקטאָרס האַלדז.

די ראָלע פון אַן אומשולדיק מלאכל האָט שנעל דערעסן דער רייצ־דער גרעפין.

זי האָט זיך בעסער און באַקוועמער געפילט אין דער ראָלע פון אַן אַריסטאָקראַטישער קורטיזאַנע. וויקטאָר האָט ביטער געלאַכט פון זיין טעות, אָבער עס איז אים געווען נישט לייכט זיך צו באַפרייען פון יאַדוויגאַס מיט ליידנשאַפט גליענדיקן לייב.

— צייט אים צו מאַכן פאַר איינעם פון מיינע שפּילצייג — איז יאַדוויגאַ שוין געווען זיכער מיט איר הערשאַפט.

נאָר וויקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין אַ שפּילצייג אין די שיי־נע הענטלעך פון דער גרעפין. האָט זיך צווישןביידע געליבטע אָנגע־

הויבן אַ פאַרביסענע און אומאויפהערלעכע מלחמה. יעדע צוזאַמענקונפט זייערע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געמיש פון קריגערייען און אויס־ברוכן פון תאווה און ליידנשאַפט.

יאַדוויגאַ האָט מיט אַ ציניש שמייכל אויף איר מלאכל פּנימל גענומען דערציילן וויקטאָרן וועגן אירע אינטימע איבערלעבענישן מיט אַנדערע מענער. זי האָט גוט געוווּסט, אַז די פאַרסמטע פייל פון איי־פערזוכט פאַרפעלט קיינמאָל נישט צו טרעפן אין ציל.

און איינמאָל, אַ צעפּרעסענער פון שנאה און אייפערזוכט, האָט איר וויקטאָר געוואָרפן אין פּנים אריין:

— דו ביסט אויסגעלאַסן ווי אַ זונה!...

— איך בין, ווי יעדע נאָרמאַלע פרוי...

— אָה, ניין! — האָבן וויקטאָרס אויגן אויפגעבליצט — דו ביסט אפילו נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין אַן אָנשטענדיקע פרוי, ווי...

— ווי?... — האָט יאַדוויגאַ געמיינט צו הערן דעם נאָמען פון איינער פון אירע פריינדינס, כדי שפּעטער צו קענען דעם נאַר, וויקטאָר, אויסלאַכן און אים דערציילן אַלץ וואָס זי ווייסט וועגן אירע אָנשטענ־דיקע פריינדינס.

— ווי בערטע — האָט וויקטאָר צום ערשטן מאָל דערמאָנט נישט געערן דעם נאָמען אין יאַדוויגאַס בודואַר.

— בערטע? — האָט יאַדוויגאַס נעזל זיך אַ הויב געטון ווי זי וואָלט וועלן דעם נאָמען פריער באַשמעקן — בערטע?... איך געדענק נישט מיינע אַ באַקאַנטע מיט אַזאַ וווּלגאַרן נאָמען...

— זי איז נישט דיינע אַ באַקאַנטע — האָט וויקטאָר געלאַכט — ווי קומט זי, בערטע, אין אַזעלכע הויכע פענצטער!...

— דיין איראָניע דאַרף זיין בייסיק, אָבער דו ביסט, ליידער, נאָר לאַנגווייליק, וויקטאָר...

— דיין שפּילקע, יאַדוויגאַ, דאַרף פאַרדעקן דיין נייגיר וועגן בערטען...

— אַ פערטראַנגיקע אַקטריסעלע געווים — האָט די גרעפין גע־שמייכלט.

— נישט געטראָפן, יאַדוויגאַ, וועסט אפשר בלייך ווערן פאַר

שרעק, ווען איך וועל דיר זאָגן, אז בערטע איז אַ יידין און איר מאַן האנדלט מיט אייזן...

— אַ זשידוווּעטשקע!!!!... כאַ־כאַ־כאַ! — האָט די גרעפין זיך פונאַנדערגעלאַכט — וועסט מיך אפשר הייסן זיין אייפערזיכטיק אויך אויף מיינע דינסטן?!...

— איך קען, יידישקעס — האָט וויקטאָר גערעדט לאַנגזאַם, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט — וואָס די פּאַלאַצן וואָלטן צו זיי גיכער געפּאַסט, ווי פיל פון די יעניקע, וואָס האָבן זייערע פּאַלאַצן באַקומען ירושה...

— אַ!...

— און ווער ווייסט? מעגלעך, אַז דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן אויף די אָרימע מיידלעך, וואָס כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער מוזן זיי ווערן אייערע דינסטן...

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ הייסער דינסטןענטוזיאַסט, וויקטאָר.

— דו ווייסט נאָך פיל זאַכן נישט, מיין טייערע...

אַזוי האָבן זיי זיך ביידע דורכגעשמועסט אין אַ כּלומרשט פריינטלעכן טאָן, און יעדעס וואָרט איז געווען אַ שפּיז און אַמאָל אַ פאַרסמטע פייל אין צווייטנס האַרץ...

די גרעפין יאַדוויגאַ בראַניצקאַ, וואָס האָט אויפריכטיק געגלויבט, אַז נאָר זי האָט דאָס אויסשליסלעכע רעכט צוצונעמען מענער פון אַנדערע פרויען, האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט, באַרויבט און באַלייַדיקט. עפּעס אַ בערטע, אַ יידישקע, זאָל וואַגן ביי איר צוצונעמען וויקטאָרן, כּל זמן זי אַליין האָט אים נישט אַוועקגעוואָרפן?!... — דאָס איז דאָך אומדערהערט, איינפאַך אומגלויבלעך... ער, וויקטאָר, זאָל פּעאיק זיין אויף אַזעלכעס!... פאַרטוישן זי, יאַדוויגאַן, וואָס קען האָבן וועמען נאָר זי וויל ליגן ביי אירע פיס אויף עפּעס אַ ציבעלע־יידענע?!...

די גרעפין יאַדוויגאַ בראַניצקאַ האָט זיך געשעמט מודה צו זיין פאַר זיך זעלבסט, אַז זי איז שטערבלעך אייפערזיכטיק אויף דער דאָזיקער אומפאַרשעמטער יידישקע. וויקטאָר, וועלכער האָט לעצטנס זיך שוין געלאַנגווייליקט מיט זיין נאַרישן סאָציאַליזם און מוסר־זאָגן, איז

איר מיטאמאָל געוואָרן ווידער טייער. זי אַליין האָט אָנגעהויבן גלויבן אַז ער, וויקטאָר, איז דער איינציקער וועמען זי האָטווירקלעך ליב, וועמען זי האָט שטענדיק ליב געהאט און זי האָט געברענט פון נייגיר צו קענען איר ריוואַלין, כאָטש צו וויסן ווער זי איז, די דאָזיקע בערטע...

ביים פרישטיק האָט זי אָט אַזוי נישט ווילנדיק אַ פרעג געטון בײַ איר מאַן דעם גראַף יאַן, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ מין אינפאָרמאַציע־ביוראָ:

— האָסט געהערט אפשר פון עפּעס אַ זשידעק עפּשטיין, יאַן?

— עפּשטיין — האָט דער גראַף אַ דערשטוינטער אָנגעשטעלט זיין מאָנאָקל אויף זיין פרוי — געוויס געהערט פון דעם אייזן־קרעמער...

און דער גראַף יאַן האָט נישט פאַרזוימט צו דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט:

— אַ קלוגער זשידעק, דער עפּשטיין... ער שאַרט גאָלד... און ווען דו רעדסט מיט אים דאַכט זיך, אַז ער קען קיין צוויי נישט ציילן...

— דו קענסט אים, יאַן?

— געוויס קען איך אים, דעם עפּשטיין — איז דער גראַף געוועזן צופרידן צו קענען כאָטש מיט עפּעס איבערראַשן זיין רייצנדע פרוי — און נישט בלויז איך קען אים, איך האָב שוין אויך ביי אים געלט פאַרדינט...

— דו געלט פאַרדינט?! — האָט די גרעפין יאַדוויגאַ געשטוינט ווויסנדיק, אַז איר מאַן האָט נאָך אין לעבן גאָרנישט געטון אויסער פאַרשווענדעט געלט פון דער גרויסער ירושה פון זיינע אבות — וואָס האָסטו אַזוינס געטון פאַר עפּשטיינען?

— טון? — האָט דעם גראַפס מאָנאָקל געקוקט ווי מיט שטומען פאַרוואורף אויף דער שיינער יאַדוויגאַ — אַזוי געפאַלן זענען מיר נאָך נישט, די אַדל־לייט, אַז אויך מיר זאָלן שוין מוזן טון און אַרבעטן...

— פאַר דיינע שיינע אויגן, יאַן, האָסטו אַלזאָ באַקומען געלט פון דעם עפּשטיין? — האָט די גרעפין געלאַכט, מיינענדיק אַז איר מאַן ווילט זיך וועגן בלומרשטע פאַרדינסטן פון עפּעס אַ זשידעק.

— אזוי איז, מיין טייערע, פאַר די שיינע אויגן פון גראַף בראַ־ניצקי צאָלט ער, דער זשיד עפּשטיין...

— דו שפּאַסט, יאַן...

— ניין, מיין טייערע — האָט דער גראַף געקנייטשט דעם שטערן, וועלנדיק געבן צו פאַרשטיין זיין פּרוי די סודות פון מאָדערנעם האַנדל — פאַרשטייסט, די זשידעס מאַכן זייערע געשעפטן נישט ווי אַמאָל, זיי שאַפן בענק, בויען פאַבריקן און ווער ווייסט וואָס נאָך אַלץ זיי טון... נאָר היינטיקע צייטן דאַרף מען האָבן אַ שיין שווי־פּענצטער, נו, בין איך און נאָך אַזעלכע מענטשן פון מיינס גלייכן דאָס שיינע שווי־פּענצטער פון די עפּשטיינס. מיר ווערן אויסגעקליבן פאַר פּרעזעסן אין זייערע בענק, שרייבן זיך אונטער מיטן גראַפישן טיטול אונטער עפּעס בל־ערליי פּאַפּירן און באַקומען דערפאַר פון די זשידקעס נישט שלעכט באַצאָלט...

און דער גראַף האָט צוגעגעבן מיט אַן איראָניש קרעכצעלע:

— אַזוי, אַזוי איז עס, מיין טייערע... מיין טאַטע נאָך האָט זיינע זשידקעס געשמיסן און נאָכן שמייסן, אויס רחמנות, געלאָזט זיי פאַר־דינען עטלעכע גילדן... און זיין זון באַקומט שוין געלט פון דעם עפּשטיין און דאַרף צו אים שמייכלען און אונטערהאַלטן זיך מיט אים ווי מיט מיינס גלייכען... אַזעלכע פאַרשיווע צייטן דערלעבט!...

— נו, אַז דו אונטערהאַלטסט זיך אַזוי מיט דעם עפּשטיין — האָט די גרעפין געוואָלט וויסן — איז אפשר קענסטו אויך די מאַדאַם עפּשטיין?...

— וועלכע מאַדאַם עפּשטיין מיינסטו, מיין טייערע?...

— וואָס, צוויי ווייבער האָט ער, דיין עפּשטיין?!... — האָט די גרעפין זיך פונאַנדערגעלאַכט.

דער גראַף יאַן האָט, ווי יעדעס מאָל ווען עס איז געקומען צו רכילות, זיך גלייך געמאַכט דעם מאַנאָקל און הנאה געהאַט פון יעדן וואָרט זיינעם:

— עס איז אַ ראָמאַנטישע געשיכטע מיט דעם עפּשטיין... לאַך נישט, מיין טייערע, די זשידעס האָבן שוין אַזוי פיל געלט, אַז זיי קענען זיך אויף דעם דערלויבן, אפילו אויף צוויי ווייבער... און ווער ווייסט

צי זיי וועלן אמאָל נישט ווערן מייסטער אין פירן ליבעס ווי זיי זענען בריהם צו מאַכן געלט...

— האָסט געזאָלט דערציילן וועגן עפּשטיינען... — האָט יאַד־וויגאַ נישט געקענט באַהאַלטן איר אומגעדולד.

— וועגן אים רייד איך דאָך — האָט דעם גראַפס מאַנאַקל באַ־טראַכט די אומגעדולדיקע יאַדוויגאַ — דער עפּשטיין האָט, זעט אויס, ווי מען דערציילט, אין זיינע יוגנט־יאָרן געהאַט אַ ראָמאַנטישע ליבע מיט דער טאָכטער פון יידישן מיליאָנער פרענקעל. שווער צו זאָגן, צי די רייכע יידישקע האָט נישט געוואָלט וויסן פון דעם אָרעמען עפּשטיין, צי די משפחה האָט געשטערט, נאָר אַ פאַקט איז, אַז פון דער ליבע איז גאָרנישט געוואָרן. די רייכע מיליאָנערשע האָט געפונען איר באַ־שערטן אין קראָקע און עפּשטיין האָט חתונה געהאַט מיט דער מאַדאַם בערטע...

— אה, בערטע!... — האָט זיך נישט ווילנדיק ארויסגעריסן פון יאַדוויגאַס מויל.

— יאָ, בערטע — האָט דער גראַף פאַרגעזעצט — ער, עפּשטיין, האָט מיר אַמאָל אין טעאַטער־פאָיע פאָרגעשטעלט זיין פרוי בערטע... געמיינט דעמאָלט אַ גליקלעך פּאָרפאָלק. נו, ווייסט דאָך, אין אַזעלכע פאַלן קען מען קיינמאָל נישט וויסן... און דאָ נישט לאַנג איז אַמאָל געקומען צו אַ סקאַנדאַל ביי די זשידעס אונדזערע... יאָ, יאָ, כ׳האָב פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז אויך אונדזער שיינע פּרימאַדאָנע, די פרייליין העלענע, איז געווען פאַרמישט אין דער זאַך... קורץ, עפּשטיין לעבט איצט מיט זיין ערשטער ליבע, דער מאַדאַם לאַניאַ, וועלכע איך האָב שוין געהאַט די ערע צו באַקענען — האָט דער גראַף איראָניש גע־שמייכלט — און די אָרעמע בערטע טרויערט נאָך איר פאַרלוירן גליק.

דער גראַף יאַן, וועלכער איז געווען אין די זאַכן פון בינו לבינה אַ פון אַלעמען אַנערקענטער אויטאָריטעט, האָט נאָך לאַנג און ברייט דערציילט אַלע רכילותן וועגן עפּשטיינען און זיינע צוויי ווייבער. יאַדוויגאַ האָט גיריג אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט און אירע שיינע בלויע אויגן פון הימל־קאָליר האָבן געשיינט פון טריומף.

— ער האָט זי אוועקגעוואָרפן, בערטען, אוועקגעוואָרפן!...

דער גרעפֿין יאַדוויגאַ בראַניצקאַ האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס וואָס „דער עפּשטיין" האָט אוועקגעוואָרפֿן בערטען איז געווען איר, יאַדוויגאַס, פּערזענלעכער פּאַרדינסט, אַז צוליב איר האָט דער זשידעק אוועקגעשיקט זיין ווייב.

און זי איז געווען דאַנקבאַר עפּשטיינען פֿאַר דעם וואָס ער האָט פֿאַר איר געטון. איצט וועט זי קענען וואַרפֿן אים, וויקטאָרן, אין פּנים אַריין:

— גיי צו דיין יידישקע!... איך האָב געמיינט, אַז איך האָב צו טון מיט אַ לעגענדאַרן ריטער, אַרויסגעשטעלט אָבער האָט זיך, אַז דו ביסט אַ יידישער משרת, וואָס באַלעקט זיך מיט די שיריים וואָס עפּשטיין האָט אוועקגעוואָרפֿן...

— דער נאַר, וויקטאָר! — האָט די גרעפֿין געקריצט פֿאַר צאָרן מיט אירע שיינע פּערל־ציינדלעך — מיט אַ יידישקע גאָר!...

די גרעפֿין יאַדוויגאַ בראַניצקי האָט נישט געהאַט קיין מאָראַלישע פֿאַראורטיילן. פֿאַרקערט, ווי אַ געטרייע פֿאָרשטייערין פֿון איר שטאַנד איז זי געווען טיף איבערצייגט, אַז פֿאַר מענטשן פֿון איר סגאַל עק־זיסטירן נישט די אַלע מאָראַלישע געזעצן און רעליגיעזע פֿאַרבאָטן, וואָס פֿאַרפֿליכטן אַנדערע שטערבלעכע. אויב נאָר עס ווערן אָפּגעהיט די אויסערלעכע פֿאָרמען, די גוטע מאַניערן און אויב נאָר קיינער ווייסט נישט און עס ברעכט נישט אויס קיין עפֿנטלעכער סקאַנדאַל. אָט האָט זייער שכן, דער פֿירשט יעזשי, ליב יינגלעך און ער האָט צו־ליב דעם נישט אויפֿגעהערט צו זיין דער ערשטער דזשענטעלמען אין דער געזעלשאַפֿט אַזוי לאַנג נאָר ווי עס איז פֿאַרבליבן דער סוד פֿון איינגענע מענטשן...

און זיין שוועסטער, די שוין באַיאָרטע פֿירשטין מאַריע, וואָס יאָגט זיך נאָך יעדן ווייבערישן קליידל — האָט זי דען אויפֿגעהערט צו זיין די גרויסע דאַמע, ווו נאָר זי באַווייזט זיך?...

די גרעפֿין יאַדוויגאַ בראַניצקי טוט צו זיך אַ צופֿרידענעם שמייכל. זי דערמאָנט זיך אָן דעם אָרעמען סטעפֿאַן, וואָס האָט אַזוי גוט באַ־ריטן די אַראַבישע ווילדע פֿערד פֿון אירע שטאַלן.

זי, יאַדוויגאַ, האָט ליב געהאַט צוצוקוקן ווי דער יונג ראַנגלט זיך

און קומט־ביי די איידעלע פערד וואָס ווערן ווילד פאַר כעס, דערפּי־לנדיק צום ערשטן מאָל אויפן רוקן דעם רייטער.

און זי האָט ליב געהאַט צו שטיין פאַר דעם יונג אין איר אַמאַ־זאָנען־קלייד און זען ווי ער פרעסט איר לייב מיט זיינע צעגליטע אויגן. און פּלוצלינג האָט זי באַהערשט אַ מאָדנער באַגער. זי האָט זיך אויף אַ מינוט נישט פאַרטראַכט. זי האָט בלויז אַ ווינק געטון צו דעם יונג ווי צו איר הונט. סטעפאַן איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ הונט. ער איז געבליבן שטיין אין איר שלאָף־צימער. ער איז געווען מוראַדיק צע־טומלט, דער יונג, און נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טון.

יאַדוויגאַ האָט נישט אַרויסרעדנדיק אַ וואָרט גענומען לאַנגזאַם און רואיק אַראָפּציען פון זיך אירע קליידער. זי האָט געזען ווי סטע־פאַנס אויגן קריכן אַרויס פון זייערע לעכער, ווי זיי ווערן ווילד, זיינע אויגן. דאָס האָט זי געוויילט און זי האָט נאָך לאַנגזאַמער און שוויי־גנדיק זיך אַנטבלויזט. ערשט ווען זי איז שוין אינגאַנצן אַ נאַקעטע געבליבן פאַר אים שטיין, איז פון איר מויל אַרויס אַ קורצער באַפעל, ווי אַ שמיץ פון איר שפּיצרוט:

— קום אַהער!...

זי האָט געמיינט, אַז זי פאַלט אין חלשות פון די שטאַל־ריחות און גלייכצייטיק געגליט פון תאוה.

קיין איין וואָרט איז צווישן ביידע נישט געפאַלן. און אויך שפּע־טער האָט זי נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, אים צוריקגעשיקט צו אירע פערד־שטאַלן.

עטלעכע טעג איז דער יונג איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. זי האָט אים אפילו נישט באַמערקט. ער האָט פשוט פאַר איר נישט עקזיסטירט, פּונקט ווי ער האָט פריער פאַר איר נישט עקזיסטירט. פאַרנאַכט האָבן די פּויערים אים צוריקגעבראַכט פון וואַלד אַ טויטן. ער האָט זיך אויפ־געהאָנגען. זי האָט צומאָל נישט אַ קוק געטון אויף זיין קערפּער. וואָס בייט דער גראַפין יאַדוויגאַ בראַניצקי אָן אָרעמער פּויער אַ לעבעדי־קער צי אַ טויטער נאָכדעם, ווי די שפּיל האָט איר דערעסן...

פּונקט אַזוי וואָלט איר ווייניק אָנגעגאַנגען, ווען וויקטאָרן פאַר־גלוסט זיך אַ שפּיל צו טון מיט עפּשטיינס יידישקע. זי וואָלט צוזאָ־

מען מיט אים געלאַכט פון בערטעס ליבע־עקספּערימענטן.

— אָבער דער נאַר וויקטאָר — האָט די גרעפין געביילט אירע פויסטלעך — מיינט דאָך נישט זיך גלאַט אַ שפּיל צו טון מיט דער יידישקע... ער איז דאָך אין איר פאַרליבט און רעדט פון איר מיט אַ ציטער ווי די בערטע וואָלט געווען עפּעס אַ הייליגקייט... עס איז דאָך איינפאַך אַ סקאַנדאַל!...

די גרעפין יאַדוויגאַ בראַניצקי האָט פון דעמאָלט אָן דערקלערט אין הארץ קריג אויף טויט און לעבן דער יידישקע בערטע. זי האָט געקעמפט מיט אויסגעפּרוּווטן כלי־זין פון איר געשלעכט: אויבנאויפיקע אומשולדיגע הינמער וועלכער עס לויערט פאַררוסענע שלויקייט. איר מלאך־פּנימל האָט צוריק באַקומען זיין אומשולדיקן אויסדרוק. זי איז ווידער געוואָרן גוט און איבערגעגעבן צו וויקטאָרן. פּאָרזיכטיק און שלוי האָט זי אַרויסבאַקומען אַלע איינצלהייטן, וואָס זי האָט געוואָלט וויסן וועגן איר פיינט, בערטע. און וואָס וויקטאָר האָט נישט דערציילט נאָר בלויז אָנגעוווינקען, האָט יאַדוויגאַ אַליין זיך צוגעקלערט.

און אַזוי אַרום האָט יאַדוויגאַ זיך דערוווסט, אַז בערטע העלפט וויקטאָרן און זיין פּירער זיזוק אין זייער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. ביי איר אין שטוב באַהאַלטן זיך אויס די אַלע מענטשן, וואָס ווערן געזוכט דורך די צאַרישע זשאַנדאַרמען. זי באַזאָרגט זיי, די אויפשטענדלער, מיט געלט און שיקט זיי איבער דער גרענעץ מיט געפעלשטע פּאַספּאָרטן.

— אַזעלכע ביסטו!... — האָט די גרעפין יאַדוויגאַ געדראָעט איר שונא, וועלכן זי האָט קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען, מיט אירע פויסטלעך — מיט פּאַטריאָטישקייט און מיט נאָך אַזעלכע כיטרע שטיק ווילסטו, יידישקע, פון מיר אָוועקנעמען וויקטאָרן!...

עס וואָלט איר, דער גרעפין, נישט אַזוי אויפגעבראַכט, ווען די בערטע וויל ביי איר צונעמען וויקטאָרן מיט דער הילף פון איר לייב. אוודאי וואָלט עס געווען אַן אומדערהערטע חוצפּה פון עפּעס אַ יידישקע. אָבער אַזאַ זאַך וואָלט די גרעפין נאָך געקענט מוחל זיין. עס וואָלט געווען נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך און... ערלעך. די יידישקעס קענען אָבער נישט גיין אויפן ערלעכן און נאַטירלעכן וועג פון יעדער פרוי. זיי מוזן שטענדיק באַשווינדלען און אָפּנאַרן די גויים. און דער וויקטאָר

לאזט זיך פירן פאר דער נאז פון דער דאזיקער כיטרער יידישקע און קומט נאך צו איר, יאדוויגאן, און האט די העזה איר, דער שענסטער און רייצנדיקסטער פרוי אין לאנד, צו שטעלן פאר א מוסטער עפעס א וואלגארע בערטע!...

דאס בלוט פון דער גרעפין יאדוויגא בראניצקי האט אויפגעברויזט. גענוג!... זי קען שוין מער נישט פארטראגן אזא שאנד. ווי לאנג איז דער שיעור זיך צו שפילן אין באהעלטעניש צוליב עפעס א זשידוווא?!... זאל ער אויסוויילן, וויקטאר, זי, יאדוויגאן מיט אלע רייצן פון איר לייב, אדער די בערטע, וועלכער דער זשיד עפשטיין האט אוועקגעווארפן!...

און עס איז געשען דאס אומגלויבלעכסטע, דאס אומדערווארטסטע, דאס אוממעגלעכסטע: וויקטאר האט פארלאזט דעם בודואר פון דער גרעפין יאדוויגא און איז אוועק...

— איז אוועק צו איר, צו בערטען... — האט די גרעפין א טופע געטון מיט איר פיסל — אזוי זענען זיי אלע, די זשידעס!...

אין די אויגן פון דער גרעפין יאדוויגא בראניצקי איז בערטע אויסגעוואקסן צו דעם סימבאל פון אלע יידן.

— א פארשאלטן פאלק... — האט די גרעפין יאדוויגא געקריצט מיט אירע שיינע ציינדלעך — אויף אלע אייביגקייטן פארשאלטן... וויניק וואס זיי האבן געקרייציקט אונדזער גאט... נישטא פון זיי ביז היינט קיין מנוחה... נאר נארן און באשווינדלען...

און וואלטן זיי, די זשידעס, בלויז אויסגענארט אונדזער געלט און אונדזערע פארמעגנס און גיטער!...

די גרעפין יאדוויגא ווי א שלאכעצקע טאכטער וואלט זיך נישט געקימערט וועגן געלט. פון קינדהייט אן האט זי איינגעזאפט אין זיך די איבערצייגונג, אז דערויף זענען זיי, די זשידעס, באשאפן געווארן אויסצונארן און צו באשווינדלען די גוטהארציקע, ערלעכע און נאאיווע פריצים. און עס וואלט איר נישט געארט, יאדוויגאן, ווען די די יידישקע נארט אויס אביסל געלט ביי וויקטארן...

ערשט מיט א קורצער צייט צוריק איז צו איר געקומען ער, ראמאן דמאווסקי אליין און צו איר געזאגט:

גרעפין, איר וועט טון א גרויסע זאך פאר אונדזער אומגליקלעך

פּאַטערלאַנד, ווען איר וועט דערלויבן אַרויסצושטעלן אייער נאָמען אין דער שפּיץ פון אַ דאַמען־קאָמיטעט צו באַקעמפן דעם יידישן האַנדל...

— אוממעגלעך — האָט אים די גרעפין קאַלט אָפּגעזאָגט.

— איר האָט ליב די זשידעס, גרעפין?

— ליב אָדער פיינט האָט מען זיינס גלייכן — האָט אים די גרעפין שטאָלץ געענטפערט — די יידן רעכענען זיך נישט...

— אָבער זיי באַשווינדלען און נאַרן אוים אונדזער געלט...

— איז וואָס? — האָט די גרעפין גלייכגילטיק געשמייכלט — זיי האָבן באַשווינדלט מיין פאָטער און מיין זיידן, איז פאַרוואָס זאָלן זיי ביי מיר אַביסל געלט נישט צונעמען... צי מיינט איר, אַז איך קען זיך עס שוין נישט דערלויבן?

איצט דערמאָנט זיך די גרעפין יאַדוויגאַ בראַניצקי אָן אַלע איינ־צלהייטן פון דעם געשפּרעך און זי זאָגט צו זיך:

— ער, דמאָווסקי, איז גערעכט געווען און נישט איך, און דאָס וועל איך אים היינט זאָגן...

אוודאי וואָלט זיך אויך היינט די גרעפין יאַדוויגאַ נישט גענומען צום האַרץ דאָס וואָס די יידן פאַרכאַפּן דעם האַנדל... זיי טוען אָבער נאָך פיל שרעקלעכע זאַכן. זיי פאַרסמען די נשמה פון אונדזער אומ־גליקלעך פאָלק. שלעפּן אַרוים אונדזער יוגנט פון דער קירכע — אַזוי האָט דאָך דער ביסקופּ בפירוש געזאָגט — לאָזן זיך אוים פון גלויבן אין גאָט, פאַרגיפטן די הערצער מיט זייער סאָציאַליזם און צעברעכן דאָס לעבן פון אונדזערע בעסטע קאַוואַלירן, האָבן די העזה אפילו אַריינ־צודרינגען אין אונדזערע פּאַלאַצן און שיקן אונטער זייערע בערטעם צו וויקטאָרן און ווער ווייסט צו וועמען נאָך!...

די גרעפין יאַדוויגאַ בראַניצקי האָט שטאָלץ אויפגעהויבן איר קאָפּ. זי וועט זיך נישט נידעריק מאַכן און מלחמה פירן צוליב עפּעס אַ יידישקע. זי, די יידישקע, האָט איר בלויז געעפנט די אויגן. ערשט איצט האָט זי זיך דערוווסט, וואָס פאַר אַ געפאַר די זשידעס זענען. ווי אַמאָל זייערע זיידעס, די אַרענדאַרן, האָבן זיך געחנפעט צו די ערלעכע און גוטע פּריצים און ביי זיי אויסגענאַרט זייערע גיטער, אַזוי חנפענען זיך איצט

זייערע ביטרע אייניקלעך צו אונדזערע מענטשן און האנדלען זיך איין די זשידאָווסקע אידעען פון סאָציאַליזם און גאַטלאָזיקייט.

און עס איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל עפענען די אויגן פון די אַלע פאַרפירטע וויקטאָרס און זיוקס און זיי וואָרענען פאַר די ביטרע זשידאָווסקע שטיק.

די גרעפין יאדוויגא בראַניצקא האָט דערפילט ווי אַ הייסע כוואַליע פון ליבע צו איר אומגליקלעך פון די יידן פאַרפייניקט פאַטערלאַנד פילט אָן איר האַרץ. אַ נייער באַגער איז אין איר אויפגעגאַנגען. זי האָט זיך שוין געזען אין דער ראָלע פון אַ פּוילישער זשאַן דאַרק, וואָס וועט ראַטעווען איר פאָלק פון די גיריקע יידישע הענט.

— דו, וויקטאָר, האָסט געמיינט, אַז דו קענסט שוין יאדוויגאַן — האָט זי זיך באַוווּנדערט, שטייענדיק פאַרן שפּיגל אין איר בודואַר — דו האָסט אַ טעות, דו יידישער משרת!... דו וועסט באַלד הערן פון אַ נייער יאדוויגא און דו וועסט נאָך ליגן ביי מיינע פיס און בעטלען פאַרגעבונג...

די גרעפין האָט נאָך נישט געוווּסט, צי זי וועט דעמאָלט, ווען ער וועט ליגן ביי אירע פיס, וויקטאָרן פאַרגעבן אָדער זי זאָל אים מער נישט צולאָזן צו זיך:

— איך דאַרף נאָכאַמאָל דורכלייענען די געשיכטע פון זשאַן דאַרק — האָט זי באַשלאָסן — איך האָב שוין אַלץ פאַרגעסן...

די גרעפין יאדוויגא האָט אָפּגעלייגט דעם באַשלוס וועגן וויקטאָרס גורל ביז וואַנען זי וועט אין איר זכרון אויפפרישן דאָס לעבן פון זשאַנא ד'אַרק. דערפאַר האָט זי נישט געצווייפלט אין שיקזאַל פון דער יידישקע בערטע.

אה, זיי זענען שוין צופיל פאַרחוצפּהט געוואָרן, די זשידעס. זיי מוזן ווידער דערפילן אויף זייערע פּלייצעס די בייטש פון האר. זיי מוזן ווי זייערע זיידעס וויסן, אַז זיי זענען נישט מער ווי שטויב און אַש...

און ס'ערשטע מוזן אָנגעלערנט ווערן זייערע פאַרדריסענע ווייבער, וואָס שטופּן זיך חוצפּהדיק אומעטום, וואָס פילן אָן מיטן ריח פון זייערע ציבעלעס די זאַלן פון די טעאַטערס און קאָנצערט-הייזער:

— איר, בערטעס, וועט מיך געדענקען — האָט די גרעפין יאַד־ווינגא פאַרביסן אירע פולע ליפּן.

די גרעפין יאדוויגא האָט געביילט אירע פויסטלעך. זי האָט בערטען נישט געקענט, זי האָט נישט געוווסט, ווי זי זעט אויס, צי זי איז שיין, צי מיאוס, צי קלוג צי נאַריש, אָבער פיינט האָט זי זי געהאַט מיט אַלע פיבערן פון איר נשמה.

אַן אַלטער האַס פון דורות, וואָס זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך מיט דער מילך פון איר מוטערס ברוסט, דער האַס, וואָס האָט אונטערן צודעק פון גוטע מאַניערן און פּריצישער זאַרגלאָזיקייט געדרימלט, האָט זיך פּלוצים דערוועקט מיט אַ שטאַרקער קראַפט און האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט דער יידן־שנאה, וואָס געניטע הענט פון זאָרגפעלטיקע גערטנער האָבן מיט פלייס און אייפער געפלאַנצט, געהאָדעוועט און קולטיווירט.

נישט אָפּגעבנדיק זיך רעכנשאַפט דערפון, האָט די גרעפין יאדוויגא אָבער געפילט, אַז זי איז נישט אַליין אין איר האַס צו די יידישע בערטעס. טויזנטער, צענער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער יאדוויגאַס מיט זייערע מענער און ליבהאָבער, מיט זייערע זין און טעכטער גליִען פון האַס, זעענדיק ווי דער ערשט נעכטן פאַרשקלאַפטער אַרענדאַר, גלייכט אויס פּלוצים די פלייצע און באַשטייט אויף זיין רעכט צו לעבן און גע־ניסן פון לעבן.

קאפיטל 10

# הויכגעשטעלטע געסט

— מאדאם גרעפין — האט א לאקיי געקליידט אין א שווארצן פראק זיך טיף פארנייגט, בלייבנדיק שטיין אויף דער שוועל פון בודואר — דער הער גראף בעט...

מיט אן אומשולדיקן שמייכל אויף איר מלאך־פנימל האט די גרעפין יאדוויגא אריינגעשוועבט אין דעם גרויסן אויפנאם־זאל.

די פארזאמלטע געסט האבן איבערגעריסן זייערע געשפרעכן און האבן זיך האסטיק אויפגעשטעלט פון זייערע ערטער.

די גרעפין האט הכנעהדיק אראפגעבויגן איר קאפ פאר דעם אלטן גרייז־גרויען ביסקופ קאקאווסקי, גרייט אנצונעמען זיין ברכה.

— די גנעדיקע גרעפין וועט מיר דערלויבן — האט נאך דער ברכה צו איר גערעדט דער אלטער ביסקופ — פארצושטעלן מיין ליבן גאסט, דעם פאטער אנטאניוס. ער איז צו אונדז געקומען פון רוים מיט א וויכטיקער שליחות.

א הויכער שלאנקער, ארומגענומען מיט א שווארצער גלחישער סוטאנע, האט דער פאטער אנטאניוס זיך א שווייגנדיקער לייכט פארנויגט פאר דער גרעפין.

— די שליחים פון הייליקן רוים — האט די גרעפין אויפגעהויבן אירע בלויע אויגן צו דעם אליור־פנים פון דעם גאסט — זענען אונדז שטענדיק ליב און טייער, פאטער אנטאניוס...

— אדאנק, גנעדיקע גרעפין — האט צום ערשטן מאל ארויסגערעדט עטלעכע ווערטער אין פראנצויזיש דער פאטער אנטאניוס.

איר מאַן, דער גראַף יאַן, האָט צו איר צוגעפירט אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן וואָס זיין אויפגעבלאָזן לייב איז געווען איינגעפרעסט אין אַ מונדיר פון אַ רוסישן גענעראַל.

— גענעראַל יאַנושקעוויטש! — האָט אים פאָרגעשטעלט דער גראַף יאַן.

— אַ, מעסיע גענעראַל — האָבן דער גרעפינס אויגן אויפגעשיינט — איך בין גליקלעך צו קענען באַגריסן אין אונדזער באַשיידן הויז דעם קאָמאַנדיר, וואָס באַשיצט אונדזער לאַנד מיט אַזאַ העלדישקייט קעגן דעם גרויזאַמען שונא...

— און איך בין שטאָלץ, גנעדיקע גרעפין — האָט דער גענעראַל צוגעטראָגן יאַדוויגאַס האַנט צו זיין מויל — וואָס מיר איז צוגעפאַלן די גרויסע ערע איבערצוגעבן אייך, גנעדיקע גרעפין, די פערזענלעכע איינלאַדונג פון איר קייזערלעכער הויכקייט — ביי די ווערטער האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע — דער פרינצעסין טאַטיאַנאַ, אין דעם קאָמיטעט פון די הויכגעשטעלטע דאַמען פון רויטן קרייץ...

— איך בין טיף גערירט פון דער גרויסמוטיקייט פון איר קייזערלעכער הויכקייט — האָט די גרעפין יאַדוויגאַס שטימע געציטערט ווי פון כלומרשטער איבערראַשונג — און איך וועל זיין גליקלעך, ווען איך וועל זוכה זיין פערזענלעך צו קענען דאַנקען און באַגריסן איר קעניגלעכע הויכקייט...

— איך האָף, גרעפין, אַז דאָס וועט געשען אינגיכן — האָט דער גענעראַל זיך פאַרנויגט.

— און דערווייל, מעסיע גענעראַל — האָט די גרעפין ווייטער גערעדט — זייט איר דער ווירדיקער שליח פון מיינע אונטערטעניקסטע געפילן צו איר קייזערלעכער הויכקייט...

— אַדאַנק, גנעדיקע גרעפין...

— איך וויל און שטרעב מיט מיין גאַנצן האַרץ — האָט די גרעפין פאָרגעזעצט — כאָטש מיט עפּעס וואָס קענען העלפן די העלדישע זעלנער פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט וואָס גיבן אַוועק זייערע לעבנס פאַר אונדזערטוועגן. נאָר פאַר אייך, גענעראַל, טאָר איך נישט באַהאַלטן

דעם אמת — צי וועל איך נאָר קענען דערפילן מיין פליכט? איך בין אזוי נאַריש און אומבאַהאָלפן... — די גרעפין האָט געמאַכט איינע פון אירע קינדישע מינעס, מיט וועלכע זי באַצווינגט שטענדיק די הער־צער פון די מענער.

— עס איז אַ זינד אזוי צו רעדן, גנעדיקע גרעפין — האָט גענעראַל יאנושקעוויטש זיך גאַלאַנט פארנויגט און ווידער געקושט די שפּיץ־פינגער פון יאדוויגאַס האַנט — אונדזערע פארוואונדעטע אָפיצירן וועלן זיך גלייך דערפילן גוט ווי נאָר זיי וועלן אייך דערזען אין שפּיטאָל...

— איר זענט אזוי ליבענסווירדיק, גענעראַל...

— אַ, מאַדאַם — האָט גענעראַל יאנושקעוויטש גערעדט היים — איך בין אַ פּראָסטער זעלנער און איך וועל זיין גליקלעך אוועקצו־געבן מיין לעבן פאַר זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט. נאָר איצט בין איך מקנא די דיכטער און שיין־רעדנער ווייל אויף מיין פּראָסטער זעלנערי־שער שפּראַך וואָג איך נישט אויסצודריקן מיין באַוואונדערונג פאַר אייך, גנעדיקע גרעפין...

— איר רעדט שענער ווי די דיכטער, גענעראַל — האָט די גרעפין באַשאָנקען דעם גאַלאַנטן גענעראַל מיט איינעם פון אירע באַצויבערנדע שמייכלען.

— איך האָב געהערט — האָט גענעראַל יאנושקעוויטש ווייטער גערעדט — אזוי פיל אויסדרוקן פון באַוואונדערונג פאַר אייך, גרעפין, נאָר איך מוז זאָגן, אז די ווירקלעכקייט שטייגט דאָס מאָל ווייט איבער אַלע מיינע פאָרשטעלונגען און דערוואַרטונגען...

— איך טאָר מער נישט הערן!... — האָט די גרעפין געמאַכט מיט דער האַנט אַ באַוועגונג, ווי זי וויל זיך פאַרשטאָפּן די אויערן, כדי מער נישט צו הערן די באַגייסטערטע קאָמפּלימענטן פון גענעראַל.

— און דער הער גראַף וועט מיר אַנטשולדיקן — האָט גענעראַל יאנושקעוויטש געוואָלט ווייזן דער גרעפין, אז דעם צאַרס אָפיצירן קענען זיין נישט ווייניקער עלעגאַנטע קאַוואַלירן ווי די פּוילישע גראַפן — ווען איך וואָג צו זאָגן, אז כדי צו האָבן אַזאַ באַצויבערנדע קראַנקן־שוועס־טער ווי אונדזער גנעדיקע גרעפין, איז ווערט צו ווערן פאַרוואונדעט אויפן שלאַכט־פעלד...

— רעדט נישט אזוי, גענעראַל!... — איז דער גרעפין יאדוויגאס מלאך־פנימל געוואָרן בלייך פון כלומרשטער שרעק — אייער געזונט איז נויטיק פאַר אונדז אלע... איר מוזט זיין געזונט, גענעראַל, און אונדז ברענגען דעם זיג איבער דעם באַרבאַרישן פיינט...

— דער זיג וועט קומען, מאַדאַם! — האָט גענעראַל יאנושקעוויטש גאוההדיק ארויסגעשטעלט זיין ברוסט, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט אַ שרענגע מעדאַלן.

אויפן ווונק פון גראַף יאַן האָבן די דינער אָנגעפילט די גלעזער.

—פאַרן זיג פון זיין מאיעסטעטס העלדישער ארמיי און אירע גאַלאַנטע אָפיצירן!... — האָט דער גראַף אויפגעהויבן זיין כוס.

— לחיים, לחיים! — האָבן אַלע אָנווענזנדיקע ענטוזיאַסטיש אונ־טערגעהאַלטן דעם טאָסט.

די גרעפין יאדוויגא האָט זיך דערנענטערט צו דעם פירער פון די פוילישע נאַציאָנאַליסטן ראַמאַן דמאָווסקי און שטיל ווי פאַרענט־פערנדיק זיך אַ זאָג געטון:

— צייטן אַזעלכע, ווען מען דאַרף אויסהערן די צווייפלהאַפטע קאָמפּלימענטן פון אַזאַ...

— קוים איז עס גוט פאַר אונדזער זאַך... — האָט דמאָווסקי דאַנק־באַר געדריקט דער גרעפינס האַנט.

— איך האָב לעצטנס פיל געטראַכט וועגן דעם וואָס כ׳האָב גע־הערט פון אייך, הער ראַמאַן — האָט די גרעפין ווי אַ צייכן פון אינ־טימקייט אָנגערופן דעם נאַציאָנאַלן פירער ביי זיין נאָמען — און... האָט יאדוויגא איבערגעריסן ווי זי וואָלט זיך טיף פאַרטראַכט.

— און?... — האָט ראַמאַן דמאָווסקי געקוקט, פרעגנדיק אויף דעם פאַרטראַכטן פנימל פון דער שיינער יאדוויגא.

— און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג — האָט יאדוויגא גערעדט ווי אַ מענטש, וואָס דערלויבט זיך אין אַן ערנסטן מאָמענט טראַכטן הויך אויפן קול — אַז ווי שטענדיק האָט איר אויך דאָס מאָל רעכט, פּאַניע ראַמאַניע...

— אַ דאַנק, גנעדיקע גרעפין — האָט דמאָווסקי שטיל גערעדט

— איך האָב עפּעס אַנדערש נישט דערוואַרט צו הערן און איך בין זיכער, אַז מיט אייער הילף, גרעפין, וועלן מיר פיל דערגרייכן...

— איך בין צו אייער רשות, הער ראַמאַן — האָט די גרעפין באַשיידן געשמייכלט.

ראַמאַן דמאָווסקי איז געווען צופרידן. עס איז אים לייכט אָנגעקומען צונויפצוברענגען די פּוילישע אַריסטאָקראַטן ביי איין טיש מיט די רוסישע אָפיצירן.

— נאַרישע אַריסטאָקראַטלעך — האָט דמאָווסקי מיט גרינגשעצונג געטראַכט וועגן די פּוילישע גראַפן און פירשטן — ראָמאַנטישע טויגעניכצן און לא יצלחס וואָס ווילן נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זייער צייט איז פאַריבער.

ער האָט זיי גרינגגעשעצט און גלייכצייטיק מקנא געווען, די פּוילישע אַריסטאָקראַטן.

אַליין האָט ער באַלאַנגט צו דער אָרימער נישט מיוחסדיקער שליאַכטע. זיינע אבות האָבן נישט געהאַט קיין טיטולן און האָבן נישט באַזיצט קיין גיטער. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרימער באַאַמטער, ביי וועלכן יעדער גראָשן פון זיין קליינעם געהאַלט איז געווען גענוי אויסגערעכנט און ער, ראַמאַן דמאָווסקי, האָט שווער און ביטער געמוזט הערעווען ביז וואַנען ער האָט דערגרייכט, אַז זיין נאָמען זאָל זיין אויף אַלעמענס ליפּן אַלס דער אָנערקענטער פירער פון פאָלק.

ער האָט געהאַסט די לייזיגייער־אַריסטאָקראַטן און גלייכצייטיק געשטרעבט צו ווערן אויך זייער פירער.

— דער ייד איז אייער שונא — האָט ער אריינגעהאַמערט אין די אַריסטאָקראַטישע קעפּ — ער נאָגט אויס דעם מאַרך פון אייערע ביינער און אים, דעם ייד, מוזט איר באַקעמפן...

— געשמאַקלאַז — האָבן די אַריסטאָקראַטישע נעזער זיך געקרימט
— פירשט ראַדזיוויל זאָל אפשר פירן קריג מיט זיין יידישן אַרענדאַר?...
ער האָט נישט קיין געשמאַק, דער דמאָווסקי...

— און מיר מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל געדענקען — האָט דמאָווסקי געוואָלט זיין דער וועגווייזער פון די גראַפן — אַז די גלענצנדיקע צייטן פון אונדזערע קעניגן וועלן מער נישט צוריקקומען... די

רוסישע צאַרן זענען די הערשער און איר דאַרפט עפּענען די סאַלאָנען פאַר זייערע אָפיצירן... מיט גוטן וועט זיך אפשר איינגעבן עפּעס צו באַקומען...

נאָר ער האָט באַקומען אַן אויסמיידנדיקע תשובה:

— מיר מישן זיך נישט אין פּאָליטיק...

אין דער טיפעניש פון האַרץ האָבן זיי מסכים געווען מיט דעם דמאָווסקי. זיי האָבן אפילו געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו די רוסישע חיילות, וואָס היטן זייערע גיטער און פּאַלאַצן פון די גיריקע בליקן פון די אויסגעהונגערטע פּויערים און זייערע אונטערהעצער די גאָטלאָזע סאָציאַליסטן. יאָ, אין האַרץ איז מען זיי שוין גרייט געווען מוחל צו זיין די „מאָסקאַלעס" און אין די פּאַלאַצן פון גרויסן אדל האָט מען מער נישט געטראַכט וועגן אויפשטאַנדן און מלחמות צו באַפרייען פּוילן.

עפענען פאַר די צאַרישע אָפיצירן די טויערן פון די גרויספּריצישע פּאַלאַצן איז מען אָבער נאָך נישט גרייט געווען. פּאָרט אַ נעכטיקער שונא און אונטערדריקער. פּאָרט קען מען נישט פאַרגעסן די אַלע, וואָס זענען פאַר זייערע פּאַוסטאַניע־זינד פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און זייערע גיטער האָבן זיך צוגענומען די מאָסקאַלישע גענעראַלן. האָבן זיך די פּוילישע גראַפן נאָך געקווענקלט אָנצונעמען דמאָווסקיס רייד...

דער אויסברוך פון קריג האָט געגעבן אַ „הכשר" די שטאָלצע פּוילישע פּאַנעס. דער „שוואַב" (דייטש) איז נאָך ערגער פאַרן מאָסקאַל. ער, דער מאָסקאַל, באַלאַנגט דאָך פּאָרט צו דער סלאַוון־משפּחה.

האָבן זיי זיך שוין אויפמערקזאַמער צוגעהערט צו דמאָווסקיס רייד:

— דער פירשט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, דעם צאַרס פעטער — האָט דמאָווסקי געגעבן צו פאַרשטיין זיינע אַריסטאָקראַטישע צוהערער — איז איצט דער פאַקטישער הערשער פון דער רוסישער אימפּעריע. ער איז דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אַלע רוסישע אַרמייען און איך האָב געגעבן אינפאָרמאַציעס, אַז ער וויל צוריק אויפשטעלן די פּוילישע מלוכה און אָן אייך, מיינע הערן, ווענדט עס זיך, אַז מיר זאָלן ווידער נישט פאַרלירן די גרויסע היסטאָרישע שאַנס...

— און די געפאַר איז נישט קליין... די סאָציאַליסטן אונדזערע און

די יידן העלפן דעם שונא און ווער ווייסט, צו די שולד וועט נישט פאלן אויף אונדז און צי מיר אלע וועלן נישט דארפן צאָלן דעם פרייז...

די פנימער פון די גראפן זענען בלייך געוואָרן. זיי האָבן גאָרנישט געהאט קיין חשק אין דער צייט פון קריג איינצורייסן מיטן גרויס־פירשט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש און פארשיקט צו ווערן קיין סיביר.

— איז וואָס קען מען טון?

און דער נאַציאָנאַלער פירער האָט זיי געלערנט מיט א שמייכל אויף זיין קאלט פנים:

— מיר דארפן נישט פיל טון, מיינע הערן, עס וועט גענוג זיין צו עפענען פאר זייערע אָפיצירן אונדזערע שטיבער, איינלאדן זיי צו אונדזערע פארוויילונגען, באוויזן זיך פון צייט צו צייט אין זייערע מיליטערישע שפּיטעלער, אויסטרינקען מיט זיי א גלעזל וויין, קורץ, אויפהערן זיך ברוגזן...

— נישט שלעכט, נישט שלעכט — האָבן די פנימער פון די אַריסטאָקראַטן אויסגעדריקט זייער צושטימונג.

— און איר דארפט נאָך עפּעס וויסן, מיינע הערן — האָט דמאָווסקי געֿרעדט מיט א פארטרויליכן טאָן — דער גענעראל יאנוש־קעוויטש איז דער שעף פון דעם פירשט ניקאָליי ניקאָלייעוויטשס שטאָב און ער פירט מיט אלעם אָן און דער גענעראל איז — אן אונדזעריקער...

— אן אונדזעריקער? — האָבן זיך צו דמאָווסקין צוגעבויגן די אַריסטאָקראַטישע צוהערער.

— יאָ, מיינע הערן, אן אונדזעריקער... ער שטאַמט פון אן אלטער פוילישער פאַמיליע און געדענקט נאָך אביסל אפילו אונדזער לשון... היינט פארשטייט איר שוין, וואָס דער גענעראל קען פאר אונדז זיין, אויב מיר וועלן נאָר האָבן שכל...

גראף יאן בראניצקי, דער טאַלעראַנטער מאַן פון דער שיינער גרעפין יאדוויגא, האָט זיך מער נישט געוואָקלט און ארויסגעשיקט צו דעם גענעראל יאנושקעוויטש א זייער פריינטלעכע איינלאַדונג.

— גיי, גיי צו די פּאַליאַטשקעס — האָט דער פירשט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע זיין שטאָב־שעף — נאָר

זיי פֿאַרזיכטיק מיט זייערע ווייבלעך, זיי זענען ביטרע, די פּאַליאַטש־קעס...

און ער האָט צוגעוואָרפֿן מיט אַ שמייכל:

— און זאָג זיי, די פּאַליאַטשקעס, אַז מיר זענען גוט געניגט צו זיי, נאָר טאָמער מיינען זיי אונדז ווידער צו נאַרן, אָ!...

דער גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט זיך געפֿילט אויסגעצייכנט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די פּוילישע פּריצים. ער איז געווען צופֿרידן פֿון דעם גראַפֿס קוכער און פֿון זיינע וויינען.

— זיי ווייסן, די פּאַליאַטשקעס, ווי אַזוי צו סערווירן אַ טיש — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש געטרונקען איין גלאָז שאַמפּאַניער נאָכן אַנדערן.

— און די גרעפֿין! — האָבן דעם גענעראַלס אויגן געגלאַנצט — אַך, ווען מ׳קען זי אַזוי...

די גרעפֿין איז געווען זייער פֿריינטלעך צו אים. ביי יעדער גע־לעגנהייט האָט זי זיך צוגעזעצט צו אים און פֿון מאָל צו מאָל האָט איר פּיסל ווי נישט ווילנדיק אויף אַ רגע אָנגערירט זיין פּוס...

— ווער ווייסט — האָט דער גענעראַל שווער געאָטעמט — מען דאַרף פּרווון...

און זיינע קאָמפּלימענטן פֿאַר דער גרעפֿין יאַדוויגאַס שיינקייט זענען געוואָרן אַלץ הייסער און ענטוזיאַסטישער.

גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט זיך וואָס אַמאָל מער צעוואָרעמט. ער האָט דערציילט וועגן זיינע אויפֿטוען אין קריג און געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט אַזעלכע סטראַטעגישע פּלענער, וואָס וועלן איבערראַשן די וועלט.

די פּריצים האָבן אים צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און די גרעפֿין יאַדוויגאַ האָט אים פֿייערלעך פֿאַרזיכערט:

— איך גלויב אין אייער שטערן, גענעראַל, איך גלויב...

— גאָרנישט אַזוי שלעכט זענען זיי, די פּאַליאַטשקעלעך — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש געטראַכט — עס פֿאַרברענגט זיך מיט זיי פֿיין און זייערע ווייבלעך זענען דאָך נישט אָפּצושאַצן!...

פֿונדעסטוועגן האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש טראָץ דעם שאַמפּאַ־

גיער און טראָץ דעם באַצויבערנדיקן באַריר פון דער גרעפינס פיסל נישט פאַרגעסן צו זאָגן וואָס ער האָט באַדאַרפט זאָגן.

— אונדזער גנעדיקער האַר זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט — האָט ער פייערלעך דערקלערט ביים טיש — איז אייער אמתער גרויסער פריינט און ער שטרעבט צו זיין אייער געטרייער פאָטער, פונקט, ווי ער איז צו אַלע מענטשן פון הייליקן רוסלאַנד און זיין קייזערלעכע הויכקייט דער גרויספירשט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש, מיט וועלכן איך האָב דאָס גרויסע גליק צוזאַמענצואַרבעטן, האָט די בעסטע ווונטשן און ער וויל ערלעך און אויפריכטיק צוריק אויפשטעלן אייער פירשטנטום...

די פריצים האָבן זיך געמאַכט נישט הערן, אַז דער גענעראַל רעדט וועגן פירשטנטום און נישט מלוכה, זיי האָבן געטרונקען ענטוזיאַסטישע טאָסטן לכבוד דעם קיסר און זיין הויפט קאָמאַנדיר און דעם גוטן בשורה־ברענגער, דעם גענעראַל יאַנושקעוויטש.

— איך — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש מיט שטאָלץ זיך אַ קלאַפּ געטון אין זיין מיט מעדאַלן באַהאַנגענע ברוסט — האָב שוין נעכט גאַנצע פאַרברענגט באַטראַכטנדיק די פּלענער פון פוילישן פירשטנטום...

— איר זייט אונדזער גרויסער פריינט — האָט דער גרעפינס פיסל זיך לענגער אָנגעשפּאַרט אין דעם גענעראַלס פּיס.

— יאָ, איך בין אייער פריינט — האָט דער גענעראַל גערעדט און דערביי נישט פאַרגעסן צוצודריקן זיך פעסטער צו דער קני פון דער גרעפין — און אין מיינע אָדערן פליסט אויך פוילישׂ בלוט און דעריבער נעם איך מיר דאָס רעכט אייך צו וואָרענען נישט צופיל זיך צו שפּילן מיט פייער!...

ביים טיש איז געוואָרן שטיל.

— פאָרט אַ מאָסקאַל אין טאַקט — האָט דער גראַף יאַן אַראָפּ־געלאָזט די אויגן צום טיש.

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט איבערגעריסן די נישט אָנגענעמע שטיל־קייט מיט אַ צעשמייכלט פּנים:

— מעג איך פרעגן, גענעראַל, וואָס אַזעלכעס עס איז געשען?

— יאָ, גנעדיקע גרעפין, אין א הויז פון פריינט און דזשענטלמע־נער מעג איך וועגן דעם רעדן. מיר האָבן שוין זינט אַ צייט פעסט־געשטעלט, אַז דער שונא ווייסט יעדעס מאָל פריער וואָס מיר גרייטן זיך צו טון. זיי זענען נישט קיין נביאים אָדער מלאכים, אונדזערע פיינט, עס זענען דאָ פאַררעטער וואָס גיבן איבער דעם שונא...

— אויסוווּרפן! — האָט אויסגערופן די גרעפין.

— יאָ, אויסוווּרפן, אָבער, ליידער, האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז עס עקזיסטירט אַ גאַנצע אָרגאַניזאַציע ביים סאַמע פראָנט וואָס באַ־שעפטיקט זיך מיט דער דאָזיקער פאַררעטערישער אַרבעט און צו מיין גרויסן באַדויערן מוז איך פעסטשטעלן, אַז די שולד פאַלט אויף די איינוווינער פון דעם לאַנד...

גענעראַל יאַנושקעוויטש איז אַנטשוויגן געוואָרן און די שטילקייט אין דער גרעפינס סאַלאָן איז געוואָרן אַן אָנגעצויגענע.

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט געוואָרפן אַ פּילזאָגנדיקן בליק אויף ראַמאַן דמאָווסקין און קוקנדיק אין דעם מיט פעטקייט אָנגעלאָפּענעם פּנים פון גענעראַל, געזאָגט:

— מעג איך מיר דערלויבן צו זאָגן, מעסיע גענעראַל, אַז אויך אונדזערע העלדישע פּאַרטיידיקער, וועלכע עס איז פילעם דערלויבט, דאַרפן פונדעסטוועגן נישט זיין אַזוי מוראדיק אומגערעכט...

די דרייסטע אַרויספּאָדערנדיקע ווערטער צו דעם מעכטיקן צאַרישן שטאַב־שעף האָבן די לופט אָנגעפילט מיט עלעקטריציטעט. עס האָט געשמעקט מיט סקאַנדאַל.

גענעראַל יאַנושקעוויטשעס געזיכט האָט זיך פאַרכמורעט און ער האָט מיט בייזער העפלעכקייט געזאָגט:

—אויב די גנעדיקע גרעפין מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז די פאַקטן וואָס איך האָב אָנגעגעבן זענען נישט קיין ריכטיקע, דאַן...

— זיי זענען ריכטיק, די פאַקטן — האָט אים די גרעפין נישט געלאָזט ענדיקן — און איך וואָלט געקענט ציטירן נאָך אַנדערע פאַקן, נאָר איר האָט פאַרגעסן, מעסיע גענעראַל, אַז אין דעם לאַנד וווינען אויך —יידן!...

די אָנוועזנדיקע האָבן לייכטער אָפּגעעטעמט און זייערע פּנימער האָבן זיך צופרידן צעשמייכלט.

— און איר האָט פארגעסן, מעסיע גענעראל — האָט דער גרעד־פינס מלאך־פּנימל געפלאַמט פון טיפער געריטקייט — אַז אונדזערע אָרימע שטעט און שטעטלעך און אפילו דערפער זענען פארפלייצט פון די זשידאָווסקע קאַפּאָטעס וואָס נישטערן און זוכן אומעטום און אוודאי זענען זיי דאָך אויך אויפן פראָנט.

— אָבער איך האָב געהערט, אַז די סאָציאַליסטן... — האָט דער גענעראל זיך דערמאָנט אַן א געהיימען ראַפּאָרט, וואָס ער האָט היינט געלייענט וועגן דעם פּוילישן סאָציאַליסט מיטן נאָמען זיוק.

— זיי רופן זיך סאָציאַליסטן — האָט די גרעפין זיך פונאנדער־געלאַכט — אָבער זיי זענען דאָך די זעלבע — „זשידקעס"... — זיי האָבן בלויז אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטעס און זיך אָפּגעשוירן די פּיאות!...

און די גרעפין האָט צוגעטראָגן אירע ביידע הענט צו איר האַרץ און מיט א בעטנדיק קול געזאָגט:

— א, גענעראל, ווען איר קענט אונדז באַפרייען פון די דאָזיקע יידן!...

טרערן האָבן געגלאַנצט אין יאַדוויגאַס בלויע אויגן פון הימל־קאָליר און זי האָט שטיל צוגעגעבן:

— איך אַליין, מעסיע גענעראל, ווייס ווייניק און פארשטיי נאָך ווייניקער... נאָר אונדזער גרויסער און פארערטער נאַציאָנאַלער פירער ווייסט אַלץ וועגן דער דאָזיקער יידישער פּלאָג, וואָס האָט זיך אָנגע־זעצט אויף אונדזער אומגליקלעך פאָלק.

און ראַמאַן דמאָווסקי האָט גענומען רעדן. ער האָט גערעדט מיט א טאָן פון א געלערנטן און מיט דער רואיקייט פון א שטאַטסמאַן. ער האָט ציטירט מיינונגען פון געלערנטע, האָט זיך פאררופן אויף פאַקטן פון לעבן, האָט דורכגעפירט געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס און איז געקו־מען צום אויספיר, אַז אַלע צרות שטאַמען פון די יידן —

— אַזוי לאַנג ווי זיי, די זשידעס — האָט ער גערעדט — האָבן זיך בלויז באַנוגנט מיט צוגזלען אונדזערע פארמעגנס, זענען מיר גע־

ווײַן געדולדיק. איצט אָבער ווילן זיי שוין אויך פאַרסמען אונדזערע נשמות און דאָס טאָר נישט דערלאָזט ווערן...

דער אַלטער ביסקופּ האָט צוגעשאָקלט מיט זיין גרויען קאָפּ און דער רעדנער האָט פאָרגעזעצט:

— און דאָס געפערלעכסטע איז — די יידישע אחדות. זיי זענען כלומרשט איינגעטיילט אין פאַרשידענע גרופּן, אין פרומע און פריידענקער, אין רייכע און אין סאָציאַליסטן, אין פאַרצייטישע רבנים און אין מאָדערנע געלערנטע, אָבער דאָס אַלץ איז נאָר אַ מאַסקע, מיט וועלכער זיי נאַרן אָפּ אונדז, די גויים, ווי זיי רופן אונדז...

— ריכטיק, ריכטיק... — האָבן זיך ביים טיש געהערט שטימען.

— פיין, פיין, — האָט אויך מסכים געווען דער גענעראַל יאַנוש־קעוויטש — עס פרייט מיך זייער צו הערן אַזעלכע אמתדיקע רייד...

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט זיך צוגעזעצט צו דעם גאַסט פון רוים און מיט אַ פרום פּנים געזאָגט:

— פּאַטער אַנטאָניוס, איך באַדויער זייער וואָס איר פאַרשטייט נישט אונדזער שפּראַך און איך וועל פּרוּוון איבערזעצן... עס האַנדלט זיך וועגן די פאַרביטערטסטע פיינט פון אונדזער קירכע, די יידן...

דאָס לענגלעכע אַליוור־פּנים פון פּאַטער אַנטאָניוס האָט נישט קיין צוק געטון. ער האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דער גרעפין און נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיינע טונקל־ברוינע אויגן עפּעס ווי אויפגעבליצט...

— מיר פירן איצט אַ שווערן קאַמף מיט אַ שטאַרקן אויסערלעכן שונא — האָט דמאַווסקי געענדיקט — אָבער אויב מיר ווילן זיגן, מוז מען קודם אומשעדלעך מאַכן דעם אינערלעכן פיינט — די יידן...

— אָ, וועגן דעם וואָלט איך געהאַט עפּעס אינטערעסאַנטס צו דערציילן.

דער פּריץ קאָוואַלסקי פון ספּרעך איז נישט געווען זייער רייך און נישט פון באַזונדערס גרויסן יחוס און ער האָט זייער געוואָלט לאָזן הערן זיין שטימע צווישן אַזעלכע געהויבענע לייט.

— ביטע, הער קאָוואַלסקי — האָט די גרעפין יאַדוויגאַ פריינטלעך צו אים געשמייכלט — מיר הערן...

דער פּריץ קאָוואַלסקי האָט מיט גרויס חשיבות אַרויסגעשאַרצט זיינע וואָנצעס, האָט אָפּגעהוסט און גענומען רעדן:

— איך ווייס נישט, גנעדיקע גרעפין, צי פיל ביי דעם טיש ווייסן, אַז אויף דער ערד פון אונדזער לאַנד האָבן זיי, די יידן, זיך אויפגעשטעלט אַ ניי פּאַלעסטינאַ...

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָבן זיך געהערט שטימען — דאָס איז אַ פיינער וויץ...

— מיינע הערשאַפטן, — האָט דער פּריץ קאָוואַלסקי צופרידן פון ערשטן דערפאָלג שוין דרייסטער און זיכערער גערעדט — ווען עס וואָלט געווען בלויז אַ וויץ, וואָלט איך מיטגעלאַכט. ליידער, איז עס אָבער אַ טרויעריקער פאַקט, די זשידאָווסקע פּאַלעסטינאַ...

— דערציילט, דערציילט!... — האָט דער גרעפינס מלאך־פּנימל געשיינט.

— איך האָב די צווייפלהאַפטע ערע — איז דער פּריץ קאָוואַלסקי געווען גליקלעך מיט זיין דערפאָלג — צו זיין אַ נאָענטער שכן פון דער דאָזיקער זשידאָווסקער פּאַלעסטינאַ... מיין גוט ספּרעך געפינט זיך לעבן דעם שטעטל גוראַ קאַלוואַריאַ, אָדער ווי יידן רופן עס — גער...

אַלע האָבן איצט אויפמערקזאַם געהערט און קיינער האָט נישט באַמערקט ווי דאָס פּנים פון פּאָטער אַנטאָניוס האָט אַ לייכטן צוק געטאָן ביים דערמאָנען דעם נאָמען גער...

— אין דעם גער איז עס די זשידאָווסקע פּאַלעסטינאַ. דער הערשער דאָרט איז דער ראַבין. און נישט בלויז יידן, נאָר אויך די גויים מוזן אים, דעם זשידאָווסקע ראַבין, הערכן... און זיין פּאַלעסטינאַ איז נישט בלויז דאָס קליינע שטעטל, נאָר אַלע יידן פון גאַנצן לאַנד און אויך פון אויסלאַנד באַקומען זייערע באַפעלן פון דעם פּאַלעסטינאַ־הערשער...

— אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש מיט אַ בליי פאַרצייכנט — נו, איך האָף, אַז אינגיכן וועט נעמען אַ סוף צו דער זשידאָווסקער הערשאַפט...

— דערווייל אָבער — האָט דער פּריץ קאָוואַלסקי אַ זאָג געטאָן

— שרעקן זיי זיך נישט, די זשידעס, און ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זיי אויף דעם ראַבינס גאַס צעשטאָכן אַ זעלנער...

— וואָס האָט איר געזאָגט?! — איז דעם גענעראַלס פּנים געוואָרן אָנגעגאָסן מיט בלוט פאַר כעס — זשידעס האָבן צעשטאָכן דעם צאַרס אַ קעמפּער?!...

— יאָ, הער גענעראַל, אַזוי, לײדער, איז עס געווען — און ער האָט מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט ווי דער שמייסער־יונג יאַנקל פון גזשיבאָוו האָט פּרייטיק־צו־נאַכטס באַפאַלן אַ זעלנער און אים אַזוי מוראַדיק צעשטאָכן, אַז זיין לעבן איז אין געפאַר...

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ כיטרע זיס שמייכעלע:

— און דעם פאַרברעכער האָט מען צומאָל נישט געכאַפּט... די זשידקעס ווילן נישט אויסזאָגן. אַז זייער ראַבין הייסט, קענען זיי שווייגן, די יידן...

דער פּריץ קאָוואַלסקי האָט זיך גלייך געמאַכט די וואָנצעס און צוגעוואָרפן:

— איך בין דאָך אַ שכן, פונדעסטוועגן האָב אויך איך בלויז זיך געקענט דערוויסן, אַז דער פאַרברעכער איז געקומען פון וואַרשע...

דער גראַף יאַן בראַניצקי, וועלכער האָט שוין געפירט געשעפטן מיט עפּשטיינען, האָט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרגלעטן:

— פונדעסטוועגן — האָט ער דיפּלאָמאַטיש געזאָגט — דאַרף מען נישט זיין איילעק מיט אַרויסטראָגן אַן אורטייל... אפשר האָט דער ראַבין נישט געוווּסט. אָט האָב איך געהערט פון אַ לאַיאַלן בירגער, כאָטש אַ זשיד...

— ווער?!! — האָט די גרעפין שאַרף אָנגעקוקט איר מאַן.

— עפּשטיין — האָט דער גראַף שוין מיט אומזיכערקייט אַרויס־געוערדט.

— אַך, מיין טייערער ווי נאַאיוו מיר זענען נאָך אַלץ!... — האָבן די גרעפינס אויגן געגליט מיט שנאה — דו מיינסט, אַז ווייל דער עפּ־שטיין האָט מיליאָנען, ווי איך האָב געהערט, קען ער שוין נישט זיין אַ באַהאַלטענער סאָציאַליסט!... אַ זשיד איז שטענדיק אַ זשיד...

— יאָ, איר האָט רעכט, גנעדיקע גרעפין — האָט גענעראַל יאַנוש־

קעוויטש אַרויסגעטראָגן זיין אורטייל — אַ זשיד בלייבט אַ זשיד... יאָ, און דעם פאַרברעכער, וואָס האָט געוואַגט צו שטעכן אַ סאָלדאַט, וועט גאָרנישט העלפן... מעגן אַלע זשידאָווסקע ראַבינס און מיליאָנערן אים אויסבאַהאַלטן... מירן אים שוין אַרויסבאַקומען פון זיין באַהעלטעניש...

און מיט דער זיכערקייט פון אַ זיגער האָט דער גענעראַל צוגעגעבן:

— מיר וועלן שוין מאַכן אַן ענדע צו דער זשידאָווסקע פּאַלעסטינאַ!

— אַה, מסיע גענעראַל, מיר וועלן אייך שטענדיק געדענקען... — דער גרעפין יאַדוויגאַס אויגן זענען געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט — און איך ווייס נישט ווי אַזוי מיר וועלן זיין אימשטאַנד אייך אויסצודריקן אונדזער דאַנקבאַרקייט.

— אייער שמייכל, גרעפין, איז פאַר מיר דער העכסטער פּריז!... — האָבן די הייסע בליקן פון גענעראַל יאַנושקעוויטש דורכגעריסן זיך דורך דעם דינעם געוועב וואָס האָט איינגעהילט און גלייכצייטיק אַנטפּלעקט יאַדוויגאַס לייב.

און גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר דער גרעפין יאַדוויגאַ.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן די פּריצים געטרונקען מיטן צאַרישן גענעראַל, אַלע זענען שוין געווען האַלב־שיכור און אַלע האָבן מסכים געווען, אַז די זשידעס זענען די גרעסטע צרה...

שפּעט האָט די פּראָנצוויזין לואיז געהאָלפן איר האַרין זיך באַפרייען פון איר אָוונט־קלייד.

— מעג איך אויף אַ מאָמענט שטערן — איז אין בודואַר אַריינגעקומען דער גראַף יאַן. — אַ געלונגענער אָוונט, מיין טייערע? — האָט דעם גראַפס שטים אויסגעדריקט צווייפל.

— זייער, זייער געלונגען — איז די גרעפין יאַדוויגאַ געווען צופרידן.

— איך האָב נישט באַדאַרפט דערמאָנען עפּשטיינס נאָמען — האָט דער גראַף גערעדט קווענקלענדיק זיך — און דו, מיין טייערע, האָסט אים אומזיסט אַריינגעשלעפּט.

— וואָס, דו האָסט שוין אויך מורא פאַר די זשידאָווסקע מיליאָנערן? — האָבן זיך בייזע פייערלעך אָנגעצונדן אין יאַדוויגאַס אויגן —

אפשר וועסטו מיך שוין הייסן חברן זיך אויך מיט די זשידאָווסקע בערטעס!...

דער גראַף יאַן האָט שווייגנדיק אַ צי געטון מיטן אַקסל. וואָס איז געשען מיט יאַדוויגאַ? ווער האָט אָנגעצונדן איר פּאַטריאָטיש פייער? זאָל עס זיין דער שרייער דמאָווסקי? דאָס אַריסטאָקראַטישע פּנים פון גראַף יאַן האָט זיך אויסגעקרימט. ער האָט געמיינט, אַז יאַדוויגאַ האָט אַ בעסערן געשמאַק.

— די גרעפין האָט היינט וווּנדערבאַר אויסגעזען? — האָט די באַדינערין לואיז זיך געחנפעט צו אירע הערשאַפטן.

דאָס מאָל האָט די גרעפין יאַדוויגאַ נישט געהערט די חניפה־רייד פון דער פראַנצויזין. אין איר געדאַנק האָט זי זיך איצט אויסגעטענהט מיט וויקטאָרן.

— האָסט געמיינט, נאַרישער וויקטאָר, אַז יאַדוויגאַ קען נאָר קושן און ליבן, אַז מער ווי ליבעס שפּילן קען זי נישט... נו איצט וועסטו זיך דערוויסן, אַז יאַדוויגאַס שאַרפע ציינדלעך קענען אויך בייסן... וועסט זיך נאָך פיל דערוויסן, וויקטאָר...

— און דו, יידישע בערטע, — האָט די גרעפין געבייזלט אירע פויסטלעך — ווילסט מיט רעוואָלוציע־אידעאַלן פאַרנאַרן צו זיך אין בעט וויקטאָרן!...

נו, וועלן מיר נאָך זען, וואָס גענעראַל יאַנושקעוויטש וועט דערצו זאָגן...

— דו קענסט נאָך נישט די גרעפין יאַדוויגאַ, דו יידישקע... נישט בלויז דו אַליין וועסט צאָלן דעם פּרייז, אַלע ציבעלע־יידענעס וועלן מיט דיר מיטוויינען...

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט אַ שמייכל געטון צו איר מאַן:

— עס איז געווען אַ פיינער אָוונט, יאַן...

דער גראַף יאַן האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז אָנגעשטעלט זיין מאָנאָקל אויף זיין ווייב. יאַדוויגאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסל, ווי זוכנדיק שוץ ביי אים און, גלעטנדיק זיין פליק, געזאָגט:

## אין שטורעם

— די יידישקעס זענען נאָך ערגער פאַר די יידן. די יידן האָבן צוגענומען אונדזער געלט; זייערע ווייבער אָבער גזלנען שוין צו אונדזערע מענערס הערצער... פאַרשטייסט, מיין טייערער...

דער גראַף יאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל מיינט יאַדוויגאַ ערנסט דאָס, וואָס זי זאָגט.

## קאפיטל 11

# די שלאָפלאָזע נאַכט פון פאָטער אַנטאָניוס

דער פאָטער אַנטאָניוס האָט צוזאַמען מיטן אַלטן ביסקופּ פאַרלאָזט דאָס הויז פון דער גרעפין יאַדוויגאַ בראַניצקאַ.

ער איז געווען דער גאַסט פון ביסקופּ און איז צוזאַמען מיט אים צוריקגעפאָרן אין ביסקופס פּאַלאַץ.

— איך האָף, טייערער פריינט — האָט דער ביסקופּ צו אים געזאָגט — אַז איר האָט זיך נישט צופיל געלאַנגווייליקט דעם היינטיקן אָוונט...

— אָ, ניין... — האָט דער פאָטער אַנטאָניוס קורץ געענטפערט מיט אַ מידער שטימע.

— איך ווייס נישט, צי איר קענט אַלץ פאַרשטיין וואָס עס קומט איצט פאָר אין אונדזער לאַנד און ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך אייך פּרוּוון אויפקלערן, נאָר איצט איז שוין שפּעט און איר האָט היינט געהאַט אַ שווערן אַרבעטס־טאָג.

דער פאָטער אַנטאָניוס איז אַוועק אין די אַפּאַרטאַמענטן, וואָס זע־נען אים באַשטימט געוואָרן אין ביסקופן־פּאַלאַץ, אַלס דער שליח פון הייליקן פאָטער אין רוים.

— צי נויטיקט זיך דער ווירדיקער פאָטער אין עפּעס? — האָט מיט אַ שטילער שטים געפרעגט דער אַלטער דינער פון ביסקופן־פּאַלאַץ.

— אַ דאַנק, איך וועל זיך היינט אין גאָרנישט מער נויטיקן — האָט דער פאָטער אַנטאָניוס געגעבן אָנצוהערן, אַז מען דאַרף אים מער נישט שטערן.

ער איז געבליבן אַליין. און ער האָט זיך אַ מידער אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפן פאָטעל.

פון אַלע װענט האָבן הײליקע בילדער אַראָפּגעקוקט אויף דעם פאָטער אַנטאָניוס.

ער האָט אָבער דאָס מאָל זײ נישט געזען און נישט געפילט אויף זיך די שװערע מאָנענדיקע בליקן פון די שטומע הײליקע, װאָס האָבן פון אַלע זײטן אים אַרומגערינגלט.

מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, װי ער װאָלט אײנגעשלאָפן, איז דער פאָטער אַנטאָניוס געזעסן אומבאַװעגלעך אין זײן פאָטעל.

פאַר זײנע אויגן איז אויפגעשװומען אײן בילד. ער האָט געטריבן פון זיך דאָס בילד, דער פאָטער אַנטאָניוס, האָט עס געװאָלט פאַריאָגן פון זײנע אויגן. ער האָט נאָך פעסטער צוגעשלאָסן זײנע אויגן, דער פאָטער אַנטאָניוס, האָט טיפער זיך אַרײנגעזעצט אין פאָטעל, װי װעלנדיק זיך פאַר עמיצן אויסבאַהאַלטן.

אַלע באַמיאונגען אָבער זענען געװען אומזיסטע. דאָס פאַרטריבענע און פאַריאָגטע בילד איז צוריקגעקומען, האָט נישט געװאָלט אָפּטרעטן און האָט זיך נאָך גערײצט מיטן פאָטער אַנטאָניוס:

— עס װעט דיר גאָרנישט העלפן, מײן טײערער, פון מיר אַנטלויפט מען נישט...

און מיטאַמאָל איז פאַר דעם פאָטער אַנטאָניוס קלאָר געװאָרן, אַז אין דער אמתן װיל ער גאָרנישט דאָס בילד פאַרטרײבן. פאַרקערט, ער בענקט נאָך דעם בילד. ער יאָגט כלומרשט דאָס בילד פון זײנע אויגן, כדי עס באַלד צוריקצורופן.

יאָ, ער האָט מורא צו קוקן אויף דעם בילד, אָבער צוליב דער מורא זײנער װיל ער עס נאָך מער האָבן נעבן זיך, דאָס בילד...

און נאָך עפּעס װערט פאַר דעם פאָטער אַנטאָניוס קלאָר. עס װערט אים קלאָר, אַז דאָס דאָזיקע בילד האָט אים קײנמאָל נישט פאַרלאָזט, אַז אויך אין די שטילע צימערן פון װאַטיקאַן, אין רוים, איז דאָס בילד פון אים נישט אָפּגעטרעטן.

ער דערמאָנט זיך איצט, דער פּאָטער אַנטאָניוס, זיין לעצטן גע־שפּרעך מיט דעם קאַרדינאַל גיאַספּאַרי אין דער וואַטיקאַן־ביבליאָטעק.

— עס פרייט מיך אייך מיטצוטיילן, פּאָטער אַנטאָניוס — האָט צו אים געזאָגט דער קאַרדינאַל גיאַספּאַרי — אַז דער הייליקער פּאָטער האָט באַוויליקט אויסצודריקן זיין גרויסע צופרידנהייט מיט אייער אַר־בעט און ער האָט מיך באַפולמעכטיקט אייך איבערצוגעבן זיין דאַנק...

— איך בין גליקלעך דאָס צו הערן — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

— און אַלס צייכן פון אַלערהעכסטן צוטרוי — האָט דער קאַרדינאַל ווייטער גערעדט — האָט דער הייליקער פּאָטער באַשלאָסן אייך צו שיקן, פּאָטער אַנטאָניוס, קיין וואַרשע און דאָרט צו זיין די אויגן און אויערן פון באַזיצער פון דער הייליקער פּעטער־שטול.

— איך בין שטענדיק צום רשות פון הייליקן פּאָטער — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס געזאָגט מיט אַן הכנעהדיקן, אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרומען און געטרייען פאַרשטייער פון דער קירכע.

און עפּעס אַ מאָדנע פרייד און אומגעדולד האָט דעמאָלט דעם פּאָ־טער אַנטאָניוס אַרומגענומען. ער איז אין שליחות פון דער קירכע גע־שיקט געוואָרן אין פאַרשידענע וועלט־טיילן און אויף זיינע רייזעס האָט ער פיל געזען און איבערגעלעבט, נאָר אַזאַ פרייד און אַזאַ אומגעדולד האָט ער קיינמאָל נישט געפילט ווי דאָס מאָל, ווען ער האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין וואַרשע.

ער האָט דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען און אפשר נישט געוואָלט פאַרשטיין די דאָזיקע פרייד.

נאָר איצט ווייסט ער שוין, דער פּאָטער אַנטאָניוס, אַז ער האָט די גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך דעם בילד, וואָס שטייט איצט פאַר זיינע פאַרשלאָסענע אויגן.

ער האָט ביז איצט נישט געוווסט, דער פּאָטער אַנטאָניוס, אַז מ׳קען זען מיט צוגעמאַכטע אויגן. איצט ווייסט ער, אַז אויך דאָס איז מעגלעך. ער האַלט פעסט צוגעשלאָסן די אויגן, דער פּאָטער אַנטאָניוס, און ער זעט אַלץ אַזוי קלאָר און דייטלעך.

— וואַרט, וואַרט — פּליסטערן זיינע ליפּן — איך וויל אַליין

דערקענען די גאַס... יאָ, יאָ... עס איז די טוואַרדע גאַס... און דאָס שוואַרצהנעוודיקע ייִנגעלע מיט די פּאהלעך וואָס באַמבלען זיך איבער זיין קינדיש פּנימל... שלמהלע... ער שאָקלט זיך, שלמהלע, איבער אַזאַ גרויסער גמרא און זינגט זיך צו, שלמהלע... באַלד, באַלד, לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס האָסטו געלערנט, שלמהלע? — דער פאָטער אַנטאָניוס קנייטשט דעם שטערן און וויל זיך דערמאָנען — יאָ, יאָ, „חולין", „חולין" האָסטו געלערנט און וועגן „גיד הנשה" האָסטו זיך צעזונגען, שלמהלע...

אַ ציטער לויפט דורך דעם לייב פון פאָטער אַנטאָניוס. דאָס בילד פון שלמהלע פאַרפּילפּאַכט זיך פאַר זיינע פאַרשלאָסענע אויגן. שלמהלע איז שוין מער נישט קיין קינד. ער איז שוין אַ דערוואַקסענער בחור. זיינע פאות זענען נאָך לענגער געוואָרן און אויך זיין אַמאָליק פּול־קייַלעכיק פּנים איז געוואָרן לאַנג און בלייך. ער איז דער עילוי פון דער טוואַרדע גאַס, שלמהלע. ער זאָגט שוין אייגענע פּשטלעך, שלמהלע, און שטייט שוין אין שידוכים... אין די פינצטערע נעכט וויינט ער אָפּט, שלמהלע, צוליב זיינע זינדיקע מחשבות... נאָר נאָך אָפּטער זינגט ער צוזאַמען מיט אַנדערע און זיינע פיס הייבן זיך אין אַ חסידישן ריקוד...

די בילדער נעמען שנעלער לויפן פאַר די פאַרשלאָסענע אויגן פון פאָטער אַנטאָניוס. אָט פאַרט ער, שלמהלע, אויף דער גערער קאָלייקע און אָט שטופּט ער זיך צום טיש אַ באַגאָסענער מיט שוויים און דאָס שוואַרצע סאַמעטענע היטל רוקט זיך אַראָפּ פון זיין קאָפּ...

און מיטאַמאָל וואַקסט אַרויס אַ נייער שלמהלע. אַ פאַרטראַכטער, אַ טרויעריקער, אַן אומרואיקער. — הציץ ונפגע, דערמאָנט זיך דער פאָטער אַנטאָניוס די ווערטער פון דער גמרא — שלמהלע פילט, אַז די וועלט גייט אונטער, אַז ער קייקלט זיך אין כף הקלע, אַז שוואַרצע אָפּגרונטן שטייען פאַר אים אָפן. ער האָט מורא פאַר די שוואַרצע אָפּגרונטן, שלמהלע, און גלייכצייטיק פילט ער, אַז ער וועט זייער רייץ נישט קענען ביישטיין, אַז ער וועט מוזן אַראָפּ צו זיי, צו די פינסטערע אָפּגרונטן און טועם זיין זייער ביטערן טעם...

די גמרא איז פאַר אים געוואָרן צו ווייניק. דער יצר־הרע האָט אים דערטאַפּט. עפן — האָט צו אים די געהיימע שטים גערעדט — די קליינע

ספרימלעך, וואָס וועלן דיר דערציילן מוראדיקע סודות. דו וועסט דערזען דעם סוד פון דער בריאה, וועסט זען מיט דיינע אויגן מלאכים און שרפים, וועסט מצרף זיין שמות און מאַכן יחודים.

שלמהלע איז צוגעפאַלן צו די הייליקע ספרים און אין זיין האַרץ האָט זיך פאַרקליבן אומרו. ער האָט פאַרלוירן דעם וועג און ער איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער געפאַלן אויף הויכע שפּיציקע שטיינער. אויף גאַנצע נעכט האָט ער איינער אַליין זיך פאַרשלאָסן אין חסידים־שטיבל און געוויינט ביי די קבלה־ספרים, וואָס האָבן עקשנותדיק פאַר אים אויסבאַהאַלטן זייערע סודות.

און אין איינער פון די נעכט האָט זיך אין שטיבל באַוויזן דער „משולח". אַזוי האָט מען אים אויף טוואָרדע גאַס גערופן, הגם קיינער האָט נישט געוווסט, ווער עס האָט אים געשיקט און נאָך וואָס מען האָט אים געשיקט.

ער האָט זיך מרחם געווען אויף שלמהלען. ער האָט פאַר אים אַנט־דעקט דעם סוד פון די הייליקע ספרים.

שלמהלע האָט געפילט, אַז דער משולח ציט אים אין כּף־הקלע, אַז ער שלעפּט אים צו דער טומאה, אָבער ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כּוח זיך צו ראַנגלען און ער האָט זיך געלאָזט פירן פון דעם משולח מיט דער רויט־צעצונדענער באָרד.

אַ בלאָנדזשענדיקער שלמהלע אַנטפלעקט זיך פאַרן פאָטער אַנטאַ־ניום. ביידע וועלטן האָבן זיך אויסגעשפּיגן דעם אָרימען בלאָנדזשענ־דיקן שלמהלע. טיילמאָל כאַפּט ער זיך אויף ווי פון הינעד פלעט און ער וויל שרייען: ראַטעוועט, איך טרינק. נאָר ער שריט נישט. ער איז צו־שטאָלץ צו שרייען, שלמהלע. איז ער אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. אין שטוב דערקענט מען אים נישט. אויך די חברים דערקענען אים נישט מער.

— ביסט קראַנק, שלמהלע? — קוקט מען אויף אים מיט זאָרג אין שטוב.

— נאַרישע מענטשן — לאַכט אין זיך שלמהלע — ווי גליקלעך וואָלט איך געווען צו זיין קראַנק. אָבער וואָס זאָל טון אַ מענטש, וואָס האָט זיין גאָט פאַרלוירן?...

ווער קען ענטפערן אויף דער שאלה, ווער?... — ווייל שלמהלע איז שלאָפלאָזע נעכט קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט.

און איינמאָל אין אַזאַ נאַכט איז ער אַוועק צו דער קאַלייקע און אין מיטן דער נאַכט איז ער אַנגעקומען אין רבינס בית המדרש. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַן אָפּענער ספרים־שאַנק און שטאַרק געקוקט פאַר זיך. ער האָט אויף עפּעס געוואַרט און אַליין נישט געוווסט אויף וואָס. פון מאָל צו מאָל האָבן זיינע אויגן זיך געווענדט צו דער טיר וואָס פירט צום רבינס חדרים. ער האָט געוואַרט, אַז די טיר זאָל זיך עפענען און דעמאָלט, ווער ווייסט, אפשר וועט ער דעמאָלט קענען עפענען זיין פאַרשלאָסן מויל און אויסשרייען זיין פּיין.

נאָר די טיר האָט זיך נישט געעפנט. שלמהלעס אויגן האָבן געהאַנגען אויף דער טיר, אָבער זי איז געבליבן פאַר אים פאַרשלאָסן.

דאָס גרויסע בית המדרש איז געווען פוסט, נאָר פּלוצלינג האָט עפּעס אַ שאָטן זיך גענומען שאַרן. ר' נאָסקע נזיר מיט זיין ווילד באַוואַקסן פּנים איז אויסגעוואַקסן פאַר שלמהלען און ר' נאָסקעס אויגן האָבן געשאָטן פייער: — אַוועק, אַוועק פונדאַנען!...

שלמהלע האָט ר' נאָסקעס בליק נישט געקענט אויסהאַלטן און ער האָט אין שרעק זיך גענומען רוקן הינטערוויילעכטס צו דער ברייטער אַרויסגאַנגס־טיר.

און ר' נאָסקע איז אים נאָכגעגאַנגען און געשריען:

— אַוועק!... אַוועק!...

פון דער נאַכט אָן איז שלמהלע פאַרשוווּנדן...

— אין דער נאַכט איז שלמהלע געשטאָרבן — האָט אַ גרימאַסע אויסגעקרימט דאָס פּנים פון דעם מאַן אין דער גלחישער סוטאַנע — און עס איז געבוירן געוואָרן דער פּאַטער אַנטאָניוס...

— ביסט געשטאָרבן, שלמהלע, געשטאָרבן — האָבן די בלייכע ליפּן פון פּאַטער אַנטאָניוס שטיל געפּליסטערט.

און געדאַכט האָט זיך אים, אַז הינטער דעם פּאַטעל שטייט עמיצער און חוזקט:

— ניין, פּאַטער אַנטאָניוס, פאַרוואָס ווילסטו זיך אַליין נאַרן... דו ווייסט דאָך יאָ, אַז שלמהלע לעבט...

דער פּאַטער אַנטאָניוס דערמאָנט זיך אָן דער ערשטער נאַכט, ווען ער איז אָנגעקומען מיט עטלעכע וואָכן צוריק קיין וואַרשע.

דער ביסקופּ האָט זייער פריינטלעך אויפגענומען דעם שליח פון רוים, וועגן וועלכן דער קאַרדינאַל גיאַספּאַרי האָט אַזעלכע וואַרעמע בריוו געשריבן.

דער פּאַטער אַנטאָניוס האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס ער האָט פאַר דעם פּוילישן ביסקופּ אויסבאַהאַלטן, אַז ער פאַרשטייט די פּוילישע שפּראַך.

— די אויגן און אויערן פון רוים — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס זיצנ־דיק מיט פאַרשלאָסענע אויגן אין טיפן פאָטעל צו זיך גערעדט — דאַרפן טיילמאָל זען און הערן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט וויסן...

— און שלמהלע נויטיקט זיך נאָך אָפּטער אין אַזאַ פאַר געהיימ־נישפולע אויערן — האָט זיך דעם פּאַטער אַנטאָניוס געדאַכט, אַז ער הערט אין זיך עפּעס אַ פרעמדע חוזק־שטים — וועסט דאָך נישט, וויר־דיקער פּאָטער, לייקענען, אַז באַלד אין ערשטן אָוונט האָסטו זיך אַרויס־געדוקט פון ביסקופּס פּאַלאַץ און ביסט אַוועק אויף דער טוואַרדע גאַס...

יאָ, דאָס האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס נישט געקענט לייקענען. ער געדענקט גוט זיין אומרואיקייט אין דער דאָזיקער ערשטער נאַכט פון זיין אָנקומען קיין וואַרשע. ער האָט דורכגעמאַכט אַ גוטע שולע אין רוים און האָט באַזעסן די קונסט צו באַהערשן, ווען מען דאַרף, זיינע געפילן. ער איז דעריבער אויסערלעך רואיק געזעסן מיטן ביסקופּ און אין פאַר־זיכטיקע געשליפענע זאַצן אים דערציילט נאָר דאָס, וואָס ער האָט געפונען פאַר נייטיק צו דערציילן.

דער ביסקופּ אַליין האָט אים אַריינגעפירט אין די פאַר אים צוגע־גרייטע אַפּאַרטאַמענטן און אים געוווּנטשן אַ רואיקע נאַכט.

נאָר דער פּאַטער אַנטאָניוס האָט דעמאָלט קיין רואיקע נאַכט נישט געהאַט. ער האָט געעפנט די הייליקע שריפט און געפּרוּווט זיך פאַרטיפן אין אירע פּסוקים, אָבער עפּעס אַן אומרו האָט אים פלוצלינג באַ־הערשט און ער האָט נישט געקענט קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען און נישט געוווּסט וואָס ער לייענט.

— איך וועל זיך אביסל איבערגיין — האָט ער באַשלאָסן און איז איינער אַליין אַרויס אויף דער גאַס.

ער האָט נישט דערקענט די שטאָט, דער פּאָטער אַנטאָניוס. די גאַסן זענען אים געווען פרעמד. און פרעגן ביי די דורכגייער האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט נישט געוואָלט קיינעם אַנטרויען זיין סוד, אַז ער פאַרשטייט זייער לשון.

איז ער אַזוי געגאַנגען פון איין גאַס אין דער אַנדערער, ביז וואַנען ער איז פּלוצלינג געבליבן שטיין:

— טוואַרדע גאַס — האָט ער מער דערפילט, ווי געוווסט.

ער האָט איינגעאָטעמט אין זיך די לופט און געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער פילט דיזעלבע ריחות ווי אַמאָל, מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק...

ער האָט נאָכגעקוקט די יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס, וועלכע זענען פאַרשפּעטיקטע פאַרשווונדן אין די שוין פאַרמאַכטע טויערן.

— די זעלבע מענטשן, די זעלבע פּנימער... — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס צו זיך גערעדט און זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין יעדן פּנים פון די דורכגייער.

פאַרן הויז נומער 27 איז ער לענגער געבליבן שטיין. ער האָט לאַנג געקוקט אין דעם פאַרמאַכטן טויער. ער האָט געוואָלט כאָטש אַ קוק געבן, כאָטש איין קוק געבן אין די שטיבער פון ערשטן שטאָק... נישט מער ווי אַ קוק טון אויף דער שטוב. נישט מער ווי איינאָטעמען אין זיך איר ריח...

ער האָט זיך שווער אָװעקגעריסן פון דעם טויער:

— פאַר אַ טויטן וואָלטן זיי זיך וויינקער געשראָקן, ווי פאַר מיר — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס גענומען שנעל גיין צוריק צום ביס־קופּן־פּאַלאַץ.

צומאָרגנס האָט ער זיך גענומען צו זיין אַרבעט. ער איז געווען רואיק, באַהערשט, דיפּלאָמאַטיש קאַלט און באַרעכנט. די קירכע האָט פאַר אים געעפנט אַלע אירע געהיימנישן און דעמאָלט האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס דערפילט דעם עיפּושדיקן אָטעם פון יידן־האַס אין יעדן ווינקל.

— איצט, אין דער קריגס־צייט, מוז מען זיך אָפּרעכענען מיט די זשידעס — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס געהערט די געשפּרעכן פון די גלחים — איצט, אָדער קיינמאָל מער...

זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז ער פאַרשטייט אַלץ און זיי האָבן אויך אים, דעם שליח פון רוים, געגעבן צו פאַרשטיין אין פּאָרזיכטיקע ווערטער די גרויסע יידישע געפאַר.

— איז נישטאָ אַ ייד, צו וועלכן מען מעג האָבן צוטרוי? — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס, ווי אַ גאַסט פון דער פרעמד, זיך דערלויבט צו פרעגן און צוגעגעבן: — אין וואַטיקאַן האָבן מיר אפילו געוויסע יידישע פריינט...

— וואָס פאַרגלייכט איר, ווירדיקער פּאָטער — האָבן זיינע קאָלעגן אין סוטאַנעס אים אויפגעקלערט — אייערע יידן צו אונדזערע!... ביי אונדז קען מען קיינעם פון זיי נישט גלייבן און אפילו זייערע משומדים בענקען נאָך קוגל...

דער פּאָטער אַנטאָניוס האָט רואיק אויסגעהערט די אַלע רייד און געענטפערט:

— מיר איז עס שווער צו באַגרייפן, אָבער וואָס קען אַ פרעמדער וויסן...

און צו זיך אַליין האָט ער געזאָגט:

— שלמהלע איז געשטאָרבן און דעם פּאָטער אַנטאָניוס גייט די טוואַרדע גאַס נישט אָן...

פונדעסטוועגן פלעגט ער פון מאָל צו מאָל קומען פון ביסקופּן־פּאַלאַץ צו דער טוואַרדע גאַס און איילנדיק דורכגיין דאָס הויז נומער 27 און ער פלעגט קיינמאָל נישט פאַרפעלן אַ קוק אַריין צו טון אין דעם אָפענעם טויער...

און ביינאַכט פלעגן מאָדנע חלומות אים פּייניקן. אַמאָל זענען די איינוווינער פון דעם הויז נומער 27 אַרויס פלוצלינג פון זייערע שטי־בער און אים נאָכגעלאָפן שרייענדיק:

— זעט, זעט, שלמהלע משומד!!...

און דער פּאַטער אַנטאָניוס פּלעגט דעמאָלט אויפהייבן זיין לאַנגע סוטאַנע און האַסטיק לויפן און שפּעטער אַ באַגאַסענער מיט שווייס זיך אויפכאַפּן פון שלאָף...

אַ צווייט מאָל איז דאָס הויז נומער 27 געשטאַנען אין פלאַמען און פון אַלע שטיבער האָבן זיך געטראָגן פאַרצווייפלטע הילפס־רופן און געשרייען. און דעמאָלט קומט ער, דער פּאַטער אַנטאָניוס, אַנצולויפן און ער בעט זיך:

— קומט, קומט אַרויס צו מיר... איך וועל אייך ראַטעווען פון פייער...

נאָר די איינוווינער פון ברענענדיקן הויז ענטפערן אים מיט שנאה:

— גיי, משומד, פון דיר ווילן מיר נישט קיין הילף...

אָפט מאָל אָבער חלומט זיך דעם פּאַטער אַנטאָניוס, אַז ביינאַכט שטייט ער איינער אַליין פאַר דעם הויז נומער 27. אַלע איינוווינער שלאָפן רואיק און זיכער, נאָר ער, דער פּאַטער אַנטאָניוס, זעט פון פאַר־שידענע ווינקלען ציען זיך פייער־צונגען, וויקלען זיך ווי רויטע שלאַנ־גען אַרום דעם הויז. באַלד וועט שוין נישט מעגלעך זיין פון דעם פייער זיך אַרויסצובאַקומען... און די איינוווינער פון דעם הויז זענען נאָך אַלץ פאַרזונקען אין זייער שלאָף. ער וויל שרייען, דער פּאַטער אַנטאָניוס, ער וויל מיט זיין געשריי אויפוועקן די שלאָפנדיקע איינוווינער, ער וויל לויפן צום ברונעם און ברענגען וואַסער צו לעשן דאָס פייער...

נאָר זיין האַלדז איז מיטאַמאָל איינגעשרומפּן געוואָרן און קיין איין קלאַנג קען פון זיין מויל נישט אַרויס און זיינע פיס זענען גע־ליימט און ער קען מיט זיי מער קיין ריר נישט טון...

דער פּאַטער אַנטאָניוס האָט געפילט, אַז ער מוז זיך באַפרייען פון די קאָשמאַרנע חלומות. אָבער ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי עס צו טון. אויף דער טוואַרדע גאַס און אויפן גזשיבאָוו וועט מען אים אפילו נישט ווען אויסהערן. ווי פון אַ טמא וועלן מאַמעס אויסבאַ־האַלטן פאַר אים זייערע קינדער. און דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער פאַרשלאָסענער טיר פון רבין, פאַר וועלכער ער איז אַמאָל אין אַ נאַכט, מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, געשטאַנען און געוואַרט...

און אַ געדאַנק האָט אים גענומען פאַרפּאַלגן:

— פּרוּוון איצט אַנקלאַפּן אין דער פאַרשלאָסענער טיר...

אַ שטילע נאַכט האָט ארומגענומען דעם ביסקופן־פּאַלאַץ. דורך די פענצטער פון פּאַלאַץ האָט די פינצטערניש אַריינגעקוקט. נאָר פון איין פענצטער האָט אַ שוואַך ליכט אַרויסגעשיינט.

איבערגעבויגן איבער זיין טיש איז געזעסן דער פּאָטער אַנטאָניוס און זיך געמיט פון די טיפענישן פון זיין געדעכעניש אַרויסצובאַקומען די שוין זינט לאַנג פאַרגעסענע ווערטער און מטושטשדיקע אויסדרוקן פון אַן אַלטער אייביקער שפּראַך.

— די גאַנצע יאָרן האָט ער געטון אַלץ, כדי דעם מינדסטן זכר פון דער שפּראַך פון זיין האַרץ אַרויסצורייסן און איצט, ווען ער וויל דאָס אַלטע לשון צוריקרופן, גליטשן זיך די ווערטער אַרוים פון זיין קאָפּ, אַנטלויפן פון אים מיט שרעק די העברעאישע אויסדרוקן, ווי די קינדער פון דער טוואַרדע גאַס באַהאַלטן זיך אוים פון זיין גלחישער סוטאַנע...

נאָר דער פּאָטער אַנטאָניוס האָט נאָך אין זיך די עקשנות פון זיין שטאַם. ער ראַנגלט זיך מיט די ווידערשפּעניקע ווערטער און ביסלעכ־ווייזן באַצווינגט ער זיי און זיי קערן זיך צוריק אין זיין זכרון נישט דרייסטע, וואַקלענדיקע, נישט זיכערע...

לאַנגזאַם האָט ער געשריבן, דער פּאָטער אַנטאָניוס, זיין בריוו צום רבין מיט גרויסע קיילעכדיקע לשון־קודשדיקע בוכשטאַבן און ער האָט דאָס בייגעלע פּאַפּיר אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט.

יעדן טאָג איז דער פּאָטער אַנטאָניוס געגאַנגען אַליין אויף דער פּאָסט פרעגן אויף אַן ענטפער. און יעדעס מאָל ווען ער האָט געהערט דעם גלייכגילטיקן ענטפער פון באַאַמטן: — „נישטאָ", — האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע מענטשן אַרום ווייסן זיין סוד און שפּעטן פון אים. ערשט היינט אינדערפרי האָט דער פּאָסט־באַאַמטער מיט אַ גלייכ־גילטיקער האַנט־באַוועגונג אים דערלאַנגט אַ בריוו...

נישט אַ קוק טוענדיק אויף דעם בריוו, האָט דער פּאָטער אַנטאָ־ניוס אים גלייך פאַרשטעקט אין די טיפקייטן פון דער שוואַרצער גלחי־שער סוטאַנע. כלערליי תירוצים האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס אויסגעזוכט

כדי זיך אַליין צו דערקלערן, פאַר וואָס ער רייסט נישט אויף דעם קאָנווערט און לייענט נישט דורך גלייך דעם בריוו. נאָר פון צייט צו צייט האָט ער מיט דער האַנט אים געזוכט אין דער סוטאַנע...

דער פּאָטער אַנטאָניוס עפנט אויף די אויגן. אין זיין האַנט ליגט דער פאַרמאַכטער קאָנווערט. לאַנג קוקט ער אויף אים און דאַן נעמט ער מיט ציטערדיקע הענט אים אויפרייסן. אַ קליין בייגעלע פּאַפּיר פאַלט אַרויס פון אים. דעם פּאָטער אַנטאָניוס אויגן פאַלן האַסטיק צו צו דער אונטערשריפט. ער איז אַנטוישט. ווער איז ער דער אונטער־שרייבער? דניאל עפּשטיין?...

דער נאָמען זאָגט גאָרנישט דעם פּאָטער אַנטאָניוס. נאָר באַלד, באַלד... עפּעס האָט ער דאָך פּאָרט געהערט ערגעץ דעם דאָזיקן נאָמען... יאָ, יאָ, אין פּאַלאַץ פון דער שיינער גרעפין האָט ער געהערט דעם נאָמען פון דניאל עפּשטיין... דער גראַף האָט דער ערשטער דערמאָנט דעם נאָמען און שפּעטער אויך זי, די גרעפין...

דער פּאָטער אַנטאָניוס לייענט עטלעכע מאָל איבער דאָס קורצע בריוול.

...„אייער בריוו איז אָנגעקומען צום אַדרעסאַט — שרייבט עפּ־שטיין — און אויב איר ווילט זיך מיט מיר טרעפן, וועל איך אויף אייך וואַרטן מאָרגן אין אָוונט אין דער ווילע פון מיין פרוי און דאָ ווערט איבערגעגעבן דער גענויער אַדרעס.

דער פּאָטער אַנטאָניוס חזרט זיך איין דעם אַדרעס און צינדט אָן דאָס בריוול ביים פלאַם פון אַ וואַקס־ליכט וואָס ברענט אויף זיין טיש און פאַרן אָוועקוואַרפן דאָס אַש צערייבט ער עס פריער זאָרגפעלטיק מיט זיין האַנט אויף שטויב.

דער פּאָטער אַנטאָניוס דערפילט אַ הייטערקייט:

— די פאַרשלאָסענע טיר האָט זיך דאָס מאָל געעפנט. — טראַכט ער וועגן זיין מאָרגנדיקן באַזוך.

ער פּרוווט אין זיין זכרון אויפזוכן דעם נאָמען פון דניאל עפּשטיין. אָבער, ניין, ער האָט דעם נאָמען ערשט היינט געהערט אין גראַפס פּאַלאַץ. פון די אַמאָליקע צייטן בלייבט דער נאָמען אים פרעמד.

— זעט אוים, אז אויך אויפן גזשיבאָוו און טוואַרדע גאַס האָט זיך פיל געענדערט אין פאַרלויף פון דער צייט — דערמאָנט זיך דער פּאַטער אַנטאָניוס, אַז עס איז שוין זייער שפּעט אין דער נאַכט און אַז באַלד וועט נעמען בלויען אַ נייער טאָג.

מיטן וואַקסענעם ליכט אין דער האַנט גייט דער פּאַטער אַנטאָניוס אַריין אין זיין שלאָף־חדר.

## קאפיטל 12

# אין בערטעס שטוב

דניאל עפשטיין האָט זיך א וואקל געטון, ווען ער האָט געעפנט דאָס קליינע טירל פון דעם גערטנדל, וואָס האָט ארומגערינגלט די קליינע הינטערשטע הייזקע, וווּ ער האָט אזוי פיל שטילע רואיקע אָוונטן פאַרבראַכט.

די יונגע שיטערע ביימלעך זענען געשטאַנען מיט האַלב אנטבלויזטע קעפּ. פאַר זיינע פיס האָבן זיך געוואַלגערט פארגעלטע בלעטער. די זון האָט א שטילע זיך גענויגט צו מערב.

א רואיקע שטילקייט האָט עפשטיינען ארומגענומען, א שטילקייט, וואָס האָט געאָטעמט מיט טרויער און אונטערגאַנג.

— דאָ וווינט זי איצט, בערטאַ... — האָט עפשטיין ווי א פרעמדער זיך ארומגעקוקט. עס איז אים איצט שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אז ערשט נישט לאַנג איז דאָ געווען אויך זיין היים. עפּעס איז אים פאַרגעקומען אומגלויבלעך, אז אין פרייע טעג פון אַרבעט און דאגות פלעגט ער אין דעם גערטנדל שטיין און קינדישע קעפּלעך האָבן זיך צו אים געטוליעט...

— בערטעס קינדער... — האָט זיך דניאל עפשטיין געכאַפּט, אז אין געדאנק רופט ער שוין זיינע אייגענע קינדער — בערטעס קינדער ווי זיי וואָלטן שוין צו אים מער נישט באַלאַנגט.

ווי שטענדיק אין מאָמענטן פון געריִרטקייט, האָט דניאל עפשטיין גענומען ווישן די דיקע גלעזער פון זיין בריל:

— וויפל מאָל האָב איך זיי געזען, די קינדער, זייט... זייט איך ב'ין

אוועק פון דער שטוב? — האָט עפּשטיין זיך דערפילט אומבאַקוועם פון זיין אייגענער פראַגע — דאַכט זיך צוויי מאָל אינגאַנצן און דאָס צופעליק, אין געאייל...

— ניין, נישט בלויז אין געאייל... נישט אין דעם גייט עס... — האָט עפּשטיין געוואָלט זיין אויפריכטיק מיט זיך אליין — איך האָב דאָך אין אמתן נישט געפילט די באַדערפעניש זיי צו זען, מיינע קינ־דער... און ווען איך האָב זיי אין געאייל געזען און אין געאייל צו זיי גערעדט, בין איך דאָך אין דער אמתן געווען ווייט פון זיי... געווען אין עפּעס אַן אַנדערער וועלט, אין דער וועלט פון...

עפּשטיין האָט, שטייענדיק אין דעם גערטנדל, נישט געקענט אַרויסרעדן דעם נאָמען פון לאַניאַן, אָבער אויך דאָ האָט ער געפילט, אַז ער באַלאַנגט צו איר, לאַניאַס וועלט.

ער האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון דער וועלט, אין וועלכער לאַניאַ איז געווען די הערשערין. ער האָט אַזוי פיל יאָרן געבענקט און זיך געריסן צו דער דאָזיקער וועלט, אַז ער האָט מורא געהאַט אפילו אויף אַ קורצער ווייל זי צו פאַרלאָזן.

ער האָט געהאַט פיל צו טון, דניאל עפּשטיין, אין די לעצטע וואָכן. דער קריג האָט זיינע געשעפטן נאָך פאַרגרעסערט. און דערצו האָט די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פיל צייט פון אים אַוועקגענומען. ער האָט לאַנגע שעהען פאַרבראַכט אויף אסיפות און באַראַטונגען. און ער האָט פיל טרויעריקע זאַכן זיך אָנגעהערט אויף די פאַרזאַמלונגען. יידיש בלוט איז ווידער געוואָרן הפקר. ער האָט געזען פיל טרערן אין יידישע אויגן און געהערט קרעכצן, וואָס רייסן זיך פון אָנגעווייטיקטע הערצער. און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף בליקן פול מיט שרעק פאַרן מאָרגנ־דיקן טאָג. אָבער אין עפּשטיינס האַרץ איז נישט געווען קיין טרויער און קיין שרעק, און קיין ווייטיק. זיין גאַנץ וועזן איז געווען פול מיט פרייד. ער האָט זיך געפרייט מיט דעם טאָג, און מיט דער נאַכט, און מיט דעם טומלניש אין זיינע געשעפטן, און אפילו אין סאַמע מיט פון אַ טרויעריקער יידישער אסיפה האָבן עפּשטיינס אויגן אויפגעלויכטן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז באַלד וועט ער זיין צוזאַמען מיט לאַניאַן...

טײַלמאַל האָט ער זיך געשעמט מיט זײַן פֿרייד. און טײַלמאַל האָט ער מורא געהאַט פֿאַר דעם געפֿיל פֿון גליק, וואָס האָט אים באַהערשט, ווען אָרום אים גיסן זיך טרערן פֿון פּײַן. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפֿן. ער איז געווען גליקלעך מיט יעדן נײַעם טאָג און ער איז געווען גליקלעך מיטן אָנקומען פֿון דער נאַכט. ער האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז עס איז אַזוי לײַכט גליקלעך צו זײַן, אַז אַזעלכע קלײניקייטן קענען פֿאַרשאַפֿן אַזוי פֿיל פֿאַרגעניגן, אַז אַזעלכע גאָרנישט זאָגנדיקע נאַרישקייטן זענען אַזוי וויכטיק און גיבן אַזוי פֿיל פֿרייד, אַז לאַניאַס אַ שמייכל קען מאַכן פֿאַרגעסן אַלע דאגות און אַלע שרעקן...

טײַלמאָל פֿלעגט ער אַהיימקומען אין די שפּעטע אָוונט־שעהען. ער איז געווען מיד און דערשעפּט, נאָר אויך אין זײַן מידקייט איז געווען עפּעס אַזאַ גליקלעכע אויסגערוטקייט.

לאַניאַ האָט אים שטענדיק אַליין געעפֿנט די טיר.

— נאָך אַלץ נישט געגאַנגען שלאָפֿן... — האָט עפּשטײַן געהאַט שטענדיק די זעלבע טענה צו זײַן ווײַב און איז גלײַכצײַטיק געווען צופֿרידן, וואָס זי, לאַניאַ, האָט אים אַליין געעפֿנט די טיר און באַלד וועט ער זען איר שמייכל און הערן איר טיף קול:

— עס איז גוט אויף דיר צו וואַרטן, דאַניעל...

דניאל עפּשטײַן האָט האַסטיק אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם מאַנטל, דעם הוט, די הענטשקעס, האָט יעדע זאַך צעוואָרפֿן אין אַן אַנדער אָרט. לאַניאַ איז אים מיט אַ שמייכל נאָכגעגאַנגען, האָט צונויפֿגענג־קליבן די פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע זאַכן און געפֿרעגט מיט זאָרג:

— ווידער נישט קיין גוטע נײַעס, דאַניעל...

און ער האָט איר געענטפֿערט אַ באַזאָרגטער:

— לײַדער, יעדן טאָג ווערן די ידיעות אַלץ באַאומרויִקנדיקער.

נאָר אין מיטן דערצײלן די טרויעריקע נײַעס פֿון טאָג האָט עפּ־שטײַן פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, מײַן טײַערע, איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז מ׳קען זײַן ווײַט פֿון דיר צווישן פֿרעמדע, גלײַכגילטיקע מענטשן און דיך גראַד דעמאָלסט פֿילן נעבן זיך...

און דעמאָלט האָבן בײדע פֿאַרגעסן, אַז אין מיטן דער שטילער

נאכט הערן זיך שוין אין דער שטאָט די שטימען פון די קאַנאָנען, האָבן פאַרגעסן אַן אַלע טרויעריקע געשעענישן און שרעקן און זיך געפרייט מיט זייער אייגן גליק.

אין דעם דאָזיקן גליק איז נישט געווען קיין אָרט פאַר בערטען, וואָס איז אַזוי שטיל אַוועק פון אים, עפּשטיינען, ווי שטיל זי האָט אין זיין שאָטן געלעבט.

פון דעם ערשטן טאָג אָן זייט ער איז צוריקגעקומען מיט לאַניאַן קיין וואַרשע האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו דערמאַנען:

— מען דאַרף זיין ביי בערטען...

נאָר געגאַנגען איז ער נישט. יעדעס מאָל איז געווען אַן אַנדערער שטער. אַמאָל די פונאַנדערגעוואַקסענע געשעפטן, און אַמאָל עפּעס אַ זייער וויכטיקע באַראַטונג, און אַמאָל האָט ער זיך גראַד אָפּגערעדט מיט לאַניאַן, און אַמאָל האָט זיך אים גלאַט נישט געוואָלט...

ער האָט בלויז איינמאָל גערעדט צו איר, בערטען, עטלעכע ווער־טער דורכן טעלעפאָן, צוגעזאָגט צו קומען און זיך נישט געוויזן.

און מיט יעדן טאָג לענגער, וואָס ער האָט זיין באַזוך אָפּגעלייגט, אַלץ שווערער איז אים געווען צו איר צו גיין.

אַדעק ווישינסקי, דער פּלאַטער־קאָפּ, וועלכער האָט נישט פאַר־פעלט נישט אַריינצופאַלן יעדן טאָג מיט רעש און טומל, ווי זיין שטייגער, צו עפּשטיינען אין קאַנטאָרל, פלעגט פון צייט צו צייט, אָט אַזוי, ווי צופעליק, אַ זאָג טון.

— כ'האָב נעכטן געזען בערטען...

עפּשטיין האָט געוווּסט, אַז אין דעם קורצן זאָג איז דאָ אַ פאַר־וואורף צו אים, אַז דאָס דערמאָנט אים זיין פריינט, אַז ער דאַרף ענדלעך אַריבערגיין צו בערטען...

עפּשטיין האָט זיך געמאַכט נישט הערן און נישט פאַרשטיין און גענומען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

ערשט נעכטן האָט עפּשטיין צום צווייטן מאָל טעלעפאָנירט צו בערטען און אַביסל מיט אַ פאַרשוילדיקטער שטימע געפרעגט:

— קען איך מאָרגן נאָכמיטאָג אַריבערקומען...

— ביטע — האָט זיך אים געדאַכט, אַז בערטעס קול ציטערט לייכט.

— איך דאַרף זיך מיט עמיצן טרעפן... — האָט עפּשטיין זיך געפּילט נישט באַקוועם — מעג איך אים איינלאַדן צו קומען...

— ביטע — האָט בערטע מער ווי דאָס איינע וואָרט נישט אַרויס־גערעדט.

נאָך דעם קורצן טעלעפאָנישן געשפּרעך איז עפּשטיינען געבליבן עפּעס אַ ביטערער נאָכטעם אין מויל.

— כ׳בין אַ גראָב נפש, — האָט ער זיך אַליין געזידלט — אַז איך גיי שוין יאָ צו בערטען, מוז איך איר געבן אָנצוהערן, אַז איך טו דאָס נאָר דערפאַר, ווייל ביי איר אין שטוב איז מיר באַקוועמער מיט עמיצן זיך צו טרעפן...

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. באַלד ווי ר׳ לוי האָט אים, עפּ־שטיינען, איבערגעגעבן דעם גרויסן קאָנוועוערט, האָט ער גלייך אַ טראַכט געטון:

— ביי בערטען וועט גוט זיין זיך צו טרעפן...

ער איז עטלעכע טעג נישט געווען אין ווארשע, עפּשטיין, און באַלד ווי ער איז אַריינגעקומען, האָט לאַניא צו אים געזאָגט:

— דער טאַטע האַלט זיך אין איין פרעגן אויף דיר, דאַניעל.

— גוט, מירן היינט אין אָוונט צו זיי גיין...

— ניין, דאַניעל, דער טאַטע וויל היינט אַרויפקומען צו אונדז...

אין אָוונט איז ר׳ לוי צוזאַמען מיט דבורהלען געקומען צום ערשטן מאָל אין דער וווינונג פון זיין איידעם.

ביי דער טיר האָט ר׳ לוי זיך לאַנג געפּאַרעט ביז ענדלעך ער האָט געפונען די קליינע מזוזהלע אַ קוש צו טון:

— מילא — האָט ער ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון — אבי מען דערקענט כאָטש אַ יידישע שטוב...

דניאל און לאַניא האָבן זייער פריינטלעך אויפגענומען די אַלטע, נאָר ר׳ לוי איז געזעסן אַ פאַרכמורעטער:

— כאָטש צוליב מיר האָט ער דאָך געמעגט עפּעס אָנטון אויפן קאָפּ — האָט ער געטראַכט נישט קוקנדיק אויף זיין איידעם.

— קום, מאַמע — האָט לאַניאַ פאַרשטאַנען איר פּאַטער — איך וועל דיר ווייזן מיין קיך־ווירטשאַפט...

צוריקקומענדיק האָט דבורהלע געלויבט לאַניאַן:

— כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ ווירטין און אַזאַ אָפּגעהיטענע... צווי קיכן, אַ מילכיקע און אַ פליישיקע...

— כ׳וויל, אַז דער טאַטע זאָל קענען ביי מיר עסן — האָט לאַניאַ ארומגענומען איר פּאַטער — מעגסט מיר גלויבן, טאַטע...

ר׳ לוי האָט צום ערשטן מאָל אַ שמייכל געטון:

— אַבי כאַטש כשר... — און ער האָט הויך געזאָגט — אוודאי וויל איך ביי דיר עסן, אויב דו וועסט נאָר עפּעס דערלאַנגען...

איצט איז ר׳ לוי צוגעטרעטן אויסצופירן זיין שליחות פון רבין.

ער האָט זיין איידעם דניאל עפּשטיינען דערציילט וואָס עס איז שבת פאָרגעקומען אין גער.

געוויס האָט ער נישט פאַרהיפּערט דאָס געשלעג צווישן יאַנקל שמייסער און דעם שיכורן רוסישן סאָלדאַט, אָבער צופיל אויפמערקזאַמקייט האָט ער דעם געשעעניש נישט געווידמעט.

— מיין יאַנקל — האָט ר׳ לוי געזאָגט קורץ — האָט דעם זעלנער אַזוי צעממיתט, אַז ער איז קוים געבליבן לעבן און די זעלנער האָבן געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט די יידן... אָבער געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק...

מער האָט ר׳ לוי וועגן דעם נישט גערעדט. דאַקעגן האָט ער גענוי און אויספירלעך דערציילט וועגן דעם אויסטערלישן בריוו וואָס דער רבי האָט דערהאַלטן פון שלמהן...

— פון שלמהן? — האָט דער נאָמען עפּשטיינען גאָרנישט געזאָגט.

— כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן — האָט ר׳ לוי גערעדט מיט אַ שטילער שטימע ווי מען דערציילט עמיצן אַ זייער וויכטיקן סוד — אַז עס איז שוין אַ געשיכטע פון איבער פינף און צוואַנציק יאָר — וואָס ווייסטו, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטון מיט שלמהן... גאַנץ וואַרשע — וואָס רעד יאָך וואַרשע — גאַנץ פּוילן האָט דאָך דעמאָלט מיט דער מעשה געקאָכט!... אַ חסידישער יונגערמאַן געווען, מיט פּיאות און מיט ווייסע זאָקן אינדערוואָכן און דערצו אַ שטיק עילוי... און פּלוצ־

לינג אזא אומגליק, אזא אומגליק... ווערט מיטאמאָל פאַרשווונדן, ממש אין וואַסער אריין... די גאַנצע שטאָט האָט אים געזוכט, די פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס... ואין קול ואין עונה... ערשט חדשים שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער, שלמה, הייסט עס, איז פאַר־קראָכן אין דער... סאַמע, סאַמע...

— באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן... — האָט דבורהלע מיט שרעק ארויסגערעדט — נישט פאַר אונדזערע קינדער און קינדס קינדער געדאַכט...

— צו דער טומאה פאַרקראָכן... — איז ר׳ לוים קול געווען פול מיט שרעק — צו דער טומאה אַליין, רחמנא ליצלן... פאַרשטייסט, דניאל, אַזאַ אומגליק און פּלוצלינג דער בריוו... נאַ לייען!...

דניאל עפּשטיין האָט אויפמערקזאַם דורכגעלייענט דעם בריוו.

— ער גיט נישט איבער קיין נייעס אין דעם בריוו — האָט ער דוּאיק געזאָגט — ער באַשטעטיקט נאָר דאָס, וואָס מיר האָבן שוין פריער געוווּסט, אַז מען וויל אויסנוצן די צעטומלעניש פון קריג אָפּצו־רעכענען זיך מיט די יידן... פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך מיט אים טרעפן און אויסהערן...

— דאָס וויל טאַקע דער רבי — האָט ר׳ לוי געזאָגט — ער וויל, אַז דו, דניאל, זאָלסט אויסגעפינען עפּעס אַן אָרט, ווו מ׳קען זיך מיט אים טרעפן און דורכרעדן, און דו זאָלסט זיך מיט אים אויך צוזאמענ־רעדן...

דניאל עפּשטיין האָט זיך פאַרטראַכט:

— ווו קען מען זיך אין שטאָט מיט אַזאַ איינעם צונויפקומען און נישט ארויסרופן קיין אויפמערקזאַמקייט?

און מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן:

— ביי בערטען... יאָ, ביי איר אין דער ווילע... עס איז הינטער דער שטאָט... זעלטן זעט מען אַ מענטש און אין אָוונט געווים נישט...

— יאָ, אויסגעצייכנט — האָט עפּשטיין זיך אַנטשלאָסן — כ׳האָב דאָך סיי ווי געוואָלט זיין ביי איר, ביי בערטען...

— גוט — האָט ער אריינגעלייגט צו זיך אין טאַש דעם בריוו — איך וועל אים אָנפרעגן, צי ער וויל זיך מיט מיר צונויפטרעפן.

— נאָר זיי פאַרזיכטיק — האָט אים ר׳ לוי דערמאָנט — און געדענק, אַז מיט אַזאַ איינעם קען מען קיינמאָל נישט וויסן, ווו מען האַלט...

עפּשטיין האָט ביים טיש נישט געזאָגט, ווו ער טראַכט זיך צו־זאַמענצוטרעפן מיט דעם געהיימניספולן בריוו־שרייבער. ערשט ווען ר׳ לוי און דבורהלע זענען אַוועק, האָט עפּשטיין זיך געכאַפּט, אַז ער האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיין צוזאַמענטרעפן זיך מיט בערטען און ער האָט זיך אָנגערופן צו לאַניאַן:

— איך מיין, אַז ביי בערטען אין שטוב וועט זיין אַמבאַקוועמסטן זיך מיט אים צוזאַמענצוטרעפן...

און ער האָט צוגעגעבן:

— סיי ווי האָב איך געוואָלט זיין ביי בערטען...

— געוויס דאַרפסטו זיין ביי איר... — האָט עפּשטיינען זיך גע־דאַכט, אַז עפּעס אַ שאָטן איז דורכגעלאָפן איבער לאַניאַס פּנים.

ס׳ערשטע מאָל איז צווישן זייביידע דערמאָנט געוואָרן בערטעס נאָמען און ביידע האָבן זיך דערביי געפילט עפּעס אומבאַקוועם...

עפּשטיין האָט אין לאַניאַס אַנוועזנהייט זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט בערטען:

— אפשר האָסטו דינסטיק אַ פרייען אָוונט בערטע... יאָ, יאָ, איך וויל אַריבערקומען... און וועט נישט שטערן ווען אַ געוויסע פּערזאָן וועט אויך צוקומען — ביטע, ביטע... — האָט זיך עפּשטיינען געדאַכט, אַז בערטעס שטים איז געוואָרן מאַט, ווען ער האָט דערמאָנט, אַז נאָך עמיצער דאַרף קומען...

עפּשטיין קוקט זיך איצט אַרום איבער דעם גערטנדל וואָס רינגלט אַרום בערטעס ווילע.

— וואָס טו איך דאָ? — פרעגט ער זיך — אהא, ער דאַרף דאָך דאָ אַהער קומען...

עפּשטיין פילט זיך שולדיק. עס איז אים שווער איצט זיך צו־טרעפן מיט בערטען. יאָ, ער ווייסט, אַז זי וועט אים נישט מאַכן קיין פאַרוואורפן. זי איז צו שטאָלץ דערויף. נאָר איר שווייגן איז נאָך פיל שווערער.

עפּשטיין פאַרשטייט מיטאָמאָל, אַז דאָס וואָס ער איז ביז היינט דאָ נישט געווען איז דערפאַר וואָס ער האָט איינפאַך מורא געהאַט צו קוקן אין בערטעס אויגן. און אויך איצט טוט אים באַנג. נאָך וואָס איז ער אַהערגעקומען? ער באַמיט זיך אויסצוגעפינען אַ פּאַסיק וואָרט וואָס זאָל נישט קלינגען פאַלש און וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט אויסבאַהאַלטן פון בערטעס פאַרשנדיקע בליקן דעם אמת — דעם אמת פון וואָס? — פרעגט זיך עפּשטיין אַליין — דעם אמת פון מיין גליק? דעם אמת פון מיין פרייד, ווען זי איז אַזוי טרויעריק?... וואָס זאָל איך איר זאָגן?

עס קומען אים אין מויל אַריין עפּעס אַזעלכע נאַרישע מליצהדיקע רייד, מיט וועלכע ער שעמט זיך ווי אַ מענטש וואָס וויל אָפּנאַרן דעם צווייטן מיט פאַלשע מטבעות.

ביין אויף זיך אַליין פאַר זיין אומבאַהאָלפנקייט, לאָזט זיך עפּשטיין האַסטיק גיין צו דער טיר פון דער הייזקע.

בערטע האָט אים גלייך געעפנט אַליין די טיר, ווי זי וואָלט הינטער דער טיר געשטאַנען און געוואַרט אויף אים.

— כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין נישט קומען, דאַניעל — האָבן אירע רואיקע גרינלעכע אויגן נישט באַהאַלטן איר פרייד.

— אַנטשולדיק, בערטע — האָט עפּשטיין אין פאַרלעגנהייט געשמייכלט — איך קען זיך אַלץ נישט אָפּגעווינען נישט צו פאַרשפּעטיקן זיך...

זי האָט אים אַריינגעפירט אין דעם קליינעם אויפנאַם־צימער, וווּ זיי ביידע האָבן אַמאָל ליב געהאַט צו פאַרברענגען.

— אַלץ געבליבן ווי אַמאָל — האָט עפּשטיין אַרומגענומען מיט זיין בליק דאָס צימער — זי האָט גאָרנישט געענדערט...

ביי דעם קליינעם טישל פאַר זיין פאָטעל זענען געלעגן די זעלבע סיגאַרעטן, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו רויכערן —

— עס זעט אויס ווי אַלץ אין שטוב וואַרט אויף מיר... — האָט עפּשטיין פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, כדי נישט צו דאַרפן עפּעס צו זאָגן — ווייסט זי דען נישט, אַז איך באַלאַנג מער נישט צו דער שטוב?...

ער האָט נאָך אַלץ נישט געוווסט וואָס צו זאָגן און בערטע איז אים געקומען צו הילף זאָגנדיק מיט איר רואיקן שמייכל:

ווי מיינסטו, דאַניעל, וועט מען נאָך לאַנג קענען זיין רואיק?... טיילמאָל בײנאַכט הערן זיך שוין די אָפּקלאַנגען פון האַרמאַטן ־שאָסן...

— ווער קען עס וויסן — איז עפּשטיין געווען איר דאַנקבאַר וואָס זי האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט עפּעס צו זאָגן — אָבער איך מיין, בערטע, אַז דו דאַרפסט צוריקקומען אין שטאָט, אין אַזאַ צייט איז נישט גוט צו וווינען אין אַזאַ אָפּגעלעגן אָרט...

—אָ, ניין, דאַניעל — האָט בערטע גערעדט פריי — איך פיל זיך דאָ אויסגעצייכנט. איך האָב שטענדיק די הייזקע מער ליב געהאַט ווי די וווינונג אין שטאָט...

— אָבער אַלע באַקאַנטע... — האָט עפּשטיין געשטאַמלט.

— אָ, זיי קומען אָפּט צו מיר — האָט בערטע דערציילט — אדעק ווישינסקי פאָלט דאָ אַריין זייער אָפּט און ברענגט שטענדיק אַלע רכילות פון דער שטאָט...

— אדעק... — האָט עפּשטיין פאַרלעגן אַרויסגערעדט דעם נאָמען פון זיין פריינט, וואָס זאָרגט גיכער פאַר בערטען ווי ער, עפּשטיין.

— עס קומען אויך אַנדערע — האָט בערטע געזאָגט — נעכטן איז דאָ געווען וויקטאָר.

— וויקטאָר? — האָט עפּשטיין געפרעגט — כ'האָב געמיינט אַז ער און זיוק זענען אויף יענער זייט... זיי אַרבעטן דאָך, ווי כ'האָב געהערט מיט די עסטרייכער...

— מעגלעך — איז דאָס מאָל בערטע געווען צוריקגעהאַלטן — אָבער מיין דירה, זאָגט וויקטאָר, וויל ער און זיוק נישט אינגאַנצן פאַרגעסן...

— זיוק איז שוין אויך דאָ געווען? — האָט עפּשטיין געפרעגט.

— מיט עטלעכע טעג צוריק — האָט בערטע געענטפערט — איז ער דאָ געווען צוזאַמען מיט וויקטאָרן... ער האָט זיך געפרעגט אויף דיר. דאַניעל...

דניאל עפּשטיין איז געוואָרן אומרואיק.

— זי שפּילט זיך מיט פייער, בערטע, און ווייסט אפילו נישט

וואָס זי טוט — וואָס מער עפּשטיין האָט געטראַכט, אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן — די וויזיטן פון וויקטאָרן און זיוקן אין דעם הויז טאָרן מער נישט זיין...

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, דניאל? — האָט בערטע געפרעגט — אַלץ די געשעפטן?

— הער, בערטע, איך מוז מיט דיר ערנסט רעדן...

— איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שטענדיק ערנסט, דאַניעל...

— דאָס מאָל בין איך ערנסטער, ווי שטענדיק, בערטע, און איך בעט דיך איבערצורייסן די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט...

— דו מיינסט, דאַניעל, אַז דו האָסט רעכט מיר צו געבן באַפעלן?...

— בערטעס רואיקע אויגן האָבן אויפגעבליצט מיט פאַרדראָס און צו גלייך מיט פאַרטייעטער האָפענונג.

— אַנטשולדיק, בערטע — האָט עפּשטיין נישט געקענט אויסהאַלטן בערטעס בליק — איך האָב נישט אַזוי געמיינט... איך בין זייער אומרואיק און איך פיל זיך פאַראַנטוואָרטלעך...

— איך באַפריי דיך פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דאַניעל — האָט אים בערטע טרוקן איבערגעריסן.

— אָבער איך קען זיך נישט באַפרייען פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט — האָט עפּשטיין האַסטיק גערעדט, ווי איינער וואָס האָט מורא עפּעס צו פאַרזאַמען — איך האָב צו דיר אין שטוב אַריינגעפירט זיוקן און וויקטאָרן און ווען זיי פאַלן איצט אַריין אין די זשאַנדאַרמענס הענט, וועלן זיי געמישפּט ווערן ווי קריגס־שפּיאָנען, פאַרשטייסט?...

— דו רופסט אָן רעוואָלוציאָנערן, וואָס אָפּפערן זייער לעבן — שפּיאָנען?... — האָבן בערטעס ווערטער ווי אַ שמיץ געטון עפּשטיינען איבערן פּנים.

— דו ווייסט זייער גוט, בערטע, אַז נישט איך רוף זיי אַזוי... דמאָווסקיס צייטונגען רופן זיי נישט אַנדערש ווי שפּיאָנען, און די זשאַנדאַרמען יאָגן זיך נאָך זיי ווי נאָך שפּיאָנען און טאָמער טרעפן זיי צו דיר...

— פאַר מיר זאָרג נישט, דאַניעל... מיר קען שוין גאָרנישט געשען...

די ווערטער האָט בערטע אַרויסגערעדט מיט שטילן ווייטיק און

רעזיגנאַציע. נאָר עפּשטיין איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיינע איי־גענע געפילן, אַז ער זאָל קענען דערהערן דעם פיינלעכן ציטער אין בער־טעס קול. אים, עפּשטיינען, איז פאַרגעקומען, אַז בערטע קען נישט באַגרייפן די ערנסטקייט פון דער געפאַר, און ער האָט איר געפּרוווט אויפקלערן:

— איך זע, בערטאַ, אַז דו פאַרשטייסט נישט די ערנסטע פאָלגן ווען דיין נאָמען זאָל זיין פאַרמישט...

— דו האָסט מורא פאַר דיין רעפּוטאַציע, דאַניעל, — האָבן דאָס מאָל פרעמדע כמעט פיינטלעכע טענער געקלונגען אין בערטעס קול — מ׳וועט זאָגן, אַז עפּשטיינס ווייב איז אַ שפּיאָנקע!...

בערטע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— באַרואיק זיך, דאַניעל, איך וועל זיך אויף דיר נישט פאַררופן... און דו וועסט קענען מיך מיט אַ רואיק געוויסן פאַרלייקענען... וועסט קענען זאָגן, אַז דו האָסט מיך אפילו נישט געזען אחוץ איינמאָל ווען דו האָסט זיך ביי מיר אין הויז מיט עמיצן געוואָלט טרעפן... כאַ — כאַ — כאַ!...

עפּשטיין האָט זיך פאַר דעם לאַכן דערשראָקן. אַזוי לאַכן האָט ער, עפּשטיין, נאָך בערטען נישט געהערט.

אַ דערדריקנדיקע שטילקייט איז אַריינגעטרעטן אין שטוב. בערטע איז געזעסן אין אַ ווינקל פון אַ שמאָלער סאָפע מיט האַלב פאַרשלאָסענע אויגן ווי זי וואָלט איינגאַנצן פאַרגעסן אין עפּשטיינס אָנוועזנהייט.

די שטילקייט איז געוואָרן פאַר עפּשטיינען אומדערטרעגלעך. ער האָט זי געוואָלט איבעררייסן, די שטילקייט. עס איז אים אַלץ איינס געווען, וואָס זי, בערטע, וועט זאָגן, אַבי זי זאָל נישט זיצן אַזוי אין דעם ווינקל פון דער סאָפע, מיט נישט זעעוודיקע אויגן.

— די קינדער זענען אינדערהיים? — האָט עפּשטיין קוים דער־הערט זיין אייגענע שטימע.

נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט איז בערטע אַרויס פון צימער.

זי איז אַריינגעקומען צוריק נישט אַליין. דער קליינער סאַמעק און די נאָך קלענערע רעגינקאַ האָבן זיך צו איר געטוליעט און זייערע אייגע־לעך האָבן געקוקט מיט נייגער און אומדרייסטקייט אויפן פאָטער.

— איך בין שוין צו זיי כמעט א פרעמדער... — האָט עפּשטיין מיט אַ טיכל געווישט די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן.

— נו, סאמעק, זעסט, דער טאַטע איז געקומען — האָט בערטע מיט אַ שמייכל געפּרוווט דרייסטער מאַכן איר זון.

סאַמעק האָט פּרעגנדיק אַ קוק געטון צו דער מוטער און מיט נישט זיכערע טריט זיך דערנענטערט צו דעם פאָטער, ווו עפּשטיין איז געזעסן. נאָך אים איז שוין נאָכגעלאָפן די קליינע רעגינקאַ.

עפּשטיין האָט די קינדער ווי אַמאָל אַרויפגעזעצט צו זיך אויף די קני:

— אַנו, פּרוווט אַ זוך טון אין טאַש — האָט ער געקושט זייערע בלאָנדע קעפּלעך — אפשר וועט איר דאָרט עפּעס געפינען...

דאָס מאָל האָט די קליינע רעגינקאַ גענומען די איניציאַטיוו. מיטביידע הענטלעך האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו עפּשטיינס טאַשן:

— איך האָב, איך האָב!... — האָט זי מיט ביידע הענטלעך אַרויס־געצויגן פון עפּשטיינס טאַש אַ שפּילצייג.

דאָס מאָל איז אויך דער עלטערער סאַמעק געוואָרן דרייסטער און האָט אויך אין פאָטערס טאַש עפּעס פאַר זיך געפונען.

פריידיק קינדיש געלעכטער האָט זיך געטראָגן אין דעם צימער. זיי, די קינדער, האָבן שנעל פאַרגעסן זייער פריערדיקע צוריקגעהאַלטנקייט. סאַמעק האָט ווי אַמאָל אַרויסגעצויגן דעם פאָטערס זייגער און צוגעלייגט מיט אַן ערנסט פּנימל צו זיין אויערל און רעגינקאַ האָט אויף איר פאַר־שפּיצט נעזל זיך אָנגעמאָסטן דעם פאָטערס בריל.

די קינדישע זאָרגלאָזיקייט האָט אָנגעשטעקט אויך די דערוואַק־סענע. עפּשטיין האָט מיטן קליינוואַרג זיך פריילעך געשפּילט און אויף בערטעס געזיכט האָט זיך ווידער באַוויזן אַ רואיקער שמייכל ווי אַמאָל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער שטוב הערשט אַ רואיקע שטילע צופרידנקייט פון אַ משפּחה, וואָס איז מיט די אינטימסטע פעדים צו־זאַמענגעבונדן.

אַ קורצער שניידיקער קלונג האָט עפּשטיינען און בערטען דערמאָנט אַן דער ווירקלעכקייט. אויף זייערע פּנימער האָבן זיך ווידער באַוויזן

שאָטנס פון זאָרג. נאָר די קינדער האָבן נישט אויפגעהערט זיך פרייען און לאַכן.

— דער פעטער אַדעק איז געקומען! — האָט סאַמעק זיך געפרייט דערהערנדיק דעם קלונג ביי דער טיר.

בערטע איז אַרויס צו דער טיר. פון פאָדער־צימער האָט זיך דער־טראָגן אַ פרעמד קול.

— ניין, עס איז דער פעטער וויקטאָר — האָט די קליינע רעגינקאַ זיך מיט אים ווי געוועגלעך געשפּאַרט.

— נו, קינדער, גענוג היינט געשטיפּט — איז בערטע צוריק אַריינ־געקומען אין שטוב — דער טאַטע וועט זיין איצט באַשעפטיקט און איר דאַרפט שוין גיין שלאָפן...

— איך וויל זאָגן אַ גוטע נאַכט דעם פעטער וויקטאָר... — האָט די קליינע רעגינקאַ זיך געהנדלט צו דער מוטער.

— ס'איז נישט דער פעטער וויקטאָר — האָט בערטע אַרומגענומען דעם קינדס קעפּל.

— זעסט, כ'האָב באַלד געזאָגט, אַז ס'איז דער פעטער אַדעק!... — האָט סאַמעק טריאומפירט.

— איר האָט ביידע נישט געטראָפן — האָט בערטע געשמייכלט, זעענדיק די אַנטוישונג אויף די קינדישע פּנימלעך — ס'איז אַ פרעמדער הער געקומען צום טאַטן. נו, קינדער, זאָגט אַ גוטע נאַכט דעם טאַטן...

די קינדער זענען מיט אַמאָל צוריק געוואָרן נישט דרייסט און ערנסט. עפּשטיין האָט זיי געקושט.

— ווער ס'ט קומען? — האָט סאַמעק געקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק אויפן פאָטער.

— געוויס, סאַמעק מיינער, געוויס — האָט אים עפּשטיין אַרומ־גענומען.

— מאָרגן?... — האָט די קליינע רעגינקאַ געוואָלט וויסן אויף זיכער.

— גענוג, קינדער, גענוג — האָט בערטע זיי אַרויסגעפירט פון שטוב, פילנדיק ווי טרערן לויפן איר אין אירע אויגן.

שטייענדיק שוין ביי דער טיר האָט בערטע צוגעוואָרפן עפּשטיינען:

— איך האָב אים אַריינגעפירט אין ארבעטס־צימער.

דניאל עפּשטיין האָט זיך ערשט אין דעם מאָמענט דערמאָנט אָן דעם באזוך, צוליב וועלכן ער איז אהערגעקומען. זיין גאַנץ וועזן איז נאָך געווען פול מיט קינדיש געלעכטער.

— יאָ, מ׳קען אים נישט לאָזן ווארטן — האָט עפּשטיין נישט גערן געעפנט די טיר פון זיין אמאָליקן ארבעטס־צימער.

אין מיטן שטוב איז געשטאַנען דער פּאָטער אַנטאָניוס מיט זיין פארשלאָסן קאַלט אַליוור־געזיכט.

די באַגריסונג איז געווען א העפלעכע, אָבער אן אייז־קאַלטע.

— ביטע — האָט עפּשטיין אָנגעוויזן אויף אַ שטול און זיך אליין אויך אַוועקגעזעצט.

ביידע האָבן זיך אָנגעשטרענגט נישט צו קוקן איינער אויף דעם אנדערן, און ביידע האָבן פון דער זייט געשיקט איינער צום אַנדערן לאַנגע דורכדרינגענדיקע בליקן.

— אַזוי, דאָס איז ער — האָט עפּשטיין געטראַכט — שלמהלע פון דער טוואַרדע גאַס; און וואָס וויל ער איצט?... מיט אַזאַ איינעם קען מען דאָך קיינמאָל נישט וויסן ווו מען האַלט — האָט עפּשטיין זיך דער־מאָנט, אז ער חזרט איבער ר׳ לוים ווערטער.

דער פּאָטער אַנטאָניוס האָט געקוקט אויף דעם גלאַט ראַזירטן גע־זיכט פון דניאל עפּשטיין און אין זיך געטראַכט:

— אַזוי זעען זיי היינט אויס, די יידן, אויף דער טוואַרדע גאַס... זיי זענען מיר פרעמד, די דאָזיקע מענטשן... זיי זעען אַזוי אַנדערש אויס, ווי די איינוווינער פון הויז נומער 27 מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק...

אַ לענגערע ווײַלע זענען ביידע געזעסן איינער קעגן דעם אַנדערן שווייגנדיק.

מיט אַ געמיש פון נייגער, אומצוטרוי און פאַרדאַכט, האָבן ביידע זיך באַטראַכט פון אַלע זייטן מיט זייערע בליקן, האָבן געפּרוווט זיך אַריינרייסן אין די באַהאַלטענע ווינקלען פון צווייטנס האַרץ און פון דאָרט אַרויסבאַקומען די געהיימענישן, וואָס אַ מענטש פאַרדעקט פון פרעמדע אויגן.

— נאָך וואָס ביסטו צוריקגעקומען צו אונדז? — האָט דניאל עפּ־שטיין דורך די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן געקוקט אויף זיין גאַסט — אַזעלכע לייט ווי דו ברענגען אונדז שטענדיק נאָר צרות...

— קען איך מיט אים רעדן? — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס זיך ווידער אַמאָל געפרעגט — און ווי אַזוי הייבט מען אָן? וואָס זאָל איך אים זאָגן?...

דניאל עפּשטיין האָט פון זיין טאַש אַרויסגענומען דעם גרויען קאָנווערט, האָט אים אַ ווײַלע געהאַלטן אין האַנט, באַטראַכטנדיק אים אויפמערקזאַם, ווי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל געזען, און דאַן אים צוגערוקט צו דעם פּאַטער אַנטאָניוס.

— איר דערקענט דעם בריוו? — האָט דאָס מאָל דניאל עפּשטיין שוין געקוקט גלייך דעם פּאַטער אַנטאָניוס אין די אויגן.

— יאָ, — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס אויסגעהאַלטן עפּשטיינס בליק — איך האָב דעם בריוו געשריבן...

דער פּאַטער אַנטאָניוס האָט אַרויסגענומען פון דעם גרויען קאָנווערט דאָס קליינע בייגעלע פּאַפּיר, האָט זיך איינגעקוקט אין די גרויסע, קייַלעכדיקע לשון־קודשדיקע בוכשטאַבן, וואָס זיין האַנט האָט נישט אָן שוועריקייטן אויפגעצייכנט, און האָט ווי נאָך עפּעס אין דעם בייגעלע געזוכט.

דאָס פאַרשלאָסענע אַליוור־געזיכט פון פּאַטער אַנטאָניוס האָט נישט פאַרראַטן זיין אַנטוישונג:

— נישטאָ דער מינדסטער צייכן — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס געטראַכט — אַז דער, צו וועמען איך האָב געשריבן, האָט דעם בריוו געלייענט... איז עס בלויז אומצוטרוי, אָדער נאָך עפּעס אַנדערש?...

— די טיר וועט זיך שוין פאַר מיר קיינמאָל נישט עפענען... — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס דערפילט אַ ווייטיקלעכן שטאָך אין זיין לייב, וואָס די שוואַרצע גלחישע סוטאַנע האָט אַרומגענומען — זי איז געבליבן פאַרשלאָסן, די טיר...

זיין געזיכט איז געבליבן אומבאַוועגלעך און ער האָט גלייכגילטיק נישט אַרויסרעדנדיק מער אַ וואָרט, צוריק אַריינגעלייגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר אין דעם גרויען קאָנווערט און דערלאַנגט עפּשטיינען.

— דער בריוו איז מיר געגעבן געוואָרן — האָט עפּשטיין שאַרף באַטאָנט יעדעס וואָרט — כּדי איר זאָלט וויסן, אַז איר קענט מיט מיר רעדן — ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— אויב איר ווילט, פאַרשטייט זיך...

עפּשטיין האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טיש, און דאַן געזאָגט:

— מער דאַכט זיך איז דער בריוו נישט נייטיק — און ער האָט צוגערוקט דעם גרויסן קאָנווערט צו דעם פלאַם פון ליכט.

ביידע האָבן שווייגנדיק זיך אָנגעקוקט, ווי דער גרויער קאָנווערט ווערט לאַנגזאַם פאַרשוווּנדן אין דעם פײַער.

— ווען די ייִדן אויפן גזשיבאָוו זעען מיך אַזוי אָפּגעשלאָסן אין אַ חדר מיוחד מיט אַ גלח —האָט עפּשטיין נישט ווילנדיק צו זיך אַ שמייכל געטון — און זעען ווי איך פאַרברען עפּעס געהיימנישפולע פּאַפּירן — ווער ווייסט וואָס זיי וואָלטן געטראַכט...

— דער אַלטער בישאָף וואָלט זיך נישט ווייניק געוווּנדערט מיך דאָ צו זען — האָט אַן ענלעכער געדאַנק אויך באַהערשט דעם פּאַטער אַנטאָניוס.

דניאל עפּשטיין האָט דאָס ביסל אַש אַרײַנגעוואָרפן אין קאָרב און דאַן קורץ געזאָגט:

— איצט קענען מיר רעדן...

— איך מיין, אַז איך דאַרף אײַך נישט זאָגן, ווער איך בין... — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס אָנגעהויבן צוריקגעהאַלטן.

— יאָ, איך ווייס — האָט עפּשטיין געטון אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ.

— אויב איר ווייסט, הער עפּשטיין — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס ווי געזוכט די פּאַסיקע אויסדרוקן — וועט אפשר זיין איבעריק פאַר אײַך אויפצוקלערן די סיבות, וואָס האָבן מיך באַוויגן צו שרייבן דעם בריוו...

— ריכטיק — האָט עפּשטיין צוגעוואָרפן.

— און איך קען צוטרעטן גלייך צו דער זאַך — איז דער פּאַטער

אנטאָניוס געווען דאַנקבאַר עפּשטיינען, וואָס ער דאַרף נישט פאַר איס עפענען אַ באַהאַלטענע ווונד.

— אַזוי וועט זיין אַמבעסטן — האָט עפּשטיין צוגעשטימט.

— איך בין ערשט נישט לאַנג אין וואַרשע — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס גערעדט לאַנגזאַם — נאָך פיל יאָרן פון אָפּוועזנהייט... איר זעט ווי שווער עס קומט מיר אָן צו געפינען די פּאַסיקע ווערטער... איר, הער עפּשטיין, זענט דער ערשטער מענטש, מיט וועלכן איך רעד איך דער שטאָט פּויליש...

— אַהאַ! — איז עפּשטיינען איינגעפאַלן — ער היט זיך, הייסט עס, אויך פאַר זיינע לייט מיט זיין אָפּשטאַם...

— יאָ, זיי ווייסן נישט ווער איך בין — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס ווי ארויסגעלייענט עפּשטיינס געדאַנקען — איך בין דאָ — דער פּאַטער אַנטאָניוס, דער שליח פון רוים... און איך וווין אין ביסקופן־פּאַלאַץ, אלס דער גאַסט פון דעם אַלטן ביסקופּ...

— הם... — האָט עפּשטיין בלויז אַ מורמל געטון און זיך געפּרעגט: — אָבער נאָך וואָס דערציילט ער מיר דאָס אַלץ?... וואָס גייט עס מיך אָן, אז שלמהלע פון דער טוואַרדע גאַס איז היינט דער שליח פון רוים און דער גאַסט פון ביסקופּ?...

דער פּאַטער אַנטאָניוס, ווי ארויספילנדיק עפּשטיינס נישט ארויס־געזאָגטע פראַגע, האָט ווייטער גערעדט:

— איך דערצייל אייך דאָס אַלץ, כדי איר זאָלט פאַרשטיין די לאַגע, אין וועלכער איך געפין זיך, און כדי איר זאָלט מיר גלויבן...

— איך הער אייך, פּאַטער אַנטאָניוס — איז עפּשטיין געווען צוריקגעהאַלטן.

דער פּאַטער אַנטאָניוס האָט אַ לענגערע צייט געשוויגן און דאַן פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— איך ווייס, אַז אויף דער טוואַרדע גאַס בין איך דער משומד פאַר וועלכן מען אַנטלויפט... עס זענען אָבער דאָ זאַכן, פון וועלכע מ'קען זיך נישט באַפרייען אפילו, ווען מען וויל...

די לעצטע ווערטער האָבן זיך פון פּאַטער אַנטאָניוס מויל ארויסגעריסן ווי אַן אויסגעשריי פון פאַרצווייפלונג:

— זייט עטלעכע טעג דריי איך זיך ארום איבער די גאַסן — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס געגומען שנעל רעדן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן — מיט עפּעס א מאָדנעם איינדרוק. עס קומט מיר פאָר, אז די מענטשן אין גאַס, כ׳מיין די יידן, גייען ארום מיט פאַרשלאָסענע אויגן און זעען נישט אָדער ווילן נישט זען, אז פון אַלע זייטן ווערן זיי אַרומגענומען פון א פּייער, וואָס ווער ווייסט, ווו עס וועט זיך אָפּשטעלן.

— אזוי ערנסט, פאָטער אַנטאָניוס, שאַצט איר אָפּ די לאַגע? — האָט עפּשטיין געקוקט פאַרשנדיק אין די אויגן פון זיין גאַסט.

— פיל ערנסטער, ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן, הער עפּשטיין... אומעטום ווו איך קום, הער איך דאָס זעלבע: „איצט איז די צייט זיך ענדגילטיק אָפּצורעכענען מיט די יידן״... אויך אין די קרייזן פון די גייסטלעכע — און איר ווייסט ווי גרויס עס איז זייער איינפלוס אין דעם לאַנד — הערשט א מוראדיקע שנאה, און מ׳קען זיך שוין נישט דערוואַרטן דעם טאָג פון אָפּרעכענונג...

— אייערע ווערטער, פאָטער אַנטאָניוס — האָט עפּשטיין א באַזאָרגטער געזאָגט — זענען נישט אינגאַנצן ניי פאַר מיר... מיר האָבן זינט א צייט ידיעות, אז די רוסישע גענעראַלן ווילן וואַרפן די שולד פאַר זייערע מפּלות אין קריג אויף די יידן... אָבער איך האָב גערעכנט אויף דער מיטהילף פון די פּאָליאַקן, פון די אַרבעטער פון איין זייט און פון קלער און דער אַריסטאָקראַטיע פון דער אַנדערער זייט...

— א שוואַכע הילף — האָט דער פאָטער אַנטאָניוס געשמייכלט.

— אפשר זענט איר צו קורץ אין לאַנד — האָט עפּשטיין געזאָגט — איך טרעף זיך מיט די מענטשן יעדן טאָג און איך האָב נישט באַמערקט כמעט קיין ענדערונג אין דער באַציאונג...

— איר ווילט ביי זיי פאַרדינען, אָדער איר גיט זיי צו פאַרדינען?

— האָט דער פאָטער אַנטאָניוס שאַרף געפרעגט.

— איך גיב זיי צו פאַרדינען — האָט עפּשטיין נישט ווילנדיק א שמייכל געטון.

— נו, אויב אזוי, וועלן זיי צו אייך שמייכלען, הער עפּשטיין — דער פאָטער אַנטאָניוס האָט זיך פאַרטראַכט — איין מאָמענט, איך וויל

זיך דערמאָנען... ווי אַזוי, פלעגט מען זאָגן אויף דער טוואַרדע גאַס?... אהאַ, איך ווייס שוין... דער ייִד איז טריף, נאָר זיין געלט איז כשר. ריכטיק?...

— ריכטיק — האָט עפּשטיין צוריקגעשמייכלט דערהערנדיק אין דעם מויל פון פּאַטער אַנטאָניוס דעם קלאַנג פון ייִדיש פון דער טוואַרדע גאַס.

— ניין, הער עפּשטיין, ליידער, האָב איך נישט קיין טעות — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס צוגערוקט זיין שטול נעענטער צו עפּשטיינען — און אויף דעם אָוונט ביים גראַף בראַניצקי האָב איך זיך איבערציינגט, אַז די לאַגע איז נאָך פיל ערנסטער, ווי איך אַליין האָב גערעכנט.

— ביים גראַף בראַניצקי? — האָט עפּשטיין נישט אָן דערשטוינונג איבערגעפרעגט.

— ער איז אויך אייערער אַ פריינט, דער גראַף בראַניצקי? — האָבן איראָנישע טענער געקלונגען אין קול פון פּאַטער אַנטאָניוס.

— אַזוי ווייט גייט עס נישט, — האָט עפּשטיין געשמייכלט — אַז אַ גראַף זאָל זיך דערקלערן אין פריינטשאַפט צו אַ „זשיד”... זיי געדענקען נאָך די צייטן, די גוטע צייטן, ווען זיי האָבן מיט זייערע ייִדן געקענט טון וואָס נאָר זיי ווילן און זיי בענקען געוויס נאָך די דאָזיקע צייטן... פונדעסטוועגן...

— פונדעסטוועגן?...

— פונדעסטוועגן — האָט עפּשטיין צו זיך אַ קורצן לאַכל געטון — זאָגן זיי זיך נישט אָפּ פון ייִדיש געלט. אַ, ניין!...

— אַ געשעפטס־פריינט, הייסט עס, איז ער אייערער, דער גראַף?

— אומגעפער — איז עפּשטיין געוועזן צוריקגעהאַלטן — נו, האָט אויך דער גראַף יאַן טענות צו אונדז, ייִדן?...

— אַ, ניין, דער גראַף איז געוועזן קאָרעקט. ער האָט אפילו אייך, הער עפּשטיין, געשטעלט אַלס מוסטער פון אַן אָנשטענדיקן זשיד...

— איך בין טיף גערירט — האָט עפּשטיין זיך פונאַנדערגעלאַכט — איך ווייס נישט, צי איר ווייסט, אַז דאָ ביי אונדז דאַרף יעדער אָנשטענדיקער שלאַכטשיץ (אַדלמאַן) פיינט האָבן אַלע ייִדן און ליבן זיין

זשידעק... כע, כע, כע! — איך, הייסט עס, האָב די ערע צו זיין דער זשידעק פון גראַף יאַן... נו, קומט אים דערפאַר אן הוספה, נישט וואָר?...

— איך האָב נישט קיין רעכט זיך צו מישן אין אייערע עסקים — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס אונטערגעהאַלטן דעם לייכטן טאָן פון געשפּרעך — און איר וועט אליין מוזן באַשליסן, צי עס קומט דעם גראַף אן הוספה אָדער נישט... איר דאַרפט אָבער וויסן, הער עפּשטיין, אַז די גרעפין...

— די שיינע יאַדוויגא — האָט עפּשטיין זיך דערמאָנט אָן די אַלע רכילות, וואָס ער האָט געהערט וועגן דער פרוי פון גראַף יאַן.

— יאָ, זי, די גרעפין יאַדוויגא, האָט גאָרנישט קיין געהויבענע מיינונג אפילו וועגן אייך. זי האָט איר אַרימען מאַן שיער נישט פאַרברענט מיט אירע שיינע אויגן פאַר דעם גוטן וואָרט, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן וועגן אייך און די גאַנצע געזעלשאַפט איז געווען מיט איר איינשטימיק, אַז אַ זשיד בלייבט שטענדיק אַ זשיד און אפילו „אַזאַ מיליאָנער ווי דער עפּשטיין” קען גאָר זיין אַ באַהאַלטענער סאָציאַליסט...

— אַ סאָציאַליסט?... — איז עפּשטיין געוואָרן אויפמערקזאַם — וואָס ווייסט זי נאָך, די שיינע גרעפין, וועגן מיר?...

— זי האָט נישט קיין צוטרוי צו די זשידעס, די גרעפין — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס ווי געגעבן אַ שעלמישן ווינק מיט דעם לינקן אויג — זי גלויבט אפילו נישט...

— וועמען?

— די משומדים...

צום ערשטן מאָל האָט עפּשטיין געזען דעם פּאָטער אַנטאָניוס לאַכן און גראַד דאָס געלעכטער האָט ביידע עפּעס דערנענטערט.

— זענען מיר געווען די איינציקע טעמע אין גראַפס פּאַלאַץ? — האָט עפּשטיין געפרעגט.

— כמעט — איז דער פּאָטער אַנטאָניוס געוואָרן ערנסט — אַ חוץ פאַרשטייט זיך פּלאַמיקן ענטוזיאַזם פאַר זיין מאַיעסטעט דעם קיסר אין פּעטערבורג... און דער הויכגעשטעלטער גאַסט איז געווען אַנטציקט פון דער פּאַטריאָטישער גרעפין...

— דער הויכגעשטעלטער גאַסט? — איז עפּשטיין געוואָרן באַזונ־דערס אויפמערקזאַם.

— גענעראַל יאַנושקעוויטש —· דער פּאַטער אַנטאַניוס האָט געזען אַ צייכן פון צווייפל אויף עפּשטיינס פּנים און ער האָט צוגעגעבן — ניין, איך האָב נישט קיין טעות, הער עפּשטיין, איך קען אייך פאַר־זיכערן, אַז איך האָב צוזאַמען געטרונקען לחיים מיטן גענעראַל יאַנוש־קעוויטש פאַר זיין מאַיעסטעט דעם קיסר און ראַמאַן דמאָווסקי האָט מיט־געטרונקען...

דניאל עפּשטיין האָט מער נישט געצווייפלט. ער האָט געוווסט און געפילט, אַז דער פּאַטער אַנטאַניוס זאָגט אמת. אָבער פאַרשטיין האָט ער פּאָרט נישט געקענט. ער האָט געוווסט, אַז די סאַלאָנען פון די פּוילישע אַריסטאָקראַטן זענען ביז היינט געווען פאַרשלאָסן פאַר דעם קיסרס אָפיצירן, איז ווי אַזוי האָט דער גראַף יאַן געוואַגט נישט צו רעכענען זיך מיט דעם „חרם" און איינצולאַדן צו זיך דעם שעף פון פירשט ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטשעס שטאַב?...

— די פּאַטריאָטישע מלחמה האָט אָפּגעשאַפט דעם חרם — האָט דער פּאַטער אַנטאַניוס אים אויפגעקלערט — אַזוי האָבן מיר פאַרזי־כערט מיינע שכנים און באַזונדערס די גרעפין יאַדוויגאַ, וועלכע איז איינגעלאַדן געוואָרן צו דער פּרינצעסין טאַטיאַנאַ...

— אַזוי וווייט... — איז עפּשטיין געוואָרן וואָס אַמאָל אומרואיקער.

— די אידיליע איז געווען צו באַוווּנדערן — האָט דער פּאַטער אַנטאַניוס ווייטער גערעדט — און דאָ קום איך צו צו דעם וויכטיקסטן: דער גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט פייערלעך צוגעזאָגט זיינע נייע פריינט צו מאַכן אַן ענדע צו דער זשידאָווסקע פּאַלעסטינאַ...

— פּאַלעסטינע גאָר? — האָט עפּשטיין נישט פאַרשטאַנען.

— גער איז זשידאָווסקע פּאַלעסטינע און דער רבי איז דער קעניג פון אַלע יידן אין גאַנצן לאַנד... נאָר זיינע, דעם רבינס באַפעלן, הערן זיי, די יידן... און ער, דער רבי, האָט דאָס געהייסן מיט עטלעכע טעג צוריק צעשטעכן אַ רוסישן סאָלדאַט כמעט אויף טויט... זיי האָבן קענ־טיק זייער באַדויערט, וואָס דער זעלנער איז געבליבן לעבן... יאָ, דער גענעראַל יאַנושקעוויטש איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט און פאַרזי־

בערט, אז ער מוז געפינען דעם פארברעכער וואָס האָט צעשטאָכן דעם זעלנער און דעמאָלט...

— וואָס דעמאָלט?

— דעמאָלט וועט קומען די צייט זיך אָפּצורעכענען מיט דעם זשי־דאָווסקי „קרול״, דעם רבין און מיט אַלע זיינע אונטערטאַנען, די יידן...

און דער פּאָטער אַנטאָניוס האָט צוגעגעבן מיט אַ ציטער אין זיין קול:

— איך בין געזעסן ביים טיש און געטרונקען וויין און איך האָב גע־האַט דאָס געפיל, אַז איך באַטייליק זיך ביים צוגרייטן אַ בלוט בלבול...

די לעצטע ווערטער האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס אַרויסגערעדט אַזוי שטיל, אַז עפּשטיין האָט זיי קוים דערהערט.

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן זיך פארלוירן איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט. אין דעם מאָמענט איז דאָס קאַלט־פארשלאָסענע פּנים פון פּאָטער אַנטאָניוס געוועזן ענלעך צו די פאַרזאָרגטע פּנימער פון די יידן אויף טוואַרדע גאַס.

— איר מיינט, אַז עס דראָט שוין אַ געפאַר דעם רבין און מען דאַרף אים וואָרענען? — האָט עפּשטיין געפרעגט.

— לויט מיין מיינונג דאַרף ער וויסן — האָט דער פּאָטער אַנ־טאָניוס געזאָגט — הגם, ווי איך רעכן, וועט גענעראַל יאַנושקעוויטש דערוויל לאָזן צו רו דעם רבין... פאַר אים איז וויכטיקער אַריינצובאַקו־מען אין האַנט אַריין דעם מענטש וואָס האָט דעם זעלנער צעשטאָכן...

— יאַנקל שמייסער... — האָט זיך שיער נישט אַרויסגעריסן פון עפּשטיינס מויל — אַזוי מיינט איר?

— איך בין נישט קיין יוריסט — האָט געענטפערט דער פּאָטער אַנטאָניוס — נאָר אַזאַ איינדרוק האָב איך אַרויסבאַקומען פון גענעראַל יאַנושקעוויטשעס רייד... אַז ער וועט האָבן דעם ייד אין האַנט, וועט נישט שווער זיין צו מאַכן דערפון שפּעטער אַ יידישע פאַרשווערונג...

— און דעריבער?

— דאַרף דער שולדיקער פאַרשווינדן — האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס פּעסט געזאָגט — ער טאָר נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די זשאַנ־

דארמען... מיט גוואַלט קאָן מען פון א מענטש נישט וויניק ארויסבאקו־מען...

— זאָל איך אים זאָגן וועגן יאַנקל שמייסער? — האָט עפּשטיין זיך געפילט נישט באַקוועם — ווייזן אים אז כ׳האָב צו אים צוטרוי?...

דער פּאַטער אַנטאָניוס האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון עפּ־שטיינען און א טרויעריקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין טונקל געזיכט:

— איך וויל אייך זאָגן, הער עפּשטיין, אז עס איז קיינער מיט גאָרנישט פארפליכטעט צו מיר... דאָס וואָס איך בין צו אייך געקומען איז געווען דערפאַר, ווייל איך האָב אַנדערש נישט געקענט... און אויב איר וועט דערלויבן, וועט עס נישט זיין מיין לעצטער באַזוך... און אפשר נייטיקט איר זיך איצט אין מיין הילף...

עפּשטיינען האָט זיך געדאַכט, אז אין דעם מאָמענט איז פון דער שטוב פארשוואונדן דער פּאַטער אַנטאָניוס אין דער גלחישער סוטאַנע, און אז שלמהלע פון דער טוואַרדע גאַס שטייט פאַר אים מיט א דערשראָקן פּנים און בעט זיך עפּעס אַזוי נישט דרייסט, אַזוי פארשעמט און דער־שראָקן.

עפּשטיין האָט געוואָלט אים זאָגן א גוט וואָרט.

— איר ווייסט, מיר זענען היינט אָפּגעריסן פון דער וועלט און ווען מיר קענען האָבן א זיכערן שליח...

— פאַר מיין צוריקרייזע קיין רוים — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס קוים הערבאַר ארויסגערעדט — וועל איך אייך מיטטיילן און איך וועל גערן זיין דער שליח...

דניאל עפּשטיין האָט דעם פּאַטער אַנטאָניוס באַגלייט ביז צו דער טיר. זיי האָבן מער נישט גערעדט. ביידע פּנימער האָבן געהאַט אין דעם מאָמענט כמעט איין און דעם זעלבן אויסדרוק פון יידישן טרויער.

— א גוטע נאַכט, הער עפּשטיין — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

— איך האָף, אז מיר וועלן זיך נאָך זען, פּאַטער אַנטאָניוס — האָט עפּשטיין דאָס מאָל וואַרעם געדריקט די אויסגעשטרעקטע האַנט.

די הויכע שלאנקע געשטאלט פון פאָטער אנטאָניוס איז פארשוווּנדן אין שאָטן פון דער נאכט.

דניאל עפּשטיין איז געשטאנען ביי דער האלב אָפענער טיר. ער האָט געקוקט אויף די שטענדיקע, שטיל ווייגנדיקע זיך ביימער און עס איז אים פאָרגעקומען, אז ער האָט פארגעסן צו זאָגן דעם פאָטער אנטאָניוס דאָס וויכטיקסטע, פארגעסן אים צו זאָגן, אז אויף דער טווארדע גאס איז שטענדיק דאָ אן אָרט פאר דעם היימלאָזן שלמהלע.

— פאַרפאַלן, אַזוי איז עס, שלמהלע... — האָט זיך עפּשטיינען געדאכט, אז ער רעדט צו עמיצן — פון דער טווארדע גאס גייט נישט צו אנטלויפן...

עפּשטיין האָט פארמאַכט די טיר און ווי זיין געוווינהייט געווען, גענומען ווישן די דיקע גלעזער פון זיין בריל.

צוריקקומענדיק אין שטוב, האָט בערטע אים באגעגנט מיט איר רואיקן שמייכל.

— די קינדער שלאָפן שוין, בערטע?

— יאָ — האָט בערטע שטיל געענטפערט און זיך דערמאָנט, אז אזוי פלעגט ער, דניאל, שטענדיק פרעגן, ווען ער איז שפּעט אַהיימגעקומען.

— וואָס עס קען אַלץ געשען אויף דער טווארדע גאס!... — האָט עפּשטיין ווי אמאָל דערפילט א באדערפעניש זיך אויסצורעדן פאר דער שטילער און שטענדיק אויפמערקזאַמער בערטע — טרויעריקע שפּאסן מאַכט זי טיילמאָל, די טווארדע גאס. און ווען עס פארגלוסט זיך איר, ברענגט זי צו מיר גראָד א שליח פון הייליקן רוים, וועלכער קען נישט רוען צוליב דער געפאַר, וואָס דראָט דעם רבין פון גער!...

דניאל עפּשטיין האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, האָט פאררויכערט א סיגארעט און גענוי און אויספירלעך דערציילט בערטען צוליב וואָס דער פאָטער אנטאָניוס איז אהערגעקומען.

— און איצט ווייס איך נישט — האָט עפּשטיין פאַרענדיקט — וואָס מען טוט מיט אים, מיט דעם שמייסער־יונג יאנקל... דער פאָטער אנטאָניוס זאָגט, אַז ער דאַרף אויף אַ געוויסער צייט פארשווינדן פון דער שטאָט...

— און אפשר האָט ער רעכט — האָט עפּשטיין געטראַכט הויך אויפן קול — איך מוז זיך נאָך פריער דורכרעדן מיט אדאָלף בער ... נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז עס וועט דערווייל קיין אַנדערער אויסוועג נישט זיין... און אין קריגס־צייט איז שווער צו געפינען אַ פּאַסיק און זיכער אָרט...

— שיק אים אַרויס צו מיר — האָט בערטע צום ערשטן מאָל זיך אָנגערופן.

— וועמען? — האָט עפּשטיין אין ערשטן מאָמענט נישט פאַר־שטאַנען.

— ווי האָסטו געזאָגט הייסט ער — האָט בערטע רואיק געענטפערט — יאַנקל, דאַכט זיך, נו זאָל ער אַהערקומען צו מיר...

— אָבער דו פאַרשטייסט, ווי איך זע, צומאָל נישט די געפאַר — האָט עפּשטיין נישט געוואָלט הערן — אוממעגלעך...

— דו ווילסט מיך איבערשרעקן, דאַניעל, — האָט בערטע געשמייכלט — אָבער אין דעם פאַל טרייבסטו ווירקלעך איבער... דאָ אין דער ווילע וועט אים קיינער נישט זוכן... מען זעט דאָ נישט גאַנצע טעג קיין מענטש... און דאָ וועט ער נישט זיין פאַרדעכטיק, יאַנקל... איך האָב סיי ווי גע־זוכט אַן אַרבעטער צום הויז און גאָרטן — איז פאַרוואָס זאָל ער דאָס נישט קענען טון...

— אָבער...

— קיין „אָבער", דאַניעל — זענען בערטעס אויגן פאַרלאָפן ווי מיט אַ נעפּל — דו ווייסט דאָך, אַז ביי מיר אין שטוב האָבן זיך געפונען גע־פערלעכערע געסט און עס איז אַלץ דורך, ווי עס דאַרף צו זיין...

— איך וועל נאָך אַ טראַכט טון — האָט עפּשטיין געזאָגט.

— און דער יאַנקל וואָלט מיר גראָד צו ניץ געקומען — האָט בער־טען זיך געדאַכט — אַז מיטן אָנקומען פון דעם יונג, וועלכן זי האָט נאָך קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען, וועט זי צוריקגעווינען עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי האָט פאַרלוירן...

— כ'ווייס נישט... — האָט עפּעס אַ געפּיל פון שולד אַרומגענומען עפּשטיינען — כ'מוז זיך פריער זען מיט אַדאָלף בערן...

# אין שטורעם

עפּשטיין האָט זיך שווער אויפגעשטעלט. בערטע האָט אים שוויי־גנ־דיק באַגלייט ביז צו דער טיר.

ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, איז בערטע געבליבן שטיין אומ־באַוועגלעך ווי אין דערוואַרטונג, אַז באַלד וועט זיך די טיר ווידער עפּע־נען און זי וועט דערזען ווי דאַניעל ווישט די דיקע גלעזער פון זיין בריל...

נאָר די טיר האָט זיך אין דעם אָוונט מער נישט געעפנט אין בער־טעס שטוב.

## קאַפּיטל 13

# אין דער הויפּט קוואַרטיר פון גרויספירשט

אַלע ייִדן און גויים האָבן געוווּסט, אַז זיי טאָרן נישט וויסן, ווו עס געפינט זיך די הויפּט קוואַרטיר פון פירשט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש, דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם צאַרס אַרמייען.

און אַלע האָבן אויך געוווּסט, אַז אין געוויסע שעהען בייטאָג און ביינאַכט איז געזינטער נישט צו שטיין ביים פענצטער און אַרויסקוקן אויף דער גאַס.

קליין איז געוואָרן די צאָל פון די איינוווינער פון דער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע, ביי וועלכע דער נייגיר איז געווען שטאַרקער ווי די שרעק און זיי האָבן געוואָלט כאָטש פונדערווייטנס אַ קוק טון אויף דעם קיסרס פעטער.

די דאָזיקע נייגעריקע האָבן פאַרשטעלט די פענצטער פון זייערע וווינונגען מיט שווערע טונקעלע שטאָרן, האָבן אויסגעלאָשן דאָס ליכט אין זייערע שטיבער און מיט קלאַפּנדיקע הערצער דורך אַ שפּאַלט געכאַפּט אַ בליק אויף דער אויסגעליידיקטער גאַס.

אויף דער ברייטער טאַרגאָווע גאַס האָט מען שוין אַ שעה פריער נישט געזען קיין לעבעדיק נפש. דערפאַר האָבן שוין געזאָרגט די פּאָליציי־לייט מיט זייערע פּריסטאַוועס און די זשאַנדאַרמען מיט זייערע אָפיצירן.

אויף דער גאַס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַן אומהיימלעכע שטילקייט. נאָר פּלוצלינג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ מעכטיקן גאַלאָפּ. איבער דער גאַנצער ברייט פון דער טאַרגאָווע גאַס האָט זיך געטראָגן אַ מויער פון פערד־רייטער, שפּיציקע פּיקעס, ביקסן, שווערדן,

קוילנוואַרפער און כלערליי אנדערע כלי־זין, עס האָט זיך געדאַכט, אַז די מויער באַרירט נישט די ערד, אַז זי טראָגט זיך אין די לופטן און אַז זי איז אַראָפּגעפאַלן, די מויער, פון אויבן ווי אַ פייערדיקער רייט־וואָגן פון מחבלים און „נישט־גוטע”, וואָס וועלן אין זייער גאַלאָפּ צע־טרעטן אַלץ און אַלע.

אַרומגענומען פון דער דאָזיקער מויער, איז געזעסן אין זיין קאַרעטע דער גרויספירשט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש אין דער פעסטער איבערצייגונג, אַז קיין שום מענטש אין דער וועלט ווייסט נישט, וווּ ער געפינט זיך און וווּהין ער פאָרט. די פליענדיקע מויער האָט ווי אַ שטורעם־ווינט זיך דורכגעטראָגן איבער דער אויסגעשטאַרבענער טאַרגאָווע גאַס און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן ביים שמאָלן געסל, וואָס פירט צו דער טערעספאָלער באַן.

די יידן אין פּראַגע האָבן דעמאָלט לייכטער אָפּגעעטעמט, זענען צו־ריק אַרויס אויף דער גאַס, האָבן געעפנט זייערע קראָמען און האָבן זיך געמיט אַפילו נישט צו קוקן צו דער זייט פון דער טערעספאָלער באַן.

נישט קוקנדיק, האָבן זיי פונדעסטוועגן גוט געוווּסט, אַז אין דער גאַנצער שטאָט האָט דער גרויס־פירשט נישט געפונען פאַר זיך קיין באַ־קוועמער און זיכערער אָרט ווי די טערעספאָלער באַן.

אין די חסידים־שטיבלעך האָט מען צווישן מנחה און מעריב מיט שטילע און געדעמפטע קולות געפּרוּווט זיך אַליין געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט עפּעס די טערעספאָלער באַן זוכה געווען צו דעם כבוד צו זיין די הויפּט־קוואַרטיר פון קיסרס הויפּט־קאָמאַנדיר און פעטער.

— איר פאַרשטייט, — האָט דער שטיבל־סטראַטעג גערעדט מיט אַ זייער ערנסט פּנים — די זאַך איז נישט גלאַט... עס הייסט, אַז די נייע ליניע וועט גיין...

— ליניע, שמיניע, וואָס האַקסטו מיר אַ טשייניק מיט עפּעס ליניעס

— האָט יצחקל דער ווערטל־זאָגער אוועקגערוקט אָן אַ זייט דעם סטראַטעג

— יאָך, יידן, ווייס דעם אמת...

— נו, לאָמיר הערן, יצחקל, לאָמיר הערן...

—פאַרשטייט איר מיך, יידן, — האָט יצחקל גענומען זיין בערדל

איןביידע הענט — דער פעטערשי ר׳ ניקאָליי גרייט זיך צו מאכן ויברח, נו...

— נו? נו?...

—עטץ פארשטייט נאָך אַלץ נישט — האָט יצחקל געלאכט — אַז מ׳וויל מאכן ויברח, האָט מען דאָך מורא נישט צו פארשפעטיקן דעם „פּאָציאָנג״ (די באַן).

— געדענק, יצחקל, אַז דו וועסט נאָך שלעכט אָפּשניידן מיט דיינע רייד — האָבן יידן אים געוואָרנט און פונדעסטוועגן אליין מיטגעלאכט.

נאָר דער אַלטער ר׳ ברוך האָט טרויעריק געשאָקלט מיט זיין גרויער באָרד און געזאָגט:

— און איך שוויַיג און האָב שוין שלעכט אָפּגעשניטן... מיין גאנצע פרנסה איז געווען פון דער טערעספּאָלער באַן און איצט — אין יוצא ואין בא...

— דער אַלטער ר׳ ברוך איז פונדעסטוועגן נישט געווען אינגאנצן גערעכט מיט זיין טענה „אין יוצא ואין בא״ צו דער טערעספּאָלער באַן.

אמת, מען האָט מער נישט געזען אויף דער טערעספּאָלער באַן די יידישע שפּיליטערס (קליינשטעטלדיקע עקספּעדיטאָרן) און נישט די יידענעס מיט גרויסע שייטלעך אויף די קעפּ און נאָך גרעסערע קוישלעך אין ביידע הענט און מען האָט דאָרט אויך מער נישט געזען די פּויערים און פּויערטעס מיט הינער און אייער, מיט וועלכע ר׳ ברוך האָט זינט לאַנגע יאָרן געפירט מסחר.

דערפאַר האָבן אַנדערע פּנימער זיך דאָרט באַוויזן זינט אַ געוויסער צייט. טויזנטער און טויזנטער „מוזשיקעס״ אין סאָלדאַטסקע מונדירן, צו־זאַמענגעשלעפּטע פון אַלע עקן פון גרויסן רוסלאַנד, האָבן צוזאַמען מיט קליינגעוויקסיקע דאָנער קאָזאַקן, וואָס רציחה גלאַנצט שטענדיק אין זייערע אויגן, טאָג און נאַכט געהיטן די גרויסע ליידיקע שטחים פון דער טערעספּאָלער באַן.

און פאַרביי זענען אָן אויפהער דורכגעגאַנגען הונדערטער אָפיצירן, יונגע און אַלטע, טייל מיט פרייַלעכע זאָרגלאָזע פּנימער און אַנדערע שטענדיק פאַרכמורעטע און בייזע, טייל גלאַט ראַזירטע, אין עלעגאַנטע

מונדירן פון שטאַבס־אָפיצירן און אַנדערע מיט גרויסע באַקן־בערד און מיט מונדירן אויף וועלכע עס איז נאָך געלעגן דער שטויב פון פעלד.

אָבער די ערשטע ווי די אַנדערע זענען מיטאַמאָל גלייך געוואָרן און איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווען זיי זענען שטיין געבליבן פאַר אַ געדיכטער דראָט־פאַרצוימונג.

צוויי אָפיצירן זענען ווי סטאַטועס געשטאַנען אומבאַוועגלעך פאַר דער פאַרצוימונג און שאַרף אָנגעקוקט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו זיי.

אַ שטומער צייכן מיט דער האַנט האָט אָנגעוויזן, אַז מען מעג איבערטרעטן דאָס הייליקע פון אַלעם הייליקן פון קיסרס אימפּעריע.

הינטער דער פאַרצוימונג איז געלעגן אַ ליידיק שטיק פעלד, דאָ און דאָרט באַוואַקסן מיט ווילד גראָז. אין מיטן דעם פעלד האָט זיך געשלענגלט אַ לאַנגער שמאָלער צוג. די דעכער פון די וואַגאָנעס זענען געווען באַלייגט מיט געדיכט גראָז און הונדערטער שמאָלע דראָטן האָבן זיך צו די גרינע וואַגאָנעס־דעכער געצויגן פון אַלע זייטן.

אין די וואַגאָנעס זענען די ווענט געווען באַהאָנגען מיט גרויסע מאַפּעס און אַרום די טישן זענען געזעסן יונגע און אַלטע אָפיצירן פאַרטיפט אין זייער אַרבעט.

אַ שווערע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם צוג. די אַדיוטאַנטן פון גרויספירשט האָבן אויף די שפּיץ־פינגער געשוועבט איבער די לאַנגע קאָרידאָרן, טיילמאָל זענען זיי דורך דעם קאָרידאָר מיט זייערע מיט גאָלד פינקלענדיקע מונדירן און נישט אָפּגעשטעלט זיך ביי קיין טישל.

דעמאָלט האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט ווי נאָך אַ גרויס גע־פאַר, וואָס איז נאָר וואָס אַריבער.

נאָר טיילמאָל האָבן זיי זיך נישט מער ווי אויף אַ רגע פאַרהאַלטן ביי איין טישל, האָבן עפּעס אַ זאָג געטון גאַנץ שטיל און באַלד דער־נאָך האָט זיך פון זיין אָרט אויפגעשטעלט אַן אַלטער גענעראַל און מען האָט געזען ווי זיינע הענט ציטערן, ווען ער פּרוווט פאַרשפּיליען זיין מונדיר.

אַזוי איז געווען יעדן טאָג אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם גרויס־פירשט ניקאָלאַיעוויטש און יעדער גענעראַל, וואָס איז צו אים

אַרויסגערופן געוואָרן, האָט נישט געוווּסט, צי ער וועט נישט אַרויס פון הויפּט־קאָמאַנדאַנטס וואַגאָן מיט אָראַפּגעריסענע עפּאָלעטן.

שווער געווען דער אָטעם אין די שמאָלע וואַגאָנעס פון דעם לאַנגן אומבאַוועגלעכן צוג, נאָר געווען זענען דאָרט טעג, ווען דער אָטעם פון די מענטשן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט פאַר שרעק.

— היינט איז ער ווילד — איז אַ ציטער דורכגעלאָפן פון וואַגאָן צו וואַגאָן, און די פּנימער פון אַלטע גענעראַלן ווי פון פּראָסטע סאָלדאַטן זענען געוואָרן בלייך פאַר שרעק.

די אַדיוטאַנטן האָבן נאָך פריער געוווּסט, אַז דער שטורעם רוקט זיך אָן.

— רוף זיי אַריין, די סוואָלאָטשעס! — די אַדיוטאַנטן האָבן זיך שווייגנדיק פאַרנייגט און אויף די שפּיץ־פינגער זיך אַרויסגערוקט. דעם גרויספירשטס אויגן האָבן געגלאַנצט מיט רציחה.

אין שכנותדיקן וואַגאָן האָבן שוין העכער צוויי שעה געוואַרט די דעפּוטאַטן פון דער „דומאַ" (רוסישער פאַרלאַמענט) מיט דעם אַלטן אָקטיאַבריסטן־פירער גוטשקאָוו אין דער שפּיץ.

צוויי וואָכן האָט דער גרויספירשט געלאָזט וואַרטן די דאָזיקע דומאַ־„סוואָלאָטשעס", ווי ער האָט זיי גערופן, ביז ער האָט באַוויליקט צו באַשטימען דעם טאָג פון דער אויפנאַמע.

און ווען זיי זענען געקומען, האָט ער זיי ווידער געלאָזט וואַרטן לאַנגע שעהען.

— די דאָזיקע לייט — פלעגט נאָך אין פּעטערבורג אייַנטענהן דער גרויספירשט ווי אַן עלטערער פעטער מיט זיין פּלימעניק, דעם קיסר — דאַרף מען שטענדיק דערלאַנגען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, אַנדערש ווערן זיי חוצפּהדיק און פאַרשייט.

טיף אין האַרצן האָט דער גרויספירשט ניקאָלאַיעוויטש פאַראַכטעט זיין פּלימעניק, דעם פון גאָט געזאַלבטן קיסר פון דער הייליקער מוטער רוסלאַנד און אין ענגן משפּחה־קרייז האָט ער אים נישט אַנדערש גערופן ווי דער טיפּש.

— ער וועט אומברענגען רוסלאַנד, דער טיפּש! — האָט דער גרויס־

פירש ניקאַליי ניקאָלאַיעוויטש געקלאַפּט אין טיש, רעדנדיק צו די אַנ־דערע קייזערלעכע פּעטערס און מומעס — געדענקט מיינע ווערטער!

די פּעטערס און מומעס פון קיסר האָבן טרויעריק צוגעשאָקלט מיט זייערע אַלטע קעפּ און גלייכצייטיק זיך געשראָקן צו הערן הויך אַרויס־געזאָגט זייערע אייגענע מחשבות.

— און ווי קען ער רעגירן איבער רוסלאַנד — האָט דער גרויספירשט זיך נאָך מער צעהיצט פון זיינע אייגענע ווערטער — אַז ער קען זיך מיט זיין אייגן ווייב נישט קיין עצה געבן!...

— ששששש... — זענען די אַלטע מומעס רויט געוואָרן.

— וואָס וועט אייך העלפן דאָס שושקען זיך אין די ווינקלען!... — האָט דער גרויספירשט אַ זעץ געטון אין טיש — די גאַטלאָזע סאָציאַ־ליסטן און די זשידעס די פאַרשאָלטענע, צעפּויקן דאָך איבערן גאַנצן לאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט די אַרגיעס וואָס דער אויסוואורף ראַספּוטין פּראַוועט מיט דער קייסערין פון רוסלאַנד!...

די קייזערלעכע פּעטערס האָבן אין פאַרלעגנהייט געגלעט זייערע בערד און די אַלטע מומעס זענען נאָך רויטער געוואָרן דערמאַנענדיק זיך, אַז אויך זייערע טעכטער ווערן אויף גאַנצע נעכט פאַרפאַלן מיט דעם דאָזיקן שטינקענדיקן פּויער ראַספּוטין און קומענדיק צומאָרגנס אַ היים מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, ענטפערן זיי חוצפּהדיק:

— מיר האָבן פאַרבראַכט מיט איר קייזערלעכער מאַיעסטעט...

די גרויע קאַלטע אויגן פון גרויספירשט האָבן אויפגעבליצט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז נישט באַ־דופנע וועלן פון זיינע אויגן אַרויסלייענען זיין גרויסן חלום. דעם חלום פון מאַכט איבער אַלע פעלדער און וועלדער, איבער אַלע שטעט און דערפער און מדבריות פון דעם גרויסן רוסלאַנד...

אין זיין חלום האָט דער גרויספירשט זיך געזען זיצן אויף דעם טראָן פון די צאַרן און אַלע מלכים פון גאָר דער וועלט שטייען פאַר אים געבויגן.

— ביי מיר וואָלט אַנדערש געווען — האָט דער גרויספירשט צוזאַ־מענגעדריקט זיין גרויסע האַנט אין אַ פויסט, ווי איינער וואָס האָט מורא עפּעס פון זיין האַנט אַרויסצולאָזן.

— אין דעם מאָמענט איז אים פאָרגעקומען, אַז אין זיין פויסט האַלט ער דעם סצעפּטער און די מאַכט פון די צאַרן.

— די צייטן פון פּיאָטר דעם גרויסן וואָלט איך אויפגעלעבט — האָט ער געטרוימט מיט אָפענע ברייט־אויפגעריסענע אויגן — ווי מיין גרויסער זיידע וואָלט איך אַליין מיט אַ האַק געשניטן די קעפּ פון די ווידערשפּעניקע און עס וואָלט געווען אָרדענונג, אָרדענונג!...

ער האָט געוואָרפן אַ פאַראַכטנדיקן בליק אויף די קייזערלעכע פּע־טערס און מומעס און געוווּסט, אַז אויף זייער הילף קען ער נישט רעכענען:

— פאַרטריקנטע מומיעס!... — האָט ער צו זיך אַ ברום געטון — זיי זענען שוין צו גאָרנישט...

אַ בייזער און פאַרכמורעטער פלעגט ער זיך אויף גאַנצע טעג אָפּשליסן אין זיין פּאַלאַץ, נאָר זיין אַלטער דינער, דער אויסגעדינטער סאָלדאַט וואַסילי, האָט געמעגט אין זיין שטוב אַריינקומען און פון צייט צו צייט אָנגיסן פאַר זיין האַר אַ פריש גלאָז וואָדקאַ.

אין איינעם פון די דאָזיקע טעג איז דער אַלטער וואַסילי אַריינגעקומען, האָט דאָס מאָל נישט אָנגעגאָסן קיין פריש גלאָז בראָנפן און נאָר שטיל געזאָגט:

— דער אַדיוטאַנט פון זיין מאַיעסטעט וואַרט...

— שיק אים צו אַלדע רוחות! — האָט דער גרויספירשט אַ דונער געטון — גיס אָן וואָדקאַ.

דער אַלטער וואַסילי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ער, דער איינציקער וואָס איז געווען קנעכטיש איבערגעגעבן דעם גרויספירשט און האָט מיט הכנעה פאַרנומען די אויסברוכן פון צאָרן פון זיין האַר.

— וואָס שטייסטו, אַלטער נאַר! — האָבן די אויגן פון גרויספירשט ווילד אויפגעבליצט.

דער איינגעדאַרטער גוף פון אַלטן וואַסילי האָט זיך געטרייסלט פאַר שרעק, נאָר פון אָרט האָט ער זיך נישט גערירט, און פון זיין אָנציינדיק מויל איז אַרויסגעקומען איין וואָרט:

— קריג...

— מיין מונדיר!... — האָט דאָס פּנים פון גרויספירשט אויפגע־

שיינט, ווי ער וואָלט פּלוצלינג דערהערט דעם קלאַנג פון הימלישער מוזיק.

דאָס אָנצייניקע מויל פון אַלטן סאָלדאַט האָט זיך צעשמייכלט. איצט האָט ער דערקענט דאָס אַמאָליקע קול פון ז יי ן קאָמאַנדיר.

דער אַלטער וואַסילי האָט מיט ציטערדיקע הענט געהאָלפן זיין האַר פאַרשפּיליען זיין מונדיר, באַהאַנגען איבער דער גאַנצער ברייט מיט מעדאַלן און אים באַגלייט מיט פאַרליבטע אויגן ביז דער קאַרעטע.

אַ שווייגנדיקער איז דער גרויספירשט געזעסן אין דער קייזערלעכער קאַרעטע און אפילו נישט באַמערקט, אַז אין ווינקל זיצט דעם קייזערס אַדיוטאַנט.

די זאַלן פון „ווינטער־פּאַלאַץ” זענען געווען פול מיט גענעראַלן, הויפּס־לייט, מיניסטאָרן און סענאַטאָרן. זיי זענען אַלע געשטאַנען אין אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג.

ווען דער גרויספירשט האָט זיך באַוויזן, איז אַן איינגעהאַלטן שוש־קעריי דורכגעלאָפן אַלע זאַלן.

דער גרויספירשט איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט. זיין פּנים איז געווען ווי אויסגעהאַקט פון שטיין און זיינע קאַלטע גרויע אויגן האָבן געקוקט גלייך פאַר זיך, ווי זיי וואָלטן צומאָל נישט באַמערקט די קעפּ פון די גענעראַלן און מיניסטאָרן, וואָס האָבן זיך פאַר אים געבויגן. באַלד איז ער פאַרשוווּנדן הינטער אַ שווערער טונקל־רויטער קאַטאַרע.

איינער אַליין איז דער קיסר פון רוסלאַנד געשטאַנען אין זיין קליינעם אַרבעטס־צימער. זיין בלאָנד־גרוי בערדל איז דאָס מאָל געווען נישט אַזוי גלאַט צוגעקעמפּט און זיין געזיכט האָט געהאַט דעם אויסדרוק פון אַ קינד, וואָס פילט זיך פאַרלוירן און שולדיק.

— פעטער — האָט ער מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט די האַנט פון גרויספירשט און זיינע אויגן זיינען אָנגעלאָפן מיט טרערן — די ביסט דער איינציקער וואָס קען ראַטעווען דעם טראָן און רוסלאַנד...

דאָס געזיכט פון גרויספירשט איז געבליבן אומבאַוועגלעך פאַרשטיי־נערט. נאָר די גרויע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט קאַלטע פייערלעך. ער האָט געפילט, אַז אין דעם מאָמענט הייבט אָן פאַרווירקלעכט ווערן דער גרויסער חלום פון זיין לעבן.

זיינע גרויע אויגן האָבן געזען, ווי דער קיסר ליגט אויף דער ערד פאַר דעם הייליקן בילד און צלמט זיך.

— ער מעג זיך צלמען — האָט דער גרויספירשט געקוקט אויף אים מיט רחמנותדיקער פאַראַכטונג — ער האָט גענוג געזינדיקט, נאָר פון היינט אָן הערש איך!...

ווי אַ הערשער איז ער אַרויסגעקומען אין גרויסן זאַל. דאָס מאָל האָט ער שוין דערקענט יעדן גענעראַל און יעדן מיניסטער און יעדן הויפסמאַן און זיינע קאַלטע אויגן האָבן געוואָרנט:

— ווײ דעם, וואָס וועט וואַגן מיר זיך אַקעגנשטעלן!...

די וואָרענונג איז געווען אָן איבעריקע. אַלע האָבן געבויגן די קעפּ פאַר אים. אַלעמענס אויגן האָבן אויסגעדריקט אונטערטעניקייט און געהאָרכזאַמקייט.

דער גרויספירשט ניקאָלײ ניקאָלאַיעוויטש איז פון דעם טאָג אָן געוואָרן דער פאַקטישער הערשער. נישט בלויז די גענעראַלן, נאָר אויך די מיניסטאָרן האָבן געוווּסט, אַז זיי דאַרפן קומען מיט זייערע ראַפּאָרטן אין דער קוואַרטיר פון הויפּט־קאָמאַנדיר.

אויך אין די רעזידענצן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע האָט מען זיך שנעל דערוווּסט, אַז דער גרויספירשט איז דער הערשער און געשיקט צו אים זייערע אַמבאַסאַדאָרן.

און שפּעט ביינאַכט, ווען ער איז געבליבן אַליין און נאָר דער אַל־טער וואַסילי האָט געמעגט אַריינקומען אין זיין שטוב, כדי פול צו מאַכן דאָס גלאָז וואָדקע, האָט דער גרויספירשט מיט אָפענע אויגן געחלומט זיין גרויסן חלום, וואָס הייבט שוין אָן ווערן ווירקלעכקייט.

נאָר איין זיג, איין גרויסער זיג!... — האָט דער אַלטער וואַסילי געהערט ווי עס רייסן זיך אַרויס פון גרויספירשטס מויל ווערטער פון בענקשאַפט נאָך דעם גרויסן נצחון אויפן שלאַכטפעלד.

דער אַלטער סאָלדאַט וואַסילי האָט מיט ציטערדיקע הענט אָנגע־פילט פאַר זיין האַר דאָס גלאָז מיט בראָנפן און שפּעטער אין זיין ענג קעמערל געקניט פאַר דעם הייליקן בילד און פרום מתפלל געווען:

— שיק אים צו דעם גרויסן זיג, אַ, פאָטער אין הימל!...

ער מוז האָבן דעם זיג, דעם גרויסן זיג. דער געדאַנק האָט אויף אַ

מינוט נישט אפגעלאזט דעם גרויספירשט. ער מוז ווערן דער גרויסער העלד, פאר וועלכן אלע בייגן דעם קאפ. ער מוז ווערן דער רעטער פון דער הייליקער מאמע רוסלאנד.

דעמאלט ערשט וועט זיין מאכט זיין פעסט און זיכער. דעמאלט וועט קומען די צייט צו הערשן אזוי ווי פיאטר דער גרויסער. דעמאלט וועט ער א סוף מאכן מיט די אלע סאציאליסטן און זשידעס. דעמאלט וועט ער די אלע דומע־פלאפלער אננעמען ביים קאלנער און ווי הינט ארויסטרייבן פון טווערסקי־פאלאץ. דעמאלט וועט פאר אים שטיין אפן דער וועג צום — טראן...

— דער זיג, דער זיג — האט דער גרויספירשט געהאלטן אין איין באשווערן די גייסטער — אך, ווען איך באקום אים, דעם זיג...

נאר דער זיג איז אויף להכעיס דעם גרויספירשט נישט געקומען. אנשטאט נצחונות זענען געקומען שווערע מפלות.

דער גרויספירשט האט געזידלט זיינע גענעראלן מיט גראבע סאל־דאטסקע קללות. ער האט זיי באפוילן נישט צו קארגן קיין הארמאטן־פלייש, נישט צו רעכענען זיך מיט קיין שום קרבנות, צו פארגיסן טייכן בלוט אויף דעם מזבח פון קריגס־אפגאט.

און מיליאנען ארימע פויערים פון אלע עקן לאנד זענען אוועקגעריסן געווארן פון זייערע פעלדער, ווייבער און קינדער, און איבערגעטון גע־ווארן אין סאלדאטסקע מונדירן און די אפיצירן מיט אנגעפרעסענע מארדעס האבן צו זיי גערעדט:

— איר האט דערלעבט א גרויס גליק צו זיין די זעלנער פון באַ־טיושקא צאר און איר וועט זיין נאך גליקלעכער, ווען איר וועט אייער בלוט פארגיסן פאר דעם גאטס געזאלבטן הערשער.

די פויערים אין סאלדאטסטע מונדירן האבן נישט פארשטאנען, פארוואס זיי דארפן זייער בלוט פארגיסן. זיי האבן נישט געקענט באַ־גרייפן, וואס דער צאר באטיושקא וויל דווקא זייער בלוט. זיי האבן געבענקט צו זייערע ווייבער און קינדער. זיי האבן געבענקט צו זייערע פעלדער און קי און הכנעהדיק — געשוויגן.

פון דור דורות האט זיך איינגעזאפט אין זייער וועזן די טיפע חכמה צו שווייגן ווען די „פאנעס״ רעדן...

נאָר ווען דער פעלדפעבל האָט באַפוילן, האָבן זיי פויל אים נאָכגע־שריגן „הורא" און זענען געפאַלן ווי פליגן פון דעם גיהנום־פייער, וואָס איז אויף זייערע קעפּ אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל.

זיי האָבן געהאָרכזאַם אויסגעפירט דעם באַפעל פון גרויספירשט. זיי האָבן זייער בלוט אַוועקגעגעבן נישט ווילנדיק פאַרוואָס, נאָר דעם זיג האָבן זיי נישט געברענגט.

און דער גרויספירשט האָט געוווּסט, אַז די אַלע אינטעליגענטן־„סוואָלאָטשעס" (ווי ער האָט זיי גערופן) הייבן שוין ווידער אויף זייערע חוצפּהדיקע קעפּ און אַז די דומע־פּלאַפּלער מיינען שוין, אַז זיי מעגן זיך אַריינמישן און אים זאָגן אַ דעה ווי אַזוי צו פירן קריג. זיי האָבן שוין אפילו געוואַגט צו שיקן דעלעגאַטן צום פראָנט צו זען און צו פאָרשן אויף דער אייגענער האַנט.

דער גרויספירשט האָט געברענט פון כעס:

— איך וועל זיי ווייזן — האָט ער זיי אין זיין געדאַנק געזידלט — און דעם גוטשקאָוו, זייער פירער און העצער, וועל איך נאָך אָנ־לערנען...

אָבער גלייכצייטיק האָט ער געוווּסט, דער גרויספירשט, אַז דער־ווייל, ביז עס וועט קומען דער גרויסער זיג, מוז ער שווייגן. אָבער אויפנעמען זיי איז שוין געווען צופיל, האָט ער זיי געלאָזט וואַרטן עטלעכע וואָכן און איצט הייסט ער זיי ווידער וואַרטן אין שכנותדיקן וואַגאָן.

עטלעכע מאָל איז זיין אַדיוטאַנט אַריינגעקומען און שטיל געמאָלדן מיט אַ חניפה־שמייכעלע:

— די הערן דעפּוטאַטן ווערן אומגעדולדיק...

— אויפן פראָנט מוז מען האָבן געדולד! — האָט דער גרויס־פירשט אַ צופרידענער פון די דומע־לייטס אומגעדולד געענטפערט.

ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— נו, ברענג זיי אַריין! — האָט ער באַשלאָסן, אַז ער האָט זיי, די דומע־פּלאַפּלער, גענוג שוין אָנגעלערנט צו האָבן געדולד.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער זענען אין דעם וואַגאָן פון גרויס־פירשט אַריינגעקומען די דעפּוטאַטן פון דער פּעטערבורגער דומע.

זייער פירער, דער ברייט־פלייציקער גוטשקאָוו, איז געווען אויפגע־בראַכט פון דער גרינגשעצונג, וואָס דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט צו אים אַרויסגעוויזן, און ער האָט זיך שווער באַהערשט, ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן:

— איידער מיר פאָרן היינט אין אָוונט צוריק קיין פּעטערבורג — האָט ער געזאָגט — האָבן מיר געהאַלטן פאַר אונדזער פליכט זיך צו טיילן מיט דעם הויפּט־קאָמאַנדיר מיט אונדזערע איינדריקן פון פראָנט...

דער גרויספירשט האָט געקוקט שווייגנדיק איבער גוטשקאָווס קאָפּ, ווי ער וואָלט אים צומאָל נישט געזען.

— ליידער זענען אונדזערע איינדריקן טרויעריקע — איז גוטש־קאָוו געוואָרן נאָך מער אויפגעבראַכט פון דעם פירשטס איגנאָראַנץ — אונדזערע אַרמייען ליידן שווערע פאַרלוסטן און מען זעט נישט דעם מינדסטן דערפאָלג...

— דער סוואָלאַטש! — האָט דער גרויספירשט אין זיך געזידט פון צאָרן — פאַר אַזאַ איינעם דאַרף מען צוגרייטן שמיץ...

און ער האָט קאַלט געזאָגט:

— ליידער קען איך נישט דיסקוטירן מיט ציוויל־לייט וועגן אַרמיי ענינים...

— איך דערלויב מיר אויפמערקזאַם צו מאַכן אייער קייזערלעכער הויכקייט — האָט גוטשקאָוו שטים געקלונגען מיט דראָאונג — אַז מיר וועלן צושטעלן זיין מאַיעסטעט און דער דומע אַ ראַפּאָרט וועגן אונדזערע איינדריקן...

— אויב כ'וועל האָבן צייט, וועל איך אים לייענען — האָט דער פירשט געערדט מיט אַ טאָן פון אָפענער גרינגשעצונג.

— איך האָב דעם איינדרוק — האָט גוטשקאָוו זיך קוים געקענט באַהערשן, — אַז געוויסע פּערזאָנען קענען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אין אונדזער לאַנד איז דאָ אַ פאָלקס־פאָרשטייער־שאַפט, וואָס האָט דאָס רעכט צו וויסן, ווען דאָס פאָלק גייט אָפּ אין בלוט און אונדזערע אַרמייען האַלטן אין איין פאַרלירן איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער...

— אונדזער אַרמיי פּאַרלירט נישט, מיין הער! — האָבן דעם גרויספּירשטס אויגן געגלאַנצט מיט רציחה.

גוטשקאָוו האָט געוווּסט, אַז ער האָט אָנגערירט דעם אָנגעווייטיקסטן פּונקט פון גרויספּירשטס אַמביציע און ער האָט גערעדט מיט בלומרשטער באַשיידנקייט:

— איך בין אַ ציוויל־מענטש און איך פאַרשטיי נישט פיל אין קריגס־פירונג. איך זע נאָר, ווי מיר טרעטן כסדר אָפּ אונטערן דרוק פון שונא און עס ווערט מיך זייער פרייען צו הערן, אַז דאָס אַלץ הייסט — זיגן...

דער גרויספּירשט וואָלט גערן געוואָלט זיך אויפרייסן פון אָרט און מיט די פויסטן פאַרמאַכן דאָס מויל פון דעם דאָזיקן חוצפּהניק. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז דערווייל קען ער זיך נאָך דערווייף נישט דערלויבן און ער האָט געענטפערט מיט אַ בלומרשטער רואיקייט:

— פאַר ציווילע מענטשן זענען אין קריג דאָ פיל אומפאַרשטענדלעכע זאַכן; ליידער זענען אָבער מיינע גענעראַלן באַשעפטיקט מיט קעמפן קעגן פיינט און זיי האָבן נישט קיין צייט צו געבן לעקציעס די נייגעריקע ציווילייט.

די דעפּוטאַטן האָבן זיך אויפגעשטעלט פון זייערע ערטער:

— איז דאָס אַלץ וואָס דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אונדז צו זאָגן?

— האָט גוטשקאָוו געפרעגט מיט נישט באַהאַלטענער איראָניע.

— מיר דאָ האָבן נישט קיין צייט צו רעדן, — האָט דער גרויספּירשט מיט זיינע קאַלטע גרויע אויגן אָפּגעמאָסטן די דעפּוטאַטן — נאָר די יעניקע וואָס האַלטן זיך פאַר די פאַרשטייער פון פאָלק האָבן איצט די מעגלעכקייט צו באַווייזן, אַז זיי זענען געטריי דעם פאָלק און זיך שטעלן הינטער דעם צאַר און זיין אַרמיי.

די דעפּוטאַטן האָבן שווין שטייענדיק אויסגעהערט די שטרענגע רייד פון גרויספּירשט, נאָר זייער פירער האָט געענטפערט:

— אייער קייזערלעכע הויכקייט מעג זיין זיכער, אַז די פאַרשטייער פון פאָלק ווייסן זייערע פליכטן און זיי וועלן זייער פליכט טון, נישט קוקנדיק אויף קיין שום זאַך!...

די לעצטע ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַן אָפענע דראָאונג.

# אין שטורעם

דעם פירשטס אויגן האָבן ווידער אויפגעפלאַמט, און ווען די טיר האָט זיך הינטער זיי פאַרמאַכט, איז אים באַפאַלן דער משוגעת־אַנפאַל, פאַר וועלכן אַלע האָבן אַזוי מורא געהאַט.

ווי אַמאָל זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס, די רוסישע צאַרן, האָבן געריסן די לאַנגע בערד פון זייערע הויפּלייט און געקאַפּעט מיט די פּיס די בייכער פון זייערע אָפיצירן, אַזוי האָט ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש זיך געוואָרפן אויף יעדן וואָס איז אים אין די מינוטן פון משוגעת געקומען אונטער דער האַנט.

וואָס?! צו אים, דעם גרויספירשט, וואָס אין זיין האַנט ליגט דער שיקזאַל פון פאָטערלאַנד, זאָלן וואַגן צו קומען מיט חוצפּהדיקע רייד די דאָזיקע פּעטערבורגער רומע־פּלאַפּלער, די דאָזיקע גאַרנישטן, די דאָזיקע אויסוואורפן, די דאָזיקע סוואָלאַטשעס־גוטשקאָוס!!...

און ער, ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש, זאָל מוזן זיי אויסהערן, זאָל מוזן זיי בעטן זיצן, זאָל מוזן צו זיי רעדן און שמייכלען!...

אַלע גענעראַלן און יונגע שטאַב־אָפיצירן זענען געשטאַנען פאַר זייער צאָרנדיקן קאָמאַנדיר און הענט און פּיס האָבן זיך ביי זיי געטרייסלט פאַר שרעק.

און דעמאָלט האָט דער גרויספירשט זיך אויף זיי געוואָרפן מיט געביילטע פויסטן:

— איר שווייגט?! איר, סוואָלאַטשעס, שיכורים, נואפים!!...

איר ברענגט חרפּות און בושות אויף דעם פאָטערלאַנד!... אַנשטאַט צו קעמפן און פאַרגיסן אייער בלוט פאַרן פאָטערלאַנד, האַלט איר אין איין שיכורן און הולטייען!... איך האָב אייך געוואָרנט, גערעדט צו אייך, ווי אַ פאָטער און איר האָט ווייטער געטון ס׳אייעריקע!

פון היינט אָן וועל איך מער צו אייך נישט רעדן. די הויט וועל איך פון אייך שינדן, אייערע צעפּוילטע ביינער וועל איך ברעכן!... צום פעלד־געריכט וועט איר אַלע גיין, צום פעלד־געריכט!... קיין סיביר, סיביר!... אַלע, אַלע!!...

אין דעם טאָג האָבן אַלע גענעראַלן געוויינט, ווען דער גרויספירשט האָט פון זייערע מונדירן אַראָפּגעריסן די מעדאַלן, און אין דעם טאָג

האָבן פנימער פון הויכע אָפיצירן געפלאַמט פון די פּעטש, וואָס זיי האָבן באַקומען פון הויפּט־קאָמאַנדיר אליין.

אין דעם טאָג, זענען אַלע געווען זיכער, גייט אויך אונטער דער שטערן פון שטאַב־שעף, גענעראַל יאַנושקעוויטש.

דאָס מאָל האָט אויך אים נישט געשאָנעוועט דער צאָרן־אויסברוך פון גרויספירשט.

— וואו איז ער, דער כיטראַק יאַנושקעוויטש! — האָט דער גרויס־פירשט געטופּעט מיט די פיס — פאַרוואָס איז ער נאָך נישט געקומען מיט זיין ליגנערישן ראַפּאָרט!... אַ, היינט וועלן זיינע ליגנס מער נישט אָנגיין!...

גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט געהאַט זיין אַרבעטס־צימער אין דעם צווייטן עק פון לאַנגן צוג. ער האָט גלייך זיך דערוווּסט וועגן דעם שטור־רעם־אויסברוך פון גרויספירשט.

דעם גרויספירשטס אַדיוטאַנטן האָבן נישט פאַרזוימט מיט אַ שמייכעלע פון חניפה און שאָדן־פרייד מיטצוטיילן דעם גענעראַל יאַ־נושקעוויטש:

— דער אַלטער איז ווילד, איינפאַך ווילד...

און זיי האָבן אויך נישט פאַרגעסן צוצוגעבן:

— ער האָט שוין עטלעכע מאָל אויף אייך געפרעגט, גענעראַל...

גענעראַל יאַנושקעוויטש איז געווען דער איינציקער אין צוג וואָס איז געבליבן רואיק און די הענט האָבן זיך ביי אים נישט געטרייסלט פאַר שרעק...

ער האָט לאַנגזאַם און רואיק צונויפגענומען זיינע פּאַפּירן און מיט אַ שמייכל זיך געלאָזט גיין איבער די לאַנגע קאָרידאָרן צו דער קוואַר־טיר פון גרויספירשט.

— אונדזער גענעראַל האָט ענדלעך זיך באַוויליקט צו באַווייזן! — האָט דער רוצחישער גלאַנץ אין גרויספירשטס אויגן נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס — נו, מיט וואָס פאַרא נייע פּלענער קומט היינט דער שטאָלץ און האָפענונג פון פאָטערלאַנד, ווי די צייטונגס־שמירער רופן דיך!...

— איך קום נישט היינט — איז גענעראַל יאַנושקעוויטש געבליבן רואיק — מיט קיין שום נייע פּלענער צו אייער קייזערלעכער הויכקייט...

— דו ווייסט, אז איך גלויב דיר מער נישט, דו!!!... — איז דער גרויספירשט צו מיט געביילטע פויסטן צו זיין שעף.

איינער קעגן דעם אנדערן זענען זיי געבליבן שטיין. גענעראל יאַנושקעוויטש האָט געוווסט, אז דאָס מאָל איז עס אַ שפּיל אויף טויט און לעבן. זיי זענען געווען אַליין אין וואַגאָן־צימער. דעם פירשטס אדיוטאַנטן האָבן זיך גלייך אַרויסגערוקט נאָך דעם גענעראַלס אַריינקומען. אַזוי האָט זיך געפירט. דער הויפּט־קאָמאַנדיר און זיין שטאַב־שעף זענען שטענדיק געבליבן אויג אויף אויג.

פונדעסטוועגן האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש גוט געוווסט, אז הינטער דער טיר וואַרטן זיי מיט אומגעדולד, די אַדיוטאַנטן, כדי צו זיין עדות פון זיין חרפה.

— אויב ער וועט מיר דערלאַנגען מיט דער פויסט — איז גענעראַל יאַנושקעוויטש געווען אַנטשלאָסן — וועל איך דאָ אויפן אָרט זיך אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ — און אפשר פריער אים!...

ווי אַ באַצווינגער פון ווילדע חיות, האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש אַריינגעלייגט זיין גאַנצע ווילנס־קראַפט אין זיין בליק, וואָס האָט גלייך און רואיק געקוקט אין די ווילדע גרויע אויגן פון גרויספירשט און ער האָט רואיק געזאָגט:

— טאַקע ווייל זיין קייזערלעכע הויכקייט האָט מער נישט קיין צוטרוי צו מיינע פאַרשלאַגן, קום איך היינט מיט מיין דימיסיע...

— אָ, ניין, טייערינקער, — האָט דער פירשט זיך פונאַנדערגעלאַכט און זיין געלעכטער איז געווען פיל שרעקלעכער ווי זיינע געשרייען — ביי מיר גייט עס נישט אַזוי! פריער אַריינשלעפּן אין אַ בלאָטע און שפּעטער זיך אָפּווישן די הענטלעך און זיך אָנגעבן אין דימיסיע... נישט ביי מיר, טייערינקער, נישט ביי ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש גיט מען זיך אָן אין דימיסיעס...

— אייער קייזערלעכע הויכקייט האָט מיר, ליידער, נישט געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן מיין געדאַנק — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש נישט אַראָפּגעלאָזט זיין בליק פון גרויספירשטס פנים — איך געהער נישט צו די וואָס אַנטלויפן פון אַ טרינקענדיקער שיף, און אונדזער שיף איז נאָך ווייט פון טרינקען זיך, אָבער קוים ווערן נישט אַנ־

גענומען מיינע פֿאָרשלאָגן, בלייבט מיר פֿאָרט איבער נאָר די מעגלעכקייט צו רעזיגנירן.

— דו וואָגסט מיר צו זאָגן, גענעראַל, אַז דיינע פּלענער זענען נישט אָנגענומען געוואָרן — איז דער גרויספֿירשט ווי אַ פֿאַרווונדעטע חיה געלאָפֿן אַהין און צוריק איבער דעם וואַגאָן־שטיבל — האָסטו נישט געשיקט אונדזערע אַרמייען קיין מזרח־פּרייסן און דאָרט זיי דערטרונקען אין די בלאָטעס, און האָסטו ביים טייך בזורא, הינטער סאָכאַטשאָוו נישט פֿאַרגאָסן דאָס בלוט פֿון מיינע בעסטע אָפֿיצירן?...

— נישטאָ קיין קריג אָן שווערע פֿאַרלוסטן — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש נישט פֿאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט — אָבער איך מוז דערמאָנען, אַז מיין פֿאָרשלאָג אין ערשטן טאָג פֿון קריג וועגן די יידן איז ביז היינט נישט גענומען געוואָרן אין אַכט...

— וועגן די זשידעס, זאָגסטו? — האָט דער גרויספֿירשט זיך פֿאַרהאַלטן און געקוקט מיט דערוואַרטונג אויף דעם גענעראַל יאַנושקעוויטש — איך דערמאָן זיך נישט...

— יאָ, וועגן זיי, די זשידעס, — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש שוין געוווסט, אַז ער האָט אויך דאָס מאָל געטראָפֿן אין ציל — מעגלעך, אַז איך בין טיילווייז שולדיק, איך האָב נישט גענוג געפֿאָדערט און זיי, די זשידעס, טרעפֿן אומעטום, אַפֿילו אין גאָר הויכע פֿענסטער...

— יאָ, יאָ, אומעטום זענען זיי, די זשידעס — האָט דער גרויספֿירשט אַרויסגעזיפֿקעט מיט האַס דורך די ציין.

— אויך ער, ראַספּוטין, האָט זיין זשיד — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש גאַנץ שטיל אַ זאָג געטון.

— זעצט אייך, גענעראַל — איז דער גרויספֿירשט געוואָרן מיטאַמאָל פֿריינטלעך.

איצט האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש שוין זיכער געוווסט, אַז ער האָט געזיגט. קוים האָט ער באַוויזן צונויפֿצופּאָרען די צוויי פֿאַרהאַסטע נעמען „זשיד" און ראַספּוטין, קען אים שוין קיין שלעכטס נישט געשען. איצט וועט ער נאָך מער ווי שטענדיק אַריינגעמען אין האַנט דעם מעכטיקסטן מענטש פֿון דער רוסישער אימפּעריע.

גענעראַל יאַנושקעוויטש איז געזעסן אַקעגנאיבער דעם גרויספֿירשט

און געמאָלן דאָס גרויל־בילד פון דער יידישער הערשאַפט איבער דער אומגליקלעכער מאַמע רוסלאַנד.

— איך האָב אַליין נישט געוווּסט ווי גרויס עס איז די דאָזיקע זשידאָווסקע געפאַר... — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש שווער אָפּגע־קרעכצט — און דאָס איז מיין איינציקע שולד. דער שעף פון שטאָב דאַרף אַלץ וויסן, אַלץ...

אָבער די יידן זענען אַזוי כיטרע, אַזעלכע שלויע פוקסן... אומעטום זענען זיי פול. אומעטום דרינגען זיי אַריין, די זשידעס. צו יעדן באַהאַל־טענעם ווינקל טרעפן זיי. נישטאָ קיין אָרט, וווּ זיי זאָלן נישט אָנשפּאַרן, די שליחים פון שטן...

און זיי מאַכן זיך נאָך פאַר גוט און פרום. דערקלערן זיך פאַר הייסע פּאַטריאָטן, לאָזן זיך קאָסטן געלט אפילו פאַר אונדזערע שפּיטעלער און סאָלדאַטן. אַזוי שלוי זענען זיי, די ווינאַוועערס, די גינצבורגס און סליאָז־בערגס...

שווער זיי צו כאַפּן ביי דער האַנט. זיי מאַכן דעם אָנשטעל פון אומשולדיקע שעפעלעך. אָ, איך קען זיי גוט, די שונאים, וואָס האָבן געמאַכט יד־אחת מיטן דייטש און טראַגן אים צו אַלע אונדזערע סודות...

דער גרויספירשט האָט וואָס אַמאָל מער אויפמערקזאַם זיך צוגע־הערט און גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט געהאַט נאָך אַ סך צו דערציילן.

— דאָ, אין וויסל־לאַנד, האָבן זיי, די זשידעס, זיך געמאַכט אַן אמתע פּאַלעסטינע. דאָ זענען זיי גאָר חוצפּהדיק און מיר האָבן איג־גאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָ איז די גרענעץ און די זשידעס קענען באַגיין אַלע זייערע פאַרברעכנס. איז וואָס איז דער וווּנדער, אַז אַלע אונדזערע פּלענער זענען באַקאַנט דעם פיינט און ער קען אַזוי אַרום שלאָגן אונדזערע העלדישע אַרמייען...

...מיליאָנען זשידעס ווייבלען און שווייבלען, וווּ מיר גיבן זיך אַ קער און דאָס זענען מיליאָנען אויגן פון שפּיאָנען...

— איז וואָס איז אייער פאָרשלאָג, גענעראַל?

— נעמען זיי און אַרויסטרייבן! נישט מיטאַמאָל, נאָר מיט אַ פּלאַן און ריקזיכטסלאָז.

גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט אוועקגעלייגט פאַרן גרויספירשט זיין

געשריבענעם באריכט און געזאָגט — איך האָב אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן מיט אַלע איינצלהייטן און ווען אייער קייזערלעכע הויכקייט וועט געבן דעם באַפעל, וועל איך גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט...

— און איך האָב צוגעגרייט נאָך אַ צווייטן באריכט — האָט גע־נעראַל יאַנושקעוויטש זיך צוגעבויגן צום גרויספירשט — אַוועקצושיקן באַלד קיין פּעטערבורג מיט אַ ספּעציעלן שליח. אין דעם באריכט קלער איך אויף, אַז צוליב די זשידעס זענען אונדזערע צייטווייליקע און נישט באַדייטנדיקע דורכפאַלן געווען אומפאַרמיידלעך און אַז איצט מאַכן מיר אָרדענונג מיט די זשידעס און פון היינט אָן וועלן מיר גיין פון זיג צו זיג... אונדזער באריכט דאַרף אָנקומען צוזאַמען מיט די דומע־פּלאַפּלער און דעמאָלט וועט זיך קיינער נישט צוהערן צו די שטותים פון דעם זשידאָווסקע משרת, גוטשקאָוו.

— אַזוי מיינסטו? — איז נאָך געווען צווייפל אין קול פון גרויס־פירשט.

— געוויס, — האָט גערעדט מיט זיכערקייט גענעראַל יאַנושקע־וויטש — נאָר וואָס? איך קען דאָך די זשידעס... זיי וועלן אויפהייבן אַ געשריי, און אונדזערע אידיאָטן, ליבעראַלן, וועלן זיי צוהעלפן... מוז מען האָבן עפּעס אין האַנט. כאַפּן ביי דער האַנט אַ זשידאָווסקן גרויסן מאַן, אַזאַ ראַבין זייערן, מיט פּיאות און אַ לאַנגער באָרד... דעמאָלט וועלן פאַרשטאָפּט ווערן די מיילער פון די אַלע זשידאָווסקע שרייער...

גענעראַל יאַנושקעוויטש איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ לענגערער ווײַלע און דאַן נאָך שטילער געזאָגט:

— און איך האָב שוין אַזאַ איינעם אין מיין האַנט... איך קען יעדע מינוט לאָזן אַרעסטירן דעם גרעסטן זשידאָווקען ראַבין... אין זיין שטעטל הייסט ער שוין זיינע מענטשן שטעכן אונדזערע סאָלדאַטן...

— ריכטיק... — האָט דער גרויספירשט צוגעשאָקלט צום ערשטן מאָל מיטן קאָפּ אַ צופרידענער.

— איך מוז אָבער זיין זייער פאָרזיכטיק — האָט יאַנושקעוויטש געשמייכלט — אַ ראַבין איז נאָך מער כיטרע ווי אַ פּראָסטער ייד, און ער וועט געוויס לייקענען. וויל איך פריער האָבן אין האַנט דעם שטעכער אַליין. מיינע מענטשן זוכן אים שוין און ער וועט שוין צו מיר אַריינ־

פאַלן. ערשט, ווען מיר וועלן מיט אים אַ רעד טון און אים נישט קאָרגן קיין געזונטע רוסישע קלעפּ...

— הונדערט שמיץ וועל איך אים הייסן אַריינצייִלן...

— יאָ, רוסישע שמיץ וועלן שוין עפּנען זיין מויל און ער וועט זאָגן דאָס, וואָס איך וועל וועלן הערן... ערשט דעמאָלט וועל איך זיך נעמען צו דעם ראַבין...

— האָסט, גענעראַל, אַ זשידאָווסקע קעפּל — האָט דער גרויספירשט אַ צופרידענער און באַרואיקטער געקלאַפּט אים איבער דער פּלייצע — גרייט צו דעם קוריער קיין פּעטערבורג און איך וועל דערווייל דורכ־לייענען דיין ראַפּאָרט.

אַ צופרידענער שמייכל האָט אַראָפּגעשיינט פון גענעראַל יאַנושקע־וויטשעס געזיכט, ווען ער איז אַרויס פון גרויספירשטס קוואַרטיר.

ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע האַפּענונגלאָזע קרענק, וואָס האָט שוין אויף זיינע ליפּן געפילט דעם קאַלטן אָטעם פון טויט און פּלוצלינג איז ער געוואָרן געזונט און פריש...

גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט געהאַט דאָס געפיל פון אַ מענטש, וואָס איז אויפסניי געבוירן געוואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז מיט עטלעכע מינוט צוריק איז זיין קאַריערע און אויך זיין לעבן געלעגן אויף דער וואָגשאָל אין די אַזוי נישט זיכערע הענט פון ניקאָלײַ ניקאָלאַיעוויטש. איין פאַלשער שריט פון זיין זייט, איין נישט פּאַרזיכטיק וואָרט וואָלט גענוג געווען, אַז דער גרויספירשט זאָל אַראָפּרייסן פון אים זיינע גע־נעראַלסקע עפּאָלעטן און זאָל זיך וואַרפן אויף אים מיט זיינע פויסטן.

דאָס וואָלט געמאַכט אַן ענדע צו זיין קאַריערע, צו אַלץ, צו וואָס ער האָט פון קינדווייז אָן געשטרעבט, צו אַלע זיינע האָפענונגען פון מאַכט. און אָן די האָפענונגען האָט נישט קיין זין צו לעבן. ניין, ער, דער גענעראַל יאַנושקעוויטש, וואָלט די חרפה נישט איבערגעהאַלטן. ער וואָלט אויפן אָרט אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן.

דער ברייטער פעסטער קערפּער פון גענעראַל יאַנושקעוויטש שווי־דערט אויף פון דעם געדאַנק. אַך, צו ליגן אויף דער ערד מיט אַ דורכ־געשאָסענעם קאָפּ, בררר...

גענעראַל יאַנושקעוויטש טרייבט אוועק פון זיך דעם שווידערלעכן געדאַנק. געלויבט צו גאָט, זיין קאָפּ איז גאַנץ און קלאָר. איצט פילט ער עפּעס אַן אויסטערליש פאַרגעניגן פון דעם, וואָס ער אָטעמט אַזוי פריי און לייכט, וואָס ער קען באַוועגן מיט זיינע הענט און פיס, וואָס זיינע אויגן קוקן אַרויס דורך דעם וואַגאָן־פענסטער און זעען דאָס ווילדע גראָז וואַקסן אויף דעם פעלד.

גענעראַל יאַנושקעוויטש אָטעמט טיף אין זיך איין די לופט. עס איז גוט צו לעבן. אַך, ווי גוט... ער האָט קיינמאָל פריער זיך נישט אַזוי געפרייט מיטן לעבן ווי איצטער, ווען ער האָט עס אַזוי לייכט גע־קענט פאַרלירן.

אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט נעמט אַרום דעם גענעראַל. ער וויל איצט זיין גוט צו אַלע. ער וויל איצט זעען אַרום זיך נאָר גליקלעכע, צופרידענע פּנימער.

ער ווייסט, דער גענעראַל, אַז זיינע קאָלעגן, די גענעראַלן און אָפי־צירן, האָבן אים נישט ליב, זענען אים מקנא, שטרעבן צו פאַרנעמען זיין אָרט און האָבן אים היינט געוואונטשן צו ברעכן האַלדז און נאַקן, ווען ער איז אַריין צום גרויספירשט. איצט איז ער אָבער זיי אַלץ מוחל. ער שמייכלט צו יעדן אָפיציר און קאָלעגע גוטמוטיק. ניין, ניין, ער וועט זיך אין זיי נישט נוקם זיין. ער שרייבט מיט אַ ברייטן זשעסט אונטער די פּאַפּירן וואָס זענען וואַכנלאַנג געלעגן אומבאַריירט וועגן אַוואַנסן פון אַ ריי אָפיצירן, זאָלן אויך זיי זיין גליקלעך, ווען ער, דער גענעראַל, פילט זיך אַזוי גליקלעך צו אָטעמען און צו לעבן.

ער טוט אַ ווינק צו זיין אַדיוטאַנט.

— זאָג די הערן אָפיצירן — שמייכלט גוטמוטיק גענעראַל יאַ־נושקעוויטש — אַז זיי זענען פריי די היינטיקע נאַכט און אויך דיך וועל איך היינט ביינאַכט מער נישט דאַרפן...

דער אָפיציר קוקט דערשטוינט אויף זיין שטענדיק שטרענגן שעף און דער גענעראַל שמייכלט צו אים גוטמוטיק און זאָגט:

— איך וויל, אַז איר אַלע זאָלט אייך היינט גוט ווייַלן...

דער אַדיוטאַנט דערלאַנגט זיין שעף אַ פּאַפּיר. גענעראַל יאַנוש־קעוויטש לייענט אַ געריכט־אורטייל אויף אַ זעלנער פאַר פאַרגוואַלדיקן אַ

קראנקן־שוועסטער. דעם גענעראל ווערט פלוצלינג א רחמנות אויף דעם סאלדאט, וועלכן ער האט קיינמאל פאר די אויגן נישט געזען און ער שרייבט מיט ברייטע גרויסע בוכשטאבן: באגנעדיקן...

דער גענעראל איז צופרידן פון זיך, פון זיין גרויסמוט און גוטס־קייט. ער צלמט זיך פרום איבער און ער דערמאנט דעם פסוק אין דער הייליקער שריפט, ווי דניאל דער נביא איז געראטעוועט געווארן פון גוב אריות...

אזא נס איז מיט מיר היינט געשען... פון גוב אריות זיך געראטע־וועט — צלמט ער זיך נאכאמאל איבער.

און עס פאלט אים נישט איין, דעם גענעראל, צומאל א טראכט צו טון, אז דאס האט ער נאר וואס הונדערטער טויזנטער קינדער פון דעם נביא געשליידערט אין גוב אריות...

וועגן דעם לויפט נישט דורך דער מינדסטער געדאנק דעם מוח פון גענעראל. ער וואלט זיך אפילו געפילט זייער דערשטוינט, ווען עמיצער זאגט אים, אז ער האט היינט א מענטש שלעכטס געטון. ער פילט זיך אזוי גוט און ריין. מ'וועט דאך נישט מער ווי זיך א שפיל טון מיט די זשידעס!...

גענעראל יאנושקעוויטש צלמט זיך איבער צום דריטן מאל.

***

אין דער נאכט האבן די אפיצירן פון גענעראל יאנושקעוויטשעס שטאב זיך געלאזט ווילגיין. זיי זענען געגאנגען פון איין נאכט־לאקאל אין אנדערן און האבן געהאלטן אין איין אריינגיסן אין זיך בראנפן און וויין. שיכורע האבן זיי מיט די רעוואלווערן געשאסן אין די שפיגלען און געשריגן:

— עס איז געקומען די צייט אפצורעכענען זיך מיט די זשידעס!...

צומארגנס האבן אומרואיקע קלאנגען גענומען לויפן פון מויל צו מויל אויפן גזשיבאוו און אויף טווארדע גאס און אויף נאלעווקעס און אויף גענשע גאס.

אין סארדינערס שול האט מען דעם טאג נישט אויפגעהערט צו זאגן תהילים.

## קאפיטל 14

# יאַנקל שמייסער דערפילט די לאַסט צו זיין אַ ייד

יאַנקל שמייסער האָט שנעל פאַרגעסן אין זיין געשלעג פּריטשקע צונאכטס אין רבינס שטעטל מיט דעם שיכורן סאָלדאַט. באַלד ווי ער איז געקומען זונטיק צוריק אויפן גזשיבאָוו, איז די מעשה אים ווי אַרויסגע־פלויגן פון קאָפּ. ער האָט אַפילו וועגן דעם נישט דערציילט זיינע חברים, די גזשיבאָווער פורמאַנעס.

יאַנקל שמייסער האָט נישט געהאַט וואָס צו דערציילן. וואָס, שלאָגן זיך מיט אַ שייגעץ איז ביי אים און זיינס גלייכן עפּעס אַ נאָווינע! זינט ער געדענקט זיך, האַלט ער דאָך אין איין פירן „מלחמות" מיט די שקצים אויפן שילעץ. אַמאָל באַקומט ער אָנגעבויקערט די ביינער, און אַמאָל דערלאַנגט ער דעם שייגעץ די אמתע קלעפּ. ער איז נישט דער איינ־ציקער, יאַנקל שמייסער. אַלע חברים זיינע, די טרעגער און פורמאַנעס אויפן גזשיבאָוו, קאָנען די מלאכה פון דערלאַנגען און אויך באַקומען קלעפּ. נאָך אַזאַ געשלעג נעמט מען דאָס ריכטיקע ביסל בראָנפן, אַמאָל אויך מיט דעם צעשלאָגענעם שייגעץ און אַמאָל אָן אים, מען מאַכט זיך גלייך דאָס היטל און מ'גייט אַ היים מיט אַ צעריסן בגד.

אויפן שילעץ זעען די דורכגייער יעדן טאָג אַזעלכע געשלעגן און קוקן זיך דערויף אַפילו נישט אום. אַפילו די פּאָליציי־לייט מישן זיך נישט אַריין. פאַרקערט, זיי שטייען נישט ווייט פון דעם געשלעג און זאָגן הויך מבינות און גיבן אויך קוראַזש ביידע שלעגער:

— אַט אַזוי דערלאַנג אים, אַט אַזוי!...

יאָ, יאַנקל שמייסער איז שטענדיק גרייט צו אַ געשלעג. ער איז,

חלילה, נישט קיין שלעכטער, יאנקל, און ער האָט נישט קיין טענות צו די גויים אחוץ דעם, וואָס זיי זענען גויים און מאַכן זיך צונאַר מיט זייער „יוזל״. מילא, זאָלן זיי זיך נאַריש מאַכן מיט דעם יוזל זייערן. יאנקל שמייסער וואָלט זיי אפילו דעם יוזל מוחל געווען. אָבער פאַרוואָס וואַרפן זיי שטיינער אויף אַן אַלטן ייד מיט אַ באָרד און פאַרוואָס יאָגן זיי נאָך די חדר־ייִנגלעך וואָס האַלטן אונטערן אָרעם די גמראָלעך? אַזאַ עוולה קען יאנקל שמייסער נישט דערליידן און דעמאָלט טוט ער אַ וואָרף אַראָפּ דאָס רעקל און נעמט דערלאַנגען קלעפּ.

אָבער צו רעדן וועגן דעם איז נישטאָ וואָס. און אוודאי איז זיך נישטאָ מיט וואָס צו באַרימען. יאנקל שמייסער האָט דעריבער זיינע חברים גאָר־נישט געזאָגט, ווי אַזוי ער האָט צעממיתט דעם סאָלדאַט, וואָס האָט גע־האַט די העזה אַראָפּצורייסן דאָס שטריימל פון קאָפּ פון זיין באַלעבאָס, ר׳ לוי.

איבעריקנס, האָט יאנקל געהאַט נישט ווייניק זאָרג. די פּאָניעס האָבן גענומען אין דער מלחמה אַריין ר׳ לויס צוויי פערד, די גרויסע קאַשטאַנעס, מיט וועלכע יאנקל האָט שטאָלצירט. און אַן פערד האָט דאָס לעבן פאַר יאנקל שמייסער קיין טעם נישט געהאַט. פון קינדערווייז אָן איז יאנקל געווען געוווינט צו האָבן צו טון מיט פערד, פּונקט ווי צו שלאָגן זיך מיט שקצים. זיין טאַטע איז געווען אַ פורמאַן אויפן גזשיבאָוו און אויך זיין זיידע, עליו השלום, האָט כל ימיו געהאַט אליין אַ דראָשקע. האָט יאנקל זיך געפילט זייער נידערגעשלאָגן, ווען ער איז, צוריקקומענדיק פון גער, אַריין אין דער שטאַל און נישט געהערט דאָס פריילעכע הירזשען פון די קאַשטאַנעס. יאנקל האָט זיך געפילט ווי פאַר־יתומט. ער האָט זיך געדרייט אַריין און אַרויס אין ר׳ לויס סקלאַדעס און זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט.

— וואָס וועט זיין? — האָט ער טרויעריק געפרעגט ר׳ לוין.

— מילא, וואָס זאָל מען טון, אַז די פּאָניעס האָבן צוגענומען די קאַשטאַנעס — איז אויך ר׳ לוין געווען פריקרע, וואָס דאָס הויז אויף גזשיבאָוו איז אַזוי אַראָפּ פון דער מדרגה, אַז אפילו די פערד זענען אוועק. פונדעסטוועגן וועט דאָך ר׳ לוי זיך נישט אוועקזעצן קלאָגן אויף עפּעס סוסים —, האָט ער געזאָגט צו זיין שמייסער־יונג:

— מערצעשעם, נאָך דער מלחמה וועט מען קויפן אנדערע קאַשטאַ־נעס און דערוויי־ל וועסטו, יאַנקל, צוהעלפן די טרעגערס.

יאַנקלען איז געוואָרן גאָר קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. וואָס הייסט, א טרעגער וועט ער ווערן, ער, א פורמאן בן פורמאן?... שלעפן זעק און אייזנס א גאַנצן טאָג און מער נישט ווילעריש א שמייס טון מיט דער בייטש די פערדלעך זיינע און נישט אויסזינגען דערביי א פריילעכן „וויאָ!"...

— ר' לוי — האָבן זיינע אויגן געבעטן רחמים — איך וואָלט א גיי אַוועק געטון אין דאָרף און געברענגט צוויי פערד — א מחיה!...

— גוט, — האָט ר' לוי נישט געוואָלט פאַר דעם יונג אַרויסווייזן צופיל צופרידנקייט, אַז אויך ער וויל האָבן ווידער שטיין די פערד אין זיין שטאַל.

יאַנקל שמייסער האָט אויפגעלעבט און נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז ער צוריקגעקומען פון דאָרף מיט צוויי געקויפטע פערד:

— ס'זענען נישט אונדזערע קאַשטאַנעס — האָט יאַנקל נישט זי־כער געערדט צו ר' לוין — דאָרע שקאַפּעס קוים געקריגן... נאָר ביי אונדז אין שטאַל וועלן זיי ווערן לייט. יאָך וועל שוין מאַכן פון זיי — לייט...

— גוט, גוט... — האָט דאָס מאָל ר' לוי רעכט נישט אויסגעהערט זיין שמייסער־יונג.

יאַנקל שמייסער האָט ווי אַן אויג אין קאָפּ געהיטן זיינע שקאַפּעס און די חברים זיינע, די פורמאַנעס און שמייסער־יונגען פון גזשיבאָוו, זענען געקומען צו אים אין שטאַל אריין און געזאָגט מבינות און אים געגעבן עצות, ווי אַזוי צו מאַכן פון די שקאַפּעס „לייט".

יאַנקל שמייסער האָט פאַר זיינע חברים נישט געקאָנט זיך גרויסן מיט די דאָרע שקאַפּעס. דערפאַר האָט ער זיי איבערראַשט מיט זיינע אויסטערלישע מעשיות פון גער.

— וואָס זאָל יאָך אייך זאָגן — האָט ער פוצנדיק די פערד געערדט — עטיץ האָט אַזעלכעס נאָך נישט געזען... אַזאַ בית המדרש, און אַזעלכע גרויסע שענק מיט ספרים, און אַזוי פיל קאַלפּאַקעס און שטריימלעך... —

יאך האָב געמיינט, אז כ'בין אין ארץ ישראל, אזוי זאָלן מיר אלע געזונט זיין...

די פורמאַנעס זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און יאנקל האָט דערציילט וועגן די חסידים און זייער דאווענען, און זינגען, און טאַנצן, און וועגן דעם רבינס טיש און די טישזיצערס:

— עטץ ווייסט, מיין באַלעבאָס, ר' לוי, איז א טישזיצער, עטץ פאַרשטייט?...

די בעלי עגלות האָבן ווייניק פאַרשטאַנען און דערפאַר האָבן זיי נאָך ערנסטער זיך צוגעהערט צו יאנקלס דערציילן און האָבן אים נאָר פון צייט צו צייט איבערגעריסן מיט א קורצן:

— אוודאי...

—וואָס ווייסט עטץ, וואָס ווייסט עטץ — האָט יאנקל שמייסער געוואָלט געפינען און נישט געקענט די פאסיקע ווערטער אויפצוקלערן זיינע פריינט אלץ, וואָס ער האָט שבת געזען און זיך דערוווסט אין גער — יאך אליין בין דאָך שיער נישט געוואָרן א חסיד מיט א שטריימל...

— דו?! — האָבן זיינע חברים געקוקט אויף יאנקלען.

— ווי יאך בין א ייד, — האָט יאנקל שמייסער זיך געשווירן — ווען נישט ליפּע וואָלט יאך געהאט א שטריימל...

— ליפּע — האָבן די בעלי עגלות איבערגעפרעגט — וואָס איז דאָס פאר א יאָלד, דער ליפּע?

— עטץ קענט נישט ליפּען, — האָט יאנקל באַדויערט זיינע פריינט

— א שאָד, ליפּע ווייסט אלץ און ער האָט מיר אזוי פיל אָנדערציילט וועגן רבין און זיינע ברידער און שוואָגערס, אז כ'האָב געמיינט דער קאָפּ וועט מיר פּלאַצן.

יאנקל האָט זיך טיף פאַרטראַכט. ער האָט געוואָלט זאָגן זיינע חברים עפּעס אזוינס, פון וואָס זיי זאָלן עפענען מויל און אויערן און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אזוי ער איז געשטאַנען ביים שלום נעמען פאַרן רבין.

— עטץ ווייסט, יאך בין געווען אויך ביים רבין און דער רבי האָט מיך געפרעגט ווי איך הייס.

— יאך וואָלט פאר מורא שטום געוואָרן — האָט א בעל עגלה מקנא געווען יאנקלען.

— און יאך האָב נישט קיין מורא געהאט — האָט יאנקל גערעדט מיט גרויס וויכטיקייט — און דער רבי האָט מיט מיר גערעדט און מיר אָנגעוואונטשן, אַזוי זאָלן מיר אַלע לעבן...

— ביסט אַ יאָט, יאַנקל, — האָבן אים די בעלי עגלות געקלאַפּט אין פּלייצע — וואָס דען, אונדזער איינער אויפן גזשיבאָוו וועט זיך אומעטום אַן עצה געבן!

— יאך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם „קוויטל”, וואָס יאך האָב דעם רבין, זאָל לעבן, אַליין געגעבן...

— אַ קוויטל? וואָס הייסט דו האָסט דעם רבין געגעבן אַ קוויטל?

יאַנקל שמייסער האָט שוין קיינמאָל נישט באַוויזן צו זאָגן זיינע פריינט, די גזשיבאָווער בעלי עגלות, וואָס פאַר אַ קוויטל ער האָט דעם רבין געגעבן.

— ר׳ לוי רופט דיך, יאַנקל — האָט אים איינער פון ר׳ לוים אָנגעשטעלטע גערופן.

— איינשפּאַנען? — האָט יאַנקל געוואָלט וויסן.

— כ׳ווייס נישט, גיי אַרויף אין שטוב צו ר׳ לוין.

יאַנקל שמייסער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע פריינט:

— אַ צווייט מאָל וועל איך אַלץ דערציילן.

ער האָט נישט געאַנט, יאַנקל, אַז ער וועט שוין מער דעם גזשיבאָוו נישט זען.

דבורהלע אַליין האָט געעפנט פאַר יאַנקל שמייסער די טיר און זי האָט אים אַריינגעפירט אין דער קליינער סאַלע.

יאַנקל איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. אַרום אַ טישל זענען געזעסן ר׳ לוי און לאַניא, זיין טאָכטער, און איר מאַן דער מיליאָנטשיק, דניאל עפּשטיין. יאַנקל האָט זיי אַלע געקענט פון גזשיבאָוו און געוווּסט אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין שטוב, הגם ער האָט זיך בלויז געפּאָרעט ביי ר׳ לוים פערד.

— איינשפּאַנען? — איז יאַנקל שמייסער געווען זיכער, אַז צוליב עפּעס אַנדערש קען מען אים אין דער סאַלע נישט ברויכן.

— זעץ דיך, יאַנקל — האָט אים דבורהלע צוגעפירט צו אַ שטול. יאַנקל איז געווען זיכער, אַז ער האָט נישט ריכטיק געהערט. ווייל

לוי קומט עס עפּעס, אַז אין ר׳ לוים שטוב זאָל מען אים, יאַנקל שמייסער, גאָר איינלאַדן צום טיש ווי אַ גאַסט.

איז יאַנקל שמייסער געבליבן שטיין ביי דער שטול און נישט גע־וווסט וואָס מיט זיך צו טון.

זעץ דיך, יאַנקל — האָט דאָס מאָל צו אים גערעדט ר׳ לוי אַליין.

עס האָט מער קיין טעות נישט געקענט זיין. דאָס אומגלויבלעכסטע איז געשען.

ר׳ לוי לאַדט אים, יאַנקל שמייסער, איין צום טיש. יאַנקל האָט דערפילט אַן אינסטינקטיווע שרעק און ער האָט אַ בלייכער זיך אוועק־געזעצט אויף דעם שפּיץ שטול.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, ווי אַלעמענס פּנימער זע־נען אַזוי ערנסט און כמעט ווי איבערגעשראָקן.

— וואָס? וואָס קומט דאָ פאָר? — האָבן יאַנקלס אויגן שטום גע־פרעגט.

— שרעק זיך נישט, יאַנקל — האָט דבורהלע געפּרוווט אַ שוואַכן שמייכל טון — דער אויבערשטער קען נאָך העלפן...

דבורהלע האָט זיך געפילט מיטשולדיק. דאָס האָט זי דאָך געהייסן יאַנקל שמייסער באַגלייטן איר מאַן און מיטפאָרן מיט אים קיין גער. אמת, גאָט איז אַן עדות, אַז זי האָט גוט און ערלעך געמיינט. זי האָט גע־וואָלט, אַז יאַנקל שמייסער זאָל אָפּהיטן איר מאַן אין אַזאַ נישט רואיקער צייט. ארויסגעקומען איז אָבער נישט גוט. וואָלט יאַנקל נישט געפאָרן קיין גער, וואָלט דאָך נישט געקומען צו דעם אומגליק מיטן שיכורן זעלנער. זי האָט געוווסט, דבורהלע, אַז אַזוי טראַכט איצט איר מאַן און ער האַלט זי פאַר די שולדיקע.

ר׳ לוי האָט געשוויגן, אָבער אין אים האָט געברויזט כעס אויף דעם גראָבן נפש, דעם שמייסער־יונג און אויף זיין אייגן ווייב, וואָס צו־ליב זיי איז געקומען אַזאַ צרה:

— אַז מען האָרכט אַ יידענע... — ר׳ לוי האָט געשוויגן, ווייל אַזוי האָט אים אָנגעזאָגט דניאל עפּשטיין, אָבער זיין פאַרכמורעטער בליק האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט.

אויך דניאל עפּשטיין האָט געשוויגן. ער האָט קיינעם נישט באַ־

שולדיקט. ער האָט געוווּסט, אַז זיי אַלע, סיי יאַנקל און סיי ר׳ לוי־ און סיי ער, עפּשטיין, זענען נישט מער ווי שפּילצייג אין די הענט פון מעכטיקע כוחות, וואָס גרייטן צו זייער טייוולאַנישן שפּיל.

— וועט דאָס אָרימע יינגל אויסהאַלטן דעם פּאַרמעסט? — האָט ער געקוקט אויף דעם אָפענעם פּנים פון יאַנקל שמייסער.

— יאַנקל, — האָט עפּשטיין געוואָלט באַרואיקן דעם יונג, וואָס שרעק איז געלעגן אויף זיין פּנים — האָסטו דערציילט דיינע חברים? כ׳מיין וועגן דעם געשלעג מיטן סאָלדאַט?...

— וואָס האָב יאָך געהאַט צו דערציילן?... — האָבן יאַנקלס אויגן געקוקט מיט שרעק אויף עפּשטיינען.

— ביסט זיכער, יאַנקל, אַז דו האָסט קיינעם גאָרנישט געזאָגט?

— האָט עפּשטיין נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

— יאָך קען שווערן... — האָט יאַנקל געפּילט, אַז עפּעס אַ געפּאַר הענגט איבער זיין קאָפּ — יאָך...

— דאַרפסט נישט שווערן, יאַנקל — האָט אים עפּשטיין געוואָלט באַרואיקן — איך גלייב דיר און איצט וועל איך מיט דיר אַריבערגיין צו אַן אַדוואָקאַט און איבערשמועסן...

— ווען? — האָט יאַנקל זיך שוין גאָר דערשראָקן פאַר דעם וואָרט אַדוואָקאַט.

— שוין — האָט עפּשטיין געזאָגט — מיר גייען גלייך.

— יאָך וועל נאָר אַ קוק טון צו די פערד... — האָט יאַנקל גע־פּילט אַ באַדערפעניש כאָטש איין קוק צו געבן צו זיינע פריינט אין שטאַל.

— מען דאַרף נישט, יאַנקל, האָט זיך עפּשטיין אויפגעשטעלט — דער אַדוואָקאַט וואַרט...

פאַרן טויער האָט געוואַרט אַ פּאַרמאַכטע דראָשקע און אין איר האָט עפּשטיין געפירט יאַנקל שמייסער צום אַדוואָקאַט אַדאָלף בער.

זיי זענען געפאָרן דורך די גוויאישע גאַסן און עפּשטיין האָט זיך אויפן וועג צעשמועסט מיט יאַנקל שמייסער וועגן זיין אַרבעט ביי ר׳ לוין און וועגן די נייע פערד, וואָס ער, יאַנקל, האָט נאָר וואָס געבראַכט פון דאָרף און דרך אגב האָט עפּשטיין צוגעוואָרפן:

— און פאַר אַדאָלף בערן דאַרפסטו זיך נישט שרעקן, יאַנקל, ער איז נישט גלאַט אַן אַדוואָקאַט, ער איז מיינער אַ פריינט און דערצו — אַ ייד...

אַדאָלף בער האָט, קענטיק, מיט אומגעדולד געוואַרט אויף יאַנקל שמייסער, ווארום ווי נאָר עפּשטיין האָט אָנגעקלונגען, האָט זיך די טיר גלייך געעפנט און אין איר איז געבליבן שטיין אַן עלטערער הער מיט אַ יונג אָפּגעבּרענט פּנים און מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר, וואָס האָט ווי מיט אַ זילבערנער קרוין אַרומגענומען זיין שלאַנק געשטאַלט.

— קומט, מיין פריינט — האָבן זיינע אויגן געלאַכט צו יאַנקל שמייסער און ער האָט זיינע געסט געפירט דורך לאַנגע אויסגעליידיקטע סאַלאָנען, ביז זיי זענען געבליבן שטיין אין אַ קליין באַשיידן אַרבעטס־צימערל.

— ביטע, מיינע פריינט, מאַכט אייך באַקוועם — האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף צוויי טיפע פאָטעלן.

אַליין איז אַדאָלף בער געבליבן שטיין און זיינע שוואַרצע לאַכנ־דיקע אויגן האָבן שאַרף און דורכדרינגענדיק אַרומגענומען די געשטאַלט פון יאַנקל שמייסער.

אַזוי האָט ער זיך געפירט, אַדאָלף בער. איידער ער רעדט און איידער ער הערט אויס די מענטשן, וואָס קומען צו אים, מוז ער זיי פריער דורכנעמען מיט זיינע שוואַרצע, קלוגע אויגן, וואָס קענען אַזוי טיף אַריינדרינגען אין מענטשלעכע הערצער און גלייכצייטיק אַזוי גוט און אויפריכטיק שמייכלען.

פונדעסטוועגן האָבן די ריכטער און פּראָקוראָרן מורא געהאַט אַממערסטן פאַר דעם דאָזיקן גוטן אויפריכטיקן שמייכל פון אַדאָלף בער. שוין צענדליקער יאָרן ווי די ריכטער און פּראָקוראָרן פון דעם צאַרס געריכטן טרעפן זיך יעדן טאָג מיט דעם לייבן־קאָפּ פון אַדאָלף בער און מיט יעדן טאָג ווייטער האָבן זיי אַמאָל מער מורא פאַר אים. ער צעשמעטערט זיינע קעגנער, ווען זיין ווייסער קאָפּ שטורעמט אויף און פון זיין מויל פאַלן נישט קיין ווערטער, נאָר שטיקער גליענ־דיק פייער. אָבער נאָך שרעקלעכער איז, ווען זיינע אויגן צעשמייכלען

זיך, און מיט דער שפּיז פון איראָניע מאַכט ער צום חוזק דעם צאַרס שטרענגע פּראָקוראָרן און ריכטער.

שוין וויפל מאָל האָט מען אים געוואָרנט:

— איר דערלויבט זיך צופיל, גאַספּאַדין בער...

און שטענדיק האָט אַדאָלף בער געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— מיינע הערן, איך האָב אַ זייער הויכע מיינונג וועגן אייער מאַכט און איך גלויב נישט, אַז מיינע אומשולדיקע רעדעס ברענגען אייך אַזוי פיל שאָדן...

די הויכע צאַרישע שררות האָבן געקריצט מיט די ציין אויף דעם דאָזיקן חוצפּהדיקן זשיד, וואָס האָט נישט קיין דרך־ארץ און נישט קיין מורא און דערצו האָבן זיי נאָך געמוזט שמייכלען, ווי זיי וואָלטן געהערט אַ גוטן וויץ.

דער נאָמען פון אַדאָלף בער איז געוואָרן באַרימט. ער איז געווען דער מוטיקער פּאַרטיידיקער פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן. זיינע רעדעס פאַר די געריכטן האָט די פּוילישע יוגנט זיך געחזרט פון אויס־ווייניק ווי די לידער פון מיצקעוויטשן. די גרעסטע פּוילישע מאָלער און סקולפּטאָרן האָבן געצייכנט און אין בראָנז אויסגעהאַקט זיין לייבן־קאָפּ. סטודענטן און זייערע חברטעס האָבן נאָך יעדן פּאָליטישן פּראָ־צעס, אין וועלכן אַדאָלף בער איז אַרויסגעטרעטן, אים אָפּגעוואַרט אויף די שטיגן פון דער גרויער געריכט־געביידע מיט בוקעטן ווייס־רויטע רויזן. און אין זיינע סאַלאָנען זענען געקומען די גרויסע פּוילישע דיכ־טער און שריפטשטעלער און האָבן מיט באַוואונדערונג צו אים געזאָגט:

— ניין, איר געהערט נישט צו די אַדוואָקאַטן, איר באַלאַנגט צו אונדז, צום מלכות פון פּוילישער דיכטונג.

אַפילו די אַנטיסעמיטן זענען גרייט געווען פאַר אַדאָלף בער צו מאַכן אַן אויסנאַם און געבן אים זייער הכשר.

אויף דער יידישער גאַס האָט מען זיך געגרויסט מיט „אונדזער" אַדאָלף בער, הגם ער איז געווען אַ זעלטענער מחותן אויף די נאַלעוו־קעס און אויפן גזשיבאָוו. ער האָט יעדעס יאָר אַריינגעשיקט צו קהל און אין דער דייטשער שול זיין אָפּצאָל. יום־כפּור צום מוסף פלעגט ער זיך באַווייזן אויף אַ שעה אין דער גרויסער סינאַגאָגע אויף טלאָ־

מאַצקע. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס האָט אַדאָלף בערן פאַרבונדן מיט דער יידישער גאַס. יעדנפאַלס, אַזוי האָט ער אַליין געמיינט.

אַדאָלף בער איז געווען אַ פּאָליאַק פון משהם גלויבן. זיין אַלטער פריינט, הילאַרי נוסבוים, איז געגאַנגען נאָך פיל ווייטער און האָט אויך די יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און בערד, די רבנים און רביים מיט שטריימלעך דערקלערט פאַר פּאָליאַקן פון משהם גלויבן. אַדאָלף בער האָט זיך אַפילו דערלויבט צו וויצלען אויף זיין פריינטס חשבון און פלעגט זאָגן:

— אונדזער ליבער נוסבוים איז אַפילו יעזוסן אַליין גרייט צו מאַכן פאַר אַ גוי...

אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ער טיף געגלויבט, אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען עס וועלן מער נישט זיין קיין יידישע און גויאישע גאַסן און אַז די קינדער פון די קאַפּאָטע־יידן וועלן שוין זיין גוטע און איבערגעגעבענע פּאָליאַקן. אין דעם האָט אַדאָלף טיף געגלויבט. פאַר זיינע קריסטלעכע קאָלעגן און פריינט פלעגט ער, וואָס דער אמת, האַלטן אין איין איבערחזרן, אַז ער איז אַ ייד, אָבער ביי זיך אין האַרץ האָט ער זיך געהאַלטן אויף אייביק פאַרבונדן מיט דער פּוילישער ערד און מיטן פּוילישן פאָלק און מיט אַלע ליידן און שמחות פון פּוילן.

ער האָט געהאַט אויך פיל יידישע פריינט. זיי זענען געווען נישט אַנדערע, ווי ער אַליין. דער אַלטער יידישער בית המדרש מיט זיינע אַלטע גרויע ספרים זענען געווען פאַר זיי פרעמד. נאָר עפּעס נישט־קלאָרע, מטושטשע זכרונות זענען ביי זיי געבליבן פון דעם, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהערט פון זייערע פאָטערס און זיידעס.

זיי האָבן אין דעם אַלעם געוואָלט פאַרגעסן. עס האָט זיך זיי שטענדיק געדאַכט, אַז דער שאָטן פון עלטער־זיידע מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע פאַרפאָלגט זיי. גראד דעמאָלט, ווען זיי ווילן דווקא אָנגיין פאַר גויאישע פּריצים און פאַרדרייען זיך גאַווהדיק די וואָנצעס, שפּרינגט ער אַרויס, דער אַלטער זיידע מיטן גרויסן טלית קטן, און לאַכט הויך:

— קוק אים נאָר אָן, דאָס אייניקל מיינס, אַ פּריץ גאָר געוואָרן צו מיינע צרות!...

דעם אייניקל דאַכט זיך, אַז די גויים זעען דעם אַלטן זיידן און זיי לאַכן פון דעם „זשידעק", וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ פּריץ.

וואָס אַלץ האָבן די פאַרשעמטע אייניקלעך נישט געטון כדי צו פאַרטרייבן די שאָטנס פון זייערע אַלטע זיידעס!...

זיי זענען אַנטלאָפן ווייט פון די יידישע גאַסן און געמיינט, אַז דאָרט אַהין וועלן די אַלטע זיידעס מיט זייערע גרויסע בערד נישט טרעפן.

עס האָט זיי אָבער ווייניק געהאָלפן. נישט געווען קיין אָרט אויסצובאַהאַלטן זיך פון יידישן זיידן.

דעמאָלט האָבן די אייניקלעך געפּרוווט לעבן אַזוי, ווי זייער זיידע וואָלט געוועזן דער פעטער עשו אַליין. זיי האָבן אַריינגעגאָסן אין זיך גאַנצע גלעזער בראָנפן, הגם עס האָט זיי געאיבלט צום ברעכן; און זיי האָבן זיך גאַנצע נעכט אַרומגעשלעפּט איבער די נאַכט־לאָקאַלן און געדערט ניבול פּה, נאָך וועלכן עס איז זיי געבליבן נישט קיין גע־שמאַקער נאָכטעם אין מויל; און זיי האָבן געהאָדעוועט שטאָלן פון פערד פון גרויסן יחוס און זיך געשפּילט אין פערד־געיעגן, הגם דאָס האָרץ האָט זיי געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, ווען זיי האָבן באַדאַרפט אַ ביסל נענטער צוגיין צו זייערע אייגענע פערד; און זיי האָבן זיך נישט געריירט אָן אַ גרויסן הונט פון דער וועלפישער ראַסע, פאַר וועלכן זיי אַליין האָבן אין טיפעניש פון האַרץ זיך נישט ווייניקער געשראָקן, ווי זייערע אַלטע זיידעס, ווען דער בייזער פּריץ האָט אָנגערייצט אויף זיי זיינע הינט. אַלץ האָבן זיי געטון, די פּריצישע אייניקלעך — וועלכע די פּשוטע יידן אויף די נאַלעווקעס און גזשיבאָוו האָבן געקענט אונ־טערן נאָמען „דייטשן" —, פון דער אייגענער הויט זענען זיי אַרויסגע־קראָכן און אַלץ דערפאַר, אַז דער אַלטער זיידע מיט די לאַנגע פּיאות זאָל זיי אויפהערן צו דערקענען און זיי לאָזן צו רו.

און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. דער אַלטער זיידע האָט נישט געקוקט אויף די שיכורים, און נישט אויף די אויסגעלאַסענע נאַכט־לאָקאַלן און נישט אויף די ווילדע פערד, וואָס קאָפּען, און נישט אויף די בייזע הינט, וואָס בילן. דער אַלטער זיידע האָט נישט אויפגעהערט זוכן זיין אייניקל, האָט נישט אויפגעהערט אים רופן ביי זיין פּשוטן

יידישן נאָמען אפילו דאָן, ווען דאָס אייניקל האָט געטאַנצט ארום דעם גראַף פּאָטאָצקי...

און די גויים זענען געשטאַנען און אַזוי שפּאָטיש צו זיך גע־שמייכלט.

פיל פון די פארצווייפלטע אייניקלעך האָבן מער נישט געקענט איבערטראָגן די שאַנד און זיי זענען אוועק זוכן א תיקון צו די שוואַר־צע גלחישע סוטאַנעס. זיי האָבן זיך געלאָזט באַגיסן מיטן הייליקן וואַ־סער, ווייסנדיק, אַז דער אַלטער זיידע וועט די שוועל פון דעם קלויסטער נישט איבערטרעטן.

אַדאָלף בער האָט געהאַט אַ צו גוטן געשמאַק נאָכצוטון דעם ביי־שפּיל פון זיינע פריינט, די „דייטשן”.

ער האָט זיך נישט געריסן אין די פּריצישע פּאַלאַצן און ווען זיי, די פּריצים, זענען געקומען צו אים אין שטוב, האָט ער גערעדט מיט זיי אַזוי, ווי ער רעדט מיט יעדן פּשוטן מענטש.

און ער האָט נישט געשיכורט:

— ביי מיין טאַטן און זיידן, — פלעגט ער אוועקשטעלן דאָס גלעזל, — האָט מען די מלאכה נישט געלערנט...

און ער האָט נישט געזאָגט קיין מבינות אויף פערד און מיט אַ שמייכל גערעדט צו זיינע הויכגעשטעלטע פריינט:

— איך האָב גענוג צו טון מיט צווייפיסיקע פערד...

און ער האָט ביי זיך אין שטוב נישט געהאָדעוועט קיין הינט און פלעגט זאָגן:

— הינט?... ווי קום איך צו הינט?... איך האָב מורא פאַר הינט נישט ווייניקער פון מיין זיידן...

אין זיין סאַלאָן, וווּ ער האָט אויפגענומען זיינע געסט, זענען אויף די ווענט געהאָנגען נישט מער ווי דריי גרויסע אייל־בילדער, צוויי זיידעס און איין באַבע האָבן פון די בילדער אראָפּגעקוקט צו זייער אייניקל.

און אין שווערע מינוטן איז אַדאָלף בער געוווינט געווען צו גיין ארויף און אראָפּ איבער זיין סאַלאָן, און דעמאָלט האָט זיך אים

געדאכט, אז די אַלטע זיידעס און די באבע שמייכלען צו אים און זאָגן אים וואָס ער האָט צו טון.

אדאָלף בער האָט נישט געוווסט קיין סך פון יידישקייט. אָבער די יאָרצייטן האָט ער גוט געדענקט. און אין יעדער יאָרצייט זענען גע־קומען צו אים פון די יידישע גאסן די דריי אַלטע מומעס און דער פעטער ר׳ מאירל.

די מומעס האָבן געהאט בכבודע גוידערס און האָבן געטראָגן אויף די קעפּ פיין צוגעקעמטע שייטלען. זיי האָבן גערעדט צו אדאָלף בערן א גוט קלינגענדיקן פּויליש. עסן אָבער האָבן זיי ביי אים נישט גע־וואָלט:

— זיי נישט בייז, טייערער אדאָלף, נאָר מיט כשרות, ווער ווייסט, ווי עס האלט ביי דיר...

דערפאר האָבן זיי געטרונקען טיי און האָבן יעדעס יאָר דערציילט די זעלבע געשיכטעס וועגן די זיידעס און דער באבע.

דער פעטער ר׳ מאירל האָט אַ שוויַיגנדיקער זיך צוגעהערט צו די נשימס רייד און פּלוצלינג מיט אַ געבייזער א זאָג געטון:

— און אפשר וועט עטץ שוין א מענטש אויך לאָזן אויסרעדן אַ וואָרט... און גויאיש מוזט עטץ דווקא רעדן, נישקשה, ר׳ שמואל זביט־קאָווערס אייניקל מעג פארשטיין יידיש אויך...

די ווייבער זענען אנטשוויגן געוואָרן און ר׳ מאירל האָט גענומען זיין באָרד אין א האַנט און קוקנדיק אויף דעם ווייסן קאָפּ פון אדאָלף בערן, געזאָגט:

— הער, אברהמל... נו, נו, זיי נישט בייז, יאך וועל דיך נישט רופן קיין אדאָלף, די באבע תמרלס אייניקל מעג האָבן אַ יידישן נאָ־מען... איי, איי, ווי נעמט מען היינט אזעלכע יידן...

און ער האָט מיט אַ קרעכץ געזאָגט:

— ווייסט, אברהמל, ביי די גויים און „דייטשן" מעגסטו זיין אַ גרויסער מענטש, נאָר יאך וואָלט צו דיר נישט געקומען, אברהמל, דו ביסט גאָרנישט קיין לייט... וואָס הייסט, אַ ייד ווייסט נישט פון יידישקייט...

— גענוג שוין, גענוג, מאירל — האָבן די מומעס געפּרוווט אים איינשטילן.

— זאָל ער זאָגן אַלץ, דער פֿעטער, אַלץ — האָט אַדאָלף בער געפֿילט אַזאַ משפּחה־וואַרימקייט פֿון פֿעטער ר׳ מאירלס שטרענגע רייד.

— אוודאי וועל איך רעדן, — האָט דער פֿעטער ר׳ מאירל זיך געהיצט — וואָס מיינסטו, שאַנעווען וועל איך דיך פֿאַר דיינע אַד־וואָקאַטישע קונצן... די באָבע וואָלט זיך דאָך קריעה געריסן, ווען זי גיט אַ קוק אויף דיר... ניין, אסור, צי דו וואָלסט מיך דאָ געזען. איך קום צוליב זיי — ווייזט דער פֿעטער ר׳ מאירל אָן אויף די דריי בילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט. — אויף זיי וויל איך כאָטש איין מאָל אין יאָר אַ קוק טון...

— דערציילט עפּעס, פֿעטער, דערציילט — צינדט אַדאָלף בער אָן דאָס גרויסע וואַקסענע יאָרצייט־ליכט, וואָס די מומעס ברענגען אים יעדעס מאָל, ווען זיי קומען.

— דעם זיידן ר׳ שמואל זביטקאָווער האָב איך שוין נישט געקענט — שפּאַרט דער פֿעטער ר׳ מאירל אָן ביידע הענט אויפֿן טיש און קוקט אויף דעם בילד פֿון אַ הויכן פֿאַרוואַקסענעם ייד מיט אַ פּוטער־היטל אויפֿן קאָפּ, וואָס קוקט מיט אַזעלכע פֿאַרכמורעטע אויגן — אָבער געהערט פֿון אים האָב איך אַזוי פֿיל... און מיינסטו אפשר, אַז ער איז געווען אַ גרויסער למדן און חסיד, דער זיידע ר׳ שמואל? עס הייבט זיך נישט אָן!... אַ פּראָסטער ייד געווען, קוים, קוים געקענט אַריינקוקן אין אַ ספר, אַ חומש, אַ פּרק משניות, און אמאָל געפֿאָרן צו אַ רבין. און טאַקע ביים וואָרקער, זכרונו לברכה, איז ער געהאָלפֿן געוואָרן... אָבער וואָס רעד יאָך צו דיר אַזעלכע זאַכן, אַז דו ווייסט דאָך אפֿילו נישט, ווער עס איז געווען דער וואָרקער — וועדט שטיל דער פֿעטער ר׳ מאירל.

אַדאָלף בער נעמט אים ביים אָרעם און פֿירט אים אַריין אין אַ צווייטן זאַל און נאָך די צוויי מענער רוקן זיך אַריין די צוויי מומעס.

אין דעם זאַל זענען אַלע ווענט געווען באַהאָנגען מיט בילדער. דער פֿעטער ר׳ מאירל גייט צו צום ערשטן בילד:

— דער פשיסכער... — ציטערן זיינע ליפּן.

באַלד דערזעט ער אַ צווייט בילד, פון וועלכן עס שיינט אַראָפּ דאָס גוטע פּנים פון קאָזשעניצער מגיד.

— נע, נע, — ווייסט נישט דער פעטער ר׳ מאירל וואָס צו טון מיט זיינע אויגן — דער קאָצקער, און דער וואָרקער, און דער גערער רבי!...

— זיי מיר מוחל — זאָגט דער פעטער ר׳ מאירל צו אדאָלף בערן — כ׳האָב געמיינט, אַז דו שעמסט זיך שוין מיט אַ ייד...

אדאָלף בער האָט אין זיין לעבן געהערט פיל לויב־רייד. פיל אמתע און נאָך מער פאַלשע און ליגנערישע. און ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אַזוי צוגעוווינט צו ווערן געלויבט און גערימט, אַז קיין שום לויב קען שוין מער נישט מאַכן אויף אים קיין איינדרוק.

נאָר איצט איז ער טיף גערירט פון פעטער ר׳ מאירלס פּשוטע ווערטער.

און גלייכצייטיק ווייסט ער נישט, צי ער האָט דעם לויב פאַרדינט:

— שעם איך זיך באמת נישט מיט אַ ייד? — וויל אדאָלף בער זיין אויפריכטיק כאָטש מיט זיך אַליין — בין איך דען אנדערש פון די אַלע, וואָס קריכן פון דער הויט אַבי צו אנטלויפן פון זייערע יידישע זיידעס?...

— יאָ, — קרימט זיך אויס בערס פּנים — איך הענג אויס מיינע שטיבער מיט רבים, אָבער דאָס אַלץ איז דאָך, כדי צו ווייזן אנדערע, אַז א י ך שעם זיך נישט... אָבער אין האַרץ ביי מיר בין איך גאָר־נישט אַזוי זיכער, צי כ׳וואָלט נישט וועלן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אנטלויפן פון דער באָבע תמרל מיט דער „קאָפּקע", ווען איך וויים נאָר אַן אָרט, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן...

און עס דאַכט זיך אים, אדאָלף בערן, אַז די קלוגע אויגן פון דער באָבע תמרל דרינגען אַריין אין זיין האַרץ און ווייסן זיין חרפּה.

דער פעטער ר׳ מאירל קוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן אויף די ביל־דער פון די רבים מיט די גרויסע שטריימלעך אויף די קעפּ און ער טראַגט זיך איבער אין אַ וועלט, וואָס איז אַזוי ווייט פון זיין קרובס גרויסע סאַלאָנען. עס דאַכט זיך אים, דעם פעטער ר׳ מאירל, אַז ער

איז אין וואָרקע, אין הויף פון ר׳ יצחקלען, און ער רעדט ווי צו זיך אַליין:

— ביי אים, ביי ר׳ יצחקלען, איז דער עלטער־זיידע, ר׳ שמואל, געהאָלפן געוואָרן. אַ שווערער ווינטער געווען. די וועגן זענען געווען פאַר־פרוירן. אין יוצא ואין בא. נישט געקומען קיין חסידים אויף שבת קיין וואָרקע. און ביי ר׳ יצחקלען אין הויף איז געווען זייער ענג, קיין פּרוטה, לא עלינו נישט געווען, און שבתצונאַכטס האָט די רביצין קיין ביסל וואַרימס נישט געהאַט צו דערלאַנגען דעם רבין, אַזוי, אַזוי... און דעמאָלט איז דער זיידע ר׳ שמואל אָנגעקומען מיט זיין פור און גע־בראַכט צו דער רביצין אייער און פּוטער, און ברויט, און טיי... און די רביצין האָט געמאַכט פייער און צוגעטראָגן דעם רבין אַ גלאָז קאָכעדיקע טיי...

ר׳ יצחקל האָט אָנגעוואַרימט זיינע פאַרפרוירענע פינגער ביי דעם וואַרעמען גלאָז און אַזוי געטון זאָגן:

— האָסט מיך מחיה געווען, שמואל, אַזוי זאָלסטו זוכה זיין מחיה צו זיין יידן...

אַדאָלף בער הערט זיך צו צום יידיש לשון, וואָס קלינגט מיט אַזאַ וואַרימקייט אין פעטער ר׳ מאירלס מויל. עס קומט אים פאָר, אַז די שטוב ווערט פול מיט מאָדנע יידן, וואָס זענען אים אַזוי פרעמד און גלייכ־צייטיק אַזוי נאָענט.

דער פעטער ר׳ מאירל רעדט אַזוי, ווי ער וואָלט דערציילט אַ קינד עפּעס אַן אויסטערלישע מעשה:

— פון דעם שבתצונאַכטס אָן איז געלד געפלאָסן פון אַלע זייטן צו דער שטוב פון זיידן ר׳ שמואל... נאָר נישט דאָס מיין יאָך צו דערציילן, מישטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ חשיבות האָט דאָס גאַנצע געלד... נאָר געדענקסט, האָסט דאָך אוודאי געהערט פון דער שחיטה אין פּראָגע... וויי, וויי, וויפל יידן זענען דעמאָלט, נעבעך, אומגעקומען פון די רשעים, די קאָזאַקן... די ווייסל איז געווען רויט פון יידישן בלוט. און ווער ווייסט וואָס נאָך עס וואָלט געשען, ווען נישט דער זיידע ר׳ שמואל... יאָ, דעמאָלט האָט ער זוכה געווען מחיה צו זיין יידן, דער זיידע.

אַדאָלף בער איז געווען דער גרויסער מייסטער פון וואָרט, און ער

האָט געוווסט דערפון. מיט דער הילף פון פשוטע, איינפאכע ווערטער האָט ער אַרויסגערופן שטורעמס איבער די קעפ פון זיינע צוהערער, האָט זיי איינגעוויגט, ווען ער האָט געוואָלט, מיט שטילן געזאנג, וואָס האָט זיך געפּאַליעט ווי די זילבערנע ווייסל־כוואַליעס, האָט פאַר זייערע דער־שטוינטע אויגן אויפגעשטעלט ווונדער־טורעמס, וואָס זייערע שפּיצן האָבן דערגרייכט דעם הימל, כדי פּלוצלינג אויף זיי אַראָפּצופאַלן מיט קאַסקאַדעס פון שניידיקן געלעכטער. נאָר צוהערנדיק זיך צו דער מעשה מיטן זיידן ר׳ שמואל, האָט ער געפילט, אז מיט זיין גאַנצער קונסט און מייסטערשאַפט וועט ער קיינמאָל נישט דערגרייכן די עלעמענטאַרע דער־הויבנקייט פון פעטער ר׳ מאירלס דערציילן. ער, אַדאָלף בער, האָט פון אויסנווייניק געדענקט יעדעס וואָרט פון דער שמואל־זביטקאָווער־לעגענ־דע, נאָר יעדעס מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אז ער הערט דעם פעטער־ר׳ מאירל צום ערשטן מאָל.

און ער האָט געוואָלט, אַז די מעשה זאָל זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. און דער פעטער ר׳ מאירל האָט דערציילט:

— דער זיידע ר׳ שמואל איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי דעם קיסרס שררות און זיי האָבן די קאָזאַקן אָנגעזאָגט: השמר והזהר, אז עס זאָל חלילה אַ האָר נישט געמינערט ווערן פון קאָפּ פון ר׳ שמואל זביט־קאָווער און זיינע בני בית...

— און דער זיידע האָט זיך געריסן צו דער גאַס. „לאָזט מיך — האָט ער געוויינט פאַר די קאָזאַקן — איך וויל זיין צוזאַמען מיט אַלע יידן און אַז זיי קומען אום אויף קידוש השם, וויל איך אויך די זכיה...״

נאָר די קאָזאַקן האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג און האָבן שטרענג צו אים גערעדט:

— ניעלזיא (פאַרבאָטן) — דאָס דאָזיקע רוסישע וואָרט האָט דער פעטער ר׳ מאירל נאָכגעזאָגט מיט אַזאַ פאַרוויינטן גמרא־ניגון, אַז אַדאָלף בער האָט נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון, — דו וועסט נישט גיין!... מיר זענען ערוב פאַר דיין קאָפּ און פאַר דיין פאַרמעגן...

— און דעמאָלט — דאָ האָט דאָס קול פון פעטער ר׳ מאירל זיך צעקלונגען מיט דער פייערלעכקייט פון בעל קורא, ווען ער לייענט, ווי אַזוי מרדכי הצדיק האָט באַזיגט דעם רשע המן — האָט דער זיידע ר׳

שמואל געהייסן די קאָזאַקן אַרויסשלעפּן פון קעלער צוויי גרויסע פּע־סער און זיי אוועקשטעלן אין מיטן הויף.

די פאַרטערעטע אויגן פון די דריי מומעס האָבן אויפגעלויכטן, ווען דער פעטער ר׳ מאירל איז צוגעקומען צו דער געשיכטע מיט די צוויי פּעסער, און איז געבליבן שטיל אַ לענגערע ווײַלע, ווי ער וואָלט וועלן אָפּוואַרטן ביז די צוויי פּעסער וועלן שוין שטיין אין מיטן הויף.

און מיטאַמאָל האָט דער פעטער ר׳ מאירל, ווי אַ זיגרייכן מאַרש, אויפגעזונגען:

— דער זיידע ר׳ שמואל אַליין האָט די פּעסער אויפגעעפנט און די קאָזאַקן זענען געוואָרן פאַרבלענדט פון דעם גלאַנץ פון גאָלד און זילבער. איין פאַס איז געווען פול מיט גאָלדענע רענדלעך און דאָס צווייטע — מיט זילבערנע רובעלס. דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון יידן האָט זיך געפונען אין די צוויי פּעסער.

און ר׳ שמואל האָט געלאָזט אויסרופן:

— יעדער קאָזאַק, וואָס וועט מיר ברענגען אַהער אין הויף אַ טויטן ייד מקבר צו זיין, וועט פאַר זיין טרחה באַקומען אַ זילבערנעם רובל און ווער עס וועט אהערקומען מיט אַ לעבעדיקן ייד, וועט באַקומען אַ גאָלדן רענדל!...

נו, פאַרשטייט זיך, אַז די קאָזאַקן האָבן גיכער געוואָלט האָבן גיל־דענע רענדלעך ווי זילבערנע רובעלס, און זיי האָבן אין זיידנס הויף גע־האַלטן אין איין ברענגען לעבעדיקע יידן... פאַרנאַכט צו איז די גאַנצע געגנט אַרום זיידנס הויז שוין געווען פול מיט געראַטעוועטע יידן און דער זיידע האָט אויסגעטיילט די קאָזאַקן די לעצטע רענדלעך און מיט די זילבערנע רובעלס געשפּייזט די יידן, וואָס זענען נעבעך געבליבן אָן אַ שטוב...

דער פעטער ר׳ מאירל קוקט לאַנג און דורכדרינגענד אויף אַדאָלף בערן און זאָגט צו אים:

— כ׳האָב געהערט, אַברהמל, אַז דו ביסט אַ גאַנצער קענער און דיין זיידע ר׳ שמואל האָט זיך אַפילו נישט געקענט אונטערשרייבן אויף גויאיש, נאָר אסור, אויב ער וואָלט דיך מקנא געווען...

דער פעטער ר׳ מאירל קרעכצט אָפּ:

— צייט צו גיין — זאָגט ער צו די דריי מומעס.

נאָר אדאָלף בער, וואָס האָט אָנגעזאָגט זיינע סעקרעטארן און געהילפן, אז מען זאָל אים היינט נישט דרייען א קאָפּ מיט קיין שום עסקים, זאָגט:

— דו האָסט נאָך היינט, פעטער, אונדז נישט דערציילט פון זיידן ר׳ בערעק און פון דער באבע תמרל...

די טיר עפנט זיך שטיל און עס קומט אריין בערס סעקרעטארין.

— כ׳האָב דאָך געזאָגט מיר היינט נישט צו שטערן — דאכט זיך אדאָלף בערן, אז זיין סעקרעטארין שמייכלט, קוקנדיק אויפן פעטער ר׳ מאירלס באָרד.

— יאָ, הער בער — רויטלט זיך די סעקרעטארין — אָבער, עפּשטיין ווארט און זאָגט, אז עס איז אַזוי דרינגענד, אז ער מוז אייך האָבן...

— עפּשטיין? — פרעגט איבער אדאָלף בער נישט אָן פארוווּנדערונג.

ער קען אים, עפּשטיינען, שוין זינט לאנגע יאָרן. נאָך אויף דער גרינער גאס האָבן זיי ביידע זיך באפריינדעט אויף די ערשטע סאָציאליסטישע קלייזלעך און פון דעמאָלט אָן איז זיי נישט איינמאָל אויסגעקומען צו ארבעטן צוזאמען ביים ארויסבאקומען פון תפיסה ארעסטירטע פריינט. אדאָלף בער ווייסט אָבער אז איצט איז רואיק. וואָס־זשע איז געשען מיט עפּשטיינען?...

נאָר דאָ מישט זיך אריין דער פעטער ר׳ מאירל און זאָגט:

— כ׳האָב נאָך געקענט זיין פאָטער, עפּשטיינס, א ווילער ייד געווען, ר׳ יעקב, נו, זאָל ער אריינקומען, עפּשטיין...

און ער גיט צו:

— בנאמנות, כ׳פארשטיי נישט דיינע „פּאָזשאָנדקעס”, אברהמל... ביי מיר אין שטוב, אז עס קומט אריין נאָך א ייד, דארף ער זיך ערשט נישט מעלדן, נאָר ער זעצט זיך אַוועק גלייך ביים טיש...

בערס סעקרעטארין רויטלט זיך נאָך שטארקער. זי אליין פארשטייט קוים יידיש און עס קומט איר פאָר, אז איר שעף דארף זיך שעמען מיט אַזעלכע קרובים פון די יידישע גאסן. עס איז איר נישט אָנ־

גענעם וואָס זי הערט אַזאַ פּיאות־ייִד רעדן אַזוי פאַמיליאַר מיט איר באַלעבאָס.

אַדאָלף בער פילט זיך נישט באַקוועם און גלייכצייטיק פאַרדריסט אים אויף זיך אַליין, וואָס ער פילט זיך נישט באַקוועם און ער זאָגט:

— זאָל ער אַריינקומען...

דניאל עפּשטיין ווייזט נישט אַרויס זיין דערשטוינונג און ער שמייכלט, ווען דער פעטער ר' מאירל רעדט צו אים ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן:

— האָסט שוין אויך אַ גויאישן נאָמען, דניאל?... אַלע האָט עטץ דאָך היינט גויאישע נעמען... פריצים געוואָרן... נאָר איך געדענק נאָך דיין טאַטן ר' יעקב, עליו השלום, נו זעץ זיך, דניאל...

דער פעטער ר' מאירל פילט זיך מעשה באַלעבאָס און זאָגט:

— מיר האָבן היינט יאָרצייט נאָך דער באָבע תמרל. נו, דערציי־ל איך אים, ווער זיין באָבע איז געווען. זאָל ער כאָטש וויסן...

— אַנטשולדיק, אַדאָלף — ווענדט זיך צו אים עפּשטיין אויף פּוי־ליש — איך שטער אַ משפּחה...

— אוי, אוי, היינטיקע צייטן — קרעכצט אַרויס דער פעטער ר' מאירל — ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ ייִד זאָל שטערן אין אַ ייִדישער שטוב, איי, איי...

— כ'האָב נישט געמיינט... — וויל עפּשטיין עפּעס זאָגן.

נאָר דער פעטער ר' מאירל רייסט אים איבער:

— געמיינט, שמיינט, הלואי וואָלט יאָך נישט אַזוי פיל געוווסט, וואָס עטץ, היינטוועלטיקע חכמים, מיינט אַלץ!... נו זעץ זיך, דניאל, און עס וועט דיר אסור שאַטן צו הערן אַ וואָרט פון דער באָבע תמרל...

אַדאָלף בער און דניאל עפּשטיין צעלאַכן זיך.

— האָסט אַ פיינעם פעטער, אַדאָלף — זאָגט עפּשטיין.

— ער וויל דאָך אָבער ביי מיר נישט טועם זיין, דער פעטער ר' מאירל — שמייכלט בער — נו, אַ גלאָז טיי לכבוד דעם גאַסט...

די דריי מומעס פאַרען זיך ביים אָנגיסן טיי פון גרויסן זילבערנעם סאַמאָוואַר און דער פעטער ר' מאירל זאָגט:

— עטץ ווייסט, פון דעם סאַמאָוואַר, וואָס שטייט ביי דיר אויפן

מיש, האָט געטרונקען טיי דער זיידע, ר׳ בערקע חסיד, און די באבע תמרל, ווייסט עטץ, פאר וועמען די באבע תמרל האָט אָנגעגאָסן טיי פון דעם סאַמאָוואר?

— פאר וועמען? — פרעגן די דריי מומעס שטענדיק אין איין קול, הגם זיי ווייסן פאַראויס דעם ענטפער.

דער פעטער ר׳ מאירל שטעלט זיך אויף פון אָרט, ווי פאר עפּעס אַנגעזעענע געסט און אין זיין קול איז דאָ עפּעס פייערלעכס, ווען ער זאָגט:

— פון דעם סאַמאָוואר האָט געטרונקען טיי דער פשיסכער רבי, דער רבי ר׳ בונם און דער קאָצקער, און דער וואָרקער, און דער גערער... אזא הויז איז געווען ביי דער תמרל...

היינט די שררות פון קעניגס הויף, וואָס זענען געקומען צו דער באבע תמרל... — ווישן זיך די אויגן די דריי מומעס.

— אוי, נשים, נשים! — מאַכט זיי שטיל דער פעטער ר׳ מאירל — ווי קומט עטץ צו פארגלייכן גאָר... געוואלד געשריען, ווי קען מען גאָר פארגלייכן אַלע מלכים און שררות און חכמים פון די אומות העולם צו דער חכמה פון פשיסכער, צו איין שארפן זאָג פון קאָצקער, צו דער תורה פון גערער, און צו דער גוטסקייט פון וואָרקער!...

אדאָלף בער האָט שטום אָנגעקוקט זיין פריינט עפּשטיין. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער. ניין, אַזעלכע יידן זעט מען מער נישט, ווי דער פעטער ר׳ מאירל. און עס איז אַזוי גוט צו טרעפן אמאָל אַזא ייד, אַנווארימען זיך ביי אים, אויסבאָרגן זיך ביי אים אביסל זיכערקייט און זעלבסטווירדע. יאָ, ער, דער פעטער ר׳ מאירל, האָט ז יי ן וועלט און ז יי ן ערד און ז יי ן הימל. ער ווייסט ווהין ער באַלאַנגט און וו אָ ס ער איז. און איך און דו? צו וועמען באַלאַנגען מיר? ווו איז אונדזער הימל און אונדזער ערד? געהערן מיר נישט צו עפּעס א נייער ראסע פון באַשעפענישן, פאר וועלכער עס איז נישטאָ קיין אָרט?...

דער פעטער ר׳ מאירל האָט נישט געקענט אַנען די ספקות, וואָס פייניקן איצט זיין קרוב און יעקב עפּשטיינס זון, דניאל. ער האָט זיך איצט געפונען צו גאַסט אין די גרויסע שטובן פון דער באבע תמרל און ער האָט פאַרגעסן אין זיינע צוהערער און ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— בערעק חסיד האָט מען דעם זיידן גערופן. ער האָט שוין יאָ געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא. דער זיידע ר׳ שמואל האָט צו אים גוטע תּלמידים געהאַלטן. און ער האָט געטראָגן אַ זיידענע זשיפּעצע און אַ שטריימל און קהלם אסיפות זענען ביי אים אין שטאָט פאָרגעקומען. נאָר דער אמתער חסיד איז געווען זי, זיין ווייב, טאַקע די באָבע תמרל. און נישט בלויז יידישקייט האָט זי געוווּסט, די באָבע תמרל. גרויסע עסקים האָט זי געפירט מיט אַלע שׂררות און דער מלך אליין האָט זי גערופן צו זיך צוזאַמען מיט איר מאַן בערעק און די הויפּט־זאַך: מיט איר אַן עצה געהאַלטן ווענן אַלע ענינים.

און אַ גרויסע מלומדת איז זי אויך געווען, די באָבע תמרל. גערעדט זייערע לשונות און אפילו פראַנצויז און צו די קעניגלעכע בעלער איז זי געקומען מיט אַ פאַרדעקטן קאָפּ ווי אַ יידישע טאָכטער און האָט זיך חלילה צו זייערע מאכלים נישט צוגערירט... און געגאַנגען צו זיי איז זי נישט פאַר איר הנאה ווענן, נאָר צו העלפן יידן; שטענדיק העלפן יידן איז זי גרייט געווען, די באָבע תמרל.

און איינמאָל האָט די באָבע תמרל זיך באַקלאָגט פאַרן פשיסכער:

— איך וויים נישט וואָס וועט פון מיר ווערן, פשיסכער רבי, גאַנצע טעג בין איך מיט זיי, מיט די גויים, קוק זיך צו צו זייערע גענג, הער זייערע רייד, קום צו זייערע שׂמחות, וואָס זענען שטענדיק מלא הפקרות און שכרות, און כ׳האָב אפילו נישט קיין צייט רעכט צו דאַווענען און תשובה צו טון...

און דער רבי, ר׳ בונם פון פשיסכע, האָט צו זיך אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— זאָג מיר, בערעקס אשה, ווען דו קומסט צו זיי, די גויים, געפעלן זיי דיר?

און תמרל האָט געענטפערט:

— ווען איך קום צו זיי, צו די גויים, און כ׳קוק זיך צו צו זייער פּירעכץ, דעמאָלט קומט מיר שטענדיק אויפן זינען דער פסוק — מי כעמך ישראל.

— אַ טייערן פסוק האָסטו זיך אויסגעקליבן, תמרל — האָט דער פשיסכער זי אָנגערופן ביים נאָמען — אצינד זאָג מיר, ווען דו

זעסט זייערע מעשים, צי טשעפּעט זיך צו דיר דעמאָלט נישט צו דער־יצר הרע און זאָגט: — טו דאָס זעלבע, ווי זיי... זאָג, זאָג מיר דעם גאַנצן אמת, תמרל...

די באָבע תמרל האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט און געענטפערט:

— פּשיסכער רבי, איך בין אַ זינדיקע אשה, ווי יעדע אַנדערע, און דער יצר הרע טשעפּעט זיך צו מיר, ווי צו יעדן מענטש, נאָר ווען איך קום צו די גויים און זע זייער הפקרות, דעמאָלט ווערט מיר מיאוס די עבירה און איך זאָג צום יצר הרע: שעם זיך מיך אָנצורעדן צו זיין אַזוי מיאוס ווי זיי...

— אוי־וואַ, אוי־וואַ — האָט דער פּשיסכער אַ קנאַק געטון מיטן פינגער — זעטע, זעטע, סאַרע טייערע בייטש די אשה האָט קעגן בעל דבר, מען מעג זיך פון איר לערנען!...

און נאָך האָט ער געזאָגט:

— זיי וויסן, בערעקס אשה, אַז אַ סך מאָל פאַרשטעלט זיך דער בעל דבר פאַר אַ פרומען ייד און טענהט: לויפסט צו גויים בעטן פאַר יידנסוועגן און פאַרוואָס פאַרגעסטו אָן עיקר, אין רבונו של עולם, פאַר־געסט צו דאַווענען און תשובה צו טון... הא, אַזוי רעדט ער אויך צו דיר, דער בעל דבר?

— יאָ, יאָ — האָט די באָבע תמרל אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — אַזוי רעדט ער.

— הער זשע, תמרל, — האָט דער רבי ר׳ בונם צו איר געזאָגט — מיט דעם פאַרשוין זאָלסטו אפילו נישט איינטענהן, שיק אים גלייך צו מיר און זאָג אים: איך האָב נישט קיין צייט מיט דיר צו רעדן, איך דאַרף דערווייל אַ ייד אַ טובה טון, און דו גיי צום פּשיסכער, ער וועט זיך שוין מיט דיר אויסשמועסן...

און געהערט דעם שמועס האָבן דעם פּשיסכערס תלמידים ר׳ מענ־דעלע און ר׳ איטשע מאיר און ר׳ יצחקל ווארקער און טאַקע ער, דער וואָרקער, האָט שפּעטער דערציילט:

— יעדעס מאָל ווען דער בעל דבר קומט צו מיר און זאָגט: יצחקל, דו האָלטסט גאַנצע טעג אין איין אַרומלויפן מיט קהלישע ענינים און האָסט דאָך שוין ס׳גאַנצע לערנען פאַרגעסן — ענטפער איך אים: —

תמרל האָט דאָך דיר שוין געגעבן דעם ענטפער... לויפט ער מיר נאָך, דער עזות פנים, כאַפּט מיך אָן ביי דער פּאָלע און שרייט: ס'טייטש, מילא דו, יצחקל, ווילסט נישט לערנען, איז נישט, אָבער וואָס ווילסטו פון מיין איטשע מאיר, ווי מעגסטו אים מבטל זיין פון תורה און אים מיטשלעפּן מיט דיינע קהלישע עסקים? — דעמאָלט זאָג איך צו אים: גיי צום פּשיסכער און פרעג אים די קשיא...

און די באָבע תמרל האָט צו אירע קינדער געזאָגט אויף איר טויטן בעט:

— וויינט נישט, קינדער, איך האָב נישט קיין מורא צו שטאַרבן, און טאָמער וועט מען אין הימל האָבן צו מיר טענות און זאָגן: סטייטש, תמרל, האָסט אַזוי וויניק געדאַוונט און תשובה געטון, וועל איך ענט־פערן: כ'האָב קיין צייט נישט געהאַט, כ'האָב געמוזט יידן העלפן. און טאָמער וועט מען ווייטער האָבן טענות, וועל איך זיי זאָגן: גייט צום פּשיסכער, און איך וועל ברענגען דעם קאָצקער און דעם גערער און דעם וואָרקער פאַר מיינע עדות — מיט אַזעלכע עדות האָב איך נישט קיין מורא צו שטאַרבן, קינדער...

דער פעטער ר' מאירל ווערט שטיל און זיינע אויגן בלאָנדזשען איבערן צימער. די דריי מומעס ווישן זיך די אויגן מיט ווייסע זיידענע טיכלעך. עפּשטיין קוקט אויף דעם צעשמייכלטן פנים פון תמרלס בילד און אַדאָלף בערן קומט פאַר ווי אַרום זיין באָבען האָבן זיך פאַרזאַמלט אירע עדות און זיי אַלע קוקן מיט אויגן שטרענגע און מאַנענדיקע.

און דער פעטער ר' מאירל זאָגט:

— און ווייסט עטץ פאַרוואָס די באָבע תמרל האָט זוכה געווען צו דעם אַלעם? — דער קאָצקער האָט אַמאָל געזאָגט צום זיידן בערעק: דיין טאַטע שמואל איז אפילו קיין יודע ספר נישט געווען, נאָר הלואי האָבן מיר זיינע זכותים, און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל ר'האָט געראַטע־וועט יידן... און אין זיין זכות האָסטו, בערעק, און דיין אשה צו אַלעם זוכה געווען...

און פּלוצלינג ווענדט זיך דער פעטער ר' מאירל צו אַדאָלף בערן און פרעגט: — און דו האָסט געראַטעוועט יידן?

אַדאָלף בער שווייגט.

און דער פעטער ר׳ מאירל גייט צו אים צו, נעמט אים אָן ביי דער קלאַפּע און קוקט אים גלייך אין די אויגן אריין און פרעגט נאָכ־אַמאָל:

— כ׳האָב געהערט, אַז דו ביסט אַ גרויסער מענטש, קומסט צו הויכע שׂררות, האַלטסט דרשות אין זייערע „סאָנדעס" (געריכטן), האָסטו עפּעס געטון פאַר יידן? האָסט, ווי דיין זיידע, שמואל, געראַטעוועט יידן?

אדאָלף בער שווייגט. ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן דעם פעטער ר׳ מאירל. ער לויפט דורך אין זיין געדעכעניש די רשימה פון מענטשן, וואָס ער האָט געראַטעוועט פון די תליות, פון סיביר, און פון די תפיסות. די רשימה איז נישט קליין. און צווישן די, וועמען ער האָט געהאָלפן, זענען אויך געווען יידן. אָבער צי האָט ער געטראַכט וועגן זיי ווי וועגן יידן? זיי זענען געווען פאַר אים רעוואָלוציאָנערן, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט, פּאַטריאָטן, וואָס ווילן באַפרייען דאָס לאַנד פון צארישן יאָך, ערלעכע דענקער, וואָס קומען מיט אַ ניי וואָרט צום פאָלק. אָבער יידן? צי האָט ער אין זיי געזען יידן, וואָס מען דאַרף ראַטעווען? און ער ענטפערט:

— איך האָב זיך באַמיט צו ראַטעווען מענטשן...

דער פעטער ר׳ מאירל לאָזט נישט אַראָפּ זיין בליק פון אדאָלף בערס ווייסן קאָפּ און זאָגט:

— אוודאי, ראַטעווען מענטשן... ס׳איז אַ מדרגה... און יידן?... יידן קומען גאָרנישט צו דיר דו זאָלסט זיי העלפן? יידן טרעפן אפילו נישט צו דער טיר פון דער באַבע תמרלס אייניקל?...

— איך בין איצט געקומען צו אים, צו ראַטעווען יידן... — רופט זיך פּלוצלינג אָן דניאל עפּשטיין.

דער פעטער ר׳ מאירל לאָזט אָפּ די קלאַפּע פון בערס סורדוט און זאָגט צו די דריי מומעס:

— קומטץ, יידענעס, קומטץ!... אַז מען דאַרף העלפן אַ ייד, איז יעדע מינוט אַ שאָד... אַצינד טאָר מען נישט באַלמוטשען!...

דער פעטער ר׳ מאירל יאָגט אונטער די נשים זיך שנעל צו געזעגענען און ער זאָגט קורץ:

— זייט מצליח, און זאָל דער אויבערשטער אייך העלפן...

אַדאָלף בער און דניאל עפשטיין בלייבן אַליין. זיי שמייכלען איינער צום אַנדערן. דניאל עפשטיין פילט איצט אַ מאָדנע נאָענטקייט צו זיין פריינט אַדאָלף בערן. זיי קענען זיך שוין זינט לאַנגע יאָרן. נאָר עפשטיינען דאַכט זיך, אַז דאָס מאָל האָט דער פעטער ר' מאירל ערשט זיי נאָענט געמאַכט.

— נו, וואָס זאָגסטו צום פעטער ר' מאירל? — פרעגט אַדאָלף בער און זיינע אויגן לאַכן.

— אַזאַ ייד מאַכט עפּעס וואַרעם די שטוב — דערמאָנט זיך עפשטיין, ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, גראַד אין דער מינוט אָן ר' שמחהלע חסיד — און מען פילט זיך עפּעס זיכער און רואיק לעבן אים... יאָ, יאָ, דאָס איז עס זיכער... פון די שוואַכע, כמעט אָפּ־הענטיקע לייבער פון די יידן, גיבן עמאַנירן עפּעס פלואידן פון שטאַר־קייט און זיכערקייט, ווי זיי וואָלטן געאָטעמט מיט אייביקייט....

— אַז מען דאַרף ראַטעווען אַ ייד טאָר מען נישט באַלמוטשען — חזרט איבער אַדאָלף בער דעם פעטער ר' מאירלס ווערטער — וואָס איז געשען, עפשטיין?

דניאל עפשטיין פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און דערציילט אַלץ וואָס ער ווייסט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין סאַלאָן פון דער גרעפין בראַניצקא און וועגן דעם צוזאָג פון גענעראַל יאַנושקעוויטש אַ סוף צו מאַכן צו דער זשידאָווסקע פאַלעסטינע און צו דעם זשידאָוו־סקי קרול, דעם רבי פון גער, און וועגן יאַנקל שמייסער, וואָס ווערט איצט געזוכט געווים דורך די צאַרישע זשאַנדאַרמען פאַר צעשטעכן דעם שיכורן זעלנער.

אַדאָלף בער הערט זיך צו מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַזוי הערט ער אוים אַלע וואָס קומען צו אים נאָך הילף.

— ברענג אים צו מיר, דיין יאַנקל — האָט אַדאָלף בער געזאָגט — איך וויל אויף אים אַ קוק טון און דערנאָך וועט מען זען.

אַזוי אַרום איז יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו פלוצלינג אַוועקגע־ריסן געוואָרן פון זיינע פערד און האָט זיך אַ צעטומלטער אַוועקגע־

זעצט אויפן שפיץ שטול אקעגנאיבער עפעס א פריץ מיט א ווייסן קאפ האר און מיט אזעלכע דורכדרינגנדע שווארצע אויגן.

— יאנקל האט מיר פארזיכערט — רייסט עפשטיין איבער די שטילקייט, — אז ער האט קיינעם נישט דערציילט וועגן זיין געשלעג מיטן סאלדאט.

— פיין, פיין... — נעמט אדאלף בער נאכאמאל ארום מיט זיין שארפן בליק פון קאפ ביז די פיס דעם צעטומלטן גזשיבאווער בעל עגלה.

ער שפרייזט דורך זיין קליין ארבעטס־צימער און אוועקשטעלנדיק זיך ביי יאנקלס שטול לייגט ער ארויף זיין ווייסע אויסגעצערטלטע האנט אויף דעם יונגס פלייצע און זאגט צו אים אויפן לשון פון ווילנע יונגען ביי דער ווייסל:

— כ'האב גארנישט געוווסט, אז אויפן גזשיבאוו זענען דא אזעלכע פיינע יאטן...

דאס פנים פון אדאלף בער צעשמייכלט זיך אין א ברייטן אפענעם שמייכל און זיינע אויגן ווינקען צו יאנקלען, ווי צו א היימישן, צו א גוטן ברודער פון גזשיבאוו.

יאנקלס פנים ענטפערט אפ מיט א שמייכל און זיינע ווייסע געזונטע ציין טוען א בליאסק, ווען ער זאגט:

— וואס דען, ביי אונדז אויפן גזשיבאוו לאזט מען זיך נישט שפייען אין קאשע.

— האסט אים גוט צעטרייבערט, דעם יאלד — ווינקט אדאלף בער צו יאנקלען, מעשה „פאן בראט" (גוט ברודעריש).

— ער וועט שוין פארזאגן א צענטן נישט צו רייסן קיין שטריימלעך פון יידישע קעפ — צערעדט זיך יאנקל שמייסער אזוי, ווי ער וואלט זיך איצט געפונען צווישן זיינע גוטע ברידער אויפן גזשיבאוו — ער וועט מיך האבן צו געדענקען, דער פאניע...

אדאלף בער קוקט אויף די גרויסע רויטע ידיים פון יאנקל שמייסער און שאקלט צו, מעשה מבין, מיטן קאפ:

— כ'קען זיך אויף דיר פארלאזן, יאנקל, האסט אים, דעם פאניע, שוין איינמאל צערעכט געמאכט.

## אין שטורעם

יאַנקל שמייסער קוקט מיט באַוווּנדערונג אויף אַדאָלף בער. אַזאַ פּאַן, אַזאַ פּריץ און ער רעדט ווי — אַ מענטש. פאַרשטייט זיך אויף אַ געשלעג נישט ערגער ווי די בעלי עגלות אויפן גזשיבאָוו און די שקצים פון שילעץ. מיט אַזאַ איינעם איז דאָך אַ פאַרגעניגן זיך אויסצושמועסן. און ווער ווייסט, אפשר פאַרשטייט ער זיך, דער דאָזיקער מאָדנער פּריץ מיטן ווייסן קאַפּ..האָר, אויך אויף פערד.

— נאָר איין זאַך וווּנדערט מיך, יאַנקל — רעדט צו אים אַדאָלף בער ווי צו אַן אַלטן פריינט — נאָך וואָס האָסטו זיך גענומען צו דער אַרבעט מיטן מעסער? האָסט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דיינע הענט?...

דער פאָרוווּרף איז געווען אַ שווערער. אויפן שילעץ און אויפן גזשיבאָוו, ביי די יידישע ווילדע יונגען, ווי ביי די שקצים, האָט מען נישט ליב צו אַרבעטן מיטן מעסער. נאָר יאָלדן כאַפּן זיך צו „נאַסער אַרבעט". דער אמתער יאַט גיט זיך אַן עצה מיט זיינע אייגענע הענט. און ער, יאַנקל, וואָלט דעם שיכורן צערעכט געמאַכט מיט טרוקענע קלעפּ אויך. ווי איר זעט מיך אַ ייד, איז דער מעסער נישט געווען מיי־נער... נאָר וואָס? דער פּאַניע האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער און מיך שוין גענומען שטעכן. ס'בלוט האָט שוין גערונען פון מיר... דעמאָלט האָב יאָך שוין געמוזט אים אַרויסרייסן דאָס מעסער פון האַנט און אים דערלאַנגען... אַזוי איז דאָס געזעץ אויפן שילעץ ביי אַלע יאַטן. קוים טרעפסטו אָן אויף אַ יאָלד, וואָס ווייסט נישט צו פירן אַ ליי־טיש געשלעג און כאַפּט צו דיר אַ מעסער — מעגסטו אים צעטרייבערן מיט זיין אייגענער כלי.

יאַנקל שמייסער קוקט אומרואיק אויף אַדאָלף בערן. ער וואָלט נישט געוואָלט, אַז דער דאָזיקער פּריץ, וואָס קען אַזוי אויסגעצייכנט דאָס לשון פון די אמתע חברה־לייט, זאָל האָבן וועגן אים, יאַנקלען, אַ שלעכטע מיינונג. אדרבה, זאָל ער מיט אים גיין אויפן שילעץ צו די שקצים אָדער אויפן גזשיבאָוו צו די בעלי עגלות און פרעגן וועמען נאָר ער וויל, צי ער, יאַנקל, ווייסט נישט ווי אַזוי מען דאַרף פירן דאָס אמתדיקע געשלעג.

— אַזאַ פּאַניע חזיר, אַזאַ הינטישער זון — פאַרגעסט יאַנקל

שמייסער, ווו ער געפינט זיך און רעדט ווי צו זיינע אייגענע חברים — צו אַ מעסער כאַפּט ער זיך גאָר, די נבלה!...

— איך גלייב דיר, יאַנקל — שפּאַרט אַדאָלף בער נאָכאַמאָל אָן זיין האַנט אויף יאַנקלס אָרעם.

אַדאָלף בער בלייבט שטיין טיף פאַרטראַכט. אוודאי גלויבט ער אים, יאַנקלען. זיין אָפן פּנים זאָגט דעם גאַנצן אמת. פאַר אַדאָלף בערס אויגן שטייט דאָס בילד פון רבינס גאַס פרייטיק־צו־נאַכטס. אין די יידישע שטיבער צאַנקען די שיריים פון די שבת־ליכט. ערגעץ־ווו זיצט נאָך אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייסער באָרד איבערן אָפענעם ספר און זינגט זיך צו שטיל, כדי נישט אויפצוּוועקן די שטוב־מענטשן. און אויף דער פינסטערער גאַס טאָרען זיך אין דער בלאָטע צוויי ליבער, כאַפּן זיך אַרום מיט זייערע הענט און שטויסן זיך אָפּ מיט זייערע פויסטן... דער אייביקער געראַנגל צווישן מענטש און מענטש. און מיטאַמאָל טוט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט אַ בליאַסק דער שיין פון מעסער. דאָס מעסער גנבעט זיך פון הינטן צו יאַנקלס האַרץ. עס האָט שוין צעשניטן זיין ראָק און זיין העמד, עס בייסט זיך שוין איין אין יאַנקלס האַריק ליב. נאָר אָט טוט זיך יאַנקלס ליב אַ בייג אַוועק אין אַ זייט און אין אַ מינוט שפּעטער האַלט ער שוין, יאַנקל, אין זיין האַנט דאָס פאַרבלוטיקטע מעסער. ער האָט שוין אויף זיין ליב דער־פילט דעם קאַלטן גלעט פון טויט, יאַנקל. איצט מוז ער זיך אַליין איי־בערצייגן, אַז ער איז נישט געשטאָרבן, אַז ער אָטעמט, אַז ער לעבט און אין דער פינסטערניש פאַלן זיינע קלעפּ אויף דעם צעבלוטיקטן קער־פּער פון דעם זעלנער.

אַזוי וואָלט ער, אַדאָלף בער, דערציילט די געשיכטע פון דעם פרייטיק־צו־נאַכטס צו אַלע פּראָקוראָרן און ריכטער פון דעם צאַר־באַ־טיושקאַ, און ער וואָלט זיי געפרעגט:

— מיט דער האַנט אויפן האַרץ זאָגט: צי וואָלט איר אַנדערש געווען? צי וואָלט איר נישט פאַרטיידיקט אייער לעבן, ווי דאָס יינגל, וואָס איר האָט אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק?

און ווען זיי וואָלטן געשוויגן, וואָלט ער, אַדאָלף בער, נאָך צו זיי־געזאָגט:

— איך ווייס, הערן ריכטער, עס איז אמאָל געווען אַ ייִד וואָס האָט איך געלערנט: אַז מען גיט דיר אַ פּאַטש אין דער לינקער באַק, שטעל אונטער דיין שונא אויך די רעכטע באַק, און איך זאָג אייך: זענט איר גרייט אונטערצושטעלן די רעכטע באַק אייערע? — ווייל אויב נישט, האָט איר נישט קיין רעכט צו משפּטן דאָס ייִנגל!...

אַזוי וואָלט ער גערעדט, אַדאָלף בער, און וואָלט זיך אויסגע־לאַכט פון אַלע זשאַנדאַרמען, ווען דער בעל עגלה הייסט נישט — יאַנקל...

אַלע נעמען אין דער וועלט וואָלט ער גרייט געווען צו געבן דעם יונג, וואָס זיצט נאָך אַלץ אויפן שפּיץ שטול. נעמען פון פּאָליאַקן, און פון רוסן, און פון פראַנצויזן, און פון טאַטאַרן און אַפילו פון ציגיינער, נאָר נישט יאַנקל. מיט אַ מענטש, וואָס טראָגט דעם נאָמען „יאַנקל", איז גאָרנישט צו מאַכן. יאַנקל טאָר נישט שטעכן. יאַנקל מוז שטענדיק אַליין דערשטאָכן ווערן. אַזוי איז דער גורל פון יאַנקלען. און אויך ער, אַדאָלף בער, מיט זיין גאַנצן רעדן און מיט זיין גאַנצער בייסיקער איראָניע קען דאָס דאָזיקע געזעץ פון לעבן נישט אַנדערש מאַכן. גיכער וועט די נאַכט פאַרוואַנדלט ווערן אין טאָג, איידער יאַנקל וועט האָבן דאָס רעכט צו באַשיצן זיין אייגן לעבן.

די לאַנגע אַריסטאָקראַטישע הענט פון אַדאָלף בער ביילן זיך אין פויסטן. ער בונטעוועט זיך קעגן דעם דאָזיקן יאַנקל־געזעץ. פאַרוואָס זאָל ער נישט וואַגן טאַקע מיט דעם יאַנקל, וואָס זיצט דאָ אין זיין שטוב, אַרויסצוגיין צו זיי, צו דעם צאַרס זשאַנדאַרמען, און צו זיי זאָגן:

איר זוכט אים, יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו, וואָס האָט ווי אַן אמתער חברה־מאַן געלערנט בלק מיט אַ מערדער, וואָס נאָר דורך אַ צופאַל איז אים נישט געלונגען אַוועקצושיקן אויף יענער וועלט אַן אומשולדיקן מענטש?... אָט איז ער, יאַנקל שמייסער, ער שטייט פאַר אייערע אַלעמענס אויגן און איר וואַגט אים נישט אָנצורירן, וואַגט נישט אויפצוהייבן אייער האַנט אויף אַ מענטש, וואָס האָט געוווּסט צו באַשיצן זיין הייליק רעכט צו לעבן!...

אַדאָלף בער איז גרייט אויפצונעמען אַזאַ קאַמף. ער איז גרייט אַפילו

אזא קאמף צו פארשפילן. ער ווייסט, נאָך אים וועלן קומען אַנדערע און ווער ווייסט, אפשר וועט אַמאָל יאנקל אויסקעמפן פאר זיך דאָס רעכט צו לעבן און צו באַשיצן זיין אייגן לייב.

אַדאָלף בער קוקט זיך טיף איין אין דעם אָפענעם פּנים פון יאנקל שמייסער. אַן אָפן פּנים פון דער אָרעמער יידישער גאַס. דאָרט, אויף דער יידישער אָרעמער גאַס, איז מען געוווינט צו ליידן, איז מען גע־וווינט צו צאָלן דעם פרייז פאַרן נאָמען יאנקל. אָבער ווייסט מען דאָרט אויף דער יידישער גאַס אויך צו קעמפן?

אַדאָלף בער פילט ווי אַ רויטקייט באַדעקט זיין פּנים. ער שעמט זיך פאַר זיין אייגענער פראַגע. ווער דען קעמפט, אויב נישט די מענטשן אויף דער יידישער גאַס?

פון וויגל ביזן קבר הערן זיי דאָך נישט אויף צו קעמפן קעגן אַלץ און אַלע.

די יינגלעך מיט די געלאַקטע פאהלעך, וואָס לויפן יעדן אין דער פרי אין חדר, און די בחורים מיט די קליינע היטעלעך אויף די קעפּ, וואָס זיצן איבער זייערע גמרות, און די יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס און בערד, די אַלע יאנקלעך און איטשע מאירס, וואָס פאַרשטייען זיך אַזוי אויסגעצייכנט אויף געשעפט און ווילן בשום אופן זיך נישט געזעגענען מיט דער זשיפּעצע, און די יידענעס מיט די שייטלען — זיי אַלע, אַלע הערן דאָך נישט אויף צו קעמפן טאָג און נאַכט צו בלייבן דאָס, וואָס זיי זענען.

ער, אַדאָלף בער, קען נישט מיט זיי צוזאַמען קעמפן. ער ווייסט נישט צוליב וואָס זיי זענען אַזוי פאַרעקשנט, די דאָזיקע יידן. דאָס הייסט, פאַרשטיין פאַרשטייט ער זיי, נאָר ער גלויבט מער נישט אין זייער ענד־ציל. נישטאָ מער צוליב וואָס צו קעמפן, און צוליב וואָס צו ליידן, נישטאָ... ניין, ער קען מיט זיי צוזאַמען מער נישט קעמפן, אַדאָלף בער, אָבער דרך ארץ האָט ער פאַר זייער עקשנות, און פאַר זייער גראַדליני־קייט, און פאַר זייער אומדערשיטערלעכן גלויבן. אָבער צי וועלן זיי פאַרשטיין דעם קאַמף, וואָס ער וויל אָנהייבן? און צי מעג ער, אַדאָלף בער, וואָס איז שוין אַזוי ווייט אַוועק פון דער יידישער גאַס, אין זייער נאָמען און פאַר זייערטוועגן אָנהייבן דעם קאַמף?

אדאָלף בער האָט ערנסטע ספקות. עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין אַזוי ווייט פון דער יידישער גאַס, אַז ער האָט אויפגעהערט שוין צו פאַרשטיין די יידישע קאַמפּס־מיטלען. און וואָס קען ער, אדאָלף בער, די יידן מיט די קאַפּאָטעס, געבן צו שטייער אין דעם דאָזיקן קאַמף? אַ שיינע רעדע? אַ פּאָר פראַזן? יאָ, ער, אדאָלף בער, וועט פון אַזאַ קאַמף נאָך מער באַרימט ווערן. זיינע פריינט און באַקאַנטע וועלן אים דריקן די האַנט. און אפשר וועלן קומען צו אים אַ פּאָר מיידלעך מיט בלומען... און פאַר זיין רום וועלן צאָלן די יידן פון דער טוואַרדע גאַס מיט צעממיתטע לייבער...

אדאָלף בער דערמאָנט זיך אין דער באַבע תמרל. עס וואָלט גוט געווען, ווען ער קען אַזוי אַוועק צו איר און פרעגן:

— זאָג, באַבע, וואָס זאָל איך טון מיט אָט דעם יאַנקל שמייסער?

אדאָלף בער לאָזט איבער זיינע געסט אין זיין קאַבינעט און גייט אַריין אין דעם זאַל, וווּ עס הענגט דאָס בילד פון דער באַבע תמרל. פיל מאָל פילט ער אַזאַ באַדערפעניש צו קוקן אויף איר צעשמייכלט פּנים. און עס קומט אים פאָר, אַז דער באַבעס ליפּן עפענען זיך קוים, און הגם עס גייט פון איר מויל נישט אַרויס קיין קול, הערט ער אירע רייד:

— האָסט פאַרגעסן, אייניקל מיינס, אַז מען רופט דיך נישט צו קעמפן. דאָס קענען די יידן בעסער פאַר דיר... מען רופט דיך צו העלפן, צו ראַטעווען, ווי עס האָט געטון דער זיידע ר׳ שמואל...

אדאָלף בער מאַכט גלייך זיין ווייסן קאָפּ. ער קומט צוריק מיט אַ צעשמייכלט פּנים און זאָגט צו יאַנקלען:

— נו, יאַנקל, מ׳וועט מוזן געפינען עפּעס אַן עצה. די זשאַנדאַרמען זוכן דיך צוליב דעם צעשלאָגענעם פּאָניע...

— כ׳האָב זיי אין דרערד, די זשאַנדאַרמען... נעמט זיך יאַנקל נישט איבער מיט דעם, וואָס ער האָט געהערט — וואָס וועלן זיי מיר טון, וואָס? יאך האָב דאָך מיט דעם פּאָניע נישט אָנגעהויבן. ער האָט געוואָלט זיין אַ „קנאַקער״, נו, האָב יאך אים געוויזן, אַז יאַנקל פון גזשי־באָוו איז נישט קיין מפּיל־קינד...

— אָבער דו פאַרשטייסט, יאַנקל, דער זעלנער איז אַ גוי און דו ביסט אַ ייד...

— אוודאי בין יאך א ייד און נישט קיין ערל, אָבער, נו, איז וואָס? יאך האָב שוין נישט איינמאָל אָנגעבראָקט די ביינער די ערלים און מ'האָט מיך נישט אויפגעגעסן...

— אָבער דו פארשטייסט, יאנקל, היינט איז מלחמה, און דער ערל איז א זעלנער אין א מונדיר און דו האָסט אים געשטאָכן מיט זיין זעלנערישן קינזשאַל.

— אוודאי האָב יאך אים צערעכט געמאַכט — האָט יאנקל נישט געקענט באגרייפן, וואָס מען וויל פון אים — וואָס דען האָב יאך באַדארפט טון, אז ער האָט געכאַפּט צו מיר א מעסער און יאך האָב עדות...

— עדות?

— יאָ, ליפּע איטשעלע גרומס, איז געווען אן עדות...

אדאָלף בער און דניאל עפּשטיין האָבן זיך ביידע נישט ווילנדיק צעשמייכלט. שיינע עדות קעגן דעם גענעראַל יאנושקעוויטש האָט ער זיך אויסגעזוכט. ליפּע איטשעלע גרונמס!...

אדאָלף בער איז געווען געריררט פון דעם גזשיבאָווער יונגס נאַאיווקייט. ער האָט אים געוואָלט זאָגן עפּעס גוטס, ווארעמס:

— יאָ, דו, יאנקל, און דיין ליפּע איטשעלע גרונמס, זענען ביי מיר באגלויבט, אָבער די ערלים ווילן זיך דווקא טשעפּען צו יידן אציגד... נו, זאָגן זיי, אז יידן שטעכן זעלנער... און מען דאַרף זיך אין זיי, די יידן, נוקם זיין, פארשטייסט... און הויכע שררות זענען אין דעם פארמישט, גענערעלער... מען מוז אויסראָטן די יידן וואָס שטעכן די זעלנער... אזוי זאָגן זיי... און דעריבער וועט מען דיר און ליפּען נישט גלויבן... דאָס הייסט גלויבן דיר וועלן זיי יאָ, נאָר זאָגן וועלן זיי אויף דיר כל דבר אסור... און זיי קענען אָנטון גרויסע צרות, קענען אפילו ארעסטירן דעם רבין...

— דעם רבין?! — איז יאנקל בלייך געוואָרן — דעם רבין, וואָס האָט ביי אים צוגענומען דאָס „קוויטל" און אים אָנגעוואונטשן, וועט מען נאָר ארעסטירן צוליב אים, יאנקל שמייסער, — אָבער וואָס וויל מען פון רבין?...

— דו פרעגסט א הארבע שאלה, יאנקל — האָבן אדאָלף בערס אויגן

טרויעריק געשמייכלט — און איך האָב דערויף קיין ענטפער נישט...
נאָר אַזוי איז עס. זיי וויסן, יאַנקל, אַז עס איז גענוג צו זיין אַ ייד,
כדי צו זיין שולדיק אין אַלעם, וואָס געשעט און וואָס עס געשעט נישט...

יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו האָט דאָס אַלץ נישט געקענט באַ־
גרייפן. אוודאי האָבן אים די גויים נאָכגעשריגן „זשיד", נו, האָט ער זיי
אויך נישט געקאַרגט מיט נעמען. זיי האָבן געגעבן קלעפּ, האָט ער זיי
צוריק דערלאַנגט. זיי האָבן זיך געטשעפּעט צו יידישע מיידלעך, האָט
ער נישט דורכגעלאָזט די שיקסעס. אין אַלגעמיין האָט דער חשבון זיך
אויסגעגלייכט. נאָר דאָ גאָר ווערט ער געוווּיר פון אַן אַנדערן חשבון.
אַלע יידן מיטן רבין דאַרפן ליידן צוליב אים, יאַנקל שמייסער. ער,
יאַנקל שמייסער, הייסט עס, מוז זיך זאָרגן פאַר די אַלע יידן מיט די
שטריימלעך און זיידענע קאַפּאָטעס, און טאָמער ברעכט ער אָן די ביינער
עפּעס אַ שיכורן ערל, גייען גענעראַלן זיך נוקם זיין אין אַנדערע יידן...
ער דערמאָנט זיך איצט אין דעם שבת אין גער, ווען די זעלנער האָבן
געוואָלט שטערן די יידן. ער האָט זיך דעמאָלט נישט גענומען צום
האַרץ. אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך אויך אויפן שליאַך. אַז מען צעשלאָגט
גוט אַ שייגעץ אָדער אַ יידישן טרעגער קומען זיינע חברים און הויבן אָן
דערלאַנגען אויף רעכטס און לינקס. און דערנאָך ווערט שטיל. אָבער
אַריינמישן אין עסק זשאַנדאַרמען און טשעפּען זיך גאָר צום רבין —
דאָס קען יאַנקל שמייסער נישט פאַרשטיין.

ניין, עפּעס שטימט דאָ נישט דער חשבון. יאַנקל שמייסער האָט דאָס
געפיל, ווי ער איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין אַ נעץ, וואָס פּענטעט אים
פיס און הענט. ער האָט נישט ליב קיין פּלאָנטערס, יאַנקל. ער האָט ליב
זיינע פערד צו פירן מיט אַ פרייליכן „וויאָ" איבער די גלייכע וואַר־
שעווער גאַסן.

ניין, ער מוז זיך באַפרייען פון דעם פּלאָנטער. ער מוז פריי קענען
צענעמען די הענט.

ער קנייטשט מיט זיין קורצן שטערן. און מיטאַמאָל טוט ער אַ
שמייכל. גייען זיי צו אַלדע רוחות, די פּאַנישע שררות!... וואָס מיינען
זיי, אים, יאַנקלען פון גזשיבאָוו, וועלן זיי אָנשרעקן? אַרעסטירן דעם
רבין, זאָל לעבן, וואָס האָט אים אָנגעוווּנטשן, וועלן זיי? נישט ביי זיין,

יאַנקלס, לעבן!... ער לאַכט פון זיי, יאַנקל שמייסער. ער וועט טאַקע אַוועק צו זיי, צו די פּאַנישע שׂררות און זיי זאָגן:

— יאָך בין יאַנקל שמייסער און עטץ זאָלט מיר נישט טשעפּען דעם רבין, זאָל לעבן, אַ רוח אין... יאָך, יאַנקל שמייסער האָב אים צעטרייבערט, דעם פּאַניע, און זאָל ער מער זיך נישט טשעפּען צו קיין חסידישע שטריימלעך... עטץ גלייבט מיר נישט, נו, גיטס מיך אָן „פּאָד סוד" (אין געריכט), נישקשה, אין קאָזע (תּפיסה) לעבן אויך מענטשן...

נאָר נישט אַדאָלף בער און נישט דניאל עפּשטיין האָבן איינגעשטימט מיט די רייד פון יאַנקל שמייסער.

— דאָס וואָס דו ווילסט טון, איז זייער שיין — האָט אַדאָלף בער גערדיקט יאַנקלס האַנט צו דעם שמייסער־יונגס דערשטוינונג — אָבער דו טאָרסט דאָס נישט טון. געדענק, יאַנקל, אַז דו טאָרסט נישט אַריינפאַלן אין פּאַניעס הענט. זיי מיינען נישט דיך, די פּאַניעס. זיי מיינען דורך דיר צו דערגרייכן יעדן ייִד, פאַרשטייסט...

יאַנקל שמייסער האָט, וואָס דער אמת, נישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים און וואָס מען וויל פון אים. ער האָט נישט געקענט באַגרייפן, אַז געניראַלן מיט גאָלדענע עפּאָלעטן זאָלן זיך צומאָל געבן די מי אַ קוק צו טון אויף אַ בעל עגלה אויף גזשיבאָוו... און ער האָט אוודאי נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מ'קען אים, אַ שמייסער־יונג, וואָס קען קוים זאָגן „מודה אני", צוזאַמענפּאָרען מיטן רבין, זאָל לעבן.

— ווי קום אַ יאָך צום רבין? — האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן עפּשטיינען און בערן — יאָך האָב דאָך צומאָל קיין שטריימל נישט געהאַט אויף מיין קאָפּ.

ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם שטריימל־סוחר ר' אייזיק, וואָס האָט אים נאָר אויף איין מינוט, פּריטיק אין גער, אָנגעמאָסטן דאָס שוואַרצע אויסגעקראַכבענע שטריימל, און ער דערמאָנט זיך אויך אין די צוויי גאַרטלען, מיט וועלכע ער האָט אַרומגעוויקלט זיין לייב און אין דעם הויכן סאַמעטענעם קאַפּל, וואָס ער האָט אָנגעטון אויף זיין קאָפּ איידער ער האָט שלום געגומען ביים רבין. און עס דאַכט זיך אים, יאַנקל שמייסער, אַז די דאָזיקע דריי הייליקע זאַכן — דאָס שטריימל, דער־

גארטל און קאפל — ליגן ביזן היינטיקן טאָג אויף אים, ווי אַ שווערע לאַסט און אַז צוליב זיי, די קענצייכנס פון חסידישן טראַכט, איז ער געוואָרן אויף אייביק פאַרבונדן מיטן רבין, און צוליב דעם איז ער, אַ בעל עגלה פון גזשיבאָוו, דאָס געוואָרן אַזוי וויכטיק אין די אויגן פון די זשאַנדאַרמען, וואָס זוכן אים.

יאַנקל שמייסערס אויגן, וואָס האָבן ביז איצט געקוקט אַרום זיך מיט אַן אָפענעם און קלאָרן בליק און אַלץ איז אים פאַרגעקומען אַזוי פשוט און איינפאַך, ווערן צעטומלט. מיטאַמאָל הערן זיי אויף צו זען, יאַנקלס אויגן. זיי טאַפּן אין דער פינסטער, הגם אין דרויסן שיינט די זון. ער האָט שוין מורא צו שטעלן אַ טריט, יאַנקל שמייסער. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז גריבער ליגן אויסגעשפּרייט פאַר זיינע פיס און ווי נאָר ער וועט געבן אַ ריר מיט אַ פיס, וועט ער זיך אַראָפּקייקלען אין אַ תהום, וווּ עס וואַרטן אויף אים זשאַנדאַרן און גענעראַלן מיט עפּאָלעטן און וויינענדיקע יידן.

יאַנקל שמייסערס אויגן קוקן מיט געבעט אויף דעם ווייסן קאָפּ פון אַדאָלף בער. די שטומע בליקן יאַנקלס בעטן:

— העלף מיר אַרויסבאַקומען זיך פון דער אומגעריכטער פינסטערניש, אין וועלכן איך בין אַריינגעפאַלן.

אַדאָלף בער האָט רחמנות אויף דעם אָרעמען יונג מיט די צעטומלטע אויגן:

— פאַרשטייסט, יאַנקל, — רעדט ער צו אים מיט יענעם פאַרטרוילעכן טאָן, מיט וועלכן יידן רעדן אין אַן עת צרה — צו זיין אַ ייד איז נישט קיין לייכטע זאַך. און עס העלפט נישט, צי מען וויל אָדער מען וויל נישט. אַזוי איז עס. אַזוי ווילן די גויים. אַז דו, יאַנקל, געפעלסט זיי נישט, זענען אַלע יידן אין גאַר דער וועלט שולדיק און מען מעג מיט זיי טון וואָס מען וויל. און אַז דו וועסט אַוועקגיין צו די פּאַניעס און זיי זאָגן: איך, יאַנקל, האָב צעשטאָכן דעם זעלנער — וועלן זיי שוין מאַכן אַזוי, אַז אַלע יידן אין אַלע שטעט זענען געווען דיינע שותפים און מיטהעלפער, און דעריבער מעג מען זיי שטעכן און באַרויבן און הרגענען.

יאַנקל שמייסערס אויגן זענען געוואָרן ברייט אויפגעריסן. אַזעלכע

רייד הערט ער צום ערשטן מאָל. ער האָט ביז היינט גאָרנישט געוווסט, אַז עס איז אַזוי שווער צו טראָגן אויף די פּלייצעס דאָס פּעקל יידישקייט. ביז היינט האָט ער צומאָל נישט געפילט די דאָזיקע לאַסט. ער האָט אפילו נישט געקלערט קיינמאָל וועגן די אַלע זאַכן. אַ ייד צו זיין איז ביי אים געווען אַזוי פּשוט ווי איינצואָטעמען די לופט. וואָס דען זאָל ער, יאַנקל, זיין, אויב נישט קיין ייד? די גויים האָבן זייער יויזל און ער, יאַנקל, באַלאַנגט צום בית המדרש. אפילו ער קומט נאָר אריין איינמאָל שבת און אויך דעמאָלט שמועסט ער מער מיט זיינע חברים, ווי ער קוקט אריין אין סידור, האָט אָבער יאַנקל געוווסט, אַז ער געהער צום בית המדרש. און דערמיט איז אים אַלץ קלאָר געווען. אפילו ווען ער האָט אין די הייסע זומער־אָוונטן זיך ארומגעשלעפּט מיט אַ שיקסע פון שילעץ, האָבן פונדעסטוועגןביידע געוווסט, אַז כאָטש זייערע לייבער קלעפּן זיך איינער צום אַנדערן, בלייבן זיי אָבער פרעמדע. זי, די שיקסע, געהער צו דעם קלויסטער, און ער — צום בית המדרש. דאָס איז געווען אַזוי פּשוט און זעלבסטפאַרשטענדלעך, פּונקט ווי עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך פאַר יאַנקלען צו גיין אויף זיינע אייגענע פיס און נישט אויסבאָרגן זיך ביי עמיצן אַ פּאָר פיס.

דאָס אַלץ איז פאַר יאַנקלען געווען אַזוי קלאָר, אַז ער האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראַכט. און פּלוצלינג דערוויסט ער זיך, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי איינפאַך, ווי ער האָט געמיינט. עס איז נישט לייכט צו זיין אַ ייד — האָט ער געזאָגט, דער אדאָלף בער מיטן ווייסן קאָפּ. אוי, עס איז נישט לייכט!... יאַנקלען דאַכט זיך, אַז אויף זיינע פּלייצעס האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אַזאַ שווערע משא, וואָס עס איז אוממעגלעך צו דערטראָגן.

ער קוקט אויף דעם עלעגאַנט געקליידעטן אדאָלף בערן און טראַכט ביי זיך: אַזאַ פּריץ איז אוודאי גוט, אים וועט מען דאָך נישט משפּען, צו אים וועלן נישט קומען די זשאַנדאַרמען...

און אדאָלף בער רעדט אַזוי, ווי ער וואָלט פון יאַנקלס פּנים אַראָפּגעלייענט זיינע טראַכטענישן:

— נאָר ווייסט, יאַנקל, איין זאַך מאַכט מעגלעך צו טראָגן דאָס פּעקל יידישקייט, וואָס דו ווייסט, אַז דו ביסט נישט אַליין, אַלע יידן

## אין שטורעם

העלפן דיר טראָגן דאָס פעקל, אַלע פּילן דיין ווײ און פּילן דיין פּיין, און דעריבער, יאַנקל, מוזסטו זען, אַז זיי, די אַנדערע, זאָלן נישט ליידן צוליב דיר... איצט פאַרשטייסטו שוין, אַז ווען די זשאַנדאַרמען וועלן דיך נעמען אין תּפיסה, שלעפּסטו מיט מיך און עפּשטיינען, און דעם רבין און זיינע חסידים, און אַלע יידן פון טוואַרדע גאַס, און פון גזשי־באָוו און פון גער...

אַזאַ לאַסט צו נעמען אויף זיינע פּלייצעס איז יאַנקל שמייסער נישט גרייט געווען. ווי קען ער שלעפּן אויף זיך אַלע יידן און יידענעס און קינדער פון טוואַרדע גאַס? אָבער קיינער פרעגט אים נישט, צי ער איז גרייט, אָדער נישט צו נעמען אויף זיך די לאַסט. זי ליגט שוין אויף זיינע פּלייצעס, די מוראַדיקע משא פון יידישקייט. און ער קאָרטשעט זיך צונויף אויף דער שפּיץ שטול און פּילט, אַז עס פעלט אים אויס אָטעם.

און אַדאָלף בער רעדט ווייטער:

ס'גליק איז, וואָס די זשאַנדאַרמען ווייסן דערווייל נישט דיין נאָמען. אָבער היינט צי מאָרגן קענען זיי טרעפן צו ר' לוין אין געשעפט און דיך טרעפן און דעריבער מוזטו אויף דערווייל פאַרשווינדן פון גזשי־באָוו.

דניאל עפּשטיין, וואָס האָט ביז איצט שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו דעם אַדוואָקאַטס שמועס מיט יאַנקלען, רופט זיך צום ערשטן מאָל אָן:

— דו וועסט, יאַנקל, שוין פונדאַנען מיט מיר אַרויספאָרן נישט ווייט אין דער פאַרשטאָט צו מאַדאַם בערטע עפּשטיין. דאָרט וועסטו צוהעלפן אין גאָרטן און אין הויז און...

דניאל עפּשטיין צעשמייכלט זיך און גיט צו:

— אַז דו וועסט נישט זיין אויף גזשיבאָוו, וועט ר' לוי קיינעם נישט האָבן אכטונג צו געבן אויף די פערד...

יאַנקל שטעלט אויף די אויערן. יאָ, וואָס וועט זיין מיט די פערד? ער איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט אינגאַנצן אין די פערד פאַרגעסן...

און עפּשטיין זאָגט:

— די פערד וועט מען ארויסברענגען צו דער מאדאם עפשטיין און דו וועסט דארט אויף זיי אכטונג געבן.

יאנקלס פנים לייכט אויף א מינוט אויף. ער וועט נישט זיין אזוי איינזאם. ער וועט האבן זיינע פערד און קענען זיך מיט זיי אויסשמועסן און פאר זיי כאטש זיך אראפרעדן פון הארץ.

דניאל עפשטיין שטעלט זיך אויף.

— צייט פאר אונדז צו גיין, יאנקל...

אדאלף באגלייט זיי ביז צו דער טיר. ער דריקט יאנקלס האנט. ער ווייסט, אז יאנקל איז צעטומלט און ער ווייסט נישט ווי אזוי אים צו העלפן טראגן זיין לאסט.

יאנקל שמייסער גייט מיט פארזיכטיקע טריט איבער די ברייטע מיט טעפיכער אויסגעלייגטע טרעפ. זיין שלאנקער געזונטער גוף האט מיטאמאל פארלוירן זיין יוגנטלעכע עלאסטישקייט. ער דערפילט זיך מיטאמאל אלט און שוואך, יאנקל שמייסער, און פון זיינע אויגן קוקט ארויס שרעק, די זעלבע שרעק, מיט וועלכער אן אלטער ייד אויף נזשי־באוו טרעפט זיך ביינאכט מיט א שיכורן שייגעץ.

יאנקל שמייסער האט ס׳ערשטע מאל דערפילט אויף זיינע פלייצעס דעם עול פון יידישקייט.

(סוף פון ערשטן באנד)